STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04089

TIL ULENSHPIGEL

Charles de Coster

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שארל דע־קאָסטער

טיל אולענשפיגעל

יידיש — מ. טייפ

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1938

Редактор—Л. Резник. Техредактор—М. Погостер. Корректор—Г. Фильтерштейн и Л. Кенигсберг. Сдано в набор 9|XII-37 г. Подписано к печати 13 II-38 г. Ф. б, 62X94|16 19 п. л. 20 учет. автор. лист. Уполномочен. Главлита РСФСР Б—39805. „Эмес“ № 155
Тираж 3000. Цена в переплете 7 р. 50 коп.

Тип. изд-ва „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9. зак № 1086

ערשטער טייל

אולענשפּיגעלס יונגע יאָרן

קאפיטל 1

וועגן דעם, ווי אולענשפיגל איז געבוירן געוואָרן

מיט א היפש ביסל יאָרן צוריק איז אין דער שטאָט דאמע, אין פלאנ־דריע, געבוירן געוואָרן אולענשפיגל.

עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. אינדערלופטן האָבן געשוועבט מיט א געשריי שוואלבן, עס האָט גענומען אופגיין די זון.

דער קוילנהענדלער קלאאס האָט גענומען דעם נייַגעבוירענעם אפ די הענט און האָט געעפנט א פענצטער.

— זונעלע מייַנס, — האָט ער א זאָג געטאָן צו אולענשפיגלן, — טו א קוק, די זון הייבט זיך שוין אופ איבער דער ערד דער פלאנדרישער. זאָלסט זייַן אזא גוטער, ווי די דאָזיקע זון: זי גיט אונדז ליכט און זי דערוואַ־רעמט אונדז מיט אירע שטראלן.

— קלאאס, ליבער מאן מייַנער, — האָט סאָאָטקין, זייַן פרוי, געזאָגט, — וואָס האלטסטו דראָשעס פאר א טויבן? לאָז, איך וועל אים בעסער אָנזויגן.

און זי האָט גענומען אָנזויגן איר זון.

— וואָס האָסטו זיך אזוי פארטראכט, מייַן ווייַב? — האָט קלאאס גע־פרעגט, — פארוואָס ביסטו עפעס אזוי אומעטיק?

— ס'וועט אונדז זייַן שווערלעך מיטן קינד, — האָט סאָאָטקין געענט־פערט, — אין בייַטל בא אונדז איז דאָך שוין לאנג קיין איין פאטאר[1] ניט געווען.

קלאאס האָט אראָפגענומען פון וואנט דעם בייַטל און האָט אים געעפנט. אָך און וויי, דער בייַטל איז געווען פוסט.

— ס'איז א קליינער אומגליק, וואָס מיר האָבן קיין געלט ניט, — האָט קלאאס געזאָגט, — טו נאָר א קוק אין ברויט־קאסטן, איז דען ניטאָ דאָרט דער פלאָדן, וואָס אונדזער שכיינע קאטלינע האָט אונדז נעכטן געבראכט? און דאָס שטיק פלייש? אפ דרייַ טעג וועט קלעקן. און דאָס זעקל באָב,

1 פאטאר — אזא מאטבייע.

וואָס ליגט אין ווינקל — עס זאָגט אונדז צו הונגער, צי וואָס? און דאָס טעפּל פּוטער — עס האָט זיך מיר געכאָלעמט, ווי קלערסטו? און די עפּל, וואָס האָבן זיך צעשטעלט צו טוץ אין א ריי, — ווערסט עפּשער זאָגן, אז זיי האָבן זיך מיר אויך געחאָלעמט? און דאָס פעסעלע ביר פון בריוגע? אָ־האָ־האָ! אפ אלע אָרעמעלייט געזאָגט געוואָרן.

— אפ צו טויפן דאָס קינד דארף מען צוגרייטן צוויי פּאטאר פּארן גאלעכ און א פּלאָרינ אפ א סודע.

— כ'וועל פּרוּוון א זוכ טאָן די דאָזיקע מאטבייעס אינ קאנאל, — האָט קלאאס געזאָגט. און ער האָט גענומענ מיט זיך עטלעכע ווענטקעס און א נעצ און איז ארויס אינ גאס.

דער זייגער האָט געשלאָגנ זעקס. אינ גאס איז קיינ לעבעדיקער נע־פעש ניט געווענ. קלאאס איז צוגעגאנגענ צומ קאנאל און האָט פארוואָרפנ די נעצ.

אפנ צווייטנ ברעג קאנאל איז געשלאָפנ א דיק יינגל מיט רויטע בע־קעלעכ. דאָס יינגל איז געווענ אָנגעטאָנ אינ א שיינ רעקל און אינ נייע שטיוועלעכ. דערהערט טריט, האָט דאָס יינגל זיך אופגעכאפּט און גענומענ קוקנ אפ קלאאסנ מיט דערשראָקענע אויגנ. ער האָט, אפּאָנעמ, א קלער געטאָנ, אז דאָס גייט דער וועכטער און ער וועט אימ באלד כאפּנ און אוועקפירנ אינ טורמע, ווי עפּעס א שלעפּער.

— ווילסט פארדינענ זעקס ליאר? — האָט קלאאס א געשריי געטאָנ צומ יינגל, — איז טרייב צו מיר די פיש!

דאָס יינגל האָט זיך אופגעהויבנ, האָט אראָפּגעריסנ א טשערעט מיט א פוכיק בעזעמל פונ אויבנ; און האָט גענומענ דערמיט קלאפּנ איבערנ וואסער. די דערשראָקענע פיש האָבנ זיך א לאָז געטאָנ גלייכ אינ דער נעצ, וואָס קלאאס האָט פארוואָרפנ.

קלאאס איז אריבערגעגאנגענ איבערנ בריקל אפנ צווייטנ ברעג קאנאל און האָט געזאָגט צומ יינגל:

— איכ ווייס דאָכ, אז מע רופט דיכ לאמע, אז דיינ צונעמעניש איז גודזאק, דה. א זאק מיט גוטס. דו וווינסט אפ פישכאפּער־גאס הינטערנ קלויסטער פונ גאָטס־מוטער. דיינע עלטערנ זיינענ רייכ. איז ווי זשע קומט עס, אז אזא יינגעלע, ווי דו, זאָל גאָר שלאָפנ אפנ גאס, אונטערנ פרייענ הימל?

— אכ, הער קוילנהענדלער, — האָט דאָס יינגל געענטפערט, — אינ דער היימ קאָנ איכ שוינ מער ניט אויסהאלטנ פונ מיינ יינגערנ שוועסטערל. נעכטנ האָט מענ אונדז צו אָוונטברויט געגעבנ פלייש מיט באָב מיט א גע־שמאקנ סאָוס. איכ האָב א נעמ געטאָנ דעמ טעלער און זיכ צוגעכאפּט צומ עסנ. האָט זיכ דעמ שוועסטערל אויכ פארוואָלט א ביסל סאָוס, אָבער דאָס,

װאָס מע האָט מיר געגעבנ, איז פאר מיר אלײנ געװענ װינציק. האָב איכ איר ניט געװאָלט געבנ. האָט זי זיכ ארופגעװאָרפנ אפ מיר אונ האָט מיכ אזוי געשלאָגנ, אז איכ בינ קױמ א לעבעדיקער געבליבנ.

— אונ טאטע־מאמע װאָס, זײ האָבנ געשװיגנ ? — האָט אימ קלאאס געפרעגט.

— דער פאָטער האָט געזאָגט: „גיב איר אָפ צוריק, פאכדנ אײנער!” אָבער איכ האָב ניט געװאָלט פארפירנ קײנ געשלעג מיט א מײדעלע אונ איכ בינ אנטלאָפנ.

פלוצלינג איז לאמע בלײכ געװאָרנ. די הױט האָט אפ אימ גענומענ ציטערנ פאר שרעק. צומ ברעג איז געגאנגענ עפּעס א הױכע פרױ, אונ הינטער איר איז געלאָפנ א דאר מײדעלע מיט א בארױגעזדיק אונ בײז פּאָנעמ.

לאמע האָט זיכ צעכליפּעט אונ האָט זיכ אָנגעכאפּט אָנ קלאאס הױזנ:

— דאָס איז מײַנ מוטער אונ מײַנ שװעסטערל. זײ זוכנ מיכ. שטעלט זיכ פאר מיר אײַנ, הער קױלנהענדלער.

— באקומ אפריִער דײַנע זעקס ליִאר פאר דער ארבעט, — האָט קלאאס געזאָגט. — אונ אצינד לאָמיר זײ גײנ אנטקעגנ.

װי נאָר די מוטער אונ די שװעסטער האָבנ דערזענ לאמענ, האָבנ זײ זיכ א װאָרפ געטאָנ צו אימ אונ אימ גענומענ שלאָגנ זאלבענאנד. די מו־טער — דערפאר װאָס ער האָט זי געצװוּנגענ זײַנ אומרױִק א גאנצע נאכט, אונ די שװעסטער, — װײַל זי איז שױנ געװענ געװױנט דערצו.

— איכ האָב פארדינט זעקס ליִאר! — האָט לאמע גענומענ שרײַענ. — טשעפּעט מיכ ניט! איכ האָב זעקס ליִאר פארדינט!

דאָס מײדעלע האָט אימ געכאפּט פאר דער האנט אונ האָט געװאָלט אָפּנעמענ בא אימ דאָס געלט.

— אװעק פונ מיר! ס'איז מײַנ געלט! — האָט לאמע געשריִענ אונ האָט נאָכ שטײַפער צונױפגעדריקט די פױסט.

קלאאס האָט אָנגענומענ דאָס מײדעלע פארנ אױער.

— אױב דו װעסט נאָכ אײנ מאָל שלעכטס טאָנ דײַנ ברודערל, — האָט ער איר געזאָגט, — װעל איכ דיכ ארײַנזעצנ אינ א שװארצער קױלנ-גרוב. דאָרט װױנט א שרעקלעכער שעד מיט מױרעדיק גרױסע צײנער. ער װעט דיכ צערײַסנ אפ שטיקלעכ.

אפ צוריקװעגס איז קלאאס ארײַנ צו א באקאנטנ פערמער, װאָס פלעגט בא אימ אָפּט קױפנ פיש, אונ ער האָט אימ פארקױפט די פיש, װאָס ער האָט ערשט אָנגעכאפּט. זיכ אומגעקערט אהײמ, האָט ער א זאָג געטאָנ דעמ װײַב:

— אָט װאָס איכ האָב געפונענ אינ בױכ בא פיר העכט, נײַנ קארפּנ אונ צװעלף מורענעס.

און ער האָט א וואָרף געטאָן אפן טיש צוויי פלאָרינ און איינ פאטאר.

— אויב אזוי, איז פארוואָס זאָלסטו ניט גיינ אלע טאָג כאפנ פיש? — האָט סאָאָטקינ געזאָגט.

— כ׳האָב מוירע, אז כ׳וועל אליינ זיך פאקנ צו די וועכטער אפ דער וועגטקע, — האָט קלאאס געענטפערט, — דו ווייסט דענ ניט, אז אינ קאנאל איז פארבאָטנ צו כאפנ פיש?

אולענשפיגעלנ האָט מענ אוועקגעטראָגנ טויפנ.

פלוצלינג האָט א פליוכע געטאָנ א גוסרעגנ, אולענשפיגעל איז דורכגענעצט געוואָרנ אפ דורכ און דורכ. אזוי איז אולענשפיגעל געטויפט געוואָרנ דאָס ערשטע מאָל.

מע איז געקומענ אינ קלויסטער. מע האָט זיך ארומגעשטעלט ארום דעם טויפ־בעקנ. אינ דער הייכ, אונטערנ סאמע קופאָל פונעם קלויסטער, האָט אינ דער צײַט געארבעט א מוליער. ער האָט צוגעפעסטיקט צום געוועלב א באגילדטנ לאָמפ. דערזענ די מענטשנ, וואָס שטייענ ארום דעם טויפ-בעקנ, האָט דעם פרייליכנ מוליער זיך פארוואָלט זיי אָפטאָנ א שפיצל, און ער האָט זיי א פליוכע געטאָנ אפ די קעפ א גאנצנ עמער וואסער. אזוי איז אולענשפיגעל געטויפט געוואָרנ דאָס צווייטע מאָל.

ענדלעכ איז געקומענ דער גאלעכ. ער האָט גענומענ דאָס יינגל און איז צוגעטראָטנ צום טויפנ. אולענשפיגעל האָט געשריִענ און האָט זיך גע־דרייט בא אימ אינ די הענט. דער גאלעכ האָט אימ א נאָמענ געגעבנ „טילבערט”, דאָס הייסט „באוועגלעכער”, „רירעוודיקער”. אזוי איז אולענ־שפיגעל געטויפט געוואָרנ דאָס דריטע מאָל.

נאָכ דער טויפונג זײַנענ אלע אוועק אינ שענקל „די פלאש־פאטשער־קעס”. איבערנ ארײַנגאנג אינ שענק זײַנענ געהאנגענ אומגעווײַנלעכע טפי־לע-פאטשערקעס — ניט פונ קארעלנ, נאָר פונ פלעשלעכ. קלאאס און זײַנע געסט האָבנ דאָ אויסגעטרונקענ זיבעצנ קופלענ ביר פונ דעמ סאמע בעסטנ סאָרט ביר. ווײַל אזוי איז דער פלאמאנדישער מינהעג: קעדיי זיך אויסצוטריקענע און צו דערווארעמענ זיך נאָכ א רעגנ, צינדט מענ אָנ אינ בויכ א פײַער פונ ביר. אזוי איז אולענשפיגעל געטויפט געוואָרנ דאָס פערטע מאָל.

אפ צוריק אהיימ זײַנענ זיי געגאנגענ שיקערלעכ. מע האָט געדארפט אריבערגיינ א בריקל איבער א גרויסער קאליוזשע. די שכיינע קאטלינע, וואָס האָט געטראָגנ אולענשפיגעלנ, האָט זיך א גליטש געטאָנ און איז ארײַנגע־פאלנ אינייִנעמ מיטנ קינד אינ דער קאליוזשע. אזוי איז אולענשפיגעל גע־טויפט געוואָרנ דאָס פינפטע מאָל. מע האָט אולענשפיגעלנ ארויסגעשלעפט פונ דער קאליוזשע און אינ דער היימ אימ ארומגעוואשנ מיט ווארעמ ווא־סער. אזוי איז ער דאָס זעקסטע מאָל געטויפט געוואָרנ.

קאַפּיטל 2

וועגן דעם קליינעם אולענשפּיגעלס שפּיצלעך

קלאָאס פלעגט גאַנצענע טעג זיך אײַסעקן מיט קוילן. דערפאַר איז ער געווען שוואַרץ, ווי אַ נעגער. ער איז געווען ניט קיין הויכער, אַ קרעפּ־טיקער, מיט ברייטע פּלייצעס. מיט אַלעמען איז ער געווען מילד און פרײַנטלעך. פון זײַן שוואַרץ פּאָנעם פלעגט קיינמאָל דער שמייכל ניט אַראָפּגיין.

אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, האָט ער ליב געהאַט זיך אַרײַנכאַפּן אין אַ שענק, קעדיי מיט ביר דורכצושווענקען דעם האַלדז, וואָס איז גע־ווען פול מיט קוילן־שטויב. מיידלעך פלעגן שרײַען, באַגעגענענדיק אים אין גאַס:

— גוטן־אָוונט, קוילנהענדלער!

— גוטן־אָוונט, שטיפערקעס! — פלעגט קלאָאס זיי ענטפערן מיט אַ שמייכל.

קינדער פלעגן אים דערקענען נאָך פונדערווײַטן, אָן דער הויכער שטים און אָן דעם קלאַפּן פון זײַנע שיך, און זיי פלעגן אַרויסלויפן אים אַנטקעגן.

— גוטן־אָוונט, קוילנהענדלער! — פלעגן זיי צו אים שרײַען.

— אַ גוטינקער יאָר אײַך, מאַלאָכימלעך! — פלעגט ער זיי ענטפערן. — נאָר גייט צו מיר ניט צו, אַניט וועט איר ווערן נעגערלעך.

נאָר די קינדער איז ניט אַזוי גרינג געווען צו איבערשרעקן. זיי פלעגן צולויפן צו אים מיט אַ געלעכטער און פלעגן אים צופּן פאַר די אַרבל. דעמלט פלעגט קלאָאס אַ כאַפּ טאָן איינעם פון זיי, אַ פיר טאָן מיט זײַן שוואַרצער האַנט איבער דעם קינדס ראָז בעקל, און נאָכדעם עס אָפּלאָזן. דאָס יאַטל פלעגט אַנטלויפן, אײַנגאַנצן אָן אויסגעשמירטער, און די איבע־ריקע קינדער פלעגן שטיין און קוועלן.

סאָאָטקין, קלאָאס ווײַב, איז געווען אַ בעריע אַ באַלעבאָסטע. זי פלעגט אויפשטיין גלײַך מיט דער זון און פלעגט זיך אײַסעקן אַ גאַנצן טאָג, ווי אַ מורעשקע.

זי פלעגט העלפנ דעמ מאנ אינ אלצ. פרילינג-צײַט פלעגנ זיי זיכ זאלבענאנד אײַנשפאנענ אינ דעמ אקער אונ פלעגנ אימ שלעפנ איבערנ פעלד, ווי די אָקסנ. עס איז געווענ שווער צו שלעפנ דעמ אקער, אָבער שלעפנ די באָראָנע איז געווענ נאָכ שווערער. אירע הילצערנע ציינער פלעגנ מיט גרויס מאטערניש צעקלאפנ די הארטע ערד. אָבער קלאאס אונ סאָאָטקינ זײַנענ ניט אראָפגעפאלנ בא זיכ. זיי פלעגנ פלײַסיק ארבעטנ, זינגענדיק דערבײַ א וועלכע-ניט-איז פארצײַטיקע באלאדע.

אזוי זײַנענ דורכגעגאנגענ יאָרנ. אולענשפיגעל, זייער זונ, האָט גענומענ אונטערוואקסנ. ווענ ער איז אלט געוואָרנ נײַנ יאָר, פלעגט ער אָנהייבנ אָפט פארפאלנ צו ווערנ.

— הער אויס, קלאאס, — האָט סאָאָטקינ איינמאָל געזאָגט צו איר מאנ, — מיר איז עפעס הײַנט שווער אפנ הארצנ. שוינ דרײַ טעג, ווי טיל איז ניטאָ אינ דער היימ. ווו קאָנ ער אצינד זײַנ?

— ער שלעפט זיכ ארומ איבער די שליאכנ מיט פארשיידענע פוסטעפאסניקעס, — האָט קלאאס אומעטיק געענטפערט. — דער אייבערשטער האָט אונדז געשטראָפט מיטנ דאָזיקנ קינד. איכ האָב געקלערט, אז ער וועט אונדז זײַנ א טרייסט אפ די עלטערע יאָרנ, אָבער ער טראכט אפילע ניט וועגנ אונדז.

— וואָס ווילסטו, ער איז דאָכ נאָכ א קינד! — האָט סאָאָטקינ געזאָגט, — ער וועט עלטער ווערנ, וועט ער קליגער ווערנ. ער פארמאָגט אָבער א הארצ, אונ ער האָט אונדז שטארק ליב.

קלאאס האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפ, אָבער ער האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. סאָאָטקינ האָט געוויינט א גאנצע נאכט. אינדערפרי האָט זיכ איר שוינ אָנגעהויבנ דוכטנ, אז אולענשפיגעל איז קראנק געוואָרנ אונ ער וואלגערט זיכ אָנ באוווסטזײַנ ערגעצ אונטער א פארקנ. זי האָט זיכ אוועקגעזעצט באמ פענצטער אונ גענומענ קוקנ אפ דער גאס. עס איז געווענ גענוג, זי זאָל דערהערנ טריט פונ א וועלכנ-ניט-איז יינגל, אז איר הארצ זאָל זיכ אָנהייבנ ווארפנ. אָבער דאָס יינגל פלעגט פארבײַלויפנ — ס'איז געווענ ניט אולענשפיגעל, — אונ סאָאָטקינ פלעגט ווידעראמאָל א פארומערטע וויינענ מיט ביטערע טרערנ.

אונ אולענשפיגעל איז אינ דער צײַט ארומגעלאָפנ מיט זײַנע כאווייריִמ איבערנ בריוגער מארק. אלע שאבעס פלעגט אינ בריוגע זײַנ א יאריד.

אפנ יאריד האָט זיכ ארומגעדרייט א וועלט מיט מענטשנ: שוסטער, אנטווערפענער פייגל-כאפער, היצלעס מיט אײַזערנע האקנס אינ די הענט, קעצ-כאפער מיט קעצישע פעלעכלעכ, וואָס גייענ אפ אויסארבעטנ הענטשקעס, שטאָטישע בירגער אונ בירגערנס, קוכערס, קעכנס... דער האמוינ האָט געטומלט, געליארעמט, זיכ געקריגט. אייניקע הענדלער האָבנ געלויבט זייער

סכוירע, אנדערע האָבן זי געזידלט און האָבן זיך געסטארעט אראָפּדינגען עפּעס.

אין עק מארק איז געשטאנען א שיין געצעלט. באם ארײַנגאנג אין געצעלט איז געזעסן א געזונטער יונג, וואָס האָט פאר איין פּאטאר באוויזן א ביינדל פון דער הייליקער מאריע פון עגיפּטן. ער האָט פארזיכערט, אז דאָס ביינדל האָט אים געבראכט א טויב, וועלכע איז לויט זײַן טפילע אוועקגעפלויגן אפן קייווער פון דער הייליקער, און זי האָט דאָרט געפונען די דאָזיקע הייליקע רעליקוויע. הינטער דער פּלייצע פון דעם דאָזיקן יונג זײַנען געשטאנען צוויי מאָנאכן, וואָס האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און האָבן באשטעטיקט, אז אלץ, וואָס ער דערציילט, איז לויטער עמעס.

נית ווײַט פונעם געצעלט איז געשטאנען די באלעבאָסטע פון דעם דאָזיקן געשעפט — א דיקע גלע פרוי — און האָט מיט די לעצטע קויכעס געבלאָזן אין א הייזעריק פײַפל. דער דודקע האָט אקאָמפּאנירט א פײַן מיידעלע מיט א קלינגענדיק קלעכל, אָבער קיינער האָט זי ניט געהערט. איבערן ארײַנגאנג אין געצעלט איז געהאנגען אף א פלאָקן א גרויסער עמער מיט וואסער. די באלעבאָסטע האָט פארזיכערט, אז דאָס איז הייליק וואסער און אז דער פּויפּסט אליין האָט עס געהייליקט. די מאָנאכן האָבן וואזשנע צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און באשטעטיקט, אז אויך דאָס איז לויטער עמעס. דער עמער האָט זיך שטיל געוויגט פון איין זײַט אף דער צווייטער. אולענשפּיגל האָט א קוק געטאָן אפן עמער און האָט זיך פארטראכט.

דאָס געצעלט האָט זיך געהאלטן אף פיר פלעקער. צו איינעם פון זיי איז געווען צוגעבונדן א מאָגערער אייזל. ער איז געשטאנען מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און האָט פאמעלעך געקײַט הארטע שטרוי. ווײַזט אויס, אז עפּעס בעסערס האָט ער שוין לאנג ניט געהאט אין מויל.

— יאטן, — האָט אולענשפּיגל א זאָג געטאָן צו זײַנע כאווירים, — די באלעבאטים זינגען אזוי שיין, פארוואָס זשע טאנצט ניט דער אייזל?

און טייקעף איז ער אוועקגעלאָפן אין א קראָם, געקויפט פאר זעקס ליאר פעפער און ארײַנגעשאָטן דעם אייזל אין דעם שטרוי.

פארזוכט דעם טאם פון פעפער, האָט דער אייזל זיך צערעוועט, זיך גענומען בריקען אין אלע זײַטן און האָט מיט אלע קויכעס א ציי געטאָן די שטריק. דער פלאָקן, צו וועלכן ער איז געווען צוגעבונדן, האָט זיך א וואקל געטאָן, דער עמער האָט זיך איבערגעקערט און האָט באגאָסן די הייליקע קאָמפּאניע מיט הייליק וואסער. דאָס געצעלט איז אײַנגעפאלן. אולענשפּיגל מיט זײַנע כאווירים זײַנען צוגעלאָפן נעענטער. פון אונטער דעם נאסן ברעזענט האָט זיך געהערט א ווילדע זידלערײַ... די הייליקע

צוויאקעס האָבנ זיכ געקײַקלט איבער דער ערד, זיכ געזידלט מיט די לעצטע ווערטער אונ גענעריקט אײנער דעמ צווייטנ.

דער אייזל, דערשראָקנ פונ די קוילעס, האָט זיכ א לאָז געטאָנ לויפנ אונ האָט אוועקגעשלעפט נאָכ זיכ דאָס געצעלט. די מאָנאכנ זײַנענ ארויס־געשפרונגענ פונ אונטער דעמ ברעזענט אונ האָבנ גענומענ צונויפקלײַבנ די צעשאָטענע מאטבייעס. אולענשפיגעל האָט זיי געהאָלפנ צונויפקלײַבנ דאָס געלט. פארשטייט זיכ, אז צוגעלייגט צו דעמ דאָזיקנ אייסעק האָט ער ניט.

קימאט יעדנ טאָג פלעגט ער צוטראכטנ עפעס נײַע שפיצלעכ. אהיימ פלעגט ער ארײַנשמעקנ זייער זעלטנ.

ערשט פרילינג־צײַט האָט זיכ, סאָפקאָלסאָפ, אײַנגעגעבנ אימ צושטעלנ צו אנ ארבעט.

דער פרילינג איז יענעמ יאָר געווענ א זעלטענער. אומעטומ האָט געבליט דער ווײַסדאָרנ, פונ די סעדער האָט זיכ געטראָגנ א דופטיקער גערוכ פונ רויזנ אונ זשאסמינ. די בינענ האָבנ געזאמלט דעמ בלומענ-האָ־ניק אונ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ שטארק פארמערנ. אומעטומ האָט מענ געגרייט פאר זיי נײַע בינשטאָקנ. די בינשטאָקנ האָט מענ געמאכט פונ שטרוי, פונ טשערעט אונ פונ ווערבע־ריטער. קאָרב־פלעכטער, טעסלער אונ באָנדערס האָבנ געארבעט טאָג ווי נאכט, אָנ אופהער.

דער סטעלניק איז יענעמ יאָר געווענ אזוי גוט אונ געשמאק, אז דער קאנאָניק פונ דער שטאָט דאמע האָט אימ געשיקט פאר א מאטאָנע אוזש צו דעמ אימפעראטאָר קארל. קארל האָט דעמ האָניק אופגענאשט, אָבער פונ דער מאטאָנע איז ער ניט געוואָרנ גגעדיקער אונ בעסער.

ווי אלע אנדערע אײַנוווינער פונ דאמע, האָט אויכ קלאאס זיכ גע־מאכט בינשטאָקנ. אייניקע פונ זיי זײַנענ שוינ געווענ פול, אנדערע האָבנ נאָכ געווארט אפ זייערע באפליגלטע אײַנוווינער. גאנצענע נעכט פלעגט קלאאס פארברענגענ אפ זײַנ פאסעקע. ער האָט געהיט, אז שלעפער זאָלנ ניט גאנווענענ זײַנ זיסנ אויצער. אונ אז עס פלעגנ זיכ שוינ בא אימ נעמענ קלעפנ די אויגנ, פלעגט ער רופנ צו הילפ דעמ זונ אונ דעמלט פלעגט אולענשפיגעל בלײַבנ היטנ די בינשטאָקנ.

אינ אײנער אזא נאכט איז אולענשפיגעל שטארק דערפראָרנ געוואָרנ. ער איז ארײַנגעקראָכנ אינ א פוסטנ בינשטאָק זיכ אָנוואַרעמענ. ער האָט זיכ צונויפגעדרייט אונ האָט געקוקט דורכ די לעכלעכ פונעמ בינשטאָק אינ דרויסנ ארויס. ער האָט שוינ געהאט אָנגעהויבנ דרעמלענ. מיטאמאָל האָט ער דערהערט עמעצער רעדט. אולענשפיגעל האָט א קוק געטאָנ אינ בינשטאָק־לעכל אונ האָט דערזענ צוויי שלעפער. ביידע מיט לאנגע האָר אונ מיט בערד. בערד האָבנ אינ יענער צײַט געטראָגנ נאָר אדל-לײַט.

די שלעפער זײַנען געגאַנגען פון איין בינשטאָק צום אַנדערן, אויס־קלײַבנדיק דעם גרעסטן און דעם שווערסטן. ענדלעך זײַנען זיי צוגעגאַנגען צו דעם בינשטאָק, ווו אולענשפּיגעל איז געזעסן.

— אָהאָ, סאַראַ שווערער! — האָבן זיי אַ זאָג געטאָן, אופהייבנדיק דעם בינשטאָק. — אָט דעם לאָמיר טאַקע צונעמען. ער איז פול מיט האָניק.

די גאַנאָווים האָבן אָפּ צוויי שטעקנס אוועקגעטראָגן דעם בינשטאָק.

אולענשפּיגעל איז געזעסן אין בינשטאָק מיט אַ פאַרטײַעטן אָטעם. לעכאַטכילע זײַנען די גאַנאָווים געגאַנגען שווײַגנדיק. יעדע פּופּציק טריט פלעגן זיי זיך אָפּשטעלן, קעדיי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. דער פאָדערשטער גאַנעוו האָט זיך גענומען זידלען הויך אָפּן קאָל: דער בינשטאָק איז געוועזן צו אַ שווערער. דער הינטערשטער איז, אַפּאָנעם, געווען אַ פאַרווייִנטע נעשאָמע: ער האָט געהאַלטן אין איין קרעכצן און קלאָגן זיך.

פלוצלינג האָט אולענשפּיגעל ארויסגערוקט די הענט פונעם בינשטאָק און אָנגעכאַפּט דעם פאָדערשטן גאַנעוו פאַר די האָר און דעם הינטערשטן פאַר דער באָרד.

— דו ווערסט מיך אופהערן צו צופּן פאַר די האָר? — האָט דער בייזער גאַנעוו אַ געשריי געטאָן אָפּ דעם קרעכצנדיקן. — איך וועל דיר דערלאַנגען אַזאַ זעץ איבערן קאָפּ, אַז ער וועט ארײַן אין דײַן ברוסטקאַסטן, און דו וועסט קוקן דורך די ריפּן, ווי אַ גאַנעוו קוקט דורך די טורמע־גראַטעס.

— ס'איז דו צופּסט דאָך מיך פאַר דער באָרד, ניט איך דיך, — האָט דער קרעכצנדיקער געענטפערט.

— צו אַ גרויסער קאָוועד פאַר דיר, איך זאָל דיך צופּן פאַר דײַן פאַרשיווע בערדל!

די גאַנצע צײַט זײַנען זיי געגאַנגען און האָבן זיך געזידלט. אולענשפּיגעל האָט אין דער צײַט ביסלעכווײַז געוויגט דעם בינשטאָק.

— הער אופ צו וויגן דעם בינשטאָק, איך קאָן אים ניט אײַנהאַלטן, — האָט דער קרעכצנדיקער זיך צעשריִען.

— ניט איך וויג אים, נאָר דו, — האָט דער בייזער גאַנעוו געזאָגט, — וואַרט אַ ווײַלע, באַלד וועל איך דיך אָנלערנען, אויסוואורפּ איינער!

ער האָט אראָפּגעלאָזן דעם בינשטאָק אָפּ דער ערד און זיך אַ וואָרפּ געטאָן אָפּ זײַן כאַווער. ביזוואַנען זיי האָבן איינער דעם צווייטן גענעריקט, איז אולענשפּיגעל ארויסגעקראָכן פונעם בינשטאָק און האָט אים דערווײַל אײַנעם טומל אוועקגעשלעפּט אין די קוסטעס. דערנאָך האָט ער גוט פאַרגעדענקט דאָס אָרט, ווו ער האָט באַהאַלטן דעם בינשטאָק, און האָט זיך בעשאָלעם אומגעקערט אהיים.

ווען אולענשפּיגעל איז אַלט געוואָרן פופּצן יאָר, האָט ער אין דאַמע

אפן פּלאַץ אוועקגעשטעלט א קליינעם געצעלט, איז אריינגעקראָכן אין דעם און האָט גענומען פאַרופן צו זיך באזוכער.

— הערן מײַנע טײַערע, קוקט אין א געפלאָכטענער ראַם די פּאָרטרעטן אײַערע, קוקט, מײַנע ליבע פרײַנט, ווי איר וועט אויסזען מאָרגן און ווי איר זעט אויס הײַנט. איר וועט זיי זען אזוי קלאָר, ווי אין א שפּיגל.

שטאָלץ, אָנגעבלאָזן, מיט א פאַריסענעם קאָפּ איז צו אים צוגעגאַנגען דער שטאָטישער ריכטער. אולענשפּיגל האָט ארויסגערוקט פון דער ראַם דעם קאָפּ, געמאַכט טנועס און האוויעס, ווי א מאַלפּע, און געזאָגט:

— אַלטע צורע, הער אויס, אָט ווי דו זעסט אויס. ווערסט שוין ביז דײַן טויט מער ניט בליִען, דײַן לעבן טוט שוין טליִען. נו, ווי געפעלט אײַך אײַער פּאָרטרעט, הער דאָקטאָר?

דערנאָך איז צום געצעלט צוגעגאַנגען א געזונטער סאָלדאַט. אולענשפּיגל האָט זיך באַהאַלטן און האָט באַוויזן אין ראַם א שטיק רינדן־פלייש.

— דאַרפסט ווײַנען, ניט לאַכן. א שטיק פלייש וועט פון דיר די מיל־כאָמע מאַכן, — האָט אולענשפּיגל געזאָגט. — צאָל פאַר דער נעוויִע, דו פלאָקן אײנער.

צום געצעלט איז צוגעגאַנגען א פעטער אָפּגעפרעסענער מאָנאַך און האָט אויך געבעטן, מע זאָל אים באַוויַזן זײַן פּאָרטרעט, אצינד און אין דער צוקונפט.

— אצינד ביסטו א זעקל שינקע, — האָט אולענשפּיגל געענטפערט. — און אז דו וועסט אויסטרינקען, וועסטו ווערן א פעסל ביר. וואָס, ניט ריכ־טיק, גראָבער פּעמפּיק, הא? גיב אהער, אָקאָרשט, א פאַטאַר פאַר באַווײַזן דיר דײַן פּאָרטרעט.

אזוי האָט אולענשפּיגל אָפּגעשפּעט פון די כאָשעווע אײַנוווינער פון דאַמע, בריוגע, בלאַנקענבערג און אפילע פון אָסטענדע. ער פלעגט זיי מאַכן טנועס און זאָגן דערבײַ: „איק בען אולען שפּיגעל” (דאָס הייסט: „איך בין אײַער שפּיגל”).

פון דעמלט אָן האָט מען אים א נאָמען געגעבן אולענשפּיגעל.

קאפיטל 3

וועגן דעם, ווי עס איז געבוירן געוואָרן פיליפּ, דער קיניג פון שפאניע

אין דעם זעלבן יאָר, ווען עס איז געבוירן געוואָרן אולענשפּיגעל, איז בא זיַין הייליקער מאיעסטעט דעם אימפּעראטאָר קארל דעם פינפטן געבוירן געוואָרן א זון, דאָן פיליפּ, דער צוקינפטיקער קיניג פון שפאניע.

לעקאָוועד דעם אינפאנטס[1] געבורט האָט דער אימפּעראטאָר אויך באשלאָסן צו כאפּן פיש, אָבער ניט אין קאנאל, ווי דאָס האָט געטאָן דער קוילנהענדלער קלאאס, נאָר בא זיַינע אונטערטאנען אין די טיַיכטערס. פון די דאָזיקע טיַיכטערס שלעפּן די קיניגלעכע וועגטקעס ארויס אזוינע פישלעך, וואָס מע רופט זיי „רענדלעך", „קרוזאטן", „פלאָרינעס". די דאָזיקע פישלעך קאָנען, לויט דעם פישערס ווילן, פארוואנדלט ווערן אין סאמעטענע קליידער, אין די טיַיערסטע איידלשטיינער, אין די בעסטע וויַינען און אין די פיַינסטע מיַיכאָלים.

דער אימפּעראטאָר האָט צונויפגערופן זיַינע ראטמענער. זיי האָבן באטראכט וויַאזוי בעסער דורכצופירן דעם פישפאנג און פיַיערן דעם אינפאנטס געבורט.

דעם יאָנטעוו האָט מען באשלאָסן דורכצופירן אף אזא אופן:

אין אָוונט וועט מען דעם אינפאנטס אוועקטראָגן טויפן. די בירגער פון וואליאדאָלידע וועלן אפן גרויסן פלאץ הוליען א גאנצע נאכט אפן אייגענעם כעזשבן און וועלן שליַידערן געלט אין דעם האמוין, דאָס וועט פארשפּאָרן זיַין מאיעסטעט צו צעטיילן זיַין אייגן געלט.

אף פינף ראָגן פון די שטאָטישע גאסן וועלן פינף פאָנטאנען ארויסווארפן שטראָמען וויַין — אפן כעזשבן פון דער שטאָט. אף אנדערע פינף ראָגן וועט מען אף ספּעציעלע טריבונעס אויסשטעלן פאר אלעמען פעטע שינקע, אלערליי וורשטן, געקאָכטע און געריַיכערטע, אויסגעצייכנטע סאָ-

---

[1] אינפאנט — פּרינץ.

סיסקעס, אָקסענע צונגען, דרויבלעך און אַנדערע מײַכאָלים — אויך אפֿן כעזשבן פֿון דער שטאָט.

די בירגער פֿון וואַליאַדאָלידע וועלן פֿאַר זייער אייגן געלט, פֿאַרשטייט זיך, אויסבויען עטלעכע טריומפֿאַלע אַרקעס, וואָס וועלן פֿאַרשטעלן די רײַכקײַט און די מיליטערישע מעכטיקײַט פֿון זײַן מאַיעסטעט.

אַפֿ צו באַלויכטן דעם קלויסטער אין דער צײַט פֿון דער פֿאָרשטייען־דיקער צערעמאָניע האָט זײַן מאַיעסטעט גנעדיק דערלויבט דער ליכטגיל־דיע צו שענקען העכער צוואַנציק טויזנט ליכט: דערבײַ איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז די אָפּגעברענטע שטיקלעך, וואָס וועלן בלײַבן פֿון די דאָזיקע ליכט, דאַרפֿן איבערבלײַבן אינעם קיניגלעכן קלויסטער.

און אָט האָט מען דעם פּרינץ, ענדלעך, געטויפֿט. די הויפֿדאַמען און קאַוואַלערן האָבן פֿאַרשאָטן דעם נײַגעבוירענעם מיט מאַטאַנעס און מיט אַלערלײ גוטע ווונטשן.

די האַרנטע דע־לאַ־קאַנאַ האָט אים אופֿגעהאַנגען אַפֿן העלדזל אַ שוואַרץ שטיינדעלע, געפּאַסט אין גאָלד. דאָס שטיינדעלע האָט געדאַרפֿט פֿאַרהיטן דעם פּרינץ פֿון סאַם. די האַרנטע דע שאָפּאַד האָט אַרומגעבונדן זײַן בײַכל מיט אַ זײַדן פּעדעמל, צו וועלכן זי האָט צוגעבונדן אַ ניסל — אַ סגולה צו דעם, אַז דער מאָגן זאָל גוט קאָכן. דער הער וואַן־דער־סטינ פֿון פֿלאַנדריע האָט אים אונטערגעטראָגן אַ געגנטער ווורשט פֿון פֿינף איילן די לענג און אַ האַלבן אייל די גרעב. מיט דער דאָזיקער מאַטאָנע האָט דער הער וואַן-דער־סטינ געוואָלט אײַנפֿלאַנצן באַם אינפֿאַנט אין האַרצן אַ ליבע צו דער רומפֿולער שטאָט גענט. דער הער שטאַלמײַסטער זשאַק קריס־טאָף פֿון קאַסטיליע האָט געשענקט דעם נײַגעבוירענעם שיכעלעך, באַפּוצטע מיט גרינע מילך־שטיינער. עס איז פֿאַראַן אַזאַ סימען, אַז דער, וואָס טראָגט שוכוואַרג, באַפּוצטע מיט איידלשטיינער — מיט מילכשטיינער — יענער וועט לויפֿן גיך און לײַכט.

יאַן דע־פּאַאַפּע, דעם קיניגס לעץ, וואָס איז בײַגעווען דערבײַ, האָט גע־זאָגט דעם שטאַלמײַסטער:

— מײַן הער, דער פּרינץ האָט ניט וואָס צו לויפֿן גיך, — ער דאַרף מאַכן, אַז אַנדערע זאָלן פֿון אים אַנטלויפֿן.

און דאָס קינד, אַרומגערינגלט מיט אָט די אַלע מאַטאָנעס, האָט גע־רעוועט, ווי אַ קעלבל.

די יאָרן זײַנען געלאָפֿן. דאָס קינד האָט געמומענע אונטערוואַקסן. די הויפֿלײַט האָבן מיט שרעק צוגעזען, ווי שווער ער שלעפּט אַפֿ זײַנע ניט־שטאַנדהאַפֿטיקע פֿיס זײַן שוואַכן גוף מיטן העסלעך־גרויסן ווײַסהאָריקן קאָפּ.

מער פֿון אַלץ האָט ער ליב געהאַט צו פֿאַרקלײַבן זיך אין אַ וועלכן־ניט־איז פֿינצטערן קאָרידאָר און זיך אוועקזעצן דאָרט אין אַ ווינקעלע מיט

קלאאס מיט אולענשפיגעלנ

פונ אלפרעד גיובערס אָפּאָרט

נעלע

פון קאמיל וואן קאמפס אָפּאַרט

אויסגעצויגענע פיס. שאָענווײַז פלעגט ער דאָרט אָפּזיצן און וואַרטן, ביז עמעצער פון די דינער וועט זיך פאַרטשעפּען אָן זײַנע פיס. דעם דינער פלעגט מען דערפאַר שמײַסן, און דער פּרינץ פלעגט זיך פרייען, הערנדיק זײַנע געשרייען, זײַנע קרעכצן. אָבער לאַכן האָט ער ניט געלאַכט.

אין מאָרגן פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אויף אַ נײַ אָרט און פלעגט ווידער וואַרטן אויף אומפאָרזיכטיקע. די פרײַלנס, קאַוואַלערן און פּאַזשן פלעגן, דורכלויפנדיק אין דער פינצטער, פאַלן און פלעגן זיך צעמאַזיקן. דעם פּרינץ פלעגט עס פאַרשאַפן פאַרגעניגן. אָבער לאַכן האָט ער ניט געלאַכט.

אויב אַ וועלכער־ניט־איז פּאַזש פלעגט זיך פאַרטשעפּען אָן זײַנע פיס און פלעגט ניט פאַלן, פלעגט פיליפּ געבן אַזאַ געשריי, פּונקט ווי מע וואָלט אים געקוילעט, קעדיי אָנצושרעקן דעם ניט פאָרזיכטיקן פּאַזש, אָבער לאַכן האָט ער ניט געלאַכט.

דעם פּרינצס דערציִער האָבן געמאָלדן זײַן מאַיעסטעט דעם אימפּעראַטאָר וועגן דעם יינגלס מאָדנע פאַרווײַלונגען.

— מאַכט זיך ניט ווּסנדיק, — האָט דער אימפּעראַטאָר געזאָגט, — אויב דער אינפאַנט וויל, אַז מע זאָל אים אָנטרעטן אויף די פיס, — איז עס זײַן אייסעק.

פיליפּן איז דעם אימפּעראַטאָרס ענטפער ניט געווען צום האַרצן, ער האָט אָבער גאָרנישט ניט געזאָגט. פון דעמלט אָן האָט ער זיך אופגעהערט צו באַווײַזן פאַר מענטשן. גאָר זעלטן, אין הייסע זומער־טעג, פלעגט ער אַרויסקריכן אָנוואַרעמען אויף דער זון זײַן שוואַכן גוף.

— זון מײַנער, — האָט דער אימפּעראַטאָר איינמאָל געזאָגט צו פיליפּן, — דו ביסט אויף מיר גאָר ניט ענלעך. אין דײַנע יאָרן פלעג איך קלעטערן אויףביימער און זיך יאָגן נאָך וועווערקעס, אַראָפּלאָזן זיך אויף אַ שטריק פון אַ הויכן פעלדז, קעדיי צו דערלאַנגען פון די נעסטן פּיצינקע אָדלערלעך. אויף געיעג פלעגן ווילדע כײַעס אַנטלויפן ווי פעפער וואַקסט, ווען זיי פלעגן מיך דערזען מיט מײַן גוטן אַרקעבוז אין די הענט.

— אוי, מיר טוט ווי דער בויך, קיניג, — האָט דער אינפאַנט געענטפערט.

— גוטער אַלטער ווײַן איז די בעסטע רעפוּע צום מאָגן, — האָט קאַרל געזאָגט.

— איך האָב פײַנט ווײַן, מיר הייבט אָן ווי טאָן דער קאָפּ פון ווײַן, קיניג.

— מײַן זון, דו דאַרפסט אַרומלויפן, שפּרינגען און קלעטערן, ווי אַלע יינגעלעך אין דײַנע יאָרן.

— די פיס ברעכן מיר, קיניג.

— זיי ברעכן דיר דערפאַר, — האָט קאַרל געענטפערט, — וואָס דו זיצסט

גאנצע טעג אפ איין אָרט. איך וועל באפוילן, מע זאָל דיך צובינדן צו א פערד, קעדיי צו צווינגען דיך ארויסצופאָרן אפ א שפאציר.

דער אינפאנט האָט זיך צעוויינט.

— אוי, בינדט מיך ניט צו — די היפטן טוען מיר וויי.

— צי דען פארמאָגסטו ניט קיין איין געזונטן גליד?

— איך וועל געזונט ווערן, אויב מע וועט מיך לאָזן צו רו.

— דו האָסט, אפאָנעם, באשלאָסן דיַין גאנץ קיניגלעך לעבן אָפּצוזיצן אפ איין אָרט, — האָט א זאָג געטאָן מיט קאס דער אימפעראטאָר. — דו דארפסט פארמאָגן פיַיערדיק בלוט, א בליק פון א לוקס, די קלוגשאפט פון א פוקס און די גוורע פון הערקולעסן. וואָס ציילעמסטו זיך נאָכאנאנד? פאסט דען פאר א לייבעלע, ער זאָל נאָכמאכן אלטע וויַיבער, וואָס מורמלען פון אינדערפרי ביז אָוונט זייערע טפילעס?

— שוין ציַיט צו דער אָוונט־טפילע, קיניג, — האָט דער אינפאנט געענטפערט.

איינמאָל, אומקערנדיק זיך פון א מילכאָמע, האָט דער אימפעראטאָר באמערקט, אז פיליפ איז אים ניט ארויס באגעגענען.

— ווו איז מיַין זון? — האָט דער אימפעראטאָר געפרעגט. — פארוואָס באגעגנט ער מיך ניט?

דער ארציבישאָפ, דעם אינפאנטס דערציִער, האָט ניט געוווסט, וואָס צו ענטפערן. מע איז אוועק זוכן דעם אינפאנט. מע איז דורכגעגאנגען א לאנגע ריי צימערן, נאָר ער איז אין ערגעץ ניט געווען. ענדלעך האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אפ עפעס א קעמערל אָן א דיל, מיט איין פענצטערל אונטערן סאמע דאך. אינמיטן קעמערל איז געווען איַינגעגראָבן א סלופ. אפן סלופ איז געהאנגען א מאלפעלע, וואָס מע האָט צוגעשיקט פון אינדיע אפ צו פארוויַילן זיַין מאיעסטעט. לעבן סלופ האָבן זיך נאָך געדרייט כערט טליִעדיקע צוויַיגלעך. אין קעמערל האָט זיך געשפירט א העסלעכער גערוך פון געסמאליעטער וואָל.

דאָס כיַיעלע האָט זיך אזוי געמאטערט, בעשאס סע האָט געגויסעסט אפן פיַיער, אז מע האָט ניט געקאָנט דערקענען דאָס צונויפגעדרייטע גופל. עס האָט אויסגעזען, ווי א טונקל איַינגעשרומפן וואָרצעלע. זיַין מויל, וואָס איז אזוי ווי פארגליווערט געוואָרן אינעם לעצטן געשריי פארן טויט, איז געווען באדעקט מיט בלוטיקן שוים; איבערן פענעמל האָבן זיך געקיַיקלט גרויסע טרערן.

— ווער האָט עס געטאָן? — האָט דער אימפעראטאָר געפרעגט.

דער דערציִער האָט פאר שרעק קיין איין וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן. עס איז געוואָרן שטיל.

פלוצלינג האָט זיך פון א פינצטערן ווינקל דערהערט עמעצנס א שטי־

לער הוסט. דער אימפּעראַטאָר האָט זיך אַ קער געטאָן און האָט דערזען דעם אינפאנט. פיליפ איז געווען אָנגעטאָן אין שווארצע קליידער. ער האָט געזויגן אַ ציטרין.

— דאָן פיליפ, — האָט דער אימפּעראַטאָר געזאָגט — קום צו און באַגריס זיך מיט מיר.

דער אינפאנט האָט זיך ניט גערירט פונעם אָרט, און האָט געקוקט אפן פאָטער מיט דערשראָקענע אויגן.

— דאָס האָסטו פארברענט דאָס כײַעלע? — האָט אים דער אימפּעראַטאָר געפרעגט.

דער אינפאנט האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— אויב בא דיר האָט געקלעקט אַכזאָריעס אזוינס צו טאָן, — האָט דער אימפּעראַטאָר געזאָגט, — טאָ זאָל זשע בא דיר אויך קלעקן מוט אפ צו מוידע זײַן זיך אין דעם.

פיליפ האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט.

דעמלט האָט דער אימפּעראַטאָר ארויסגעריסן דעם ציטרין פון דעם אינפאנטס הענט און האָט געוואָלט אָנשלאָגן דאָס יינגל. נאָר דער ארציבישאָף האָט אײַנגעהאַלטן זײַן מאיעסטעט. ער האָט אים אַ שעפּטשע געטאָן אפן אויער:

— דער אינפאנט וועט נאָך אמאָל בארימט מאכן זײַן נאָמען דערמיט, וואָס ער וועט פארברענען אפּיקאָרסים.

דער אימפּעראַטאָר האָט אַ שמייכל געטאָן, און זיי זײַנען ביידע ארויס, איבערלאָזנדיק דעם אינפאנט מיט זײַן מאַלפּעלע.

קאפיטל 4

וועגנ דעם, וואָסערע צאָרעס עס זײַנענ אויסגעפאלנ אפ דער אומגליקלעכער פלאנדריע

די רומפולע שטאָט געגנט האָט אינ יענער צײַט זיכ אָפגעזאָגט צו צאָלנ דעם נײַעם שטײַער, וואָס דער אימפעראטאָר קארל האָט אפ איר ארופגעלייגט. די שטאָט האָט ניט געקאָנט אויספילנ דעם קיניגלעכנ ווילנ דערפאר, ווײַל זי איז שוינ אזוי אויכ געווענ רויִנירט פונ די פילצאָליקע שטײַערנ. אונ קארל האָט באשלאָסנ מיט דער אייגענער האנט באשטראָפנ די ווידערשפעניקע שטאָט.

ער איז צוגעקומענ מיט פיר טויזנט רײַטער צו די ווענט פונ דער שטאָט געגנט. דער פּראָסטער עולם אונ די באלמעלאָכעס האָבנ ניט געוואָלט אָפגעבנ זייער געבורט־שטאָט אָנ קאמפ, אונ זיי האָבנ באשלאָסנ ארויסצושטעלנ קעגנ דעם אימפעראטאָר אנ ארמיי פונ אכציק טויזנט מאנ. אָבער די סאָכרימ האָבנ זיכ דערשראָקנ, אז אינ פאל פונ א ניצאָכנ, וועט דאָס פּראָסטע פאָלק פארכאפנ די מאכט אינ די הענט, אונ זיי האָבנ דעריבער ניט דערלאָזנ צו קיינ שלאכט.

אונ דער אימפעראטאָר קארל האָט אײַנגענומענ געגנט.

אומעטום איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ א קיניגלעכע וואכ.

איבער דער שטאָט זײַנענ א גאנצע נאכט אומגעגאנגענ פאטרולנ. אפ מאָרגנ האָט דער אימפעראטאָר קארל געמאָלדנ זײַנ אורטייל:

די שטאָט איז באשולדיקט געוואָרנ אינ מאכנ אנ אופשטאנד, אינ ניט־געטרײַשאפט צו דער קרוינ, אינ פאראט אונ אינ באליידיקנ זײַנ מאיעסטעט. אלע כאָשעווע בירגער האָבנ געמוזט צוקומענ צום אימפעראטאָרס טראָנ מיט א שטריק אפנ האלדז אונ אײַנצאָלנ גרויס אויסקויפ־געלט. דער אימפעראטאָר האָט צענומענ דעם סענ־באוואָנער מאָנאסטיר אונ האָט אויסגעבויט אפ זײַנ אָרט א פעסטונג. אינ פאל, ווענ דאָס וואָלט געווענ נייטיק, וואָלט ער פונ דער דאָזיקער פעסטונג געקאָנט א ליאדע מינוט באָמבארדירנ די שטאָט. אָבער די שטאָט איז געווענ צו גוט באפעסטיקט. אונ אָט

האָט דער אימפּעראַטאָר באַפוילן פאַרניכטן אַלע אירע פעסטונגען — דעם דרויטן טורעם, די זשאַבע־נאָרע, די טויערן בראַמפּאָרט, סטינפּאָרט, וואַ־ אַלפּאָרט, קעטעלפּאָרט און אַ סאַך אַנדערע שיינע געבײַדעס.

שפּעטער, ווען קיין געװנט פֿלעגן קומען צו פאָרן אויסלענדער, פֿלעגן זיי מיט פאַרוווּנדערונג זאָגן צו די געטער בירגער:

— מע האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז אײַער שטאָט איז אומגעװײנלעך שיין און פּרעכטיק, איינדערעמסן אָבער איז זי ניט שענער פון אַנדערע שטעט.

אַף דעם פֿלעגן די געגטער בירגער ענטפערן:

— דער אימפּעראַטאָר קאַרל האָט אַראָפּגענומען פון דער שטאָט איר טײַערן גאַרטל.

און זיי פֿלעגן ציטערן פון כאַרפּע און פון צאָרן, ווען זיי פֿלעגן זאָגן די דאָזיקע ווערטער.

קאַרל האָט געוואָלט מאַכן אַזאַ טעל פון געגט, אַז די שטאָט זאָל שוין מער קיינמאָל ניט קומען צו זיך. ער האָט דעריבער אַרופֿגעלייגט אַף געגט אַ גרויסן שטײַער פון פיר הונדערט טויזנט פלאָרין, און כוץ דעם — אַ צווייטן שטײַער — פון הונדערט פופציק טויזנט פלאָרין. אַמאָליקע יאָרן האָט געגט ניט איין מאָל געליִען דעם אימפּעראַטאָר גרויסע סומעס געלט. אַצינד האָט קאַרל באַפוילן, מע זאָל אים אומקערן צוריק זײַנע װעקסלען, און ער איז פּאָטער געוואָרן פון אײַנצאָלן דעם כויוו.

ענדלעך, האָט דעם אימפּעראַטאָרס אופמערקזאַמקײַט צוגעצויגן „ראָ־ לאַנד", דער פּרעכטיקער גלאָק, וואָס איז געהאַנגען אַפן קאַטעדראַל־טורעם. אַלע־ מאָל, ווען דער שטאָט פֿלעגט דראָען אַ געפאַר, פֿלעגט דער גלאָקן־קלינ־ גער זיך אופהייבן אַפן טורעם און פֿלעגט נעמען קלינגען אין גלאָק. דער־ הערט „ראָלאַנדס" קלינגען, פֿלעגן די געגטער בירגער אײַלן אַפן פּלאַץ, קע־ דיי צו פאַרטיידיקן זייער געבורט־שטאָט.

אַזוי איז אויך געווען דאָס מאָל. ווען קאַרל האָט זיך באַוויזן מיט זײַ־ נע רײַטער אונטער די שטאָטישע ווענט, האָט דער גלאָקן־קלינגער גענומען קלינגען אין גלאָק. דערפאַר האָט קאַרל באַפוילן אופצוהענגען דעם אומ־ גליקלעכן גלאָקן־קלינגער אַפן צינגל פונעם גלאָק. דאָס לעצטע מאָל האָט געהודעט דער שטאָלצער „ראָלאַנד". דער אימפּעראַטאָר האָט אַף אים קיין ראַכמאָנעס ניט געהאַט; ער האָט אײַנגעפונען, אַז זײַן צונג רעדט צו הויך. און דעם גלאָק האָט מען אַראָפּגענומען.

— די שטאָט געגט איז געשטאָרבן אין יענער שאָ, ווען דער אימ־ פּעראַטאָר קאַרל האָט מיט אַן אײַזערנער אָפּצווינגע באַ איר אַרויסגעריסן די צונג, — האָבן צווישן זיך גערעדט די געגטער בירגער.

אײנגיכן האָט זיך אַ נײַע צאָרע אָנגערוקט אַף פלאַנדריע.

איינמאָל האָט סאָאָטקינ דערזענ, אז קלאאס שפאנט עפעס אומ הינ אונ צוריק איבער דער קיכ א פארצאָרנטער אונ א פארומערטער.

— וואָס ביסטו עס אזוי פארומערט, מיינ ליבער? — האָט זי אימ געפרעגט. — עס האָט עפעס געטראָפנ?

— שווערע צייטנ קומענ אָנ, — האָט קלאאס פארצאָרנט געענטפערט, — מאָסרימ דרייענ זיכ שוינ פונדאָסניי ארומ איבערנ שטאָט. מע כאפט סיי שולדיקע סיי אומשולדיקע — אָנ אונטערשייד. וואָס איז דער כידעש? פאר איטלעכנ באשולדיקטנ באקומט דאָכ דער מאָסער א העלפט פונ זיינ פארמעגנ, אויב עס באטרעפט ניט מער פונ הונדערט פלאָרינ.

— אונדז וועט מענ ניט מאסערנ. מיר זיינענ — קאפצאָנימ, — האָט סאָאָטקינ געזאָגט.

— מיר זיינענ גאָרניט אזוינע קאפצאָנימ, — האָט קלאאס געענטפערט, — עס וועלנ זיכ געפינענ אזוינע אויסוואורפנ, וואָס וועלנ אונדז מיט פארגעניגנ מאסערנ, קעדיי צו צעטיילנ זיכ מיט זיינ הייליקער מאיעסטעט מיטנ דאָזיקנ זעקל קוילנ, גלייכ ווי דאָס זעקל וואָלט געווענ אָנגעשטאָפט ניט מיט קוילנ, נאָר מיט ריינעמ גאָלד. דערמאָנ זיכ, וואָס, אשטייגער, האָט פארמאָגט די אומגליקלעכע טאנעקענ, דעמ שניידער סייס אלמאָנע, וועלכע מע האָט לעבעדיקערהייט באגראָבנ אינ דער ערד? פרווו זיכ אָקאָרשט דערמאָנענ! א לאטיינישע ביבל, דריי פלאָרינ אונ א ביסל געפעס פונ ענגלישנ צינ, וואָס איז געפעלנ געוואָרנ איר שכיינע. זשאנע מארטענס האָט מענ אריינגעוואָרפנ אינ וואסער, קעדיי אויסצופרווונ, צי זי איז א קישעפמאכערנ, אָדער ניט. זשאנע איז ניט דערטרונקענ געוואָרנ, בלויז אינ דעמ איז באשטאנענ איר פארברעכנ. מע האָט באשלאָסנ, אז זי איז א קישעפמאכערנ, אונ מע האָט זי פארברענט אפנ שייטער. דאָס גאנצע פארמעגנ זשאנעס איז באשטאנענ פונ דריי צעבראָכענע שטולנ אונ פונ זיבנ רענדלעכ, וואָס זיינענ געלעגנ באהאלטנ אינ זאָק. דעמ מאָסער האָט זיכ געוואָלט באקומענ א העלפט דערפונ. אזוינע מייסעס וואָלט איכ דיר געקאָנט דערציילנ ביז מאָרגנ! מע דארפ אוועקפאָרנ פונדאנענ, מיינ ווייב, מע קאָנ שוינ מער ניט לעבנ אינ פלאנדריע.

— שרעק מיכ ניט, ליבער מאנ, — האָט סאָאָטקינ געענטפערט, — דער אימפעראטאָר איז דער פאָטער פונ פלאנדריע אונ פונ בראבאנט. ער וועט ניט דערלאָזנ קיינ אומרעכט.

— דו זעסט דאָכ אליינ, ווי יוישערדיק ער איז זיכ באגאנגענ מיט גענט. דעמ אימפעראטאָר לוינט ניט צו זיינ קיינ גוטער. ער וואָלט פארלאָרנ א העלפט פונעמ קאָנפיסקירטנ פארמעגנ.

פלוצלינג האָט געגומענ שאלנ א טרומייט אונ עס האָבנ גענומענ קלאפנ

די צימבאַלעס פונעם שטאָטישן העראָלד. קלאאס און סאָאָטקין זײַנען אַרויס־ אויפן גאַס.

לעבן דער שטאָטישער ראַטושע זײַנען געשטאַנען רײַטער העראָלדן. זײ האָבן געשאַלט אין טרומייטן און געקלאַפּט אין צימבאַלעס. האַרט לעבן זײ זײַנען געזעסן רײַטנדיק אויף פֿערד דער פּראָפּאָס מיטן ריכטער־שטעקן אין האַנט און דער שטאָטישער פּראָקוראָר. דער לעצטער האָט געהאַלטן אין האַנט דעם אימפּעראַטאָרס אַ באַפֿעל און האָט זיך געגרייט איבער־ לייענען אים פֿאַר דעם האַמוין.

און אָט האָט קלאאס דערהערט, אַז אַלע בירגער ביכלאַל און יעדן איינעם ביפּראַט ווערט פֿון הײַנט אָן פֿאַרבאָטן צו דרוקן, צו לייענען און צו האַלטן בײַ זיך די ווערק און די ביכער פֿון מאַרטין ליוטער, יאָהאַן אויקלימפּ, יאַן הוס, אולריך צווינגלי, פֿיליפּ מעלאַנכטאָן און אַ סאַך אַנדערע דערפֿאַר, וואָס די דאָזיקע ווערק זײַנען פֿול מיט ליוטערס אַפּיקאָרסעס און זײ זײַנען פֿאַרורטיילט פֿון דער גאַנצער קאַטוילישער קירך.

עס ווערט אויך פֿאַרבאָטן צו מאָלן גאָט, די הייליקע מאַריע און אַנ־ דערע הייליקע אין ניט קיין אָנשטענדיקן אויסזען. גלײַכצײַטיק ווערט פֿאַר־ באָטן אָפּצורײַסן אָדער צעברעכן די הייליקע בילדער און סקולפּטורן, ווײַל זײ דינען אויף צו רימען גאָט און זײַנע הייליקע. עס ווערט אויך פֿאַרבאָטן אַרײַנצולאָזן זיך אין בקירעס וועגן דער ביבל. דאָס ווערט דערלויבט נאָר געלערנטע טעאָלאָגן, וואָס זײַנען באַשטעטיקט פֿון דער הייליקער קאַטוילי־ שער קירך.

די פּערזאָנען, וואָס מע וועט זײ כוישעד זײַן, אַז זײ זײַנען אַריבער אויפן דאָזיקן געזעץ, פֿאַרלירן דאָס רעכט צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַן ערלע־ כער מעלאָכע. פֿאַרביסענע אַפּיקאָרסים וועט מען פֿאַרברענען אויף אַ שײַטער. די איבעריקע וועט מען אָפּהאַקן די קעפּ מיט אַ שווערד — אויב זײ זײַנען אַדל־לײַט; אויפֿהענגען — אויב זײ זײַנען פּויערים; באַגראָבן לעבעדיקערהייט — אויב זײ זײַנען פֿרויען. די קעפּ פֿון די באַשטראָפֿטע וועט מען אויפֿהענ־ גען אויף אַ סלופּ. דאָס האָב־און־גוטס פֿון די געקעפּטע גייט אַריבער צום קיניג. אויב עס באַטרעפֿט ניט מער פֿון הונדערט פֿלאַנדרישע רענדלעך, באַקומט אַ העלפֿט פֿון דעם דער מאָסער.

קלאאס האָט אויסגעהערט דעם דאָזיקן באַפֿעל וואָרט בײַ וואָרט און איז אַ דערשלאָגענער אַוועק פֿון פּלאַץ אײנגעם מיט סאָאָטקינען.

קאפיטל 5

וועגן דעם, ווי מע האָט אולענשפּיגעלן באַשולדיקט אין אַפּיקאָרסעס און אַוועקגעשיקט קיין רוים — בעטן דעם פּויפּסט, ער זאָל אים פאַרגעבן די זינד

און אולענשפּיגעל האָט דערווײַל פאַרגעזעצט צו פּוסטעפּאַסעווען. אין עק קלויסטער-גאַס, לעבן דער סאַזשלקע, זײַנען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן צוויי הויכע ווערבעס. איינמאָל, זונטיק, האָט אולענשפּיגעל דורכגעצויגן צווישן ביידע ביימער אַ שטריק און האָט גענומען טאַנצן אַף איר אין דער אָנוועזנהײַט פון אַ גרויסן האַמוין מענטשן. דער האַמוין האָט אויס לאַנגווײַליקײַט געקוקט אַפן טענצער און געלאַכט פון זײַנע וויצן. דורכגייענדיק איבער דער שטריק עטלעכע מאָל, איז אולענשפּיגעל אַראָפּגעקראָכן אַף דער ערד און האָט גענומען אַרומגיין פאַר די צושויער מיט אַ טעלער אין האַנט. אײַנגיכן איז דער טעלער געוואָרן פול מיט מאַטבייעס. געקומענדיק אַהיים, האָט אולענשפּיגעל אָפּגעגעבן דאָס געלט דער מוטער, און זיך האָט ער איבערגעלאָזט בלויז עלף ליאַר.

דעם אַנדערן זונטיק האָט אולענשפּיגעל באַשלאָסן נאָכאַמאָל טאַנצן, נאָר אייניקע ייִנגלעך האָבן אים מעקאַנע געווען: זיי האָבן אויך כיישעק געהאַט צו פאַרדינען עטלעכע פּאַטאַר. האָבן זיי אַרופגעקלעטערט אַף איין בוים און האָבן אונטערגעשניטן די שטריק. ווי נאָר אולענשפּיגעל האָט צוויי — דרײַ מאָל אַ טאַנץ געטאָן איבער דער שטריק, האָט די שטריק געפּלאַצט, און אולענשפּיגעל איז אַרײַנגעפאַלן אין סאַזשלקע.

דער האַמוין אַפן ברעג האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

— ווי פילט איר זיך, הער אולענשפּיגעל? — האָבן כויזעק געמאַכט פון אים די ייִנגלעך, — מע שמועסט, אַז אין דער סאַזשלקע זײַנען פאַראַן אַ סאַך קאַרפּן. צי ווילט איר זיי ניט אויסלערנען טאַנצן אַף אַ שטריק?

נאָר אולענשפּיגעל איז שוין אַרויסגעקראָכן אַפן ברעג, און די ייִנגלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַנטלויפן.

— וואָס האָט איר זיך דערשראָקן! — האָט אולענשפּיגעל גענומען צו

זיי שרײַענ. — איכ וועל אײַכ גאָרנישט ניט טאָנ. קומט אהער איבעראַכטאָג זונטיק. איכ וועל אײַכ באַווײַזנ נײַע קונצנ, אונ די פּאַרנאָסע וועלנ מיר צעטיילנ אַלעמענ גלײַכ.

איבעראַכטאָג זונטיק האָט זיכ צונויפגעקליבנ א גרויסער עולם. דאָס מאָל האָבנ די ייִנגלעכ ניט נאָר ניט אונטערגעשניטנ די שטריק, נאָר פאַרקערט, זיי האָבנ געהיט, אַז אַנ אַנדערער זאָל עס ניט טאָנ.

— זאָל מיר איטלעכער פונ אײַכ געבנ א שוכ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט צו די ייִנגלעכ, — איכ גיי אײַנ געוועט, אַז אַלע אײַערע שיכ וועלנ בא מיר טאַנצנ אַפ דער שטריק.

— וואָס שטעלסטו, אויב דו וועסט פאַרשפּילנ? — האָבנ די ייִנגלעכ געפרעגט.

— פערציק קופּל ביר, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט, — אונ אויב איכ וועל געווינענ, דאַרפט איר מיר באַצאָלנ בלויז דרײַ פּאַטאַר.

— גוט, — האָבנ די ייִנגלעכ געזאָגט, אונ איטלעכער פונ זיי האָט געגעבנ אולענשפּיגעלנ א שוכ.

אולענשפּיגעל האָט פאַרבונדנ אַלע שיכ אינ פּאָרטעכ, אַרופגעקלעטערט מיט זיי אַפ דער שטריק אונ גענומענ טאַנצנ פאַרנ גאַנצנ עולם.

— דו האָסט דאָכ צוגעזאָגט, אַז די שיכ וועלנ טאַנצנ, — האָט מענ געשריִענ פונ אונטנ, — פאַרוואָס זשע שלעפּסטו זיי אינ פּאָרטעכ? שטעל זיי אַוועק אַפ דער שטריק, אָדער זאָג, אַז דו האָסט פאַרשפּילט.

— זיי טאַנצנ בא מיר אינ פּאָרטעכ, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט, — איכ האָב דאָכ אײַכ ניט צוגעזאָגט, אַז זיי וועלנ אַליינ טאַנצנ אַפ דער שטריק. נו, וואָס האָט איר אַפ מיר אויסגעלופּעט די אויגאַנעס? באַצאָלט מיר די דרײַ פּאַטאַר.

— גיב אָפּ די שיכ, ליגנער דו איינער! — האָבנ די ייִנגלעכ גענומענ שרײַענ.

— נאַט אײַכ זיי אַוועק! — האָט אולענשפּיגעל אויסגעשריִענ אונ גענומענ וואַרפנ די שיכ אינ האַמויג. די ייִנגלעכ האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ כאַפּנ זייערע שיכ. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א געשלעג, אונ קיינער פונ די ייִנגלעכ האָט ניט געקאָנט געפינענ די אייגענע שיכ.

אזוי האָט אולענשפּיגעל באַצאָלט די ייִנגלעכ פאַר זייער מיִעסנ שטיקל אַרבעט.

די ייִנגלעכ זײַנענ געוואָרנ שטאַרק אינ כּעס אַפ אולענשפּיגעלנ. איבערהויפּט איינער פונ זיי, דער, וואָס האָט אַרײַנגעכאַפּט מער פונ אַנדערע אינעמ געשלעג. ער האָט געדראָעט, אַז ער וועט זיכ נוקמ זײַנ אינ אולענשפּיגעלנ. א ביסל שפּעטער האָט ער עס טאַקע געטאָנ.

אינ דעמ טאָג, ווענ מע טוט טפילע פאַר די פאַרשטאָרבענע, איז אולענ־

שפּיגעל איינינעם מיט זײַנע כאַוויירים אַרויס פֿונעם קאַטעדראַל פֿון גאַטס־מוטער. צווישן זײַנע כאַוויירים איז אויך געווען דאָס ייִנגל, וואָס האָט בײַם דעם געשלעג באַ דער סאָזשלקע באַשלאָסן צו נעמען נעקאָמע פֿון אולענ־שפּיגעלן.

די קאָמפּאַניע איז אַוועק אינעם שענק „רויטער שילד", ווו לאַמע גורזאַק האָט צוגעזאָגט שטעלן אַ פֿײַנעם קיבעד. ער האָט באַקומען פֿון דער מוטער לעקאָוועד יאַנטעוו דרײַ פּאַטאַר און האָט באַשלאָסן זיי פּאַטערן אַף גוטן קאַרטרייער ביר.

פֿון דעם ביר האָבן זיך באַ דער כעווּרע פּאַנאַנדערגעבונדן די צינ־גער.

— אַ טײַערער טאָג! — האָט געזאָגט דער געזעל מאַטיסאָן, — עס פֿרייען זיך הײַנט סײַ די לעבעדיקע סײַ די טויטע.

— די לעבעדיקע פֿרייען זיך געוויס: זיי זיצן באַ די קופּלען ביר. אָבער וואָס האָבן זיך צו פֿרייען די טויטע? — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— אָט, מע פּראַוועט נאָך זיי פּאַניכידעס.

— פֿאַראַן טאַקע פֿון וואָס צו פֿרייען זיך! — האָט אולענשפּיגעל זיך צעלאַכט. — אָט די גאַלאָכים און די מאָנאַכן — יענע האָבן זיך טאַקע וואָס צו פֿרייען הײַנט, יענע דאַרפֿן טאַקע זײַן צופֿרידן: זיי וועלן הײַנט אָנ־זשעברעווען אַ היפּש ביסל גאָלד. די טויטע אָבער איז אַלצייגס. אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— וואָס לאַכט איר? — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — יאָלדן, צי דען רעכנט איר, אַז די טויטע לאָזן זיך אײַן אַ טענצל אַף יענער־וועלט, ווען זיי הערן, ווי די גאַלאָכים וויען?

— שטילער, — האָט מאַטיסאָן געזאָגט, אַרומקוקנדיק זיך, — דײַן לאַנגע צונג קאָן דיר קאָסטן טײַער.

דאָס ייִנגל, אולענשפּיגעלס סוינע, האָט אופֿמערקזאַם זיך צוגעהערט צו איטלעכס וואָרט, ער אַליין אָבער האָט דעם גאַנצן אָוונט קיין האַלב וואָרט ניט אויסגערעדט.

אַף מאָרגן האָט מען אולענשפּיגעלן געכאַפּט און אַרײַנגעזעצט אין טורמע. אַ כוידעש מיט דרײַ טעג איז ער געזעסן הינטער די אײַזערנע גראַטעס, אַ הונגעריקער, ניט זעענדיק קיין איין לעבעדיקן מענטשן. דער טורמע־אופֿזעער פֿלעגט אופֿעסן דרײַ פֿערטל פֿון זײַן מיטיק.

אין מעשעך פֿונעם כוידעש האָבן די ריכטער זיך אָנגעפֿרעגט וועגן אולענשפּיגעלס אופֿירונג, און וואָס רעדט דאָס פֿאָלק וועגן אים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז בלויז אַ פֿריילעכער שטיפֿער, אַז ער האָט, עמעס, ניט פֿײַנט אָפּצולאַכן פֿון מענטשן, אַ וויצל טאָן זיך, אָבער קיינער האָט ניט געהערט, אַז ער זאָל ווען־ניט־איז האָבן געלעסטערט גאָט

אָדער די הייליקע. די ריכטער האָבן דערפאַר אַרויסגעטראָגן אַ ווייכן אור־טייל. מע האָט אים ניט אַרופגעלייגט אַפן שטערן קיין שטעמפּל מיט אַ צעגליטן אײַזן און מע האָט אים ניט געשמיסן מיט קיין קאַנטשיקעס.

אולענשפּיגעלן האָט מען סאַכאַקל פאַרורטיילט, ער זאָל עפּנטלעך טשוווע טאָן. אַפן דער נאָענטסטער קלויסטער־פּראָצעסיע האָט ער געדאַרפט גיין הינטערן גאַלעך, — אַ באָרוועסער, אין איין העמד, מיט אַן אָנגעצונדענער ליכט אין די הענט.

דאָס איז געווען אין עם טאָג פונעם רעליגיעזן יאָנטעוו וואָזנעסעניע. ווען די פּראָצעסיע האָט זיך אומגעקערט אין קלויסטער, האָבן די גאַ־לאָכים געצוווּנגען אולענשפּיגעלן זיך אָפּשטעלן אַפּ די טרעפּ און זאָגן:

— געלויבט זאָל זײַן דער אייבערשטער און געלויבט זאָלן זײַן די הערן גאַלאָכים. זייערע טפילעס זײַנען אַן עמעסע דערקוויקונג פאַר די אָרעמע זינדיקע, וואָס מע ברענט און מע בראָט זיי אין פײַער פון גענעם. ווײַל איטלעכע „אַווע“ [1] איז אַן עמער וואַסער, וואָס מע גיסט אַרופ אַפּ זייערע רוקנס, און איטלעכער „פּאַטער“ [2] איז אַ גאַנצער צעבער וואַסער.

כאָטש, זאָגנדיק עס, האָט אולענשפּיגעל אומבאַמערקטערהייט געמאַכט אַלערליי גרימאַסעס, נאָר זאָגן די דאָזיקע פאָר ווערטער האָט ער געדאַרפט מיט אַ הויכער און קלינגענדיקער שטים. דער אוילעם האָט געלאַכט, הערנ־דיק זײַנע טשוווע־רייד.

אין דעם יאָנטעוו טראַיצע האָט מען די דאָזיקע צערעמאָניע איבער־געכאַזערט נאָכאַמאָל.

נאָכדעם האָט מען אולענשפּיגעלן אַרויסגעטריבן פון פלאַנדריע אַפּ דרײַ יאָר. דער יונגער זינדיקער האָט געדאַרפט גיין קיין רוים און ברענ־גען פון דאָרטן אַ צעטל, אַז דער פּויפּסט איז אים מויכל זײַנע זינד.

פאַר דעם דאָזיקן אורטייל האָט קלאַאַס באַצאָלט די ריכטער דרײַ פלאָרין. איין פלאָרין האָט ער געגעבן אולענשפּיגעלן אַפן וועג. כוץ דעם האָט ער אים געקויפט פּיליגרימישע קליידער — אַ מאַנטל מיט אַ קאַפּישאָן און אַ ברייטן הוט.

באַם געזעגענען זיך, אַרומנעמענדיק די עלטערן, וואָס האָבן ניט אופגע־הערט צו וויינען, איז אולענשפּיגעל געווען שטאַרק דערשלאָגן. קלאַאַס און סאָאַטקין האָבן אים באַגלייט וויַיט הינטערן שטאָט; איינינעם מיט זיי איז געגאַנגען אַ הײַפל שכיינים, וואָס האָבן נאָך געקענט אולענשפּיגעלן פון קינדווײַז.

אין דאָרפ איז געווען נאָך איין מענטש, וואָס האָט געדײַגעט וועגן

---

1 „אַווע“ (Ave Maria) — אַ קאַטוילישע טפילע.

2 „פּאַטער“ (Pater noster) — „פּאַטער אונדזערער“ — אַ קאַטוילישע טפילע.

אולענשפּיגעלן ניט וויניקער פון קלאַסן און טאָטקינען. דאָס איז געווען די שיינע נעלע, די טאָכטער פון קלאַס שכיינע קאַטלינע. נעלע איז אויסגעוואַקסן אינאיינעם מיט אולענשפּיגעלן. זייערע הייזער זײַנען געשטאַנען איינס לעבן דאָס אַנדערע, און ביידע קינדער פלעגן אַלע טאָג זיך שפּילן צוזאַמען. אינאיינעם פלעגן זיי זיך גראָבן אין זאַמד, אינאיינעם פלעגן זיי לויפן צום קאַנאַל קלײַבן מושעלעך און כאַפּן מיט א רעשעטע קליינע פישעלעך.

נעלע איז אולענשפּיגעל געווען טײַערער פון א לײַבלעכן ברודער, און ס׳איז איר געווען שווער זיך צעשיידן מיט אים. זי איז געגאַנגען פונווײַטן הינטער די באַגלייטער — איינע אַליין מיט איר טרויער. ווען אולענשפּיגעל האָט זיך צעזעגנט מיט די עלטערן, האָט זי זיך א לאָז געטאָן לויפן נאָך אים. זי האָט אים דעריאָגט און זיך א וואָרף געטאָן אים אַפן האַלדז, וויינענדיק מיט ביטערע טרערן.

א לאַנגע צײַט זײַנען זיי געגאַנגען אינאיינעם. אולענשפּיגעל איז געווען פאַרטיפט אין זײַנע געדאַנקען און נאָר פון צײַט צו צײַט האָט ער געשעפּטשעט:

— דאָס וועט זיי קאָסטן טײַער.

— וואָס וועט זיי קאָסטן טײַער און וועמען? — האָט אים נעלע געפרעגט.

— וועמען? די קאַנאָניקעס, גאַלאָכים און אַבאַטן, וואָס האַלטן אונדז אין איין אָפּנאַרן. ווען איך וואָלט געהאַט א באַשעפטיקונג, וואָלט דאָך מיך די דאָזיקע רײַזע אָפּגעריסן פון דער אַרבעט אַף גאַנצע דרײַ יאָר. אַצינד וועט באַצאָלן דערפאַר מײַן פאָטער, דער אָרעמער קלאַס. ס׳וועט אים מיט דער מוטער אַצינד זײַן שווער אויסצוקומען. אָבער עס וועט קומען א צײַט און איך וועל נעקאָמע נעמען פון די דאָזיקע צוויאַקעס.

— אוי, טיל, זײַ פאָרזיכטיקער, — האָט נעלע געזאָגט, — זיי וועלן דיך אַף א שײַטער פאַרברענען.

— האָב קיין מורא ניט, זיי וועלן מיך ניט פאַרברענען, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט, — איך בין אַזוי ווי א סאַלאַמאַנדרע: אין פײַער ברען איך אויך ניט.

אַזוי האָבן זיי זיך צעשיידט: זי — א פאַרוויינטע און אַן אומעטיקע, און ער — א בייזער און א דערשלאָגענער.

קאפיטל 6

וועגן דעם, וואָס אולענשפּיגעל האָט געזען אפן וועג קיין רוים

אין דער צײַט זײַנען צום אימפּעראַטאָר קאַרל געקומען די אינקוויזיטאָרן און טעאָלאָגן און האָבן אים געמאָלדן אָט וואָס:

— די קאַטוילישע קירך קומט אום, איר מעכטיקײַט פאַלט פון טאָג צו טאָג, דער אימפּעראַטאָר דאַרפ זי אונטערהאַלטן. ניט אומזיסט פלעגן אַלע גאַלאָכים, אַבאַטן און מאָנאַכן בעטן גאָט אַלע שאָ פאַר זײַן הײליקער מאַיעסטעט. די דאָזיקע טפילעס ראָבן עס געהאָלפן דעם אימפּעראַטאָר אָפּצוהאַלטן אַזױנע רומפולע ניצחױנעס.

איין שפאַנישער אַרציבישאָפ האָט געפאָדערט, אַז דער אימפּעראַטאָר זאָל אָפּהאַקן זעקס טויזנט קעפ אָדער פאַרברענען אפן שײַטער זעקס טויזנט אַפּיקאָרסים, קעדיי אויסצוראָטן אין נידערלאַנד דעם ליוטעראַנישן גלויבן. זײַן מאַיעסטעט האָט גנעדיק אויסגעהערט דעם אַרציבישאָפ און האָט אײַנגעפונען, אַז דאָס איז נאָך ווינציק.

און פון יענעם טאָג אָן האָבן זיך אָנגעהויבן אַכזאָריעסדיקע רעדיפעס אף די רעפאָרמאַטן.

און אומעטום, וווהין אולענשפּיגעל פלעגט נאָר קומען, פלעגט ער באַגעגענען שפּורן פון די אַכזאָריעס: קעפ, וואָס האָבן געשטאַרטשעט אף סלופּעס, קערפּערס פון דערהאַרגעטע מאַנצבלען, וואָס זײַנען געהאַנגען אף טליעס, פרויען, וואָס מע האָט לעבעדיקערהייט באַגראָבן און וואָס האָבן זיך געשטיקט אין זייערע קוואָרים. און די גאַלאָכים פלעגן קריגן צו צוועלפ פּאַטאַר פון איטלעכן, וואָס פלעגט טשוווע טאָן.

אין לוווען האָט אולענשפּיגעל געזען, ווי די הענקערס האָבן פאַרברענט דרײַסיק ליוטעראַנער מיטאַמאָל. דעם שײַטער האָט מען אָנגעצונדן מיט דער הילף פון האַרמאַטן-פולווער. אין לימבורג האָט ער געזען, ווי אַ גאַנצע מישפּאָכע — מענער און פרויען — איז אַרופ אפן שײַטער מיטן

געזאַנג פון טילים. נאָר איינער פון זיי — א זאָקן — האָט געשריִען, ווען דער פלאַם האָט אים ארומגעכאַפּט.

די קאַטוילישע קירכ האָט טריִומפירט...

איינמאָל האָט אולענשפּיגעל באַגעגנט אפן שליאַכ א גאַנצן האַמויִנ פּילִיגרימען. אולענשפּיגעל איז אוועק איניינעם מיט זיי און ער האָט זיכ דערוווּסט, אז זיי גייען טפּילע טאָן צו גאָט קיין אלזעמבערג.

אָרעמע באָרוועסע זקיינעס זײַנען געגאַנגען אפן שליאַכ מיטן פּאָנעם אפּ צוריק. דאָס האָבן אָנגעזעענע דאַמען זיי געדונגען, זיי זאָלן אויס-בעטן בא גאָט, אז ער זאָל פאַרגעבן די זינד פון די דאָזיקע דאַמען. און צוליב דעם האָבן זיי געדאַרפט גיין מיטן פּאָנעם אפּ צוריק אזש ביז אלזעמבערג. פאַר די רײַכערע פּילִיגרימען איז די רײַזע דורכגעגאַנגען א ביסל גרינגער. זיי פלעגן זיכ אָפּט צוזעצן אפּ לאָנקעס באַם ראַנד פונעם וועג און זיי פלעגן הוליען אונטער די קלאַנגען פון פידלען און פײַפיאָלן. אינ זייערע קופלען האָט געשוימט ביר. דער רייעכ פון גע-בראָטן פלייש האָט זיכ אופגעהויבן צום הימל.

צווישן די זקיינעס האָט אולענשפּיגעל באַמערקט עפּעס א פּליכעוואַט מענטשעלע מיט אויסגעראַטשעטע אויגן. בא אים איז געווען א בייז און פאַרטיפט אינ זיכ פּאָנעם. דאָס מענשעלע איז געשפּרונגען אפּ אהינטער און האָט ניט אופגעהערט צו מורמלען די טפּילע „פּאָטער אונדזערער“.

אולענשפּיגעל האָט אים דעריאָגט און גענ־מען שפּרינגען גלײַכ מיט אים. די דודקעס און פידלען און דער יאָמערדיקער געזאַנג פון די פּילִי-גרימען האָבן אקאָמפּאַנירט דעם דאָזיקן טאַנץ.

— קאָפּ דו הילצערנער, — האָט אים אולענשפּיגעל געזאָגט, — וואָס שפּרינגסטו? ווילסט אינ א גרוב אַרײַנפּאַלן?

דאָס פּליכעוואַטע מענטשעלע האָט קיינ וואָרט ניט געענטפערט און האָט פאָרגעזעצט צו מורמלען זײַן טפּילע.

— עפּשער ציילסטו די בלעטער אפּ די ביימער?

דער מענטש האָט אים געמאַכט א צייכן, ער זאָל אנשווײַגן ווערן.

— עפּשער ביסטו פון זינען אראָפּ, וואָס דו לויפּסט ווי א קרעפּס? — האָט אולענשפּיגעל פאָרגעזעצט, שפּרינגענדיק פאַר דעם פּליכעוואַטן מענטשע-לע, — ניט ריכטיק, אײַער פּליכעוואַטע גנעדיקײַט, הא?

דער מענטש האָט אלץ געשטומט. אולענשפּיגעל האָט פאָרגעזעצט צו שפּרינגען און האָט אזוי געקלאַפּט מיט זײַנע שיכ, אז דער גאַנצער וועג האָט געהילכט, ווי א הילצערנער קאַסטן.

— ביסט טויב, צי וואָס? נו, מירן עס באַלד זען. טויבע הערן ניט, ניט ווי מע זידלט זיי, ניט ווי מע לויבט זיי. צי דען וועסטו אויכ גאָר-נישט ניט הערן? אלטער שוטע, ליאַלקע שמאַטענע, פּלאָקן טרוקענער!

נו, ווו, אשטייגער, קאָנ מענ נאָכ זענ אזא געלנ פארצעפּ, ווי בא דיר? ווו, אשטייגער, קאָנ מענ נאָכ זענ אזא קרעציקנ קאָפּ? סיַידנ אפּ דער טליִע. זיַי זיכ מוידע, ביסט שוינ געהאנגענ ווענ־ניט־איז אפּ דער טליִע?

דער מענטש האָט ניט געענטפערט און האָט פאַרגעזעצט צו שפּרינגענ און צו מורמלענ זיַינ טפילע.

— הער נאָר אויס, וואָס איכ וועל דיר זאָגנ, — האָט אולענשפּיגעל פאַרגעזעצט, — אויב דו ביסט ניט קיינ פרעסער, ביסטו א שיקער. אויב דו ביסט ניט קיינ שיקער, ביסטו א פרעסער. און אויב צווישנ טויזנט מיליאָנ וויַיבער איז פאראנ איינע א שלאק, איז דאָס, זיכער, דיַינ וויַיב. זי מאזיקט דיכ אלע זונטיק.

ווי אולענשפּיגעל האָט עס נאָר אויסגערעדט, האָט ער א פלי געטאָנ אפּ דר׳ערד מיטנ קאָפּ אראָפּ. דער פליכעוואטער האָט אימ דערלאנגט אזא זעצ מיטנ פויסט אינ נאָז, אז בא אימ האָבנ זיכ גענומענ שיטנ פונקענ פונ די אויגנ. דערנאָכ האָט ער זיכ ארופגעוואָרפנ אפּ אולענשפּיגעלנ און אימ גענומענ נעריקנ מיט ביידע הענט.

— וועסט שוינ אפּ וויַיטער וויסנ, ווי צו דרייענ א מויעכ ערלעכע פּילִיגרימענ, — האָט דער מענטש א זאָג געטאָנ, איבערכאפּנדיק דעמ אָטעמ, — איכ גיי קיינ אלזעמבערג בעטנ גאָטס־מוטער, זי זאָל מיר אומקערנ דאָס וויַיב, וואָס איז פאָריקע וואָכ פונ מיר אנטלאָפנ. קעדיי צו דערשלאָגנ זיכ אזא גנאָד, דארפ מענ, אָנהייבנדיק פונ דער אייגענער שטוב אזש ביז די ערשטע טרעפּ פונעמ אלזעמבערגער קלויסטער, דורכגיינ מיטנ פּאָנעמ אפּ צוריק און מיט קיינעמ קיינ וואָרט ניט אויסריידנ. אצינד דארפ איכ איבער דיר אָנהייבנ אלצ פונדאָסניַי.

— איכ וועל דיכ, אויסוווּרפּ איינער, אויסלערנענ ווי צו שלאָגנ זיכ אפּנ שליאכ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, און ער האָט מיט זיַינ שטעקנ אזוי צעמאזיקט דאָס מענטשל, אז יענער האָט אימ גענומענ בעטנ, ער זאָל אפּ אימ ראכמאָנעס האָבנ.

און די פּילִיגרימענ האָבנ ניט אופגעהערט צו יאָמערנ, די פידלענ און די דודקעס האָבנ פונ אלע זיַיטנ גערעוועט, און דער רייעכ פונ געבראָטנ פליישׁ האָט, פונקט ווי געטלעכער וויַירעכ, זיכ אופגעהויבנ צומ בלויענ הימל.

קאפּיטל 7

וועגן דעם, וויאַזוי קאַטלינע איז מעשוגע געוואָרן

קאַטלינע, אולענשפּיגעלס טויפמוטער, האָט מיט הייל־גראָזן אויסגעהיילט בא איר שאָכן ספּילמאַן אַן אָקס, א כאַזער און דריַ שאָפּנבעק. אין א קורצער צייַט ארום נאָך דעם איז בא יאַן בעלאָנען קראַנק געוואָרן א בעהיימע. בעלאָן האָט גערופן קאַטלינען. אָבער ניט געקוקט אַף אַלע אירע באַמיִונגען, האָט קאַטלינע די בעהיימע ניט געקאָנט אויסהיילן: די בעהיי־מע איז געפּייגערט. יאַן בעלאָן האָט באַשולדיקט קאַטלינען אין קישעף.

— די פאַרשאָלטענע קאַטליינע האָט פאַרקישעפט מייַן בעהיימע, — האָט בעלאָן דערציילט די שכיינים, — איך האָב אַליין געזען, ווי זי פלעגט גלעטן די בעהיימע, בייס זי פלעגט איר געבן די רעפוע. דערבייַ פלעגט זי מיט דער בעהיימע ריידן, אַזוי ווי מיט א מענטשן. אַן ערלעכע קריסטן וועט זיך ריידן מיט א באַלכייַ?

אַף דעם סמאַך האָט מען קאַטלינען אַרעסטירט. מע האָט באַשלאָסן זי פּייַניקן אַזוי לאַנג, ביז זי אַליין וועט זיך ניט מודע זייַן אין אַלע אירע פאַרברעכנס. דער הענקער האָט צוגעבונדן קאַטלינען מיט שטריק צו א באַנק און גענומען איר גיסן אין מויל אַרייַן זודיק וואַסער.

ווען מע האָט נאָך דער פּייַניקונג קאַטלינען אָפּגעבונדן, האָט זי קיין איין וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן. זי האָט זיך נאָר געקלאַפּט אין האַרצן: דאָס זודיקע וואַסער האָט איר אָפּגעבריט די געדערים.

— זייַ זיך מודע, מאַכשייפע, אַז דו האָסט פאַרקישעפט די בעהיי־מע, — האָט איר דער ריכטער געזאָגט.

— ניין, איך קאָן זיך ניט מודע זייַן, — האָט קאַטלינע געענטפערט, — איך האָב ליב אַלע באַלעכייַים און טו זיי קיינמאָל ניט קיין שלעכטס: זיי זייַנען אומבאַהאָלפענע באַשעפענישן. איך האָב געהיילט די בעהיימע מיט הייל־גראָזן.

— דו האָסט דער בעהיימע געגעבן סאַם, קעדיי זי זאָל פּייגערן, — האָט דער ריכטער געזאָגט.

קאטלינע

פ׳נ שארל דע גרו׳ס אָפּאָרט

סאָטקין

פון איפּאָליט בולאַנזשעס אָפּאָרט

— הער ריכטער, — האָט קאטלינע געזאָגט, — איך בין באַ אײַך אין די הענט, פונדעסטוועגן וויל איך זאָגן, אז א באלכיי קאָן, אזוי ווי א מענטש, שטארבן פון א קרענק, ניט געקוקט אף דער הילף פון א רופע. און איך שווער זיך מיט גאָט אונדזערן יעזוס קריסטוס, אז איך האָב בעלאָנס בעהיימע קיין שום שלעכטס ניט געוואָלט טאָן, אז איך האָב זי געהיילט מיט די איינפאכסטע מיטלען.

דער ריכטער איז שיר ניט דערשטיקט געוואָרן פון רעציכע.

— איך וועל דיך אָפּגעווײנען פון אקשענען זיך, פארפלוכטע מאכשייפע! — האָט ער אויסגעשריִען, — טו אָקאָרשט אף איר אָן די שטיוול, הענקער.

און ער האָט אויסגעטרונקען א גרויסע גלאָז ווײַן.

דער הענקער האָט אוועקגעזעצט קאטלינען אפן דעקל פון א דעמבענער טרונע. דער אייבערשטער קאנט פונעם דעקל איז געווען שארף, ווי א מעסער, אף די פיס האָט מען איר אָנגעטאָן ענגע שטיוול פון רויער פעל, און נאָכדעם האָט מען זי צוגערוקט צום קאמין. דעם קאמין האָט מען שטארק געהייצט. עס איז געווען נאָיאבער כוידעש.

דער קאנט פונעם טרונע־דעקל האָט זיך אײַנגעשניטן אין קאטלינעס לײַב, און דאָס פײַער האָט אזוי אָנגעווארעמט די רויע פעל, אז די שטיוול האָבן זיך צונויפגעקאָרטשעט און האָבן איר שרעקלעך צונויפגעקלעמט די פיס.

— אוי, ס׳טוט מיר וויי! — האָט קאטלינע געשריִען, — ס׳טוט מיר וויי! זאָל מען מיר געבן סאם!

— רוקט זי אָקאָרשט צו נאָך נעענטער צום פײַער, — האָט דער ריכטער געזאָגט.

און ער האָט פאַרגעזעצט דעם פארהער.

— זאָג מיר אָקאָרשט, ווי אָפט פלעגסטו פליִען אין דער הייך אף א בעזעם? וויאַזוי פלעגסטו מאכן, ס׳זאָל פוילן די טווּע אין פעלד, די פרוכט אף די ביימער, א קינד בא דער מוטער אין בויך? ווי פלעגסטו דערפירן דערצו, אז ברידער פלעגן זיך צעקריגן איינער מיטן צווייטן, ווי פלעגסטו מאכן שוועסטער פאר בלוט־סאָנים?

קאטלינע האָט אים ניט געקאָנט ענטפערן, זי האָט בלויז קאָנוולסיוו א מאך געטאָן מיט דער האנט, ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגן ניין.

— דו וועסט בא מיר ריידן! — האָט דער ריכטער געזאָגט, — רוקט זי אָקאָרשט צו נאָך נעענטער צום פײַער.

קאטלינע האָט אָנגעהויבן שרײַען אפן קול פון ווייטעק.

— בעת דעם טײַוול, זאָל ער דיך אָפּקילן, — האָט דער ריכטער געזאָגט.

1086—3

קאַטלינע האָט געמאַכט אַ פּרוּוו אַראָפּצוּוואַרפן די שיך, וואָס האָבן זיך שוין גענומען רייַבערן פון דער שטאַרקער היץ.

— בעט דעם טייוול, זאָל ער דיר אויסטאָן די שיך.

דער זייגער האָט געשלאָגן צען. אין דער צייַט פּלעגט דער ריכטער אַלע טאָג עסן מיטיק. ער איז אַרויס אײַנײַנעם מיטן הענקער און מיטן געריכט־שרײַבער. קאַטלינע איז געבליבן ליגן לעבן פייַער, צוגעבונדן צום דעקל פון דער טרונע.

אין אַ שאָ אַרום האָבן זיי זיך אומגעקערט. קאַטלינע איז געלעגן פאַרגליווערט און אומבאַוועגלעך.

— מיר דאַכט זיך, אַז זי איז געשטאָרבן, — האָט דער שרײַבער געזאָגט.

דער ריכטער האָט באַפוילן אַראָפּנעמען זי פון דער טרונע און אויסטאָן איר די שטיוול. אָבער די שטיוול האָט מען ניט געקענט אַראָפּשלעפּן. דער הענקער האָט זיי צעשניטן מיט אַ מעסער. קאַטלינעס פיס זײַנען געווען פאַרגאָסן מיט בלוט.

דער ריכטער האָט געקאַלופּעט אין די ציין און האָט גלײַכגילטיק געקוקט אויף קאַטלינען. ביסלעכווייַז איז זי געקומען צו זיך, נאָכדעם האָט זי אַ פאַל געטאָן אויפן דיל און האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט אויפהייבן.

— דו האָסט מיט מיר געוואָלט כאַסנע האָבן, — האָט זי געזאָגט צום ריכטער, — נאָר ס'וועט זיך דיר ניט אײַנגעבן. פיר מאָל דרײַ — איז אַ הייליקע צאָל, און דרײַצן — דער באַשערטער.

דער ריכטער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר קאַטלינע האָט אים איבערגעשלאָגן.

— שווייַג, — האָט אים קאַטלינע געזאָגט, — ער קאָן דיך נאָך דערהערן. פאַרוואָס עפּעס ביסטו געקומען אַזוי שפּעט? פיר מאָל דרײַ — איז אַ הייליקע צאָל. ער וועט דיך דערהאַרגענען, היט זיך.

— זי רעדט מיטן טייוול, — האָט דער ריכטער געזאָגט.

— זי איז פון זינען אַראָפּ פון די יעסורים, — האָט דער געריכט־שרײַבער געזאָגט.

קאַטלינען האָט מען פונדאָסניי אָפּגעפירט אין טורמע. אין דרײַ טעג אַרום האָט זיך צונויפגעקליבן דער געריכט, ער האָט באַהאַנדלט קאַטלינעס אייניקע און האָט צוגעמישפּעט צו פאַרברענען זי אויפן שייַטער.

דער הענקער און זײַנע געהילפן האָבן זי אַוועקגעפירט אויפן מאַרקפּלאַץ. דאָרט איז שוין געווען צוגעגרייט אַ הויכע טריבונע. די פאַרמישפּעטע האָט מען געצוווּנגען אַרופגיין אויף דער טריבונע. דער פּראָפּאָס, דער העראָלד און די ריכטער זײַנען געווען אַלע אויף זייערע ערטער.

דער הערָלד האָט דרײַ מאָל אויסגעשאלט אין טרומייט. דערנאָכ האָט
ער זיכ געווענדט צום פאָלק אונ האָט געזאָגט:
— דער מאגיסטראט פונ דער שטאָט דאמע האָט ראכמאָנעס געהאט אפ
דער פארמישפּעטער אונ האָט אָפּגעשאפט זײַנ אורטייל. נאָר קעדיי צו בא־
וויַזנ, אז זי איז פּאָרט א מאכשייפע, וועט מענ איר פארברענענ די האָר,
דערנאָכ וועט זי באצאָלנ צוואנציק פלאָרינ שטראָפ־געלט אונ וועט ארויס־
געטריבנ ווערנ אפ דרײַ יאָר פונ דער שטאָט דאמע. אויב זי וועט זיכ
אומקערנ אהער פארנ טערמינ, וועט מענ איר אָפּהאקנ די רעכטע האנט.
דערנאָכ האָט דער הענקער צוגעבונדנ קאטלינענ צו א סלופּ, אוועק־
געלייגט אפ איר אָפּגעגאָלטנ קאָפּ א בינטל קלאָטשע אונ עס אונטערגע־
צונדנ, די קלאָטשע האָט געברענט לאנגזאם, אונ קאטלינע האָט געוויינט
אונ געשריִענ
נאָכ דעם האָט מענ זי אָפּגעבונדנ, ארײַנגעזעצט אינ א פורל אונ ארויס־
געפירט פונ שטאָט. גיינ האָט זי ניט געקאָנט: אזוי זײַנענ געווענ צעקאליע־
טשעט אירע פיס.

קאַפּיטל 8

וועגנ דעמ, ווי אולענשפּיגעל איז געפֿלויגנ אינדערלופֿטנ

אולענשפּיגעל איז געקומענ אינ דער אַלטער בראַבאַנטער שטאָט הער־צאָגענבוש. מע האָט אימ דאָ געוואָלט מאַכנ פֿאַרנ שטאָטישנ לעצ, נאָר אולענשפּיגעל האָט דערופֿ ניט אײַנגעשטימט.

— פֿאַר א פּיליגרימ פּאַסט ניט צו ווערנ א לעצ אינ א באַשטימטנ אָרט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — עפּעס אַנדערש איז מאַכנ זיכ נאַריש איבער שליאַכנ אונ שענקענ.

אינ דער צײַט איז קיינ נידערלאַנד אָנגעקומענ דער קיניג פֿיליפּ, קעדיי צו באַקוקנ זײַנע צוקינפֿטיקע באַזיצ־לענדער. ער איז געווענ אַלט נײַנ אונ צוואַנציק יאָר. אינ זײַנע פֿאַרבלאָזע אויגנ איז געווענ פֿאַרבאָרגנ שטענדיקער אומעט, בייזע פֿאַלשקײַט אונ אַקשאָנעס. דער קאָפּ זײַנער איז געווענ אויסגעצויגנ, באַדעקט מיט געלבלעכע האָר, דאָס פּאָנעמ — קאַלט, דער גופֿ — דאַר, די פֿיס — דינ. גערעדט האָט ער פּאַמעלעכ אונ ניט דײַטלעכ, פּונקט ווי דאָס מויל זײַנס וואָלט געווענ אָנגעשטאָפּט מיט וואָל.

לעקאָוועד זײַנ אָנקומענ קיינ אַנטווערפּענ האָט מענ אויסגעבויט דרײַ אונ צוואַנציק אַרקעס, טויזנט אַכט הונדערט נײַנ אונ זיבעציק סאָכרימ האָט מענ פֿאַרפּוצט אינ קאָסטיומענ פֿונ פּורפּור־רויטנ סאַמעט. פֿיר הונדערט זעכצנ לאַקייענ האָט מענ אָנגעטאָנ אינ רײַכע ליווריעס. פֿיר טויזנט בירגער זײַנענ געווענ אָנגעטאָנ אינ אייגענע אונ די זעלבע זײַדענע קאָסטיומענ. אַפֿ דעמ אַלעמענ האָט די שטאָט געפּאַטערט צוויי הונדערט אַכציק טויזנט פֿלאָרינ.

א סאַכ לייצימ — מענער אונ פֿרויענ — האָבנ פֿאַרווײַלט דעמ יאָנטעוו־דיקנ האַמוינ. צווישנ די לייצימ איז געווענ דער „קיניג פֿונ די נאַראָנימ“ פֿונ ליל, וואָס האָט געפֿירט א פֿערד פֿאַרנ עק, דער „לוסטיקער אַבאַט“ פֿונ אַראַס, וועלכער האָט געזשליאָקעט ווײַנ פֿונ א פֿלעשל, וואָס האָט אויס־געזענ ווי א טפֿילע־בוכ. דאָ איז געווענ דער „קאַנאָניק, וואָס האָט ליב

די אכילע" — א לעצ פונ אטא; אָנשטאָט א רעקל זײַנענ אפ אים געהאנגענ שמאטעס, דערפאר אָבער האָט ער געהאלטנ אינ האנט א גראָבע וורשט אפ אָנצושטאָפּנ דעמ בויכ. עס איז אויכ געווענ דער „פירער פונ די דרײַס-טע יונגענ" — א פרײַלעכער יונגערמאנ, וואָס איז אפ א דערשראָקענער ציג געפאָרנ רײַטנדיק צווישנ דעמ האמוינ הוליאקעס. קלעפּ אָנ א צאָל האָבנ זיכ געשאָטנ אפ אימ פונ אלע זײַטנ, אָבער אונדזער דרייסטער יונג האָט זיכ אײַנגעטשעפּעט אינ די האָר פונ דער ציג אונ איז געפלויגנ פאָרויס, ניט קוקנדיק אפ גאָרנישט.

די דאָזיקע פּראָצעסיע האָט פארווײַלט דעמ אוילעמ מיט אלערליי וויצנ, נאָר דער קיניג איז געווענ פארומערט אונ האָט קיינ איינ וואָרט ניט אויסגערעדט.

אינ אָוונט האָט דער אנטווערפּענער מארקגראפ, די בורגמײַסטערס אונ דער קאנאָניק זיכ צונויפגעקליבנ אפ א באראטונג. זיי האָבנ גענומענ קלערנ, וויאזוי פרײַלעכ מאכנ פיליפנ.

— אינ הערצאָגענבוש — האָט דער מארקגראפ געזאָגט, — וווינט א באַ-ווּוסטער לעצ פיערקינ יאקאָבסענ. איר האָט געהערט פונ אימ?

— געהערט, — האָבנ זיי געענטפערט.

— לאָמיר שיקנ עמעצנ נאָכ אימ, עפּשער וועט זיכ אײַנגעבנ פרײַלעכ מאכנ פיליפּנ.

— לאָמיר שיקנ נאָכ אימ. — האָבנ אלע באשלאָסנ.

ווענ דער שאָליעכ פונ אנטווערפּענ איז אָנגעקומענ קיינ הערצאָגענבוש, האָט מענ אימ געזאָגט, אז דער לעצ פיערקינ האָט געפּלאצט פונ געלעכ-טער.

— בא אונדז אינ שטאָט ווײַלט אצינד צײַטווײַליק אנ אנדער לעצ, אולענשפּיגעל רופט מענ אימ, — האָבנ די דאָרטיקע אײַנוווינער געזאָגט דעמ שאָליעכ, — פּרוווט אימ אײַנלאדנ.

דער שאָליעכ האָט געפונענ אולענשפּיגעלנ אינ איינעמ פונ די שמאָ-טישע שענקעס. אולענשפּיגעל האָט געגעסנ פריקאסע פונ מושלענ אונ פאר-טרונקענ עס מיט גוטנ ווײַנ. ער האָט דעמ שאָליעכ גנעדיק אויסגעהערט, דערנאָכ האָט ער זיכ ארופגעזעצט אפ א פערד אונ איז אוועקגעריטנ אי-בײַנעמ מיט אימ קיינ אנטווערפּענ.

אינגיכנ זײַנענ זיי אָנגעקומענ קיינ אנטווערפּענ. זיי האָבנ זיכ געמאָלדנ צומ מארקגראפ.

— מיט וואָס רעכנסטו פרײַלעכ מאכנ דעמ קיניג? — האָט דער מארק-גראפ געפרעגט אולענשפּיגעלנ.

— איכ וועל פליענ אינדערלופטנ, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

— וויאזוי זשע וועסטו עס פליענ?

— א דערצייילטער סאָד איז ווינציקער ווערט פונ א זייפנבלאָז, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט.

העראָלדנ זייַנענ דערווייַל ארומגעפאָרנ אפ זייערע פארפוצטע פערד איבער אלע גאסנ, פלעצער אונ ראָגנ. שאלנדיק אינ די טרומייטנ, האָבנ זיי געמאָלדנ אלע בירגער, אז אולענשפיגעל, א לעצ פונ דאמע אינ פלאנדריע, וועט פליִענ אינדערלופטנ, אונ דער קיניג פיליפ גופע וועט קלייַבנ נאכעס פונ דער דאָזיקער אומגעווייִנלעכער פאָרשטעלונג.

אינ טאָג פונ דער פאָרשטעלונג איז אולענשפיגעל ארומגעפאָרנ אפ אנ אייזל איבער דער גאנצער שטאָט. ער איז געווענ אָנגעטאָנ אינ א פורפור־רויטנ זייַדענעמ אָנצוג. אפנ קאָפ האָט ער געטראָגנ א רויטע מיצ מיט צוויי אייזלשע אויערנ. אפנ האלדז בא אימ איז געהאנגענ א האלדזבאנד פונ א לעצ, אפ וועלכנ עס איז געווענ אויסגעקריצט דער הערב פונ דער שטאָט אנטווערפענ. די שפיצנ פונ זייַנע שיכ זייַנענ געווענ פארבויגנ אפ ארופ־צו אונ באפוצט מיט קליינע באגילדטע גלעקעלעכ.

דער אייזל איז אויכ געווענ פארפוצט אינ פורפור־רויטנ זייַד. אפ יעדער זייַט בא אימ איז געווענ אויסגענייט מיט גאָלד דער הערב פונ דער שטאָט אנטווערפענ.

פאר דעמ אייזל איז געלאָפנ א דינער. אינ איינ האנט האָט ער געהאלטנ אנ אייזלשנ קאָפ אונ געפאָכט מיט אימ אפנ אוילעמ. אינ דער צווייטער האנט האָט ער געהאלטנ א שטעקנ מיט א גלעקעלע פונ א בעהיימע.

אולענשפיגעל האָט איבערגעלאָזנ דעמ דינער אפנ גאס, איז אראָפגעקראָכנ פונעמ אייזל אונ איז ארופ אפנ פלאצ.

אקוראט אנטקעגנ דער טריבונע, ווו עס איז געזעסנ דער קיניג, איז געשטאנענ א הויז, אויסגעבויט אינ איטאליענישנ סטיל.

לענגויס דעמ דאכ פונעמ הויז האָט זיכ געצויגנ א לאנגע רינווע, לעבנ דער רינווע אפנ דאכ איז געווענ א בוידעמ־פענצטערל.

אולענשפיגעל האָט זיכ אופגעהויבנ אפנ דאכ אונ איז צוגעקומענ צו דער רינווע.

דאָ האָט ער ברייט צענומענ די הענט אונ האָט גענומענ פאָכנ מיט זיי, ווי א ווינטמיל מיט די פליגלענ. א הויכער קלאנג פונ גלעקעלעכ האָט זיכ דערטראָגנ צומ האמוינ.

— היט זיכ! איכ פלי! — האָט אולענשפיגעל אויסגעשריִענ אונ דערבייַ האָט ער געמאכט אנ אָנשטעל, אז ער איז גרייט אראָפצושפרינגענ פונ דאכ.

דער גאנצער אוילעמ איז ווי פארגליווערט געוואָרנ אונ האָט ניט אָפגעריסנ די אויגנ פונעמ אומגעזעענעמ פליִער. אלטע ווייַבער האָבנ אינ שרעק געמורמלט זייערע טפילעס. סאָלדאטנ האָבנ אייַנגעבויגנ די אלעבארדעס: אלע־

מען האָט זיך געדאַכט, אַז אולענשפּיגעל וועט אַראָפּשפּרינגען גלייך אַף זיי. אַפילע דער קיניג פיליפּ, דער דאָזיקער גוילעם, וואָס קיין זאַך האָט אים ניט גערירט, אַפילע ער, דאַכט זיך, האָט אויך אַ קוק געטאָן אַף אולענשפּיגעלן מיט זיינע גלייכגילטיקע אויגן.

אָבער אולענשפּיגעל האָט אין דער מינוט אַראָפּגעלאָזן די הענט, זיך איינגעבויגן און אויסגעשריִען הויך אַפן קאָל:

— איך האָב געמיינט, אַז איך בין דער איינציקער נאַר אין אַנטווערפּען. ווייַזט זיך אָבער אַרויס, אַז נאַראָנים איז דאָ אַ וועלט. ווען איר זאָגט מיר, אַז איר וועט פליִען אינדערלופטן, — וואָלט איך אייך ניט געגלייבט. נאָר עס איז געווען גענוג, אַז אַ לעצ זאָל אייך זאָגן, אַז ער וועט פליִען אינדערלופטן, — און איר גלייבט אים. וויאַזוי קאָן איך עס פליִען, אַז איך האָב ניט קיין פליגלען?

אייניקע האָבן געלאַכט, אַנדערע האָבן זיך געוזידלט, נאָר אַלע האָבן געזאָגט:

— זאָגט אייך וואָס איר ווילט, נאָר דער נאַר האָט פאָרט געזאָגט אַן עמעס.

נאָר דער קיניג פיליפּ איז געזעסן, ווי אַ גוילעם, און האָט אַפילע ניט אַ שמייכל געטאָן פון אולענשפּיגעלס קאָמישע רייד.

די שטאָטישע רעדלפירער האָבן צווישן זיך גערעדט:

— עס איז גאָרניט קעדיי געווען איינצואָרדענען אַ יאָנטעוו פאַר אַזאַ זויערן פּאַרצעף.

זיי האָבן באַצאָלט אולענשפּיגעלן דרייַ פלאָרינ און זיך געזעגנט מיט אים. אולענשפּיגעל האָט אומזיסט זיך באַמיט איבערצולאָזן זיך דעם רויטן זייַדענעם אָנצוג, אין וועלכן די שטאָטישע רעדלפירער האָבן אים פאַרפּוצט, נאָר דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן: דעם אָנצוג האָט מען באַ אים אָפּגענומען אַף צוריק.

— וואָס איז דרייַ פלאָרינ? — האָט אולענשפּיגעל גערעדט צו זיך אַליין. — בלעטער פאַלן אַראָפּ פון די ביימער און וואַקסן אויס פונדאָסנייַ, פלאָרינען אָבער, ווען זיי גליטשן זיך אַרויס פון קעשענע, קערן זיך שוין אַהין אַף צוריק ניט אום.

און ער האָט אופמערקזאַם באַטראַכט זיינע מאַטבייעס, שפּאַנענדיק מיטן וועג.

„סאַרא שטאָלצ פּאָנעם עס איז באַ דעם אימפּעראַטאָר קאַרל, — האָט אולענשפּיגעל געקלערט, — אַפן קאָפּ איז באַ אים אַ העלם, אַפן ברוסט אַ פּאַנצער, אין די הענט — דער מעלוכע-קיילעך און אַ שווערד. ער איז מיט גאָטס גנאָד אימפּעראַטאָר פון רוים, קיניג פון שפּאַניע און אַזוי ווייַטער און אַזוי ווייַטער. און אַף דער צווייטער זייַט פון די מאַטבייעס איז

אויסגעקוועטשט זײַן הערב מיט דער אופשריפט: „שענק מיר מוט קעגן דײַנע סאָנים". ווירקלעך, בא אים האָט טאַקע געקלעקט מוט צו פאַרפאָלגן די אומגליקלעכע רעפאָרמאטן און צו קאָנפיסקירן זייער האָב־און־גוטס. עך, ווען איך בין עס אימפעראטאָר קארל, וואָלט איך אָנגעמאכט אזויפיל פלאָ־רינען, אז עס וואָלט געקלעקט פאר אלעמען".

אזוי טראכטנדיק, האָט אולענשפיגעל פלוצלינג דערפילט, אז עמעצנס לײַכטע הענט האָבן ארומגענומען זײַן קאָפּ און האָבן אים פארשטעלט די אויגן.

ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אז דאָס איז נעלע.

— דאָס ביסטו, נעלע? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— יאָ — האָט זי געענטפערט, — איך לויף שוין נאָך דיר נאָך, זינט דו ביסט ארויס פון שטאָט. קום מיט מיר.

נעלע האָט אין דער צײַט געוווינט אין באָרגערהאוס, הינטער אנט־ווערפען. דערהערט, אז עפּעס א לעצ קלײַבט זיך פליען אינדערלופטן אפ אנטווערפענער פלאַצ, האָט זי באלד זיך אָנגעשטויסן, אז דאָס איז אולענ־שפיגעל, און זי איז טייקעף אוועק אין שטאָט.

— און ווו איז קאטלינע? — האָט אולענשפיגעל געפרעגט, שפאנענדיק זײַט בא זײַט מיט נעלען.

— דו ווייסט נאָך ניט, — האָט זי געזאָגט, — אז מע האָט זי באשולדיקט אין קישעף, געפּײַניקט, געצונדן קליאָטשע אפן קאָפּ און ארויסגעטריבן אפ דרײַ יאָר פון דאמע. זאָלסט זיך ניט דערשרעקן, ווען דו וועסט זי דער־זען: פון די יעסורים איז זי פון זינען אראָפּ. גאנצע טעג קוקט זי אפ אירע פיס און דערמאָנט עפּעס אײַנעם א האנס. מיך פאָלגט זי, ווי א קליין קינד. אָבער ווי נאָר זי דערזעט אן אָקס אָדער א בעהיימע, אנט־לויפט זי פון זיי וווהין די אויגן טראָגן: זי דערמאָנט זיך אָן דעם, ווי מע האָט זי געפּײַניקט. עס קאָן זי דאן גאָרנישט ניט אָפּהאלטן — ניט קיין פארקן, ניט קיין טײַכל, ניט קיין רינשטאָק — זי לויפט, ביזוואנען זי פאלט ניט ערגעץ אפן וועג. דעמאָלט הייב איך זי אוף און וואש ארום אירע צע־בלוטיקטע פיס. איך מיין, אז ווען מע האָט געברענט די קליאָטשע בא איר אפן קאָפּ, האָט מען איר דעם מארך אויך פארברענט.

טרויעריקע זײַנען זיי געקומען אהיים. קאטלינע איז געזעסן לעבן שטוב און זיך געוואַרעמט אפ דער זון.

— דערקענסט מיך? — האָט אולענשפיגעל זי געפרעגט.

— פיר מאָל דרײַ איז א הייליקע צאָל, — האָט קאטלינע געענטפערט, — נאָר דרײַצן — דאָס איז דער מאזל. ווער ביסטו עס, מײַן אומגליקלעכ קינד?

— איך בין אולענשפיגעל, קלאאס און סאָאָטקינס זון, — האָט אולענ־שפיגעל געענטפערט.

קאַטלינע האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ, אָבער אז זי האָט זיך איינ אים גוט איינגעקוקט, האָט זי אים דערקענט. דערנאָך האָט זי אים א זאָג געטאָנ אפנ אויער:

— אולענשפּיגעל, טאָמער וועסטו זענ האַנסנ, מײַנ האר, איז זאָג אים, ער זאָל זיך צו מיר אומקערנ.

דערנאָך האָט זי זיך א כאַפּ געטאָנ פארנ קאָפּ אונ געזאָגט:

— אַך, ווי ס׳טוט מיר וויי! זיי האָבנ בא מיר דעמ סייכל אָפּגענומען, אָבער ווענ האַנס וועט זיך אומקערנ, וועט ער צוריק אָנפילנ מײַנ קאָפּ. אצינד איז דער קאָפּ אינגאַנצנ פּוסט. הערסט, ער קלינגט, דער קאָפּ, ווי א גלאָק. דאָס בעט זיך מײַנ נעשאָמע אפ דער פרײַ, אפּאָנעמ, אז מיר איז שוינ געבליבנ צו לעבנ זייער ווייניק. אונ שלאָפנ קאָנ איך שוינ אויך ניט מער: די גאַנצע צײַט וואַרט איך אפ מײַנ האַנסנ. ער וועט דאָך, סאָפּקאָלסאָפּ, קומענ אונ אָנפילנ מײַנ קאָפּ.

אונ זי איז מיט א קרעכצ געפאלנ אפ דער ערד.

פונדערווײַטנ האָט שוינ געהילכט דער אָוונט־גלאָק. די פּויערים, וואָס האָבנ זיך אומגעקערט פונ די פעלדער, זײַנענ דורכגעגאַנגענ פארבײַ קאָטלינעס כאַטקע אונ האָבנ געזאָגט איינער צומ צווייטנ:

— אָט אַנ אומגליקלעכע!

אונ דערבײַ האָבנ זיי זיך פרומ איבערגעציילעמט.

נעלע אונ אולענשפּיגעל האָבנ געוויינט, נאָר אולענשפּיגעל האָט דאָ לאַנג ניט געקאָנט פארברענגענ. ער האָט געמוזט גיינ ווײַטער.

קאפּיטל 9

וועגן דעם, וויאַזוי אולענשפּיגעל האָט געדינט אלס שטאָטישער טרומייטער

וויפל אולענשפּיגעל האָט ניט געקליבן קיין נאכעס פון זײַנע שיינע מאטבייעלעך, אָבער לאנג האָבן זיי זיך בא אים ניט געהאלטן...

אולענשפּיגעל איז אוועק קיין אאודענאארדע. אין דער דאָזיקער שטאָט איז געשטאנען א פלאמאנדישער גארניזאָן, וואָס האָט באשיצט די שטאָט פון די פראנצויזן. אין יענע צײַטן האָבן פראנצויזישע באנדעס אומגע־בלאָנקעט איבערן גאנצן לאנד און האָבן עס וויסט געמאכט, פּונקט ווי די היישעריקן.

מיטן גארניזאָן האָט געקאָמאנדעוועט דער קאפּיטאן קאָרניוין. זײַנע רײַטער פלעגן ארומפאָרן איבער די ארומיקע דערפער און פלעגן ראבירן די באפעלקערונג ניט ערגער פון די פראנצויזן. אין א מילכאָמע־צײַט איז שטענדיק געווען אזוי: די פּויערים פלעגן מוזן אויסשטיין פוןביידע צדאָדים.

פאר די רײַטער האָט אלץ געטויגט — הינער, הינדעלעך, טײַבעלעך, קעלבער, כאזיירים. איינמאָל, ווען קאָרניוין און זײַנע אָפיצערן האָבן, אָנ־געלאָדענע מיט אלדאָסגוטס, זיך אומגעקערט אין שטאָט, האָבן זיי דערזען אפן וועג אולענשפּיגעלן. ער איז געשלאָפן אונטער א בוים. ער איז אײַנ־געשלאָפן א הונגעריקער, און אצינד האָט זיך אים געכאָלעמט א געשמאק שטיקל געבראָטן פלייש.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט דער קאפּיטאן א פרעג געטאָן אולענ־שפּיגעלן, וועקנדיק אים מיטן שפּיץ פונעם שפּיז.

— איך שטארב פון הונגער, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

— ווער ביסטו? — האָט אים דער קאפּיטאן געפרעגט.

— אן אומגליקלעכער פּיליגרים, א טענצער אפן שטריק, א טרו־מייטער.

אלס טרומייטער האָט אולענשפּיגעל זיך אָנגערופן דערפאר, ווײַל ער

האָט געהערט, אַז אין אַאודענאַארדער שלאָס איז געווען פרײַ די וואַקאַנ־
סיע פון אַ וואַך-טרומייטער.

— גוט, — האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט, — וועסט זײַן דער שטאָטישער
טרומייטער.

מע האָט אולענשפּיגעלן געבראַכט אין פעסטונג און אים באַזעצט אויפן
העכסטן טורעם. דאָ, אין דער הייך, איז געווען קאַלט: דער ווינט האָט
געבלאָזן פון אַלע פיר זײַטן.

אולענשפּיגעל האָט באַקומען אַ באַפעל צו שאַלן אין טרומייט, ווי נאָר
ער וועט באַמערקן דעם סוינע. קעדיי ס'זאָל זיך אים ניט וועלן שלאָפן,
פלעגט מען אים געבן עסן זייער ווייניק.

דער קאַפּיטאַן מיט זײַנע רײַטער זײַנען געזעסן אין טורעם און האָבן
געהוליעט אויפן פרעמדנס כעזשבן. צו אולענשפּיגעלן האָט זיך דערטראָגן דער
רייעך פון געבראָטן פלייש, וואָס די רײַטער האָבן געפרעסן, אָבער אים
איז אַפילו קיין פּיצעלע פון דעם ניט אָנגעקומען. אָן דעם טרומייטער
האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן. ניט ווילנדיק האָט ער זיך געמוזט דערנערן
מיט פוסטן סוף.

איינמאָל זײַנען אָנגעלאָפן די פראַנצויזן און האָבן אַוועקגעטריבן אַ
סאַך פי. אולענשפּיגעל האָט עס געזען, נאָר ער האָט ניט געשאַלט.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויפגעהויבן צו אים אויפן טורעם.

— פאַרוואָס האָסטו ניט געשאַלט, אויסוווּרף איינער? — האָט ער אים
געפרעגט.

— פון אַזאַ עסן האָב איך דעם גאַנצן קויעך פאַרלאָרן, — האָט אולענ־
שפּיגעל געענטפערט.

אויפן מאָרגן האָבן די רײַטער ווידעראַמאָל געהוליעט. אָן אולענשפּיגעלן
האָט זיך ווידער קיינער ניט דערמאָנט. פּלוצלינג האָט געקומען הויך שאַלן
דער טרומייט.

די סאָלדאַטן האָבן אַוועקגעוואָרפן דעם ווײַן און דאָס געבראָטענע
פלייש, זײַנען אַרויסגעשפּרונגען אויף די פערד און אַוועקגעריטן אין פעלד.
זיי האָבן גערעכנט, אַז דער טרומייטער האָט באַמערקט פראַנצויזן. אין
פעלד איז אָבער קיין נפעש ניט געווען. דאָרט האָט זיך בלויז געפי־
טערט אַ בוהײַ. די רײַטער האָבן אים אַוועקגעפירט מיט זיך, קעדיי כאָטש
מיט עפּעס צו באַלוינען זיך פאַר דער אומזיסטער טירכע.

אומגעקערט זיך אויף צוריק, האָט דער קאַפּיטאַן דערזען אינעם עס־
צימער אולענשפּיגעלן. אולענשפּיגעל האָט געקײַט דעם לעצטן ביסן. ער
איז געווען שיקערלעך און האָט מיט אַ שמייכל געקוקט אויפן קאַפּיטאַן.

— פאַררעטער! — האָט דער קאַפּיטאַן זיך צעשריִען אויף אים. — ווען דער
סוינע איז געווען האַרט לעבן שטאָט, האָט דײַן טרומייט געשוויגן! און

אצינד, װען אפ הונדערט מײַל ארומ איז קײנ אײנ פראנצויז ניטאָ, שאלסטו מיט די לעצטע קיכעס! איכ װעל באפעלנ דיכ אופהענגענ!

— הער קאפיטאנ, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט, — בא מיר אפנ טורעמ בלאָזט אזוי שטארק, אז װענ איכ בלאָז ניט ארויס פונ זיכ די גאנצע לופט, װאָלט מיכ דער װינט אװעקגעטראָגנ, װי א פעדער, אוש ביז צו די לעצטע װאָלקנס.

קאָרניוינ האָט אימ קײנ אײנ װאָרט ניט געענטפערט אונ איז ארויס פונ צימער.

אינגיכנ האָט זיכ אינ שטאָט פארשפרײט א קלאנג, אז קײנ אאודעבאארדע װעט קומענ צו פאָרנ דער גנעדיקער אימפעראטאָר קארל אינאײנעמ מיט זײַנ הויכגעשטעלטער סויטע. אולענשפיגעלנ האָט מענ ארויסגעגעבנ ברילנ, קעדײ ער זאָל נאָכ פונװײַטנ קאָנענ באמערקנ, װי עס דערנעענטערט זיכ דער אימפעראטאָר. מע האָט אימ אָנגעזאָגט, אז װענ ער װעט באמערקנ דעמ אימפעראטאָר פאר א פערטל מײַל פונ שטאָט, זאָל ער דרײַ מאָל אויסשאלנ אינ טרומײט. אזויארומ װעלנ די בירגער באצײַטנס באװײַזנ צו קלינגענ אינ די גלעקער, צוגרײטנ פײַערװערק, בראָטנ פלײש אונ אָפעפענענ די פעסער װײַנ.

ארומ האלבנ טאָג האָט אולענשפיגעל באמערקט אפנ װעג פונ לופעהעמ א גרויסע צאָל רײַטער. דער װינט האָט געדרײט זײערע סולטאנעס. אינדערלופטנ האָבנ געפלאטערט די קיניגליכע פאָנענ. פאָרויס איז געפאָרנ א רײַטער מיט א שטאָלצ-פאריסענעמ קאָפ. ער האָט געטראָגנ א הוט, באפוצט מיט לאנגע פעדערנ אונ אויסגענײט מיט גאָלד, אונ א ברוינעמ סאמעטענעמ מאנטל.

אולענשפיגעל האָט אָנגעטאָנ די ברילנ אונ ער האָט טײקעפ דערקענט דעמ אימפעראטאָר קארל, װעלכער האָט זיכ געײַלט אינ שטאָט, קעדײ גנעדיק צו דערלויבנ די אאודענאארדער בירגער, זײ זאָלנ אימ מעכאבעד זײַנ מיט די בעסטע מײַכאָלימ.

די רײַטער האָבנ זיכ דערנעענטערט צו דער שטאָט. זײ האָבנ זיכ גוט אויסגעהונגערט אינ װעג. נאָר אולענשפיגעל האָט באשלאָסנ, אז זײ װעלנ ניט פײַגערנ, אויב זײ װעלנ צוהונגערנ נאָכ א טאָג. זײ הוליענ דאָכ אלע טאָג, װיפל זײער הארצ גלוסט. אונ ער האָט רויִק געקוקט אפ דער גלענצנדיקער קאװאלקאדע אונ האָט אפילע ניט געקלערט צו שאלנ אינ טרומײט.

די רײַטער האָבנ זיכ דערנעענטערט, לאכנדיק אונ פלאפלענדיק אײנער מיטנ צװײטנ. זײַנ מאיעסטעט האָט זיכ באמיט צו טרעפנ, מיט װאָס פאר א מיטיק מע װעט עס אימ הײַנט מעכאבעד זײַנ. נאָר די גלעקער אינ שטאָט האָבנ עפעס ניט געקלונגענ, אונ דאָס האָט שטארק פארכידעשט דעמ אימפעראטאָר.

מיטאמאָל איז געקומען צו רייַטן אין שטאָט עפּעס א פויער.

— פראַנצויזן רייַטן! — האָט ער אויסגעשריִען, — א גאַנצער אָטריאַד רייַטער!

דער טויער־היטער האָט טייקעף פארמאכט דעם טויער און האָט געשיקט זייַן געהילף אָנזאָגן, אז מע זאָל פארמאכן אויך די איבעריקע טויערן. און די רייַטער זייַנען אין דער צייַט געזעסן רויִק אין זייער טורעם, געדרייכערט און געוואַרט אפן סיגנאַל פונעם טרומייט, וואָס זאָל צו וויסן געבן וועגן דעם, אז עס דערנעענטערט זיך דער אימפּעראַטאָר. וואָס נעענטער דער אימפּעראַטאָר איז צוגעפאָרן צו דער שטאָט, אלץ מער האָט ער זיך געערגערט, לעמייַ עס שיסן ניט די האַרמאַטן און עס קלינגען ניט די גלעקער. וואָס האָט פּאַסירט? פארוואָס מאכט עס ניט די שטאָט קיין פייַערלעכע באַגעגעניש פאר איר האַר?

דער אימפּעראַטאָר איז צוגעפאָרן צום טויער און האָט גענומען קלאַפּן מיטן פויסט. די סוויטע האָט אומצופרידן געבורטשעט.

— אויב איר וועט די מינוט ניט אופהערן צו טומלען, — האָט פון אויבן אויסגעשריִען דער טויער־היטער, — וועט איר באַקומען די עמעסע פּאָרציע פולווער.

— בלינדער כאַזער! — האָט אף אים א געשריי געטאָן דער צעיושעטער קאַרל, — דו דערקענסט דען ניט דייַן האַר, דעם אימפּעראַטאָר?

— דערציייל ניט קיין באָבעמייַסעס, — האָט דער טויער־היטער געענטפערט, — דער אימפּעראַטאָר קאַרל איז אַצינד אין איטאַליע. קינד־און־קייט ווייסט עס.

— אויב דו עפנסט די מינוט ניט אוף דעם טויער, — האָט דער אימפּעראַטאָר זיך צעשריִען, — וועלן מיר דיך אָפּבראָטן אף א שפּיז אָן שום ראַכמאָנעס. און איידער מיר וועלן דיך אָפּבראָטן, וועסטו מוזן דערשלינגען דייַנע שליסלען, אויכוווּרפּ איינער!

דערווייַל האָט דעם אימפּעראַטאָר דערזען פון דער וואַנט איינער אַן אַלטער סאָלדאַט, וואָס האָט פריִער געדינט אין דעם אימפּעראַטאָרס אַרמיי.

— דאָס איז דער אימפּעראַטאָר! — האָט ער גענומען שרייַען, — עפן אוף, טויער־היטער!

פאר שרעק האָט דער טויער־היטער געכאַלעשט. דער סאָלדאַט האָט געכאַפּט די שליסלען און האָט געעפנט דעם שטאָטישן טויער.

דער אימפּעראַטאָר האָט מיט קאַס א פרעג געטאָן, ווי האָט מען עס געהאַט די האָזע צו האַלטן אים, דעם אימפּעראַטאָר, אזוי לאַנג הינטער א פארשלאָסענעם טויער. דער סאָלדאַט האָט אים אלץ דערקלערט אזוי, ווי ער האָט געקענט. דער אימפּעראַטאָר האָט דעמאלט באַפוילן, מע זאָל פארשליסן דעם טויער און ברענגען פון טורעם די רייַטער. נאָך דעם האָט

ער אונטער די קלאַנגען פון טרומייטן און פויקן זיך געלאָזט אין שטאָט אַרײַן.

אינגיכן האָבן זיך איינער נאָך דעם צווייטן אופגעכאַפּט די גלעקער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקער גלאָקן־קלאַנג. די בורגמײַסטערס זײַנען אַרויסגעשפּרונגען אויפן גאַס, קעדיי צו באַגעגענען דעם אימפּעראַטאָר. די דינער זײַנען אַוועקגעלאָפן איבערן שטאָט, קעדיי צוצוגרייטן פֿײַער־ווערק, בראָטן אויפעס און עפענען די פעסלעך ווײַן.

שטיקנדיק זיך פון צאָרן, האָט דער אימפּעראַטאָר אַ פרעג געטאָן די בורגמײַסטערס, צי זײַנען זיי ניט ווערט צו גיין אויף דער טליִע פאַר אַזאַ באַגעגעניש. די בורגמײַסטערס זײַנען, ציטערנדיק פון שרעק, געפאַלן אויף די קני פאַרן אימפּעראַטאָר.

— אין דעם איז שולדיק דער שטאָטישער טרומייטער אולענשפּיגעל, — האָבן זיי געזאָגט, — מע האָט אים אַרויסגעגעבן ברילן, אַוועקגעשטעלט אויפן טורעם און אָנגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט באַמערקן אײַער מאַיעסטעט, זאָל ער דרײַ מאָל אויסשאַלן אין טרומייט. נאָר דער דאָזיקער פּוסטעפּאַס־ניק האָט זיך דערלויבט צו פאַרשלאָפן אַפילו אײַער הייליקע פּערזאָן, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון אַזאַ פילצאָליקער און פּרעכטיקער סוויטע.

דער אימפּעראַטאָר האָט באַפוילן, מע זאָל צו אים ברענגען אולענ־שפּיגעלן.

— פאַרוואָס האָסטו ניט געשאַלט? — האָט ער אים געפרעגט, — האָסט דאָך געהאַט ברילן?

זאָגנדיק עס, האָט דער אימפּעראַטאָר זיך פאַרשטעלט מיט דער האַנט פון דער זון און האָט געקוקט אויף אולענשפּיגעלן דורך די פינגער.

אולענשפּיגעל האָט זיך אויך פאַרשטעלט מיט דער האַנט פון דער זון און האָט געזאָגט:

— אײַער מאַיעסטעט, אַפילו איר אַליין קוקט דאָך אויך אויף דער גאַנצער וועלט צווישן די פינגער, איז אָט האָב איך אויך געקוקט צווישן די פינגער, אָן ברילן, אויף אײַער מאַיעסטעט און אויף די איבעריקע דורכ־לויכטן.

— מע וועט דיך אופהענגען, — האָט דער אימפּעראַטאָר געזאָגט.

די בורגמײַסטערס האָבן זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זיי האָבן ניט דער־ווידערט אויף דעם מיט קיין איין וואָרט.

דער הענקער האָט אַ נעם געטאָן אולענשפּיגעלן פאַרן קאָלנער און האָט אים אַוועקגעשלעפּט פאַרבײַ די רײַטער אויף דער טליִע. אולענשפּיגעל האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין ווידערשטאַנד, ער האָט בלויז געמורמלט שטי־לערהייט טפילעס.

— וואָס, טרומייט־שפּילער, — האָבנ כויזעק געמאכט פונ אולענשפּיגעלנ די רייַטער, — האָסט זיכ דערשפּילט צו דער טליִע?

פונ אלע זייַטנ איז אפנ פּלאצ זיכ צונויפגעלאָפנ א גרויסער האמוינ.

— ס'ארא אכזאָריעס — פאר אזא קלייניקייַט פארמישפּעטנ אפ טויט א יונגנ באָכער! — האָבנ די פרויענ געזאָגט.

— מירנ ניט לאָזנ אופהענגענ אולענשפּיגעלנ! — האָבנ געשריִענ די מענער, — דאָס איז קעגנ אונדזערע געזעצנ.

מע איז דערגאנגענ צומ טליִע־פעלד. אולענשפּיגעלנ האָט מענ ארופגעפירט אפנ עשאפאָט, אונ דער הענקער האָט אימ ארופגעוואָרפנ אפנ האלדז א שטריק. ארומ דער טליִע איז געשטאנענ א גרויסער האמוינ. לעבנ עשאפאָט איז געזעסנ אפ א פערד א דיקער פּראָפאָס. ער האָט געהאלטנ אינ האנט דעמ ריכטערישנ הערב־שטעקנ, מיט וועלכנ ער האָט, לויט דעמ אימפּעראטאָרס באפעל, געדארפט געבנ א ווונק, מע זאָל אויספילנ די שטראָפ.

דער האמוינ האָט געשריִענ:

— באגנעדיקט אולענשפּיגעלנ! באגנעדיקט אולענשפּיגעלנ!

— באגנעדיקט מיכ, אייַער מאיעסטעט! — האָט אולענשפּיגעל איבערגעכאזערט, שטייענדיק אפנ עשאפאָט.

דער אימפּעראטאָר האָט אופגעהויבנ די האנט אונ געזאָגט:

— אויב דער דאָזיקער פּוסטעפּאסניק וועט בא מיר בעטנ עפּעס אזוינס, וואָס איכ קענ ניט אויספילנ, וועל איכ אימ באגנעדיקנ.

— בעט, אולענשפּיגעל! — האָט דער האמוינ געשריִענ.

— וואָס קאָנ ער בעטנ, דער אומגליקלעכער? — האָבנ די פרויענ גערעדט צווישנ זיכ, וויינענדיק, — אונדזער אימפּעראטאָר קאָנ דאָכ אלצ אויספילנ.

— בעט, אולענשפּיגעל! בעט!

— אייַער מאיעסטעט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — איכ וועל בא אייַכ ניט בעטנ קיינ געלט, קיינ מאיאָנטקעס, אפילע שענקענ מיר דאָס לעבנ וועל איכ בא אייַכ ניט בעטנ. איכ וועל בא אייַכ בעטנ גאָר עפּעס אנדערש. נאָר איר זאָלט מיכ דערפאר ניט פערטלענ אונ ניט קאטעווענ, ביז איכ וועל אליינ ניט אויסהויכנ מייַנ לעצטנ אָטעמ.

— גוט, — האָט דער אימפּעראטאָר געזאָגט.

— אייַער מאיעסטעט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — דערלויבט מיר פארנ טויט א שנעל טאָנ אייַכ אינ נאָז אינ דער אָנוועזנהייַט פונ דעמ גאנצנ פאָלק.

דער עולמ האָט זיכ צעלאכט.

— דאָס קאָן איך דיר ניט דערלויבן, — האָט שמייכלענדיק . געזאָגט דער אימפּעראַטאָר, — דו ביסט באַגנעדיקט, אולענשפּיגעל.

אָבער די בורגמײַסטערס האָט ער באַפוילן, זיי זאָלן א האַלב יאָר צײַט נאָכאַנאַנד טראָגן אַף דער פּאָטיליצע ברילן.

— אויב די אַאודענאַארדער בירגער קאָנען ניט קוקן פון פאָרנט, טאָ זאָלן זיי קוקן פון הינטן, — האָט דער אימפּעראַטאָר געזאָגט.

אָט פאַרוואָס אַפן הערב פון דער שטאָט אַאודענאַארדע זײַנען ביז הײַנטיקן טאָג אָנגעמאָלט קײַלעכדיקע ברילן.

קאפּיטל 10

וועגן דעם, ווי אולענשפּיגעל איז געווען א דינער בא לאמען גודזאקן

אין ליעזש, אפּן פּישמארק, האָט אולענשפּיגעל באגעגנט א דיקן באָכער מיט צוויי קאָשיקעס אין די הענט. דער רעכטער קאָשיק איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט אויפּעס, דער לינקער — מיט פּאָרעלן, מורענעס, העכט און קאמבאלעס.

אולענשפּיגעל האָט זיך אײַנגעקוקט אין דעם יונגנמאן און האָט דערקענט זײַן לאנדסמאן לאמע גודזאק.

— וואָס טוסטו דאָ, לאמע? — האָט ער אים געפרעגט.

— איך זאָג דיר, אז אין ערגעץ איז ניטאָ אזא פּראכטפולער מארק, ווי אין דער דאָזיקער רומפולער שטאָט, — האָט אים לאמע געזאָגט, — איז אָט ווינ איך דאָ. און וואָס טוסטו דאָ?

— איך זוך, ווו צו פארדינען א שטיקל ברויט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— ניט קיין געשמאקער ביסן, — האָט לאמע געזאָגט, — א סאך בעסער איז שוין עסן געבראָטענע טײַבעלעך און פארבײַסן מיט דראָסלעך.

— דו ביסט געוואָרן א גוויר? — האָט אים אולענשפּיגעל געפרעגט.

— בא מיר זײַנען געשטאָרבן די עלטערן, — האָט לאמע געענטפערט, — און איך האָב באקומען א ירושע. אצינד ווינ איך דאָ איינער אליין מיט מײַן דינסט. זי איז אפילע בלינד אפ איין אויג און אלט, דערפאר אָבער קאָכט זי — א מײַכל.

— גיב, איך וועל דיר צוטראָגן די קאָשיקעס.

— אדערבע, העלף צוטראָגן.

און זיי זײַנען אוועק איבערן מארק.

— דו ווייסט, פארוואָס דו ביסט א שוטע? — האָט לאמע א פרעג געטאָן בא אולענשפּיגעלן.

— ניין, איך ווייס ניט, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

— דערפאר, ווײַל דו טראָגסט עסנוואַרג ניט אין מאָגן, נאָר אין די הענט.

— דאָס איז ריכטיק, לאַמע. נאָר זינט איך האָב פארגעסן דעם טאַם פון ברויט, ווילן אַפּ מיר קיין דראַסלעך ניט קוקן.

— דו וועסט זיי עסן צוזאַמען, אויב מײַן דינסט וועט דיר דערלויבן צו אַרבעטן בא מיר אין הויז.

גײענדיק, האָבן זיי באַגעגנט א פּײַן יונג מיידל אין א זײַדן קלייד. דאָס מיידל האָט א קוק געטאָן אַפּ לאַמען מיט אירע כיטרע אייגעלעך און איז אוועק ווײַטער. הינטער איר איז געגאַנגען איר אַלטער פּאָטער. ער האָט געטראָגן צווײ קאָשיקעס, איינעם מיט אויפּעס, דעם אַנדערן מיט פיש.

לאַמע האָט אָנגעוויזן אולענשפּיגעלן אַפּ דעם מיידל.

— זעסט, אָט דאָס מיידל וועט זײַן מײַן ווײַב, — האָט ער געזאָגט.

— איך קען זי, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — זי איז פון צאָטעהעם, און מע שמועסט, אַז זי איז א גרויסע פּוילערקע. די מוטער קערט אָנשטאָט איר די גאַס. און דער אַלטער פּאָטער פּרעסט אויס אירע העמדער.

— האָסט באַמערקט, ווי זי האָט אַפּ מיר א קוק געטאָן? — האָט לאַמע פרײלעך געזאָגט, ניט הערנדיק אולענשפּיגעלן.

זיי זײַנען צוגעגאַנגען צו לאַמעס הויז און האָבן אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַן אַלטע דינסט, א בלינדע אַפּ איין אויג, האָט זיי געעפנט די טיר.

— סאַנזשינע, — האָט לאַמע איר געזאָגט, — ווילסט עפּשער נעמען דעם דאָזיקן יאַט פאַר א געהילף?

— מע קאָן אים נעמען אַפּ א פּרווו, — האָט זי געענטפערט.

— נעם אים אַפּ א פּרווו. זאָל ער זיך באַקענען מיט דײַנע געשמאַקע מײַכאָלים.

סאַנזשינע האָט דערלאַנגט צום טיש דרײַ שוואַרצע ווורשטן, א קרוג ביר און א גרויס קײַלעכיק לעבל ברויט.

אולענשפּיגעל און לאַמע האָבן זיך א נעם געטאָן צו דער אכילע.

— דו ווייסט, אולענשפּיגעל, וווּ עס געפינט זיך אונדזער נעשאָמע, — האָט לאַמע אים געפרעגט.

— ניין, לאַמע, איך ווייס ניט.

— אין אונדזער מאָגן. זי ליידיקט אים נאָכאַנאַנד אויס, קעדײַ מע זאָל אים פונדאָסנײַ קאָנען אָנשטאָפּן. ווי קלערסטו, וואָס איז בעסער פאַר אַלץ אין לעבן? זיסער מאַאַסער ווײַן און א גוטער צובײַסן. ניט ריכטיק, הא?

— ריכטיק, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — פעטע ווורשט — איז דער בעסטער פרײַנט פאַר אַן עלנטער נעשאָמע.

— ער האָט זיך נאָך ניט אָנגעגעסן, — האָט לאַמע געזאָגט, — גיב איס נאָך עפּעס, סאַנזשינע.

דאָס מאָל האָט די דינסט דערלאַנגט צום טיש דרײַ װײַסע װורשטן.

— װען איך װעל שטאַרבן, — האָט לאַמע פּאַרטראַכטערהייט אַ זאָג געטאָן, — װעט מײַן מאָגן שטאַרבן אינאײנעם מיט מיר. אַף יענער-װעלט װעט מיר אױסקומען צו פאַסטן. דו שטעלסט זיך פאָר, װי איך װעל זיך דאָרט מאַטערן, אַז איך װעל דאַרפן שלעפּן אַ פּוסטן הונגעריקן בױך?

— די שװאַרצע װורשט איז געװען געשמאַקער, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— ס׳װעט זײַן גענוג פונדײַנטװעגן, — האָט איס סאַנזשינע דערקלערט — האָסט אױך אױך אַרײַנגעריבן זעקס שטיק.

— באַ מיר אין הױז עסט מען צװזאַט, — האָט לאַמע געזאָגט, — דו װעסט עסן דאָס זעלבע, װאָס איך.

— איך װעל פאַרגעדענקען די דאָזיקע װערטער, — האָט איס אולענשפּי-געל געזאָגט.

נאָכדעם, אַז אולענשפּיגעל האָט אָפּגעגעסן צװזאַט, איז באַ איס גע-װאָרן אַ גוטע שטימונג, און ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. אין דעם טאָג האָט ער אױסגערײניקט אַלע קעסעלעך און סקאָװורעדעס אַזױ, אַז זײ האָבן באַ איס געגלאַנצט, װי די זון.

עס האָט זיך אָנגעהױבן אַ זאַט לעבן. ער פּלעגט אָפט אַרײַנשמעקן אין קיך, אָפט פּלעגט ער זיך אַראָפּלאָזן אין קעלער; דערפאַר אָבער האָט ער דעם בױדעם איבערגעלאָזט פאַר די קעץ — קײן עסנװאַרג איז דאָרט ניט געװען.

אײנמאָל האָט איס סאַנזשינע באַפױלן אָפּבראָטן צװײ הינדעלעך און אַלײן איז זי אַװעק אַפן מאַרק אײַנקױפן קרײַטעכער.

װען די הינדעלעך האָבן זיך שױן אָפּגעבראָטן, האָט אולענשפּיגעל, ניט קלערנדיק, אױפגעגעסן אײנס.

אומגעקערט זיך אַהײם, האָט סאַנזשינע זיך צעשריגן:

— װו איז דאָס צװײטע הינדעלע? האָסט עס אױפגעפרעסן, אױסװורף אײנער?

— קוק מיט בײדע אױגן — װעסטו זען בײדע הינדעלעך, — האָט איר אולענשפּיגעל געזאָגט.

די אײן-אױגיקע סאַנזשינע איז אַװעקגעלאָפן צו לאַמען באַקלאָגן זיך אַף אולענשפּיגעלן.

— װאָס מאַכסטו כױזעק פון מײַן דינסט? — האָט לאַמע איס געזאָגט, אַרײַנגײענדיק אין קיך, — ס׳איז דאָך געװען צװײ הינדעלעך?

— ריכטיק, לאַמע, ס׳איז געװען צװײ. נאָר װען איך בין צו דיר אָנ-

געקומען אַפ אַרבעט, האָסטו דאָך מיר אַליין געזאָגט, אַז איך וועל טרינ־
קען און עסן דאָס זעלבע, וואָס דו. מע האָט מיר געהייסן אָפּבראָטן צוויי
הינדעלעך — האָב איך איינס אופגעגעסן, און דו עס אופ דאָס צווייטע.
איך האָב שוין האנאָע געהאַט, און דיר שטייט ערשט פאָר האנאָע צו האָבן.
טאָ ווער פון אונדז איז גליקלעכער?

— זייער ריכטיק, — האָט לאַמע געזאָגט, שמייכלענדיק, — אָבער זייַ
אַזוי גוט, אָפ ווייַטער, בעט איך דיך פאָלגן אַלץ, וואָס סאַנזשינע הייסט
דיר. טו נים קיין איבעריקע אַרבעט. דעמלט וועט אַפ דייַן כיילעק אויס־
קומען בלויז אַ העלפט פון דער אַרבעט.

— גוט, איך וועל פאַרגעדענקען די דאָזיקע ווערטער, — האָט אולענ־
שפּיגעל געזאָגט.

פון דעמלט אָן פלעגט ער אַלץ, וואָס סאַנזשינע פלעגט אים הייסן,
טאָן נאָר אַפ דער העלפט. זי פלעגט אים שיקן נאָך אַ פאָר עמער וואַסער,
פלעגט ער ברענגען איין עמער. זי פלעגט אים שיקן אָנשעפּן פון פעסל אַ
קרוג ביר, — פלעגט ער ברענגען אַ האַלבן קרוג, און דאָס איבעריקע פלעגט
ער אויסטרינקען אין וועג.

סאָפּקאָלסאָפ האָט סאַנזשינען דערעסן די דאָזיקע קונצן, און זי האָט
דערקלערט לאַמען, אַז אויב דער דאָזיקער פּוסטעפּאַסניק וועט איבערבלייַבן
אין הויז, וועט זי זיך אָפּזאָגן פון דער אַרבעט.

לאַמע איז דעמלט אַוועק צו אולענשפּיגלען אַפ דער קיך.

— וועסט מוזן אַוועקגיין, מייַן זון, כאָטש דו האָסט זיך גאַנץ פייַן
אָנגעגעסן אין דעם דאָזיקן הויז, — האָט לאַמע אים געזאָגט, — דו הערסט,
דער האָן קרייט, כאָטש איצט איז ערשט צוויי אַזייגער באַטאָג. דאָס הייסט —
ס׳וועט זייַן אַ רעגן. איך וואָלט ניט וועלן דיך אַרויסטרייַבן פון שטוב
אין אַזאַ טאָג, ווען עס קלייַבט זיך גיין אַ רעגן, נאָר איך קאָן גאָרנישט
ניט מאַכן. פאַרשטיי אַליין — סאַנזשינע מיט אירע געשמאַקע מייַכאָלים היט
אָפּ מייַן געזונט. איך קאָן ניט דערלאָזן, זי זאָל אַוועקגיין פון מיר. איך
ריזיקיר מיטן לעבן. טו זשע מיר די טויווע, מייַן קינד, און טראָג זיך אָפּ
פונדאַנען. אָט האָסטו דרייַ פלאָרינס און אַ בינטל ווורשט, ס׳זאָל דיר ניט
זייַן אומעטיק אין וועג.

און אולענשפּיגעל איז אַוועק, זידלענדיק זיך אַליין פאַר זייַן לייַכטזיי־
ניקייַט, איבער וועלכער ער האָט אַפ אייביק פאַרלאָרן לאַמע גודזאַקס וואַ־
רעמע קיך.

קאפיטל 11

וועגן דעם, וואָס דער שווארצער רײַטער האָט געבראַכט צו פירן קלאַאסן

עס איז שוין אָנגעקומען דער כוידעש נאָיאַבער, נאָר דער ווינטער האָט זיך נאָך ניט אײַנגעשטעלט. די זון האָט געשײַנט פון אינדערפרי ביז פארנאכט. די ביימער זײַנען נאָך געווען אָנגעטאָן אין גרינס; אף די דע-כער פון די הײַזער זײַנען נאָך געזעסן בושלען; די שוואלבן האָבן נאָך אפילע נים געקלערט אוועקצופליִען אין די ווארעמע קאנטן. די רויזן האָבן שוין האיאָר דרײַ מאָל געבליט, און אצינד האָבן זיך אף זייערע קוסטעס צום פערטן מאָל באוויזן קנאָספן.

נאָך אָוונטברויט פלעגן די בירגער ארויסגיין אין גאס, קוקן אפן בלויען הימל און ריידן צווישן זיך:

— געשטאָרבן דער ווינטער! לאָמיר פארברענען דעם ווינטער!

און זיי האָבן געמאכט א גרויסע פיגור פונעם ווינטער מיט א בערי-שער מאָרדע און מיט א לאנגער באָרד פון סטרוזשקעס. די פיגור האָט מען פארפוצט אין ווײַסע קליידער, דערנאָך האָט מען זי אפן פלאַץ פאר-ברענט און פריילעך געטאנצט ארום דעם שײַטער.

בלויז קלאַאס האָט זיך ניט געפרייט פונעם לאנגן זומער. קיינער האָט בא אים ניט געקויפט קיין קוילן, די אויוונס האָט מען ניט געהייצט. און ער האָט דאָך זײַן גאנצן ביסל געלט ארײַנגעלייגט אין די קוילן.

נאָר איין גריפּסטיוועער, דער עלטסטער פון די פיש־הענדלער, איז א באלן געווען צו קויפן קוילן בא קלאַאסן. ער איז אָבער געווען א קאר-גער מענטש און ער האָט פאָרגעלייגט פאר די קוילן א העלפט פרײַז. נאָר קלאַאס האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן אים זײַנע קוילן פאר גראָשנס.

און אינגיכן האָט בא קלאַאסן אין שטוב אָנגעהויבן אויספעלן ברויט.

קעדיי ניט צו הונגערן, האָט קלאַאס אָנגעהויבן גיין אף געיעג. איין קונד זײַנער האָט אים ניט געקאָנט באצאָלן אן אלטן כויוו, און אָנשטאָט

געלט האָט ער אים געבראַכט צו טראָגן אַן אַרבאַלעט מיט צוועלף גוט פאַר־שאַרפטע פײַלן. מיטן דאָזיקן אַרבאַלעט פלעגט עס קלאַאס גײן אױף געיעג. אין אָוונט פלעגט ער זיך אומקערן פון וואַלד און ברענגען צווײ צי פיר העזעלעך.

נאָך אַ געראָטענעם געיעג פלעגט קלאַאס זשעדנע אופּעסן באַם מיטיק זײַן כײלעך. סאָאָטקין אָבער פלעגט האַלטן אין אײן קוקן אױפן לײדיקן וועג און זיך דיגענען וועגן דעם בידנעם אולענשפּיגעל.

אינגיכן אָבער האָט זיך זײער לאַנגע געביטן.

אײנמאָל איז צו קלאַאס הויז צוגעפאָרן עפּעס אַן אומבאַקאַנטער רײַ־טער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצע קלײדער. דאָס פּנים זײַנס איז געווען דאַר און פינצטער.

— פאַראַן עמעצער אין שטוב? — האָט ער אַ פרעג געטאָן באַ סאָאָט־קינען.

— גאָט מײַן ליבער, — האָט אים סאָאָטקין געענטפערט, — און װער ביז איך, אַ געשפּענסט, צי װאָס?

— װוּ איז דײַן מאַן?

— ער איז אין פעלד. פאָר מיטן דאָזיקן וועג — וועסטו אים דערזען.

דער רײַטער איז אַוועקגעפאָרן. סאָאָטקין איז אויך אַרויס פון שטוב. אַ פאַרומערטע, אַ פאַרדײַגעטע, איז זי אַוועק צום בעקער; שוין דאָס זעקסטע מאָל, ווי איר קומט אויס צו נעמען ברויט אױף באָרג.

זי האָט זיך אומגעקערט מיט לײדיקן — דער בעקער האָט איר מער ניט געוואָלט געבן קײן ברויט. פלוצלינג האָט זי דערזען, אַז קלאַאס פאָרט פון פעלד רײַטנדיק אויף דעם שוואַרצן רײַטערס פערד, אַ צופרידענער, אַ שײַנענדיקער, און יענער גײט צופוס און פירט דאָס פערד פאַרן צײַמל. קלאַאס האָט געהאַלטן אין האַנט אַן אָנגעשטאָפּט זעקעלע.

— לאַנגע יאָרן מײַן ברודער יאָס, דעם ערלעכן אַסקעט! — האָט קלאַאס אויסגעשריגן, אַרײַנגײענדיק אין שטוב, און ער האָט אַ וואָרף גע־טאָן דאָס זעקעלע אױפן טיש, — גאָט זאָל אים געבן געזונט און אַלדאָס־גוטס!

— מיר זײַנען הײַנט געבליבן אָן מיטיק, ליבער מאַן, — האָט סאָאָט־קין געזאָגט, — דער בעקער גיט ניט מער קײן ברויט אױף באָרג.

— ברויט! — האָט קלאַאס אויסגעשריגן און אַ טרײסל געטאָן דאָס זעקעלע. פון זעקעלע האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אױפן טיש גילדענע מאַט־בײעס, — ברויט! אָט האָסטו ברויט, אָט האָסטו פּוטער, אָט האָסטו פלײש, ביר, װײַן! אָט האָסטו שינקע, מאַרכ־בײנער, דראָסלעך, פּאַשטעטן פון בושל־פלײש, און אַלץ, וואָס עס עסן די גרעסטע פּריצים! דער בעקער גיט ניט

קיין ברויט! ער איז א נאר! מיר וועלן אליין מער גאָרנישט ניט קויפן באַם דאָזיקן שווינדלער!

— פונוואנען קומט עס צו דיר? — האָט סאָאָטקין געזאָגט, קוקנדיק דאָ אַפ דעם גאָלד, דאָ אַפ קלאאסן און ניט ווימנדיק וואָס איבערצו־קלערן.

— הער און פריי זיך, — האָט קלאאס געזאָגט, — קאטלינע און נעלע האָבן זיך אריבערגעקליבן קיין מייבורג. דאָרט האָט נעלע באגעגנט מײַן ברודער יאָס און זי האָט אים דערציילט, ווי מיר קומען נעבעך אָפּ. און יאָס האָט באשלאָסן אונדז ארויסהעלפן. ער דארף שוין מער קיין געלט ניט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער קאטוילישער קירך און איז צוגע־שטאנען צו די אפיקאָרסים — ליוטערס אָנהענגער.

— אפיקאָרסים זײַנען ניט מיר, ליוטעראנער, נאָר די קאטאָליקער, — האָט דער שווארצער רײַטער געזאָגט, — דער פויפּסט איז א פּארעסטער, ער האנדלט מיט גאָטס גנאָד.

— מײַן הער, — האָט סאָאָטקין אויסגעשריִען, — רעדט א ביסל שטילער, מע קאָן נאָך אונדז, כאָלילע, אלעמען פארברענען פאר אזוינע ווערטער.

— בעקיצער, — האָט קלאאס פאָרגעזעצט, — יאָס איז ארײַנגעטראָטן אין דער ארמיי פון די רעפאָרמאטן, קעדיי צו קעמפן מיטן אימפּעראטאָר און מיט דער קאטוילישער קירך. איז צו וואָס דארף ער האָבן געלט? ווארעם טאָמער פאלט ער דורך, וועט דאָך דאָס געלט ארײַנפאלן אין די הענט פון א וועלכן-ניט־איז פּוסטעפּאסניק א לאנדסקנעכט. דעריבער האָט אונדז יאָס געשיקט זיבן הונדערט רענדלעך. „גיב איבער קלאאסן, — האָט ער גע־זאָגט צום דאָזיקן גוטן מענטשן, — ער זאָל לעבן אין מוירע פאר גאָט און טראכטן וועגן ראטעווען זײַן נעשאָמע".

— יאָ, — האָט דער רײַטער געזאָגט, — אצינד איז טאקע די צײַט אַפ צו ראטעווען די נעשאָמע. דער אייבערשטער וועט איטלעכן באצאָלן לויט זײַנע פארדינסטן.

— איר זײַט גערעכט, מײַן הער, — האָט קלאאס געזאָגט, — נאָר דער־ווײַלע לאָמיר אָפּהויבן איינעם אונדזער הײַנטיקן יאָנטעוו. צו מיטיק וועלן בא אונדז זײַן אויסגעצייכנטע דרויבלעך, שינקע און שעפּסענע פּיס־לעך. איך בין דורכגעגאנגען פארבײַ דעם קאצעווס קראָם און האָב געזען, ווי זיי זײַנען דאָרט געהאנגען אַפ העקלעך. איך שווער אײַך, מײַן הער, אז די שמײַע האָט בא מיר געגומען רינען, ווען כ'האָב זיי דערזען אין קראָם.

— ס'איז א מעשוגאס צו טראכטן אזוי וועגן דער קישקע אצינד, ווען דער אייבערשטער גיט אַפ אונדז גוט אכטונג, — האָט דער שווארצער רײַ־טער געזאָגט.

— צי דען ווילט איר גאָר נישט ניט איבערבײַסן, איידער איר לאָזט זיך פאָרן אין וועג? — האָט אים קלאאס געפרעגט.

— ווען דער פויפסט וועט אומקומען און זײַן באָוועל וועט פאלן, דאן וועלן מיר זיך אלע אָפּגעבן צו ערדישע פארגעניגנס.

קלאאס און סאָאָטקין האָבן זיך איבערגעצייליעמט. דער רײַטער האָט זיך ארופגעזועצט אפן פערד און א צי געטאָן דאָס צײַמל.

— גיט, לעכאָלאפּאָכעס, איבער יאָסן מײַנע ברידערלעכע קוש און באַשיצט אים אין שלאכט, — האָט קלאאס אויסגעשריִען.

— גוט, — האָט דער רײַטער געענטפערט, — כ׳וועל טאָן אזוי. — און ער איז אוועקגעפאָרן.

איינגיכן האָט די גאנצע שטאָט געגומען ריידן וועגן דעם אומגעריכטן גליק, וואָס ס׳האָט געטראָפן קלאאסן. דער גאלעך האָט פארזיכערט, אז דאָס דאָזיקע געלט האָט קלאאס באקומען פון אן אפיקוירעס, און דעריבער וועט עס אים קיין פרייד ניט פארשאפן. דערצו האָט ער אפילו קיין איין ליאר ניט געשענקט אפן קלויסטער.

קלאאס און סאָאָטקין האָבן אצינד געלעבט גליקלעך. אצינד וועט זיי שוין ניט אויסקומען צו לייגן זיך שלאָפן מיט א ליידיקן מאָגן. אָבער סאָאָטקין איז ווי פריִער געווען אומעטיק און זי האָט אלץ געקוקט אפן וועג: צי קערט זיך ניט אום אהיים איר פוסטעפאסניק אולענשפּיגעל.

קאַפּיטל 12

וועגן דעם, ווי אולענשפּיגעל איז געווען באַם פּויפּסט

לאַנג־לאַנג איז געגאַנגען אולענשפּיגעל. זײַן גאַנצער קערפּער האָט אים געבראָכן פֿון מידקײַט. אַפֿ די פֿיס האָט זיך שוין באַ אים באַוויזן בלוט. צום גליק, האָט ער אין מײַנצער בישאָפּטום דעריאָגט אַ פֿורל מיט פּיליגרימען. זיי האָבן אַפֿ אים ראַכמאָנעס געהאַט און אים צוגעפֿירט ביז רוים.

אין רוים האָט ער אָפּן שוועל פֿון שענק דערזען די יונגע שענקערן.

— באַלעבאָסטע, ווצסט עפּשער געבן נאַכטלעגער אַ פּיליגרים? — האָט אולענשפּיגעל זי אַ פֿרעג געטאָן.

— מיר גיבן נאַכטלעגער איטלעכן, וואָס צאָלט געלט, — האָט די באַלעבאָסטע געענטפֿערט.

— כ׳האָב אין טײַסטער הונדערט דוקאַטן, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, כאָטש אינדערעמעסן האָט ער געהאַט ניט מער, ווי איין דוקאַט, — און דעם ערשטן דוקאַט וויל איך אויסגעבן אַפֿ אַ פֿלעשל אַלטן רוימישן ווײַן.

— ווײַן קאָסט באַ אונדז ניט טײַער, — האָט די באַלעבאָסטע געענטפֿערט, — קום אַרײַן, וועסט זיך פֿאַר אַ סאָלדאָ אויך אָנטרינקען.

אולענשפּיגעל האָט באַפֿוילן, מע זאָל אים דערלאַנגען אַ פֿלעשל ווײַן.

— זאָג מיר, אָקאָרשט, יונגער פּיליגרים, צוליב וואָס ביסטו געקומען קיין רוים? — האָט אים די באַלעבאָסטע אַ פֿרעג געטאָן.

— אַ שמועס טאָן מיטן פּויפּסט, — האָט אולענשפּיגעל געענטפֿערט.

— ביסט באַם זינען? — האָט זי אויסגעשריִען. — אַ שמועס טאָן מיטן פּויפּסט! איך לעב שוין דאָ אין שטאָט מײַן גאַנץ לעבן און פֿונדעסטוועגן האָב איך מיט אים קיינמאָל ניט געקענט אַ שמועס טאָן.

— און איך וועל מיט אים אַ שמועס טאָן, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— דו ווייסט דען ניט, ווי שווער עס איז צוצוקומען צו אים? ער נעמט ניט אויף אַבי־וועמען.

— איך ווייס גאַנץ גוט זײַנע זיטן, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, —

דער פּויפּסט יולי דער דריטער לעבט פּריילעך. ער רעכנט זיך ווייניק מיט זײַן געטלעכן ראַנג.

— טרינק און רייד ניט אַזוי הויך, — האָט די באַלעבאָסטע אים אַ זאָג געטאָן.

— מע דערציילט, אַז ווען מע האָט אים איינמאָל ניט דערלאַנגט צו אָוונט־ברויט קיין קאַלטע פּאַווע, האָט ער זיך געזידלט מיט די לעצטע ווערטער, אַזוי ווי אַ שיקערער סאָלדאַט. דערבײַ האָט ער דערקלערט, אַז איבער אַ פּאַווע מעג ער זיך זידלען וויפל אים גלוסט זיך, ווײַל אויב דער אייבער־שטער, זײַן האַר, האָט געמעגט אַמאָל ווערן אין קאַס אַף אָדאָמען בלויז איבער אַן עפּל, מעג ער, דער פּויפּסט, ווערן אין קאַס איבער אַ פּאַווע. זעסט, באַלעבאָסטעשקע, אַז איך ווייס אויסגעצייכנט, ווער ער איז אַזוינער אײַער פּויפּסט.

— דו פּלוידער נאָר ניט מיט אַנדערע וועגן דעם. און זען — וועסטו אים אַלציינס ניט זען.

— איך וועל אים זען און וועל מיט אים ריידן.

— איך גיי מיט דיר אין געוועט אין הונדערט פלאָרין.

— זײַ זיכער, די הונדערט פלאָרין זײַנען שוין בײַ מיר אין קעשענע.

אַף מאָרגן איז אולענשפּיגל אַוועק אין שטאָט זיך דערוויסן, אין וועלכן קלויסטער וועט דער פּויפּסט פּראַווען די גאָטעסדינסט. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אין קלויסטער פון עם הייליקן יאָהאַן דעם לאַטעראַנער. אולענ־שפּיגל איז אַהין אַוועק. ער איז ווי־ניט־איז אַרײַן אַהין און האָט פאַר־נומען אַן אָרט אויבנאָן, ניט ווײַט פונעם אַלטאַר. ווי נאָר דער פּויפּסט פלעגט אופהייבן דעם בעכער אָדער דאָס הייליקע ברויט, פלעגט אולענשפּי־גל זיך אַ קער טאָן צו אים מיטן רוקן.

נײַט בײַ זײַט מיטן פּויפּסט איז געשטאַנען אַ דיקער קאַרדינאַל. אַפן אַקסל בײַ אים איז געזעסן זײַן ליבלינג — אַ קליין מאַלפּעלע. דער קאַרדי־נאַל האָט זיך געשפּילט מיטן מאַלפּעלע, גלײַכצײַטיק האָט ער דערלאַנגט דעם אוילעם דאָס הייליקע ברויט. פּלוצלינג האָט ער באַמערקט אולענשפּי־געלן און האָט אַף אים אָנגעוויזן דעם פּויפּסט. נאָך דער מעסע זײַנען צו אולענשפּיגעלן צוגעגאַנגען פיר סאָלדאַטן פון דעם פּויפּסטס גוואַרדיע און זיי האָבן אים אַוועקגעפירט צו דעם פּויפּסט אין אופנעם־צימער.

— צו וועלכן גלויבן באַלאַנגסטו? — האָט דער פּויפּסט אים געפרעגט.

— אײַער הייליקײַט, — האָט אולענשפּיגל געזאָגט, — איך באַלאַנג צו דעם זעלבן גלויבן, וואָס מײַן באַלעבאָסטע.

דער פּויפּסט האָט געהייסן ברענגען די באַלעבאָסטע.

— צו וועלכן גלויבן באַלאַנגסטו? — האָט ער זי געפרעגט.

— צו דעם זעלבן גלויבן, וואָס אײַער הייליקײַט — האָט זי געענטפערט.

— און איך אויך, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— פאַרוואָס זשע פלעגסטו זיך אָפּקערן, ווען איך פלעג אופהייבן דאָס הייליקע ברויט? — האָט אים דער פּויפּסט געפרעגט.

— איך בין ניט ווערט צו קוקן אף דעם.

— ביסט א פּילגרים? — האָט דער פּויפּסט אים געפרעגט.

— איך בין געקומען פון פלאַנדריע בעטן אייער הייליקייט, אז איר זאָלט מיר פאַרגעבן מיינע זינד.

דער פּויפּסט האָט געבענטשט אולענשפּיגעלן און האָט אים אָפּגעלאָזן אהיים. אולענשפּיגעל איז אוועק אינאיינעם מיט דער באַלעבאָסטע, און זי האָט אים באַצאָלט די הונדערט פלאָרין, וואָס זי האָט פאַרשפּילט. מיט אזן אָנגעשטאָפּטן טייסטער האָט ער פאַרלאָזן רוים, קעדיי אומצוקערן זיך קיין פלאַנדריע.

נאָר פאַר דעם פאַרמעטענעם געשריפּטס, אז זיינע זינד זיינען אים פאַרגעבן, האָט ער געמוזט באַצאָלן זיבן פלאָרין, ווייל דער פּויפּסט פלעגט נעמען גאנץ טייער פאַר זיינע בראָכעס.

קאפיטל 13

וועגן דעם, ווי קלאאס האָט זיך געקויפט אן אינדולגענציע

אין דער צײַט זײַנען קיין דאמע אָנגעקומען צוויי מאָנאכן — פארקויפן אינדולגענציעס. אף זייערע מאָנאכישע קליידער האָבן זיי געטראָגן שיינע פעלערינעס, באַזוימטע מיט האַפט.

אין א שיינעם וועטער פלעגן די מאָנאכן האנדלען לעבן קלויסטער, ווען עס פלעגט גיין א רעגן — אין פירהויז. דאָרט איז געהאנגען א לאנגע טאקסע אף אינדולגענציעס. עס זײַנען געווען אינדולגענציעס, וואָס האָבן געקאָסט זעקס ליאַר, און אינדולגענציעס, וואָס האָבן געקאָסט א פאטאר און א האלבן פאריזער ליוור. די אווייערס פלעגן פארגעבן ווערן, געווענדט אָן דעם פרײַז, אף הונדערט, צוויי הונדערט, דרײַ הונדערט און פיר הונדערט יאָר. פאר גאָר א שיינער מאטבייע פלעגן די מאָנאכן אויך פארקויפן אייביקן גליק אף יענער־וועלט.

די קויפער, וואָס פלעגן איינגאנצן אײַנצאָלן, פלעגן די מאָנאכן זיי ארויסגעבן אינדולגענציעס — שטיקלעך פארמעט, אף וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבן, אף וויפל יאָר עס ווערט פארגעבן זיי די זינד.

איינער פון די מאָנאכן פלעגט אָפט האלטן דראָשעס פארן אוילעם. בא אים איז געווען א דיק פאָנעם, א דרײַפאכיקע גאָמבע און א היפש בײַכל. נאָר דאָס האָט אים אפילע אף קיין האָר ניט געארט.

— אומגליקלעכער! — פלעגט ער זאָגן, אײַנקוקנדיק זיך אין וועלכן־ניט־איז בירגער, — אומגליקלעכער! אָט ביסטו געשטאָרבן און דו ברענסט אינעם פײַער פונעם גענעם. טו אף זיך א קוק, מענטש איינער. ס'ארא שרעקלעכער פלאַם עס ברענט און בראָט אָן ראכמאָנעס דײַן לײַב! דו ביסט א ווורשטל אף ליוציפערס סקאָווראדע, דו ביסט א שעפסן־פיסל אין די ציינער פונעם גרויסן טײַוול גילגיראָט. און אין וואָס פאר א סאָוס קאָכט מען דיך? אין פעך און אין שוועבל. און מיר אלע, אומגליקלעכע זינדיקע, וועלן ברענען אינעם גענעם־פײַער. אָט ווו עס גיסן זיך די עמעסע טרערן! אָט ווו עס קריצן אפאנעמעסן די ציין! גאָטעניו, העלפּ!

גאָטעניו, העלף! דו ביסט אינ סאמע גענעם, אָרעמער זינדיקער, אונ מע זעט ניט קיינ סאָפ צו דײַנע יעסורימ. נאָר ס'איז גענוג, אז דו זאָלסט אײַנצאָלנ פאר זיכ סאכאקל איינ דעניע — אונ ס'ווערט שוינ גרינגער א ביסל דײַנ רעכטער האנט; נאָכ א האלב דעניע — אונ ביידע הענט ווערנ שוינ באפרײַט פונעמ פלאמ. אונ דער איבעריקער גופ? סאכאקל נאָכ איינ פלאָרינ — אונ אָט נעמט אפ דיר אראָפּפאלנ א דערקוויקנדיקער טוי פונ הימל. עס נעמט שוינ א סאָפ צו דײַנע יעסורימ. אָ, זיסע קילקײַט! אָ, גאניידנ־פארגעניגנ!

אונ בעשאס דעמ ריידנ, האָט דער מאָנאכ אונטערגעשטופּט זײַנ כאווער, וואָס האָט געהאלטנ אינ די הענט א זילבערנעמ טעלער מיט געלט. יענער האָט אראָפּגעלאָזט די אויגנ אונ א טרייסל געטאָנ דעמ טעלער, דורכנדיק די צוהערער, זיי זאָלנ ניט קארגנ אונ זאָלנ שענקענ נעדאָוועס.

— דערמאָנ זיכ, — האָט דער מאָנאכ פאָרגעזעצט, — צי דענ איז אינ דעמ גענעמ־פײַער ניטאָ בא דיר קיינ זונ, קיינ טאָכטער, קיינ געליבט קינד? זיי שרײַענ, זיי וויינענ, זיי רופנ דיכ צו הילפ. צי דענ וועסטו בלײַבנ טויב צו זייערע קרעכצנ? ניינ, דאָס קאָנ ניט זײַנ! דײַנ הארצ הייבט אָנ צעגיינ — אונ דאָס וועט דיכ קאָסטנ סאכאקל איינ פלאָרינ. אונ ווי נאָר דער פלאָרינ וועט מיט א קלונג ארײַנפאלנ אינ אונדזער טעלער (דערבײַ האָט דעמ מאָנאכס כאווער ווידעראמאָל א טרייסל געטאָנ מיטנ טעלער), וועט זיכ איינ אומגליקלעכע נעשאָמע ארויסרײַסנ פונעמ פײַערדיקנ אָפּגרונט. אונ אָט איז זי, די נעשאָמע, שוינ א פרײַע, א גליקלעכע אינ אָטעמט מיט פרישער, קילער לופט. ווי זײַנענ אהינגעקומענ אירע יעסורימ! עס שפּרייטנ זיכ פאר איר די פרישע יאמ־וואסערנ. זי גיט זיכ א וואָרפ אינ זיי, שווימט א ביסל אפ דער פלייצע, א ביסל אפנ בײַכל, קוליעט זיכ איבער אונ טוקט זיכ. מאלאָכימ רופנ זי אינ הימל ארײַנ, נאָר זי איז ניט בעקויעכ צו צעשיידנ זיכ מיטנ יאמ. זי וואָלט וועלנ ווערנ א פיש. זי ווייסט ניט, אז דאָרטנ, אינ הימל, זײַנענ פאר איר אָנגעגרייט פראכטפולע קילע אָזערעס, איבער וועלכע עס שווימענ אומ, אזוי ווי אײַזקרײַעס, גרויסע בערג פונ קאָנפעטנ. זי ווייסט עס ניט, פאר איר איז א פראָסטער יאמ — אויכ א גאניידנ. אָט שווימט צו איר צו א הײַפיש, נאָר די נעשאָמע האָט קיינ מוירע ניט פאר אימ. זי קלעטערט ארופ דעמ הײַפיש אפנ רוקנ אונ לאָזט זיכ אראָפּ אינײַנעמ מיט אימ אפנ גרונט פונ יאמ, דאָרט באגעגנענ זי די יאמ־מאלאָכימ. זיי זיצנ אפנ זאמד אונ עסנ פרישע אויסטערנ פונ פערלמוטערנע טעלער. נאָר די מאלאָכימ רופנ זי כונדעסטוועגנ אינ הימל ארײַנ. אונ אָט הייבט זי זיכ צו זיי סאָפּקאָלסאָפ אופ, א ווידערגעבוירענע, א פרייליכע, פונקט ווי א לאָרכ, אונ פאלט ארײַנ אינ גאניידנ, וו דער אייבערשטער אליינ זיצט אפנ טראָנ אינ זײַנ גאנצער פראכט.

דאָרט, אינ גאנײדנ, באגעגנט זי אלע אירע פרײַנט אונ באקאנטע, וואָס זי האָט געהאט אפ דער ערד, אָט־אָ די, וואָס האָבנ באצײַטנס געקויפט אונדזערע אינדולגענציעס אונ האָבנ באקומענ א פארגעבונג פונ זײערע אווײרעס, אונ אינײנעם מיט זײ לאָזט זי זיכ אראָפּ אינ קיניגרײַכ פונ אײביקנ גליק.

— קויפט, ברידער, אינדולגענציעס! מיר פארקויפנ זײ פאר קרוזאטנ, רענדלעכ אונ ענגלישע סאָווערענע. מיר נעמענ קלײנגעלט אויכ. קויפט, ברידער! קויפט! דאָס איז א הײליקער האנדל. פאראנ בא אונדז סכוירע פאר אלעמענ — פאר אָרעמ אונ פאר רײַכ. צום באדויערנ, קאָנענ מיר אפ באָרג ניט געבנ, ווײַל קויפנ אנ אינדולגענציע אונ ניט באצאָלנ פאר איר מיט מעזומענ געלט — דאָס איז א גרויסע אווײרע אינ דעמ אײבערשטנס אויגנ.

דער צווײטער מאָנאכ האָט געהאלטנ אינ אײנ טרײסלענ מיטנ טעלער. אלערלײ מאטבײעס, גאָלדענע אונ זילבערנע, גרויסע אונ קלײנע, האָבנ זיכ גענומענ שיטנ אינ טעלער פונ אלע זײַטנ.

קלאאס, וועלכער איז שוינ געוואָרנ א גוויר, האָט באצאָלט א פלאָרינ אונ האָט באקומענ א פארגעבונג פונ זײַנע זינד אפ צענ טויזנט יאָר. איד בערגעצײלט דאָס געלט, האָבנ די מאָנאכנ אימ ארויסגעגעבנ א גרויס שטיק פּארמעט — אנ אינדולגענציע.

קלאאס איז אוועק אהײמ. אפנ וועג האָט ער באגעגנט לאמע גודזאקנ. לאמע איז געשטאנענ לעבנ שענק אונ האָט געשלונגענ די שמײַע, שמעקנדיק דעמ רײעכ פונ געבראָטנ פלײש.

— לאמע, דאָס ביסטו? — האָט קלאאס געזאָגט, — כ׳האָב דאָכ גאָר געהערט, אז דו האָסט שוינ כאסענע געהאט אונ דו וווינסט אינ ליעזש.

— עט, — האָט לאמע געענטפערט, — דאָס לעבנ איז געוואָרנ אומרויק. אינ ליעזש ווינענ צופיל אפיקאָרסימ, אונ די הײליקע פּאָטערס קומט אויס אלע ווײַלע זײ צו פארברענענ. איכ בינ צו אײַכ געקומענ צו פאָרנ אינײנעמ מיט מײַנ ווײַבעלע.

לעקאָוועד דער באגעגעניש זײַנענ זײ ארײַנ אינ שענק.

אינ שענק האָבנ זײ באגעגנט עטלעכע גוטע־ברידער — יאנ וואנ־ראָאזוע־בעקע אונ מאָטײס וואנ־אסכע. אינגיכנ איז אויכ געקומענ צו גײנ גריפּס־טיווער, דער עלטסטער פונ די פיש־הענדלער. ער איז, ווי אלעמאָל, געזעסנ נאָענט צו קלאאסנ באמ שכײנעסדיקנ טיש, נאָר ביר פלעגט ער אויסטרינקענ ניט מער, ווי א האלבנ קופל. פארבײַסנ פלעגט ער בלויז מיט א געזאלצענעמ הערינג. ער האָט געזאָרגט וועגנ זײַנ רײַכקײַט מער, ווי וועגנ ראטעווענ די נעשאָמע.

קלאאס, ווידער, האָט געטרונקענ אײנ קופל נאָכנ אנדערנ אונ האָט פרײלעכ געפלאפלט מיט זײַנע גוטע־ברידער.

— ווּעסט שוינ האָבנ אפ יענער־וועלט פאר שיקרעס, — האָט אימ יאנ־דראָזעבעקע געזאָגט, ווענ ער האָט באשטעלט אנ איבעריקנ קופל ביר.

— פאר אנ איבעריקנ קופל ביר קומט זיכ בראָטנ אינ גענעמ ניט מער פונ א האלבנ טאָג, אונ בא מיר ליגט אינ קעשענע אנ אינדולגענציע אפ צענ טויזנט יאָר. ווער פונ אייַכ וויל זיכ ראטעווענ אפ א יאָר הונדערט? איכ קאָנ אָפשנייַדנ א שטיקל, אונ דאנ טרינק וויפל דייַנ הארצ גלוסט.

— ווי טייַער פארקויפסטו? — האָבנ אימ די גוטע־ברידער געפרעגט מיט א געלעכטער.

— הונדערט יאָר — פאר א קופל ביר, — האָט קלאאס געענטפערט, — אונ פאר א שטיקל שינקע גיב איכ גאנצע הונדערט אונ פופציק יאָר.

— נא דיר א קופל ביר, — האָט איינער א זאָג געטאָנ, — אונ שנייַד מיר אָפ א שטיקל אפ הונדערט יאָר.

— נא דיר א שטיקל שינקע, — האָט א צווייטער געזאָגט, — אונ שנייַד מיר אָפ אפ הונדערט אונ פופציק יאָר.

נאָכ הוליאקעס האָבנ צוגעטראָגנ קלאאסנ ווער ביר אונ ווער שינקע, אונ איטלעכנ פונ זיי האָט קלאאס אָפגעשניטנ פונ זייַנ אינדולגענציע א שמאָל שטיקעלע פארמעט.

די הוליאנקע האָט זיכ ווידער צעפלאקערט. לאמע האָט זיכ אזוי אָנגע־געסנ, אז ער איז געוואָרנ אינצווייענ גרעבער, אונ קלאאס איז אומגעגאנ־גענ איבערנ שענק אונ האָט אלעמענ פאָרגעלייגט קויפנ בא אימ א שטיקל אינדולגענציע.

— אפ צענ יאָר ווּעסטו פארקויפנ? — האָט גריפסטיוווער אימ א פרעג געטאָנ אונ אויסגעקערעוועט צו אימ זייַנ זויער פאָנעמ.

— ניינ, — האָט קלאאס געענטפערט, — אזא פיצעלע איז זייער שווער אָפצושנייַדנ.

אלע האָבנ זיכ צעלאכט. דער פיש־הענדלער האָט בייז א קוק געטאָנ אפ קלאאסנ אונ ער האָט אימ קיינ איינ וואָרט ניט געענטפערט.

סאָפקאָלסאָפ איז קלאאס אוועק אהיימ. לאמע האָט זיכ נאָכגעשלעפט נאָכ אימ, אונ די פיס בא אימ זייַנענ געווענ אזוי ווי הילצערנע.

קאפיטל 14

וועגן דעם, ווי פיליפ איז ארופגעטראָטן אפן שפאנישן טראָן

פיליפ האָט כאסענע געהאט מיט מאריע דער פּאָרטוגאלערן, אָבער גליקלעך מיט איר איז פיליפ ניט געווען. בא זיי איז געבוירן געוואָרן א זון — דאָן קארלאָס. אינגיכן נאָכדעם איז די קיניגן שטארק קראנק געוואָרן. זי איז געלעגן אין בעט, ארומגערינגלט מיט פרײַלינס, נאָר פיליפּ איז לעבן איר ניט געווען.

פיליפּ איז געווען פארנומען: ער האָט געקעמפט מיט די אפּיקאָרסים. ער פלעגט אליין בײַזײַן, בײַס מע פלעגט זיי קעפּן. איינמאָל האָט פּאסירט אזוי, אז די אינקוויזיטאָרן האָבן באשולדיקט איינעם א פלאמאנדישן סקולפּטאָר אין גאָטלעסטערונג. איינער א מאָנאך האָט בא אים באשטעלט א הילצערנע סטאטוע פון גאָטס-מוטער, נאָר ווען די ארבעט איז שוין געווען פארטיק, האָט ער אים ניט געוואָלט באצאָלן אזויפיל, וויפל זיי האָבן זיך באדונגען. דער אופגעבראכטער סקולפּטאָר האָט א קלאפּ געטאָן מיט דעם שניץ־מעסער איבערן פּאָנעם פון דער סטאטוע און האָט געזאָגט:

— איך וועל בעסער פארניכטן די סטאטוע, איידער פארקויפן זי פאר אזא נישטיקן פּרײַז.

דער מאָנאך האָט געמאסערט דער אינקוויזיציע אפן סקולפּטאָר. דעם סקולפּטאָר האָט מען ארעסטירט, אכזאָריעסדיק געפּײַניקט און צוגעמישפּעט צו פארברענען.

דער גאנצער קיניגלעכער הויף איז געקומען קוקן, ווי מע וועט קעפּן דעם אומגליקלעכן סקולפּטאָר. די פרײַלינס האָבן איבערגעלאָזן די קיניגן איינע אליין: זיי האָבן געוואָלט האנאָע׳ האָבן, קוקנדיק אף דער קעפּונג.

דעם פארמישפּעטן האָט מען צוגעשמידט צו א סלופּ. דעם סלופּ האָט מען ארורגערינגלט פון אלע זײַטן מיט סנאָפּעס שטרוי און בינטלעך צווײַגן. עס האָט אופגעפלאמט דאָס פײַער. דער קיניג פיליפּ און זײַן סוויטע האָבן נײַגעריק געקוקט אף דעם אומגליקלעכן.

אין דער צײַט האָט זיך דער קיניגנ מאריע פארוואָלט א טרונק. זי האָט מיט גרויס מאטערניש זיך אופגעהויבנ אפנ בעט אונ האָט דערזענ אפנ טיש א דיניע. אָבער ס'איז ניט געווענ ווער עס זאָל איר די דיניע דערלאנגענ. די קראנקע האָט זיך קוימ מיט צאָרעס דערשלעפּט צומ טיש, גענומענ די דיניע אונ זשעדנע זי אופגעגעסנ.

נאָכ דעמ האָט דער קיניגנ גענומענ ווארפנ אינ קעלט, אונ זי איז גע־פאלנ אפנ דיל, באגאָסנ מיט א שווייס.

— מיר איז קאלט! — האָט זי געקרעכצט, — מיר איז קאלט! טראָגט מיכ אָפּ אינ בעט! איכ וועל זיכ דערווארעמענ אינ בעט!

און אינ דער צײַט האָט זי דערהערט דעמ סקולפּטאָרס געשרייענ:

— האקט מיר אָפּ די פיס! די פיס האקט מיר אָפּ!

דער הייסער פלאמ האָט שוינ ארומגעכאפּט זײַנע פיס.

— עכ, — האָט גענומענ קרעכצנ די קיניגנ, — וואָס פאר א הונט וויעט עס דאָרט. צי דענ איז שוינ נאָענט דער מאלכאמאָוועס?

אינ דער מינוט האָט דער סקולפּטאָר זיכ אופגעכאפּט פונ די אומענ־טשלעכע יעסורימ. ער האָט געעפנט די אויגנ אונ האָט דערזענ ארומ זיכ בלויז פײַנטלעכע פּנעמער פונ די שפּאניער. אונ דאנ האָט ער זיכ דער־מאָנט אָנ פלאנדריע, דאָס לאנד פונ קראפט אונ גרויסנ מוט. ער האָט זיכ אויסגעגלײַכט, אוועקגעשטעלט זיכ מיט א פעסטנ פוס אפ די ברענענדיקע צווײַגלעכ, צונויפגעלייגט די הענט אפ דער ברוסט אונ אויסגעשריִענ:

— אָט ווי עס שטארבנ פלאמאנדער פאר די אויגנ פונ די שפּאנישע הענקער. ניט מיר האקט אָפּ די פיס, נאָר זיי, קעדיי די דאָזיקע הענקער זאָלנ מער ניט קאָנענ פײַניקנ קיינ אומשולדיקע. זאָל לעבנ פלאנדריע! זאָל זי אייביק בליִענ אפ שרעק פאר אירע אונטערדריקער!

די פרײַלינס האָבנ אפּלאָדירט, זעענדיק זײַנ העלדישקײַט.

אונ ער איז געשטאָרבנ.

אונ די קיניגנ מאריע האָט אלצ געפיבערט. פונ טויט־קעלט האָט בא איר געקלאפּט א צאָנ אָנ א צאָנ. זי האָט געיאָמערט, אויסשטרעקנדיק די הענט, אונ האָט געשריִענ:

— טראָגט מיכ אָפּ אינ בעט! לאָזט זיכ מיכ דערווארעמענ!

נאָר אפ אירע געשרייענ האָט זיכ קיינער ניט אָפּגערופנ.

אונ זי איז געשטאָרבנ.

דער קיניג פיליפּ האָט כאסענע געהאט א צווייט מאָל מיט דער ענג־לישער קיניגנ מאריע די העסלעכע. אָבער מיט דעמ צווייטנ ווײַב איז ער אויכ ניט געווענ גליקלעכ.

די ענגלענדער האָבנ פיליפּנ פײַנט געהאט. זיי האָבנ אימ ניט אָנער־קענט פאר זייער קיניג. זיי פלעגנ אָפּשפּעטנ פונ אימ אונ פארשפּרייטנ

װעגן אים די גאַליקסטע פּאַמפלעטן. אין די דאָזיקע פּאַמפלעטן איז גע-
שריבן געוואָרן, אַז דער פּויפּסט האָט אונטערגעקויפט דעם קיניג, קעדיי
צו רויִנירן דאָס ענגלישע קיניגרײַך מיט שטײַערס און מיט פּײַניקונגען.

אַף די ווענט פון די לאָנדאָנער הײַזער פלעגן אומבאַוווּסטע מענטשן
פאַנאַנדערקלעפּן גראַווירן, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט דעם קיניג אין זייער
ניט קיין שיינער פּאָזע. אַף די גראַווירן איז געווען אָנגעמאָלט, ווי דער
קיניג שפּילט אַף אַ קלאַוועסין. אין דעם קלאַוועסין זײַנען אין ענגע קעסט-
לעך פאַרשפּאַרט קעץ. זייערע עקן רוקן זיך אַרויס פון די קײַלעכדיקע לעכ-
לעך. פיליפּ ברענט די עקן מיט אַן אָנגעגליט שטיקל אײַזן, די קעץ יאָ-
מערן פון ווייטעק און קלאַפּן מיט די לאַפּקעס איבער די קלאַווישן. און
דער קלאַוועסין הייבט אָן שפּילן.

פיליפּ האָט זיך געריסן אַוועקפאָרן פון ענגלאַנד. ער האָט זיך ניט איין
מאָל געקלאָגט אַף די ענגלענדער פאַר זײַן פאָטער, דעם אימפּעראַטאָר קאַרל.
נאָר קאַרל איז שוין ניט געווען יענער מעכטיקער אימפּעראַטאָר, וואָס אַמאָל.
זײַן צײַט איז שוין אַוועק. ער איז שוין געווען אַלט און קראַנק. עס האָט
אים ניט געגליקט אויך אין מלחמע. אונטער מעץ האָט מען אים צע-
קלאַפּט אַף טויט, און ער האָט פאַרלאָרן פערציק טויזנט מאַן. הענריך דער
צווייטער, דער פראַנצויזישער קיניג, דער אַלטער סוינע פון דעם ענגלישן
קיניגרײַך, האָט אים געדראָעט מיט אַ נײַער מלחמע. און קאַרל האָט באַ-
שלאָסן אָראָפּצוּוואַרפן פון זיך די לאַסט פון דער קיניגלעכער מאַכט און
אָפּזאָגן זיך פון אַלע זײַנע טראָנען לטובֿת דעם זון.

דאָס אָפּזאָגן זיך פונעם נידערלאַנדישן טראָן איז פאָרגעקומען אין
בריסעל. ווען מיר וואָלטן זיך געקאָנט אַריבערטראָגן אַף דרײַ-פיר יאָרהונ-
דערטער צוריק, קעדיי בײַצוזײַן אַפן בריסעלער פּאַראַד, וואָלטן מיר גע-
זען אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע פאָרשטעלונג.

אָט זיצט אין אַ קליינעם זאַל, וואָס איז געמאָלט מיט גרינער פאַרב,
אַ מענטש פון אַ יאָר פיר און פופציק, אַ פליכעוואַטער, אַ גרויער, מיט
אַ בלאָנדער באָרד אַף דער אַראָפּהענגענדיקער גאָמבע. אין זײַנע גרויע
אויגן איז פאַרבאָרגן ביטערקײַט, אַכזאָריעס און קלוימערשטיקע גוטהאַרצי-
קײַט. דער דאָזיקער מענטש — דאָס איז זײַן מאַיעסטעט קאַרל דער פינפ-
טער, דער רוימישער אימפּעראַטאָר. ער איז קראַנק און הוסט נאָכאַנאַנד.

זײַט בײַ זײַט מיט אים שטייט נאָך אַ מענטש, אַ יונגער, אַ העסלע-
כער, מיט אַ גרויסן קאָפּ. ער זעט אויס, ווי אַ מאַלפּע. דאָס איז דער קי-
ניג פיליפּ.

זײַן מאַיעסטעט זידלט פיליפּן דערפאַר, וואָס ער שוינט קלוימערשט
צופיל די ענגלישע פּראָטעסטאַנטן.

— מע דאַרף אויספּילן דעם כּוח און פאַרניכטן די אַפּיקאָרסים אָן קיין

שום ראכמאָנעס. — זאָגט דער אימפּעראַטאָר. — האָב אַפ קיינעם קיינ ראכ־מאָנעס ניט — ניט אַפ קיינ מענער, ניט אַפ קיינ פרויענ, ניט אַפ קיינ מייד־לעכ אונ ניט אַפ קיינ קינדער. צום באַדויערנ, זײַנענ צו מיר דערגאַנגענ קלאַנגענ, אַז די קיניגנ, דײַנ פרוי, ווײַזט אָפּט אַרויס צו זיי איר קיניגלעכנ כעסעד.

דער קיניג ענטפערט זײַנ מאַיעסטעט דעם אימפּעראַטאָר, אַז פונ הײַנט אָנ אונ אַפ ווײַטער וועט ער טאָנ אַזוי, ווי ער, קאַרל, הייסט אימ.

זײַנ מאַיעסטעט פאַרהוסט זיכ אונ פאַרזופּט מיט ווײַנ.

— באַלד וועסטו דערזענ די גענעראַל־שטאַטנ, — זאָגט ער צו פיליפּנ, — אָט די אַלע פּרעלאַטנ, אַדל־לײַט אונ בירגער. צווישנ זיי וועסטו דערזענ דעם שווײַגעדיקנ ווילהעלמ דעמ אָראַנער, דעם שטאָלצנ עגמאָנט, האָרנענ, וואָס קיינער האָט אימ ניט ליב, ברעדעראָדענ, וואָס איז דרייסט, ווי אַ לייב, אונ אַלע איבעריקע ריטער פונ דעם אָרדענ די „גאָלדענע וואָל“. פונ הײַנט אָנ וועסטו רעגירנ איבער זיי. מער פונ אַלצ האָבנ זיי ליב זייערע צאַצקעס. זיי וועלנ זיכ מיט פאַרגעניגנ לאָזנ אָפּשנײַדנ די נאָז, אַבי נאָר צו קריגנ אַפ דער ברוסט אַזאַ צאַצקע אַלס צייכנ פונעמ העכסטנ קאָוועד.

— מײַנ זונ, — האָט דער אימפּעראַטאָר פאָרגעזעצט מיט אַנ אומעטיקער שטימ, — דו ווייסט, — איכ זאָג זיכ אָפּ פונעמ טראָגנ לעטויוועס דיר. מיר וועט אויסקומענ צו ריידנ פאַר אַ האַמויענ מענטשנ, כאָטש איכ שלוקערצ אונ הוסט. איכ האָב צופיל געגעסנ אינ מײַנ לעבנ. מײַנ זונ, אַ שטיינערנ האַרצ פאַרמאָגסטו, אויב דו וועסט ניט וויינענ, הערנדיק מײַנע רייד.

— איכ וועל וויינענ, ליבער פאָטער, — האָט דער קיניג געענטפערט.

דער אימפּעראַטאָר גיט אַ רופ צו זיכ אַ דינער מיטנ נאָמענ דיובואַ.

— גיב מיר אַ שטיקל צוקער, אײַנגעטונקענ אינ מאַדערע־ווײַנ: איכ שלוקערצ. צי דענ וועט דאָס שלוקערצנ מיר שטערנ ריידנ? די נעכטיקע גאַנדז ליגט באַ מיר אינ גאָרגל. עפּשער אויסטרינקענ אַ ביסל אָרלעאַנער? ניינ, מע דאַרפ ניט: אָרלעאַנער איז צו זויער. עפּשער אויפעסנ אַ פּאָר אַנטשאָוסנ? ניינ, זיי זײַנענ צו פעט. דיובואַ, גיב מיר גאָר אַ ביסל זיסנ ווײַנ.

דיובואַ דערלאַנגט דעם אימפּעראַטאָר ווײַנ. דערנאָכ טוט ער אָנ קאַר־לענ אינ די קיניגלעכע קליידער: ער דעקט אימ צו די אַקסלענ מיט אַ גאָלדענער מאַנטיע, באַגאַרטלט אימ מיט אַ שווערד, גיט אימ אינ די הענט דעם סצעפּטער, דעם מעלוכע־קײַלעכ אונ טוט אימ אָנ אַפנ קאָפּ די קרוינ.

דער אימפּעראַטאָר אונ זײַנ זונ גייענ אינ פּאַלאַצ אַרײַנ.

דאָרט באַגעגנט זיי אַ הויכער, שלאַנקער מאַנ — דער אָראַנער פּרינצ.

— נו, ווי זע איכ הײַנט אויס, קוזענ ווילהעלמ? — פרעגט אימ דער אימפּעראַטאָר.

דער אָראַנער שווײַגט.

— וואָס שווייַגסטו, קוזענ, — פרעגט אימ זייַנ מאַיעסטעט האַלב ערנסט, האַלב לאַכנדיק, — ווילסט דער אַלטער כורווע ניט זאָגנ דעמ עמעס, ריכטיק, הא? וואָס, — איכ זאָל בלייַבנ אפ ווייַטער קייסער, אָדער איכ זאָל זיכ אָפּזאָגנ? וואָס פאַר אַנ אייצע גיסטו מיר, שווייַגער?

— אייַער מאַיעסטעט, — זאָגט דער אָראַנער פּרינצ, — ווינטער פאַלנ אַראָפּ די בלעטער אַפילע פונ די שטאַרקסטע דעמבנ.

דער אימפּעראַטאָר אונ זייַנ סוויטע קומענ אַרייַנ אינ א פּראַכטפולנ זאַל. דער אימפּעראַטאָר זעצט זיכ אונטער א באַלדאַכינ, אפ א הויכער טריבונע. דאָ זייַנענ שוינ צוגעגרייט פאָטערשטולנ. דער מיטלסטער שטול מיט דעמ אימפּעראַטאָרס קרוינ איז פאַרנ אימפּעראַטאָר; דער לינקער — פאַר דער קיניגנ, דער רעכטער — פאַרנ יורעש, דעמ קיניג פּיליפּ. פונ בײדע זייַטנ, אפ בענק, באַדעקט מיט טעפּיכער, זיצנ כאָשעווע הערנ אינ רויטע קליידער. אפנ האַלדז בא זיי הענגט דער אָרדענ פונ דער „גאָלדענער וואָל“. הינטער זיי זיצנ א סאַכ אָנגעזעענע לייַט: אַלע זייַנענ זיי פירשטנ אונ הויכגעשעצטע סעניאָרנ. אונטנ, לעבנ דער טריבונע, זיצנ מענטשנ אינ פּראָסטע געוואַנטענע קליידער. דאָס זייַנענ סאָכרימ אונ אַלערליי האַנדלס-לייַט, וואָס אפ זייער כעזשבנ האָט מענ עס אייַנגעאָרדנט די פייַערונג. ווענ דער אימפּעראַטאָר קומט אַרייַנ, הייבנ זיכ אַלע אופ פונ זייערע ערטער. דער אימפּעראַטאָר זעצט זיכ אַוועק אונ הייסט אַלעמענ זיכ זעצנ.

דערנאָכ נעמט ער ריידנ וועגנ זיכ, וועגנ דעמ, וואָס ער האָט אופגעטאָנ, וועגנ די מילכאָמעס, וואָס ער האָט געפירט. ער זאָגט, אַז ער איז שוינ מיד, אַז ער איז שוינ אַלט, אונ דעריבער האָט ער באַשלאָסנ איבערגעבנ די קרוינ פונ שפּאַניע זייַנ זונ. אייַנצייַטיק איבערגעבנ אימ די הערצאָגטומס, גראַפנטומס אונ אַלע איבעריקע באַזיצ־לענדער.

קאַרל ווײנט. אונ אַלע פאַרזאַמלטע ווײנענ אײנײנעמ מיט אימ.

דער קיניג פּיליפּ הייבט זיכ אופ אונ פאַלט אפ די קני פאַרנ אימפּעראַטאָר.

— אייַער מאַיעסטעט, — זאָגט ער צו קאַרלענ, — צי האָב איכ דאָס רעכט איבערצונעמענ די דאָזיקע קרוינ פונ אייַערע הענט, ווענ איר קענט זי נאָכ אַליינ טראָגנ?!

דאָ גיט אימ דער אימפּעראַטאָר א שעפּטשע אינ אויער, אַז ער זאָל זיכ ווענדנ מיט א רעדע צו די בייַוועזנדיקע.

— איכ פאַרשטיי ניט אפ אַזויפיל גוט פראַנצויזיש, אַז איכ זאָל קאָנענ ריידנ מיט אָט די הערנ, — זאָגט פּיליפּ מיט א זויערער שטימ, — הערט, וואָס עס וועט זאָגנ פאַר מיר דער בישאָפּ פונ אַראַס.

— ס'איז ניט זייער קיינ געלונגענע רעדע, מייַנ זונ, — זאָגט דער אימפּעראַטאָר.

ווירקלעך, אין זאל הערט זיך א מורמל, דער יונגער קיניג איז צו א גרויסער באלגײווע. נאָך פיליפּן ריידן: דער בישאָף פון אראס, די קיניגן, דערנאָך עפּעס איינער אן אלטער דאָקטער. ענדלעך זײַנען אלע צערעמאָניעס פארענדיקט. דער אימפּעראטאָר מעלדעט, אז זײַנע אונטער־טאנען זײַנען פרײַ פון דער שוווע. ער הייבט זיך אוף פון טראָן און זעצט אפ אים ארוף זײַן זון. אין זאל וויינען אלע. דער אימפּעראטאָר און זײַן סוויטע קערן זיך אום אין זייערע צימערן.

דאָרטן, אין גרינעם זאל, בלײַבנדיק אויג אפ אויג מיטן זון, צעלאכט זיך דער אימפּעראטאָר, שלוקערצט און זאָגט צו פיליפּן:

— זעסט, ווי ווינציק מע דארף אפ צו דערפירן די דאָזיקע מענטשן ביז טרערן? ס'ארא מאבל פון טרערן! זיי האָבן געקוועטשט (?) געערעוועט, ווי די קעל־בער, אפילע בא דיר זײַנען שוין אויך געוועזן א ביסל נאסלעך די אויגן, נאָר ניט אינגאנצן. מײַן זון, לערן זיך הערשן איבער פעלקער. וואָס מער געלט מיר קוועטשן פון זיי ארויס, אלץ מער האָבן זיי אונדז ליב. אדאנק מיר זײַנען אין נידערלאנד אומגעקומען פופציק טויזנט מענטשן. אצינד גיי איך אוועק פון דער מאכט — וויינען זיי. איך האָב פון זיי אויסגעקוועטשט אזויפיל געלט, וואָס דו וועסט אזויפיל ניט באקומען פון אינדיע אָדער פערו, — און זיי טרויערן, וואָס זיי פארלירן מיך. איך האָב בארויקט גענט, אָפּגעשאפט זייערע פריווילעגיעס, אָבער די דאָזיקע נאראָנימלעך מיינען נאָך אלץ, אז זיי זײַנען פרײַע בירגער נאָר דערפאר, וואָס איך דערלויב זיי שיסן פון ארבאלעטן און טראָגן אין דער צײַט פון רעליגיעזע פּראָצעסיעס זייערע צעך־פאָנען. מײַן זון, זײַ מיט זיי איידל אפן וואָרט, נאָר הארב אין טאט. שווער זיי אָפּצוהיטן אלע זייערע פריווילעגיעס, אָבער ווי נאָר דו וועסט דערזען, אז דיר לוינט עס ניט, שאפ זיי טייקעף אָפּ אָן שום מוירע. די אפּיקאָרסים דארף מען אויסראָטן ניט דערפאר, ווײַל זיי האָבן פארראטן דער קאטוילישער קירך, נאָר דערפאר, וואָס זיי זײַנען קעגן אונדזער מאכט און קעמפן מיט אונדז אין נידערלאנד. די, וואָס קאָנען זיך דערלויבן צו מאכן אן אופשטאנד קעגן דעם פּויפּסט מיט זײַן דרײַפאַ־כער קרוין, קאָנען זיך געוויס דערלויבן צו מאכן אן אופשטאנד קעגן דעם קייסער, וואָס טראָגט בלויז איין קרוין. פארניכט זשע זיי אָן שום ראכ־מאָנעס און יארשן זייער האָב־און־גוטס. געדענק, אז ווען דו וועסט שטארבן, וועלן די דאָזיקע נאראָנים זאָגן: „אוי, ס'ארא גוטער קייסער ער איז גע־ווען" — און זיי וועלן וויינען מיט ביטערע טרערן.

אָנגעלאכט זיך, וואלגערט זיך דער אימפּעראטאָר ארײַן אין בעט און שלאָפט אײַן. דער קיניג פיליפּ קוקט אפ אים שווײַגנדיק, שטאָלץ און מיט גײַווע. זײַן בליק איז א קאלטער. ער האָט דעם פאָטער ניט ליב.

קאפיטל 15

וועגנ דעמ, ווי אולענשפּיגעל איז געוואָרנ א מאָלער

עס זײַנענ שוינ אוועק דרײַ יאָר, זינט מ'האָט קאטלינענ ארויסגע־טריבנ פונ דאמע. זומער, צומ סאָפ פונעמ דריטנ יאָר, האָט זי זיכ צוריק אומגעקערט אינ איר היימ־שטאָט.

— מײַנ נעשאָמע בענקט, — פלעגט זי נאָכאנאנד טײַנענ, — בויערט אויס א לעכל, לאָזט ארויס די נעשאָמע אפ דער פרײַ.

דערזעענדיק א בעהיימע, פלעגט זי, ווי פריִער, געבנ א שפרונג אונ אנטלויפנ, וווהינ די אויגנ פלעגנ זי טראָגנ.

אָפט פלעגט זי זיכ אוועקזעצנ אפנ בענקל לעבנ שטוב אונ, שאָקלענ־דיק מיטנ קאָפ, קוקנ אפ די פארבײַגייער, נאָר זי פלעגט קיינעמ ניט דערקענענ. די שטאָטישע בירגער פלעגנ דורכגיינ פארבײַ אונ פלעגנ איינער צו דעמ אנדערנ זאָגנ:

— אָט אנ אומגליקלעכע.

אונ אולענשפיגעל האָט נאָכ אלצ געבלאָנקעט איבער וועגנ אונ שטעגנ אונ האָט שוינ לאנג ניט געהאט קיינ רו־אָרט.

אונ אָט האָט ער איינמאָל דערזענ אפנ וועג אנ אייזל אינ פראכטפולנ געשפאנ, באפוצט מיט מעשענע רינגעלעכ. לעבנ דעמ אייזל זײַנענ גע־שטאנענ עטלעכע אלטע פרויענ.

— גייט צו אימ ניט צו נאָענט, — האָבנ זיי געשריִענ צו אולענשפי־געלנ, — טשעפעט ניט דעמ דאָזיקנ אייזל. דאָס איז דער אייזל פונ דעמ באוווסטנ קישעפמאכער אונ אפיקוירעס באראָנ דע־רע. ווענ מע האָט דעמ באראָנ פארברענט אפנ שײַטער, איז דער אייזל אנטלאָפנ. די זעלנער האָבנ אימ געכאפט, נאָר ער האָט זיכ אזוי צערעוועט, אז די דאָזיקע פאכ־דאָנימ זײַנענ זיכ צעלאָפנ אינ אלע זײַטנ. אפאָנעמ, אז בא אונדז אינ לאנד איז שוינ ניט געבליבנ קיינ איינ דרייסטער מאנצבל.

נאָר ס'איז געווענ גענוג, אז דער אייזל זאָל אופהייבנ דעמ קאָפ, ווי די דאָזיקע דרייסטע מומינקעס פלעגנ אנטלויפנ פונ אימ ווער וווהינ.

דערנאָך פֿלעגן זיי זיך ווידעראמאָל צונויפֿקלײַבן ארום אים, פֿלוידערן ווי די סאָראָקעס, און ווידער זיך לאָזן לויפֿן ווער ווהין, ווי נאָר דער אייזל פֿלעגט אופֿהייבן זײַן מאָרדע.

„אָט פֿלאפֿלערקעס, — האָט אולענשפּיגעל א טראכט געטאָן, — וואָס האָבן זיי עס מוירע פֿארן דאָזיקן אייזל? כ'וועל זיך אָפּ אים ארופֿזעצן און וועל זיך שטילערהייט פֿאָרן אָפּ אים. אָדער כ'וועל אים גאָר פֿארקויפֿן בא א געלעגנהײַט".

אולענשפּיגעל האָט אויסגעריסן א בינטל האָבער און געגעבן דעם אייזל, דערנאָך איז ער ספּריטנע ארופֿגעשפּרונגען אָפּ אים און איז אוועקגעריטן מיטן וועג. שוין זיצנדיק אָפּן אייזל, האָט ער זיך א קער געטאָן צו די אַלטע פֿרויען און עטלעכע מאָל זיי געבענטשט מיט דער האנט, ווי דאָס טוען מאָנאכן, בייס זיי באגעגענען אין וועג פּילגרימען. די אַלטע פֿרויען זײַנען פֿאר שרעק געפֿאַלן אָפּ די קני און האָבן שפּעטער דערציילט די שכיינים, ווי עס האָט זיך אראָפּגעלאָזן פֿון הימל א מאַלעך אין א פֿילצענעם הוט, באפּוצט מיט א פֿעדער פֿון א פּאַוואַן, ווי דער דאָזיקער מאַלעך האָט זיי געבענטשט און ווי ער האָט, לויט דעם אייבערשטנס באפֿעל, אוועקגעפֿירט דעם פֿארקישעפֿטן אייזל.

אולענשפּיגעל איז זיך דערווײַל געפֿאָרן פֿאָרויס איבער פֿעלדער און לאָנקעס. ארום אים האָבן, צופֿנדיק גראָז, זיך געפּיטערט בעהיימעס און עס זײַנען שטיפֿעריש געשפּרונגען לאָשיקעס. אולענשפּיגעל האָט זײַן אייזל א נאָמען געגעבן יעפּ.

אָפּ איין לאָנקע האָט דער אייזל זיך אָפּגעשטעלט און גענומען קײַען דערנער. אולענשפּיגעלס מאָגן האָט אויך געמאָנט עסן, אָבער זײַן וועגזעקל איז, צום באדויערן, געווען פּוסט.

— עס גליקט דיר, הער אייזל, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט צו יעפּן, — קיינער שטערט דיר ניט האנאָע צו האָבן. אָבער וואָס זאָל איך טאָן? וועגן דעם קלערסטו ניט. אָרעמע קעשענעס מײַנע! זיי זײַנען אַלע מיט לעכלעך. עס האַלטן זיך אין זיי ניט אײַן ניט קיין דוקאטן, ניט קיין פֿלאָרינען, ניט קיין טאַלערס. איך ווייס ניט, פֿארוואָס האָט עס מיך געלט אזוי פֿײַנט. ע, הער אייזל, איך זע, אז דו הערסט גאָר ניט, וואָס איך רייד צו דיר, דו עסט זיך גאָר ווייניק אָפּ דאָס הארץ, פֿרעסער דו אומגליקלעכער.

און ער האָט א שמיץ געטאָן דעם אייזל מיטן רוט. דער אייזל האָט זיך צערעוועט.

— נו, שפּאַן ווײַטער, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

אָבער דער אייזל האָט זיך פֿון אָרט ניט גערירט. עס האָט זיך געדוכט, אז ער קלײַבט זיך אופֿעסן אַלע דערנער, וואָס זײַנען געוואקסן באם

וועג, און ניט איבערלאָזן קיין איין שטעקלקע. דעמלט איז אולענשפּיגעל אראָפּגעקראָכן אפן דער ערד און האָט אויסגעריסן א בינטל דערנער. דער־נאָך איז ער ווידער ארופגעשפּרונגען אפן אייזל און האָט גענומען אומפּאָכן מיטן דאָזיקן שטעכיקן בוקעט פאר דעם אייזלס מאָרדע. באַמיִענדיק זיך אָנצוכאפּן מיט די ליפּן דאָס גראָז, איז דער אייזל גיך אוועקגעלאָפן פאָרויס.

אזוי זײַנען זיי דערפאָרן צום שלאָס פונעם העסענער לאַנדגראף. אפן די טרעפּ פונעם שלאָס האָבן צוויי אָפיצערן געשפּילט אין ביינדלעך. איינער פון זיי האָט א קוק געטאָן אפן אולענשפּיגעלן.

— וואָס דארפסטו דאָ, הונגעריקער צוויואק? — האָט ער געפרעגט או־לענשפּיגעלן.

— וואָס עמעס איז עמעס, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט, — איך בין טאקע הונגעריק, ווי א הונט, אָבער קיין צוויואק בין איך ניט: איך וואַנ־דער דאָך אום ניט מיטן אייגענעם ווילן.

— פונוואַנען ביסטו? — האָט דער אָפיצער געפרעגט.

— פון פלאַנדריע, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

— וואָס דארפסטו דאָ?

— איך בין א מאָלער, כ'וויל אָנקומען צום לאַנדגראף אפ ארבעט.

דער אָפיצער האָט אוועקגעפירט אולענשפּיגעלן צום לאַנדגראף.

— אײַער הויכקײַט, — האָט אים אולענשפּיגעל געזאָגט, — איך בין גע־ווען א מאָלער בא זייער א סאך הויכגעשטעלטע פערזאָנען, און אלע זײַ־נען זיי געווען שטארק צופרידן פון מײַן ארבעט. אצינד וואָלט איך וועלן מיט מײַן קונסט באַרימט מאכן אײַער גרויסמוטיקײַט. עפּשער דארפט איר האָבן א הויף-מאָלער?

— איך דארף, — האָט דער לאַנדגראף געזאָגט. — איך קאָן דיך נעמען אפ א פּרווו.

— און איר וועט ניט כאראָטע האָבן, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— איך זע, אז דו ביסט געוואָרן דאר, ווי א שפּענדל, — האָט דער לאַנדגראף געזאָגט. אָנקוקנדיק אולענשפּיגעלן.

— ריכטיק, אײַער הויכקײַט, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט, — מײַן אייזל האָט זיך צו זאט אָנגעגעסן מיט דערנער, איך אָבער לעב שוין דרײַ טעג בלויז מיט איין האָפענונג.

— נו, דערפאר וועסטו באלד אָפּעסן א געשמאקן אָוונטברויט, — האָט דער לאַנדגראף געזאָגט. — און ווו איז דײַן אייזל?

— איך האָב אים איבערגעלאָזן אפן פלאַץ, וואָס לעבן פאלאַץ, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט, — איך וועל זײַן זייער צופרידן, ווען מע וועט מײַן יעפּן אָפּפירן אין א שטאל און מע וועט אים געבן אפ אָוונטברויט א זעקל האָבער.

דער לאַנדגראַף האָט באַפוילן זײַן פּאַזש אָפּפירן יעפּן אין שטאַל.

עס איז געקומען די צײַט פון אָוונטברויט. פונעם געבראָטענעם פלייש האָט געשלאָגן אַ פּאַרע, און די בעכערס פלעגט מען אָן אויפהער אָנפילן מיט ווײַן.

אולענשפּיגעל און דער לאַנדגראַף זײַנען אַזש רויט געוואָרן פונעם עסן. אולענשפּיגעל איז אײַנגיכן פריילעך געוואָרן. דער לאַנדגראַף ווידער איז געזעסן פאַרטיפט אין זײַנע געדאַנקען.

— אָט וואָס, מאָלער, — האָט ער פּלוצלינג געזאָגט, — דו דאַרפסט אָנמאָלן מײַן פּאָרטרעט, איך וויל אים איבערלאָזן מײַנע יאָרשים פאַר אַן אָנדענק.

— אײַער ווילן איז פאַר מיר אַ געזעץ, אײַער הויכקײַט, נאָר מיר, אײַער נישטיקן דינער, דאַכט זיך, אַז מע דאַרף אײַך מאָלן ניט איינעם אַליין, נאָר אײַנײַנעם מיט דער האַרנטע לאַנדגרעפין, אײַער כאַשעווער פרוי, מיט די הויף־דאַמעס און קאַוואַלערן, ווי אויך מיט אײַערע קאַפּיטאַנען און אַנדערע דרייסטע אָפיצערן. און צווישן אַלע אײַערע הויפלײַט וועלן אויפשײַנען, אַזוי ווי צוויי זונען צווישן לאַמטערנס, אײַער הויכקײַט און אײַער געערטע פרוי.

— ריכטיק, הער מאָלער, — האָט דער לאַנדגראַף געזאָגט, — און וויפל וועסטו נעמען פאַר דײַן אַרבעט?

— הונדערט פלאָרין, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— נאַ דיר דאָס געלט אַפריִער, — האָט דער לאַנדגראַף געזאָגט.

— מײַן הער, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — איר דערגיסט בוימל אין מײַן לעמפּל, און פון הײַנט אָן וועט עס נאָך העלער שײַנען לעקאָוועד אײַער גנאָד.

אַף מאָרגן האָט דער גראַף אים פאָרגעשטעלט די אַלע, וואָס מע האָט געדאַרפט אָנמאָלן אַפן בילד.

צווישן זיי זײַנען געווען דער לינעבורגער הערצאָג, דער קאָמאַנדיר פון דעם גראַפס לאַנדסקנעכט. דאָס איז געווען אַ ריזיקער פעמפּיק, וואָס האָט קוים מיט צאָרעס געשלעפּט זײַן פעטן בויך. ער איז צוגעגאַנגען צו אולענ-שפּיגעלן און האָט אים מיט אַ הייזעריקער שטים אַ ברום געטאָן אין אויער אַרײַן:

— אויב דו וועסט, מאָלנדיק מײַן פּאָרטרעט, ניט אַראָפּנעמען פון מיר אַ העלפט פעטס, וועלן מײַנע סאָלדאַטן דיך אויפהענגען.

דערנאָך איז געקומען אַן אָנגעזעענע דאַמע מיט אַ הויקער אַפן רוקן.

— הער מאָלער, — האָט זי געזאָגט — אויב דו וועסט, מאָלנדיק מיך, ניט אַראָפּנעמען פון מײַן רוקן דעם דאָזיקן הויקער, וועט מען דיך פאַר-טלען ווי אַ גיפטמישער.

דערנאָכ איז געקומענ א יונגע שיינע פרײַלנ, בא וועלכער עס האָבנ געפעלט דרײַ פאָדערשטע ציינ.

— הער מאָלער, — האָט זי געזאָגט, — אויב דו וועסט מיכ אָנמאָלנ אָנ די ציינ, וועט מײַנ כאָסנ דיכ צעהאקנ אפ שטיקער.

ענדלעכ איז אולענשפּיגעל געבליבנ אויג אפ אויג מיטנ לאַנדגראַפ.

— אויב דו וועסט אָנמאָלנ עמעצנ פונ זיי ניט אזוי, ווי זיי זעענ אינדערעמעסנ אויס, — האָט דער לאַנדגראַפ געזאָגט, — וועל איכ דיר אָפּהאַקנ דעמ קאָפּ, ווי א הינדל.

„שוינ איינמאָל אנ אוילעמ, — האָט אולענשפּיגעל א קלער געטאָנ, — זע אָקאָרשט, זיי זאָלנ מיכ טאָקע ניט אופהענגענ אָדער פערטלענ, שוינ בעסער קיינעמ ניט אָנמאָלנ, אזוי וועט כאָטש זײַנ רויִקער“.

מע האָט אולענשפּיגעלנ געבראכט אינ א גרויסנ זאַל מיט הוילע ווענט, אפ איינער פונ די דאָזיקע ווענט האָט ער געדאַרפט אָנמאָלנ דאָס בילד.

— די דאָזיקע ווענט דאַרפ מענ פאַרהענגענ מיט א פאָרהאַנג, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — אויב ניט, וועט מײַנ ארבעט קאַליע ווערנ פונ שטויב.

דעמ פאָרהאַנג האָט מענ אופגעהאַנגענ.

— גיט מיר דרײַ געהילפנ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — זיי וועלנ צערײַבנ די פאַרב.

די געהילפנ זײַנענ אָנגעקומענ. אולענשפּיגעל האָט א גאַנצנ כוידעש גאָרנישט ניט געטאָנ, ער האָט בלויז געהוליעט מיט זײַנע געהילפנ פונ אינדערפרי ביז אינ אָוונט. לויט דעמ לאַנדגראַפס באַפעל פלעגט מענ זיי דערלאַנגענ די בעסטע מײַכאָלימ אונ ווײַנענ.

אינ א כוידעש ארומ האָט דער לאַנדגראַפ אָנגעקלאַפּט אינ טיר.

— נו, טיל, ווי גייט די ארבעט? — האָט ער אימ געפרעגט.

— נאָכ ווײַט צומ סאָפ, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

— מע קאָנ שוינ עפּעס זענ.

— נאָכ ניט.

ס'איז אוועק נאָכ עטלעכע טעג. דער לאַנדגראַפ האָט ווידעראַמאָל אָנגעקלאַפּט אינ צימער.

— נו, טיל?

— מיר ענדיקנ שוינ, הער לאַנדגראַפ.

אינ צוויי כאַדאָשימ ארומ האָט דעמ לאַנדגראַפס געדולד געפּלאַצט. ער האָט זיכ ארײַנגעריסנ אינ זאַל אונ גענומענ שרײַענ:

— נעמט אראָפּ דעמ פאָרהאַנג. כ'וויל טייקעפ זענ דאָס בילד!

— איינ מינוט, אײַער גרויזאַמע הויכקײַט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, —

אפריִער דארף מען איַינלאַדן אַלע דאַמען און קאַוואַלערן. ווי נאָר זיי וועלן זיך צונויפקלײַבן, וועל איך עפענען דעם פאָרהאַנג.

— מאסקים — האָט דער לאַנדגראַף געזאָגט.

לויט דעם לאַנדגראַפס באַפעל האָבן זיך אַלע צונויפגעקליבן אין זאַל. אולענשפּיגעל האָט זיך געשטעלט פאַרן פאָרהאַנג און געזאָגט:

— הער לאַנדגראַף און איר, הארנטע לאַנדגרעפין, אויך איר, הער־צאָג ליונעבורגער, און איר, שיינע דאַמען און דרייסטע קאַוואַלערן! ווי איך האָב געקענט, אַזוי האָב איך דאָ אָנגעמאָלט אייַערע פייַנע און קרײַגערישע פּנימער. איטלעכער פון אײַך וועט זייער לײַכט דערקענען זייַן פאָרטרעט. אַלע אדל־לײַט, אין וועמעס אָדערן עס פליסט אַריסטאָקראַטיש בלוט, וועלן קוקן אַף מײַן בילד און קלײַבן פון אים נאַכעס, נאָר אויב צווישן אײַך איז פאַראַן כאָטש איין מענטש פון נידעריקן אָפּשטאַם, — וועט ער גאָרנישט ניט זען, אויסער אַ הוילע ווײַסע וואַנט, ווײַל דער אַמאָראַצישער האַמוין איז לויט זייַן נאַטור בלינד צו הויכער קונסט. אַלזאָ טוט אַ געפעליקייט און עפנט אויף אײַערע איידעלע אויגן!

אולענשפּיגעל האָט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג, און די צושויער האָבן דערזען אַ הוילע פּוסטע וואַנט.

— געדענקט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — אַז מייַן בילד קאָנען זען נאָר אדל־לײַט, כאַמוּלעס פּויערים וועלן דאָ גאָרנישט ניט זען.

אַלע האָבן ברייט צעעפנט די אויגן און גענומען קוקן אַף דער הוי־לער וואַנט. אַלע האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זעען דאָס בילד. זיי האָבן באַוויזן איינס דעם צווייטן באַזונדערע פיגורן, דערקענט זייערע באַקאַנטע, באַהאַנדלט, — צי זיי זײַנען גוט אָנגעמאָלט. אינדערעמעסן אָבער האָבן זיי גאָרנישט ניט געזען און זיי האָבן געהאַט אַ היפּש ביסל אַגמעס־נעפעש דערפון.

בלויז דעם לאַנדגראַפס לעץ האָט געגעבן אַ שפּרונג אויף, אַ הילך גע־טאָן מיט זײַנע גלעקעלעך און אויסגעשריִען הויך אַפן קאָל:

— רופט מיך אָן כאַמול און פּויער, נאָר איך דאַרף אײַך זאָגן אָט וואָס: דאָ איז גאָרנישט ניטאָ, אויסער אַ ווײַסער פּוסטער וואַנט... דער אייבערשטער זאָל מיר אַזוי שענקען אַלדאָסגוטס!

— ווען נאַראָנים הייבן אָן ריידן, גייען קלוגע אַוועק, — האָט אולענ־שפּיגעל געזאָגט, און ער איז אַרויס פון זאַל.

אין טויער האָט אים דעריאָגט דער לאַנדגראַף.

— שווינדל, שווינדל, — האָט ער געזאָגט אולענשפּיגעלן, — רעכנסט נאָך לאַנג כויזעק מאַכן פון אדל־לײַט? מע וועט דיך ווען־ניט־איז אופהענגען פאַר אַזוינע קונצן.

— אויב די שטריק וועט זײַן אַ גאָלדענע, — האָט אולענשפּיגעל גע-

זאָגט, — וועט זי פון שרעק זיך צערײַסן אַפּ שטיקער, ווי זי וועט נאָר דער-זען, אַז איך גיי צו איר צו.

— אויב אַזוי, — האָט דער לאַנדגראַפּ געזאָגט, — איז נאַ דיר דאָס ערשטע שטיקל שטריק.

און ער האָט געגעבן אולענשפּיגעלן פּופּצן פלאָרינ.

— אַ גרויסן דאַנק אײַך, אײַער הויכקײַט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — איטלעכער שענק אַפּן וועג, מיט וועלכן איך דאַרף פאָרן, וועט באַקומען פונעם דאָזיקן שטריק אַ פּעדעמל.

באַם געזעגענען זיך האָט ער אַ פּאָך געטאָן מיט זײַן הוט, וואָס מיטן פאַזאַנישן פּעדער, איז אַרופּגעשפּרונגען אַפּן אייזל און איז אַוועק-געריטן מיטן שליאַך.

קאַפּיטל 16

וועגן דעם, ווי אולענשפּיגעל האָט אָפּגענאַרט רײַזנדע פלאַמאַנדער

אין ליונעבורגער הערצאָגטום האָט אולענשפּיגעל באַגעגנט אַ קאָמפּאַניע לוסטיקע פלאַמאַנדער. זיי זײַנען געפאָרן קיין דײַטשלאַנד אַ לעב טאָן אַ גוטן טאָג, און אַצינד האָבן זיי זיך אומגעקערט אַהיים. זיצנדיק אויף דער פור, האָבן זיי געזונגען לידער און געשפּילט אויף פײַפֿעלעך און דודקעס. האַרט לעבן דער פור האָט געשפּאַנט אַ דיקער מאַן: ער האָט געהאָפט, אַז נאָך דעם שפּאַציר וועט ער ווערן אַ ביסל דאַרער.

בײַם די רײַזנדע האָבן דערזען אולענשפּיגעלן, איז באַ זיי שוין געווען אויסגעאַנגען דער לעצטער פלאַרין. אולענשפּיגעל האָט פריילעך געשפּאַנט איבערן וועג, קלינגענדיק מיטן געלט. זיי האָבן אים אײַנגעלאַדן אין שענק און האָבן אים פײַן מעכאַבעד געווען. אולענשפּיגעל האָט געטרונקען און געלאַכט. אָבער מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט, אַז די פלאַמאַנדער ווינקען זיך איבער איינס מיטן צווייטן און זיי לאַכן, ווען זיי גיסן אים אָן ווײַן.

„ס'איז עפּעס ניט גלאַט", — האָט אולענשפּיגעל אַ קלער געטאָן.

ער איז אַרויס אין צווייטן צימער און האָט הינטערן טיר זיך צוגעהערט צו זייער שמועס.

— ער איז דעם לאַנדגראַפס מאָלער, — האָט דער דיקער געזאָגט צו זײַנע כאַווירים, — ער האָט פאַרדינט באַם לאַנדגראַף אַ פײַנע מאַטבייע. לאָמיר אים אָנשיקערן, דערנאָך אויסטאָן און אים איבערלאָזן אויפן וועג.

— אָמיין, — האָבן די איבעריקע געענטפערט.

אולענשפּיגעל האָט באַלד אוועקגעפירט זײַן אייזל אויפן שכיינעסדיקן הויף, און אַליין האָט ער זיך אומגעקערט אין שענק אַרײַן און שווײַגנדיק זיך צוגעזעצט צו דער קאָמפּאַניע. די פאַרשווערער האָבן אים ווידעראַמאָל אָנגעגאָסן ווײַן און באַצאָלט דעם באַלעבאָס. אולענשפּיגעל האָט געטרייסלט זײַן אָנגעשטאָפּטן טײַסטער, אין וועלכן עס האָבן געקלונגען מאַט-

בייעס, און האָט דערציילט, אַז ער האָט נאָרוואָס פאַרקויפט זײַן אייזל איינעם אַ פּערמער פאַר זיבעצן זילבערנע דעלדערס.

דער דיקער איז דערווײַל צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס און האָט אַ זאָג געטאָן, ווײַזנדיק אַף אולענשפּיגעלן:

— דאָס איז דעם לאַנדגראַפס מאָלער. ער וועט באַצאָלן פאַר אַלעמען.

דער באַלעבאָס האָט געבראַכט צו טראָגן אַלערליי מײַכאָלים. אולענשפּיגעל האָט געשטאָפּט איןביידע באַקן און האָט ניט אופגעהערט צו קלינגען מיט זײַנע מאַטבייעס.

פון צײַט צו צײַט פלעגט ער אראָפּשלעפּן פון קאָפּ דעם הוט און, פּאָכנדיק מיט אים, פלעגט ער זאָגן צו דער כעוורע שיקורים:

— אָט ווו עס איז אײַנגעניית מײַן גאַנצ אייגנס.

זיי האָבן געהוליעט גאַנצע צוויי טעג און איין נאַכט. ענדלעך, האָבן די פּלאַמאַנדער געזאָגט אולענשפּיגעלן:

— באַצאָל דעם באַלעבאָס, ס'איז שוין צײַט צו פאָרן אַהיים.

— אַ פּאַצוק, וואָס קריכט אַרײַן אין אַ קעפּל קעז, אײַלט זיך דען צו זיך אין דער נאָרע? — האָט אולענשפּיגעל זיי געפרעגט.

— ניין, ער אײַלט זיך ניט, — האָבן זיי געענטפערט.

— און אַ מענטשן, וואָס עסט די בעסטע מײַכאָלים און טרינקט די סאַמע זיסע ווײַנען, ציט אים דען אַף דער שטויביקער .גאַס אָדער ריננשטאָק אַרײַן?

— ניין, — האָבן די פּלאַמאַנדער געזאָגט.

— האָבן מיר אויך ניט וואָס אוועקצואײַלן פונדאַנען, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — לאָמיר טרינקען, קאָלזמאַן דער ווײַן גיסט זיך נאָך אין אונדזערע העלדזער.

און ער האָט באַפוילן דעם באַלעבאָס צו ברענגען נאָך ווײַן און וווּרשט.

— איך צאָל פאַר אַלץ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — ווען מײַן טײַסטער וועט ווערן פּוסט, וועלן מיר זיך נעמען פאַר מײַן הוט. אַ שיין ביסל קאַראָלוסן זײַנען אין אים אײַנגענייט.

— לאָז אונדז אַ טאַפּ טאָן דעם הוט, — האָבן אַלע מיטאַמאָל אויסגעשריִען.

זיי האָבן אַ כאַפּ געטאָן דעם הוט און אָנגעטאַפּט אין אים מאַטבייעס די גרייס, ווי אַ קאַראָלוס. איינער פון דער כעוורע האָט מיט אַזאַ ליבע צוגעדריקט צו זיך דעם ווערטפולן הוט, אַז אולענשפּיגעל האָט אים צוגענומען בא אים און איבערגעגעבן דעם באַלעבאָס פון טראַקטיר.

— האַלט אים צו אַ ביסל, — האָט אולענשפּיגעל אים געזאָגט, — דאָ איז צו הייס. כ'וועל אַרויס אַפן הויף זיך אָפּקילן.

דער באַלעבאָס פון שענק האָט גענומען דעם הוט, און אולענשפּיגעל איז אַרויס אַפן גאַס, האָט זיך אַרופגעזעצט אַפ זײַן אייזל און איז אַוועקגעריטן מיטן וועג קיין עמדען.

די פלאַמאַנדער האָבן לאַנג געוואַרט אַפ אולענשפּיגעלן. אָבער ער איז ניט געקומען. אין שענק איז געוואָרן אַ טומל.

— צי דען איז ער אַנטלאָפן? — האָבן די פלאַמאַנדער גענומען שרײַען — ווער זשע וועט אַצינד באַצאָלן פאַר אַלץ מיטאַנאַנדער?

דער באַלעבאָס האָט זיך דערשראָקן און ער האָט צעשניטן מיט אַ מעסער אולענשפּיגעלס הוט. אָנשטאָט קאַראָלוסן זײַנען אין אים געווען אײַנגענייט פּאָשעטע בלעכלעך.

דעמלט האָט דער באַלעבאָס זיך אַרופגעוואָרפן אַפ דער שיכּורער קאָמפּאַניע.

— זשוליקעס, איר וועט ניט אַרויסגיין פון דאַנען, ביז וואַנען איר וועט ניט באַצאָלן ביז אַ קאָפּעקע! טוט פון זיך אויס אַלץ, וואָס איר טראָגט! ניט מער, אײַערע שמוציקע העמדער קאָנט איר איבערלאָזן זיך: איך בין ניט פון די, וואָס נעמען אַראָפּ בא אַ מענטשן דאָס לעצטע העמד.

און זיי האָבן אים איבערגעלאָזן אָנשטאָט געלט זייערע קליידער. אין איינע העמדער האָבן זיי זיך אַרופגעזעצט אַפ דער פור און זײַנען אַוועקגעפאָרן ווײַטער; אין וועג האָבן גוטע מענטשן, וואָס זיי פלעגן באַגעגענען, זיי אונטערגעטראָגן ברויט, ביר, אַמאָל אויך אַ שטיקל פלייש: אַלע האָבן געמיינט, אַז רויבער האָבן זיי באַרויבט.

אַזוי האָבן זיי זיך אומגעקערט אַהיים אין איינע העמדער.

קאפּיטל 17

וועגן דעם, ווי אולענשפּיגעל האָט אויסגעהיילט אלע קראנקע אין ניורענבערגער שפּיטאָל

געקומענ צו פאָרנ קיינ ניורענבערג, האָט אולענשפּיגעל געמאָלדנ די שטאָטישע בירגער, אז ער איז א באוווּסטער דאָקטער, וואָס קענ אויסהיילנ אלערליי קראנקע: ער איז א גרויסער ספּעציאליסט אפ אָפּרייניקנ א מאָגנ, א דרייסטער באזיגער פונ פּעסט אונ פיבער, א בארימטער קעמפער מיט קרעצ.

אינ שטאָטישנ שפּיטאָל זײַנענ געלעגנ אזויפיל קראנקע, אז מע האָט מאמעש ניט געוווּסט ווו אהינצוטאָנ זיי. דער הויפּט־דאָקטער איז געקומענ צו לויפנ צו אולענשפּיגעלנ:

— ס'איז עמעס, אז איר זײַט א באוווּסטער דאָקטער אונ איר קענט אויסהיילנ אלערליי קראנקײַטנ? — האָט ער א פרעג געטאָנ אולענשפּיגעלנ.

— ס'איז ריכטיק, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט, — אויב איר זאָגט מיר צו געבנ צוויי הונדערט פלאָרינ, נעמ איכ זיכ אונטער אויסהיילנ אלע אײַערע קראנקע. זיי אליינ וועלנ אײַכ זאָגנ, אז זיי זײַנענ פולקומ געזונט, אונ וועלנ אוועקגיינ פונ שפּיטאָל.

דער דאָקטער האָט אימ צוגעזאָגט באצאָלנ די דאָזיקע סומע געלט. אולענשפּיגעל האָט, אנ אָנגעבלאָזענער אונ א שטאָלצער, אקוראט ווי אנ עמעסער דאָקטער, גענומענ באטראכטנ די קראנקע.

— שווער זיכ, אז דו וועסט קיינעמ קיינ וואָרט ניט דערציילנ, — פלעגט ער זאָגנ אפנ אויער איטלעכנ קראנקנ, — וועל איכ דיכ ראטעווענ פונ זיכערנ טויט.

דער כוילע האָט צוגעזאָגט מאכנ א שווײַג.

— זײַ וויסנ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — אז איינעמ פונ אײַכ מוז איכ פארברענענ. פונ זײַנ אש וועל איכ מאכנ א זעלטענע מיקסטור פאר אלע איבעריקע קראנקע. פארברענענ וועט אויסקומענ דעמ, וואָס קענ שוינ ניט גיינ אָנ פרעמדער הילפ. מאָרגנ וועל איכ זיכ אומקערנ מיט אײַער

דאָקטער, זיכ שטעלנ אונטערנ פענצטער אונ אויסשרײַענ: „היי, יאַטנ, גייט ארויס אינ דרויסנ“! אָכ אונ וויי וועט זײַנ צו דעמ, וואָס וועט דרעמלענ בלײַבנ ליגנ אינ בעט.

אפ מאָרגנ אינדערפרי איז אולענשפיגעל געקומענ אינ שפּיטאָל־הויפ אונ האָט גענומענ רופנ די קראנקע.

ווי נאָר די קראנקע האָבנ דערהערט זײַנ שטימ, האָבנ זיי אלע — הינקעדיקע, הוסטנדיקע אונ קרעציקע זיכ א לאָז געטאָנ אפ דער גאס. אפילע די, וואָס זײַנענ שוינ א יאָר צענ געלעגנ צוגעשמידט צו דעמ בעט, זײַנענ אויכ ארויס.

— איר זײַט אלע געזונט? — האָט דער דאָקטער א פרעג געטאָנ בא זיי.

— אלע! אלע! — האָבנ אלע גענומענ שרײַענ, מיינענדיק, אז זיי ראטעווענ זיכ פונ זיכערנ טויט.

— באצאָל די צוויי הונדערט פלאָרינ, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט צומ דאָקטער, — זעסט, זיי זײַנענ שוינ אלע געזונט געוואָרנ.

אפ מאָרגנ האָט דער דאָקטער דערזענ, אז זײַנע קראנקע קערנ זיכ אומ זיפצנדיק אונ קרעכצנדיק צוריק אינ שפּיטאָל, נאָר איינער פונ זיי איז ווירקלעכ אויסגעהיילט געוואָרנ — פונ דער פרישער לופט. ער האָט זיכ אָנגעשיקערט אונ איז אומגעלאָפנ איבער די גאסנ, שרײַענדיק הויכ אפנ קאָל:

— זאָל לעבנ דער בארימטער דאָקטער אולענשפיגעל!

קאפיטל 18

וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל האָט לעבעדיק געמאכט א טויטנ הונט

עס איז אָנגעקומענ אפרעל כוידעש. צוערשט איז געווענ אנ אָדליהע, דערנאָכ האָבנ זיכ אײַנגעשטעלט פרעסט. עס האָבנ זיכ שוינ לאנג געענדיקט די דרײַ יאָר, אפ וועלכע מע האָט אולענשפיגעלנ ארויסגעטריבנ פונ דאמע. גנעלע האָט זיכ אלע טאָג געריכט, אז איר פרײַנט וועט זיכ אומקערנ אהיימ.

אולענשפיגעל האָט דערווײַל פארהוליעט דאָס גאנצע געלט, פארקויפט דעמ אייזל אונ האָט ווידער אומגעבלאָנקעט א הונגעריקער אונ א דערפראָרענער. עמעס, ער האָט זיכ פאר קיינעמ ניט געקלאָגט אפ זײַנ ביטער מאזל. פארקערט, ער פלעגט זיכ סטארענ פריילעכ מאכנ מענטשנ, קעדיי זיי זאָלנ אימ געבנ א שטיקל ברויט. נאָר דער געלעכטער זײַנער איז געווענ ניט קיינ פריילעכער, אונ מענטשנ פלעגנ דורכגיינ פארבײַ אונ פלעגנ זיכ ניט אומקוקנ אפ אימ.

איינמאָל האָט אולענשפיגעל א קוק געטאָנ אפנ הימל אונ דערזענ א גרויסע כמארע. עס האָט גענומענ שיטנ א האָגל. שטיקלעכ האָגל, הארט ווי שטיינדלעכ, האָבנ געקלאפט איבערנ רוקנ דעמ היימלאָזנ אולענשפיגעל.

— עכ, — האָט אולענשפיגעל געזיפצט, — צי דענ בינ איכ א הונט, וואָס מע ווארפט אפ מיר שטיינער?

אונ ער האָט זיכ געלאָזט לויפנ. לויפנדיק, האָט ער געטײַנעט צו זיכ אליינ:

— איכ בינ דענ שולדיק, וואָס איכ האָב ניט ניט קיינ פאלאצ, ניט קיינ פאָשעטע כאטקע, ווו איכ זאָל קאָנענ באהאלטנ מײַנ אָרעמענ גופ אינ א שלעכטנ וועטער? אָ, איר שלעכטע שטיקער האָגל! זיי זײַנענ הארט, ווי די קוילנ. עכ, פארוואָס בינ איכ ניט קיינ אימפעראטאָר!

אונ ער האָט גענומענ לויפנ נאָכ גיכער איבערנ וועג.

— אָרעמ נעזל דו מײַנס, — האָט ער געזאָגט, — דו ביסט אינגאנצנ צע-

לעכערט און קענסט אצינד דינען פאר א פעפערניצע אפ עמעצנס א גע־הויבענער הוליאנקע. אָ, זיסע טרוימענ! ווי הונגעריק איך בין עס! קלאָג זיך ניט, דו פוסטער מאָגן, בורטשעט ניט, איר הונגעריקע קישקעס! ווו ביסטו עס אהינגעקומען, מײַן אמאָליק גליק?

דער הימל האָט זיך דערווײַל אויסגעלײַטערט, און דער האָגל האָט אופ־געהערט. אפן לויטערן הימל האָט געגומען שײַנען די זון.

— זײַ געגריסט, זון! — האָט אולענשפיגעל געזאָגט. — זײַ געגריסט, מײַן אײַנאיינציקער פרײַנט! דו ווילסט מיך אויסטריקענען, ריכטיק, הא?

עס איז נאָך אָבער אלץ געווען קאלט, און אולענשפיגעל איז געלאָפן, געטריבן פונעם פראָסט. פלוצלינג איז אים אנטקעגן ארויסגעשפרונגען א ווײַסער הונט מיט גרויסע שווארצע פלעקן. מיט אן ארויסגעשטעקטער צונג איז ער געלאָפן גלײַך אפ אולענשפיגעלן.

„דאָס איז א מעשוגענער הונט,” — האָט אולענשפיגעל א טראכט געטאָן. ער האָט אופגעהויבן א שטיין, וואָס האָט זיך געוואלגערט אפן וועג, און איז ארופגעקראָכן אפ א בוים. דער הונט איז צוגעלאָפן נעענטער. אולענ־שפיגעל האָט אפ אים א שלײַדער געטאָן דעם שטיין און אים צעקלאפט דעם שארבן. דער הונט איז געפאלן און געפייגערט.

אולענשפיגעל איז דעמלט אראָפגעקראָכן אפ דער ערד און האָט זיך אײַנגעבויגן איבער דעם געפייגערטן הונט. די מאָרדע בא אים איז גאָר ניט געווען קיין טרוקענע, ווי געוויינלעך בא מעשוגענע הינט. און אולענ־שפיגעלן האָט אָנגענומען א ראכמאָנעס, קוקנדיק אפ זײַן בידנעם קאָרבן. דעם הונטס שיינ פעלכל איז אולענשפיגעלן שטארק געפעלן געוואָרן. מע האָט עס געקאָנט עמעצן פארקויפן. ער האָט דעם הונט אָפגעשונדן, אויס־געטריקנט אפ דער זון דאָס פעלכל און האָט עס באהאלטן צו זיך אין רײַזע־זעקל.

אולענשפיגעלן האָט געפײַניקט דער הונגער. אין די נאָענטסטע פער־מעס, וועלכע ער איז דורכגעגאנגען, האָט ער מוירע געהאט צו פארקויפן דאָס פעלכל: עס האָט עס נאָך געקאָנט דערזען דער באלעבאָס פונעם הונט. ער פלעגט בעטן ברויט, נאָר קיינער האָט אים ניט געגעבן. עס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן נאכט. אויס מידקײַט איז ער שוין געפאלן פון די פיס. ענדלעך איז ער ארײַן אין אן אכסאניע. אפן שוועל פון דער אכסאניע איז געזעסן די אלטע באלעבאָסטע, לעבן אירע פיס איז געלעגן א קראנקער הונט, וואָס איז ווי צוויי טראָפנס וואסער געווען ענלעך אפ דעם הונט, וואָס אולענשפיגעל האָט אים געהאט דערהארגעט. דער הונט האָט די גאנ־צע צײַט געהוסט. די באלעבאָסטע האָט אים געצערטלט און געגלעט איבערן רוקן מיט אירע צעקנייטשטע הענט.

— פונוואנען גייסטו עס, וואנדערער? — האָט די אלטינקע א פרעג גע־טאָן בא אולענשפיגעלן.

— פונ רוימ, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט, — כ'האָב דאָרט אויסגעהיילט דעמ פּויפּסטס באַליבט הינטל פונ א הוסט.

— הייסט עס, אז דו האָסט געהאט דעמ קאָוועד צו זענ דעמ פּויפּסט? — האָט די אלטינקע אימ געפרעגט, אָנגיסנדיק אימ פונ פּעסל א קופּל ביר.

— פארשטייט זיכ, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט, אויסטרינקענדיק דעמ ביר. — איכ האָב אפילע צוגעלייגט די ליפּנ צו זיינ הייליקנ פוס, וואָס איז געווענ אָנגעטאָנ אינ א הייליקנ טופל.

אונ דער הונט איז געלעגנ אונ האָט ניט אופגעהערט צו הוסטנ.

— שוינ לאנג, אז דאָס איז געשענ? — האָט אימ די אלטע געפרעגט.

— מיט א כאדאָשימ צוויי צוריק. אינ רוימ האָט מענ אפ מיר לאנג געווארט. איכ בינ צוגעגאנגענ צומ פּאלאצ פונעמ פּויפּסט אונ האָב אָנגעקלאפּט אינ טיר. „ווער איז דאָרט"? האָט א פרעג געטאָנ דער הויפּט-קארדינאל, דער גרעסטער אונ געהיימסטער מעקורעוו פונ זיינ הייליקייט. „דאָס בינ איכ, הער הויפּט־קארדינאל, — האָב איכ געענטפערט, — איכ בינ געקומענ צו פאָרנ פונ פלאנדריע א קוש צו טאָנ דעמ פוס פונעמ פּויפּסט אונ אויסצוהיילנ זיינ הינטל פונעמ שווערנ הוסט". „א, דאָס ביסטו, אולענשפּיגעל! — האָט א זאָג געטאָנ דער פּויפּסט פונ הינטער א קליינ טירל, — כ'וואָלט זיכ זייער געוואָלט זענ מיט דיר, נאָר אצינד איז עס אומעגלעכ. איכ טאָר פאר קיינ אויסלענדער ניט באווייזנ מיינ פּאָנעמ, ווענ עס גאָלט מיכ דער שערער". „אויכ אנ אומגליק, — האָב איכ אימ געענטפערט, — איכ בינ דאָכ געקומענ צו פאָרנ בלויז, קעדיי א קוש צו טאָנ דעמ פוס פונ איַער הייליקייט אונ אויסצוהיילנ איַער הינטל פונעמ הוסט. איז צי דענ זאָל איכ אָװעק פונדאנענ מיט גאָרנישט?" „ניינ, וועסט ניט אוועק מיט גאָרנישט, — האָט דער הייליקער פאָטער געענטפערט, — היי, קארדינאל, רוק אָקאָרשט צו דעמ פאָטערשטול צו דער טיר אונ עפנ אָפּ די אונטערשטע זאסלינקע". די זאסלינקע האָט זיכ געעפנט, אונ ס'האָט זיכ פונ איר ארויסגערוקט א פוס אינ א גאָלדענעמ טופל. אינ דער מינוט האָב איכ דערהערט א שטימ, געגליכנ צומ קנאלנ פונ א דונער: „אָט איז דער פוס פונעמ גרעסטנ הערשער אינ דער וועלט, פונעמ קיניג פונ אלע קיניגנ, פונעמ אימפּעראטאָר פונ אלע אימפּעראטאָרנ. קוש אימ, קריסט. קוש דעמ הייליקנ טופל". איכ האָב א קוש געטאָנ דעמ טופל, אונ מיינ נאָז האָט דערשפּירט דעמ הימלשנ גערוכ, וואָס האָט געשמעקט פונעמ פּויפּסטס פוס. נאָכדעמ האָט די זאסלינקע זיכ פארמאכט, אונ די זעלבע שרעקלעכע שטימ האָט מיר באפוילנ צווארטנ אינ פאָדערצימער. אָט האָט זיכ פונדאָסניי געעפנט די זאסלינקע, אונ פונ איר איז ארויסגעקראָכנ א הונט, — אנ אָפּגעקראָכענער, א הוסטער מיט איַיטערדיק־בלינדלעכע אויגנ. באמ דאָזיקנ הינטל איז אזוי געשוואָלנ געוואָרנ דער בויכ, אז עס האָט קוימ געשלעפּט זיינע צעקרימטע לאפּעס. אונ דאנ

האָט זיך ווידעראַמאָל דערהערט די שטים פונעם הייליקן פּאָטער: „אולענשפּיגעל, — האָט ער געזאָגט, — אָט שטייט פאַר דיר מײַן הינטל, עס הערט זיך אויף צו הוסטן און צו קרענקען, ווײַל עס דערנערט זיך מיט ביינער פון אפּיקאָרסים. הייל עס אויס, מײַן זון, און איך וועל דיך באַלוינען, ווי עס פּאַסט פאַרן קיניג פון אַלע קיניגן".

— טרינק, — האָט די אַלטע געזאָגט.

— גיס אָן, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט און פאַרגעזעצט דערציילן, — איך האָב געגעבן דעם הונט אַ זעלטענע רפואה, וואָס איך אַליין האָב צוגעגרייט באַם פויפסט אויף דער קיך. דרײַ נעכט האָט אים געפיבערט, און אויף דער פערטער נאַכט איז ער געזונט געוואָרן.

— גאָט מײַן גאָט! — האָט די פאַרכידעשטע אַלטינקע אויסגעשריִען, — הייסט עס, אַז מײַן הונט קענסטו אויך אויסהיילן?

— גיב מיר אַ שטיק געבראָטן פלייש און אַ קופל ביר, און דײַן הונט וועט טייקעף אויפהערן צו כריפּען און צו הוסטן. די שטים זײַנע וועט ווערן אַזאַ ריינע, אַז ער וועט אפילו קענען זינגען די טפילע „אווע מאַריאַ" אינעם קלויסטער-כאָר.

— אויב עס וועט אַזוי זײַן, קריגסטו בײַ מיר אַ גאַנצן פלאָרין, — האָט די אַלטינקע געזאָגט.

— אַזוי וועט זיכער זײַן, אָבער ערשט נאָכן אָוונטברויט.

די אַלטע האָט אים געבראַכט אַלץ, וואָס ער האָט געבעטן. אולענשפּיגעל האָט זיך אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען ביז איבערן האַלדז. דער באַלעבאָסטעס הונט איז געלעגן אונטערן טיש און האָט זיך געסטאַרעט אויסלעקן זײַנע שמוציקע לאַפּעס צו אים אויף די קני. אולענשפּיגעל האָט אים געגעבן אַ פּאָר ביינער, דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטאָן די באַלעבאָסטע:

— ווען עמעצער וואָלט בײַ דיר אָפּגעגעסן אָוונטברויט און ניט באַצאָלט אפילו קיין האַלבן פּאַטאַר, איז וואָס וואָלסטו מיט אים געטאָן?

— איך וואָלט דעם דאָזיקן זשוליק אויסגעטאָן נאַקעט.

— גוט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, דערנאָך האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם הונט אונטערן אָרעם און איז אַוועק מיט אים אין שטאַל. דאָרט האָט ער אים פאַרשלאָסן, אַרײַנגעשפּאַרט אים נאָך אַ ביין, דערנאָך האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון רײַזע-זעקל דאָס הינטישע פעלכל און האָט זיך אומגעקערט צו דער אַלטינקער.

— הייסט עס, אַז דו טוסט אויס אַ נאַקעטן דעם, וואָס באַצאָלט דיר ניט? — האָט ער זי געפרעגט.

— פאַרשטייט זיך, — האָט זי געענטפערט.

— אויב אַזוי, איז קוק, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — דײַן הונט האָט בײַ מיר אויפגעגעסן אַ האַלבן מיטיק און האָט מיר קיין גראָשן ניט באַ-

צאָלט. האָב איך אים באשטראָפט אזוי, ווי דו טוסט: כ׳האָב אָפּגעשונדן זײַן בעסטן און איין־און־איינציקן בעגעד.

— אָך, — האָט די אלטינקע זיך צעיאָמערט. — ווי מערדעריש דאָס איז פון דײַן זײַט, הער דאָקטער! בידנער הונט! ער איז געווען פאר מיר אל־ציינס ווי א לײַבלעכ קינד! לעמיי האָסטו אים דערהארגעט? אצינד בלײַבט מיר איבער בלויז איינס — שטארבן.

— איך קען אים לעבעדיק מאכן. ברענג מיר זודיק וואסער, אײַנגע־מאכטס אפ צו פארקלעפן די ראנדן פונעם פעלכל, א נאָדל־פאָדעם און א סאָוס פון געבראָטן פלייש. און אליין טראָג זיך אָפּ פונדאנען.

די אלטינקע האָט, קרעכצנדיק, אים געבראכט אלץ, וואָס ער האָט גע־בעטן. ער האָט גענומען דאָס פעלכל פונעם טויטן הונט און איז אוועק אין שטאל ארײַן.

דאָרט האָט ער אויסגעשמירט דעם הונטס מאָרדע מיטן סאָוס און האָט דורכגעפירט מיטן אײַנגעמאכטס א פאס בא אים אפן בויך. די לאפּעס האָט ער אויך אײַנגעטונקען אין אײַנגעמאכטס, און דעם שפּיץ עק האָט ער פאר־שמירט מיט סאָוס.

דערנאָך האָט ער באהאלטן זײַן פעלכל אינעם זעקל און האָט אָפּגע־עפנט די טיר פון דער שטאל.

— הער, וואָס איך רעד צו דיר! הער, וואָס איך רעד צו דיר! — האָט ער זיך צעשרײַען מיט א ווילדער שטים, — ווער לעבעדיק! ווער לעבעדיק! נו, גיכער א ביסל!

ער האָט א קלאפּ געטאָן דעם הונט מיטן פוס און אים ארויסגעוואָרפן פון שטאל גלײַך צו דער באלעבאָסטעס פיס.

די באלעבאָסטע האָט זיך א וואָרף געטאָן קושן דעם הונט, אָבער אולענשפיגעל האָט עס ניט דערלויבט.

— טשעפּע ניט דעם הונט, קאָלזמאן ער וועט אינגאנצן ניט ארויפלעקן פון זיך דעם אײַנגעמאכטס, ערשט דעמלט וועט זיך צונויפוואקסן ווי עס דארף צו זײַן דאָס פעלכל. און איצט גיב מיר אהער צען פלאָרין.

— איך האָב דאָך צוגעזאָגט בלויז איינעם, — האָט די אלטע געזאָגט.

— איינעם פאר דער אָפּעראציע, און נײַן פאר מאכן אים לעבעדיק, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט.

די אלטינקע האָט געבראכט דאָס געלט. אולענשפיגעל האָט זיך מיט איר צעזעגנט און איז ארויס פון אכסאניע.

אפן שוועל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, א וואָרף געטאָן אפן דיל דעם הונטס פעלכל און א זאָג געטאָן צו דער אלטינקער:

— אָט האָסטו דאָס אלטע פעלכל פון דײַן הונט. היט עס ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ווען די נײַע וועט זיך אָפּטראָגן — וועסטו קענען לייגן לאטקעס.

קאפיטל 19

וועגנ דעמ, ווי דער שווארצער רייַטער איז א צווייט מאָל געקומענ צו קלאאסנ

אינ איינעמ א יאָנטעוו איז אינ בריוגע פאָרגעקומענ א גרויסע קלויסטער־פראָצעסיע. סאָאָטקינ אונ נעלע זייַנענ אוועק קיינ בריוגע. זיי האָבנ געהאָפט באגעגענענ דאָרט אולענשפיגעלנ. קלאאס איז געבליבנ היטנ די שטוב.

די פרויענ זייַנענ אוועק. קלאאס האָט זיך אוועקגעזעצט אפנ שוועל אונ האָט זיך פארטראכט. אפ דער גאס איז ניט געוועננ קיינ לעבעדיקער נעפעש. אינדערלופטנ האָבנ זיך געהערט די אָפטע קלעפ פונעמ דאָרפישנ גלאָק. פונ צייַט צו צייַט פלעגט דער ווינט דערטראָגנ פונ בריוגע דעמ יאָנטעוודיקנ גלאָקנ־געקלאנג אונ א שיסערייַ פונ פאלקאָנעטנ.

קלאאס פלעגט אלע ווייַלע ארויס אפ דער גאס כאפנ א קוק, צי עס גייט ניט אולענשפיגעל. אָבער ער האָט קיינעמ ניט געזענ. איבערנ קאָפ האָט געשייַנט דער ריינער בלויער הימל. די הינט זייַנענ געלעגנ מיט ארויסגעשטעקטע צינגער אונ זיך געווארעמט אפ דער זונ. שפערלעך האָבנ, צוויטשערנדיק, זיך געבאָדנ אינ שטויב, אונ א גרויער קאָטער האָט פארזיכטיק זיך געגאנוועט צו זיי. די זונ־שטראלנ האָבנ געשטראָמט אינ פענצטער אונ געשפילט אפ די קופערנע קעסעלעך אונ צינענע קריגעלעך, וואָס זייַנענ געשטאנענ אפ דער פאָליצע.

אָבער די זונ האָט קלאאסנ ווייניק פרייד פארשאפט. די אויגנ זייַנע האָבנ געזוכט דעמ זונ. אינעמ ווייַטנ געפל פונ די פעלדער האָט ער זיך געסטארעט דערזענ אולענשפיגעלנ, אינעמ פריידיקנ געזאנג פונ די פייגל האָט ער זיך געסטארעט דערהערנ זייַנ שטימ. פלוצלינג האָט ער דערזענ אפנ וועג א מענטשנ. נאָר אָך אונ וויי — דאָס איז געוועננ ניט אולענשפיגעל.

דער מענטש איז געגאנגענ באמ ראנד פונעמ וועג. אלע ווייַלע פלעגט ער זיך איינבייגנ, ארויסרייַסנ פונ די בייטנ, וואָס האָבנ זיך געצויגנ לענגויס דעמ וועג, א מערעלע אונ זשעדנע עס אופעסנ.

— ער האָט זיך, אפאָנעמ, גוט אויסגעהונגערט, — האָט קלאאס געזאָגט.

אין איין מינוט איז דער מענטש פֿאַרשוווּנדן. אָבער אָט האָט דער אומבאַקאַנטער זיך ווידער באַוויזן אויפֿן ראָג פֿון דער פֿישכאַפּער־גאַס, און קלאַאַס האָט אים טייקעף דערקענט. דאָס איז געווען דער שאָליעך פֿון זײַן ברודער יאָס, דער זעלבער שוואַרצער רײַטער, וואָס האָט אים געבראַכט די זיבן הונדערט פֿלאָרין.

קלאַאַס האָט זיך געלאָזט לויפֿן אים אַנטקעגן.

— אַ גוטער גאַסט, קומט אַרײַן, — האָט אים קלאַאַס געזאָגט, פֿאַרבעטנדיק דעם וואַנדערער אין שטוב אַרײַן.

— געבענטשט זאָלן זײַן די, וואָס נעמען אויף היימלאָזע, — האָט דער שאָליעך געענטפֿערט.

אויף פֿענצטער־ברעטל זײַנען געווען אָנגעוואָרפֿן שטיקלעך ברויט. דאָס האָט סאָאָטקין איבערגעלאָזן פֿאַר די פֿייגעלעך. דער מענטש האָט צונויפֿגענומען די פּיצלעך ברויט אויף דער דלאָניע און האָט זיי זשעדנע אויפֿגעגעסן.

— ביסט הונגעריק? — האָט אים קלאַאַס געפֿרעגט.

— ס'איז שוין אַכט טעג, ווי רויבער האָבן מיך באַרויבט, — האָט דער שאָליעך געענטפֿערט, — פֿון דעמלט אָן דערנער איך זיך בלויז מיט מערן און מיט אַלערליי קרײַטעכצער.

— הייסט עס, אַז אַצינד איז די צײַט צוצובײַסן, — האָט קלאַאַס געזאָגט, — אָט איז אַ טעלער באָב, אָט זײַנען אייער, אָט איז שינקע און געבענטער סאָסיסקעס. אין קעלער בײַ מיר דרעמלט ווײַן, רויטער און ווײַסער, דרעמלט און וואַרט, ביז עס וועלן זיך אויפֿכאַפּן די קעלישקעס. אָט ברענט שוין אַ פֿײַערל. הערסט, ווי עס זינגען די סאָסיסקעס אויף דער סקאָווראָדע!

אין דער צײַט, וואָס די פֿעטע וווּרשט האָט זיך געפּרעגלט אויף דער סקאָווראָדע, האָט קלאַאַס פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט דעם גאַסט:

— מײַן זון אולענשפּיגעל האָסטו אין ערגעץ ניט באַגעגנט?

— ניין, — האָט דער גאַסט געענטפֿערט.

— און וואָס ווייסטו עפּעס וועגן מײַן ברודער יאָס?

און פֿרעגנדיק עס, האָט קלאַאַס אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש געפּרעגלטע וווּרשט, אַ פּײַנקוכן מיט שינקע, קעז און רויטן לעווענער ווײַן אין אַ גלאַנצנדיק פֿלעשל.

— דײַן ברודער איז געשטאָרבן אויפֿן עשאַפֿאָט. מע האָט אים געקעפּט דערפֿאַר, ווײַל ער איז געווען אַן אַפּיקורעס און האָט געקעמפֿט קעגן דעם אימפּעראַטאָר.

קלאַאַס איז פֿון האַרצווייטעק שיִער ניט אַראָפּ פֿון זינען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן גאַסט:

— אָ, פארשאָלטענע הענקער! — האָט ער א קרעכץ געטאָן, און דאָס גאנצע לײַב בא אים האָט געציטערט, — עס, יאָס, אומגליקלעכער ברודער מײַנער!

— אונדזערע פריידן און ליידן זײַנען באשערט פונעם אייבערשטן, — האָט דער שאָליִעכ שטרענג געזאָגט, און ער האָט זיך צוגעכאפּט צום עסן.

— איך בין געווען בא דײַן ברודער אין טורמע, — האָט ער געזאָגט נאָכן עסן. — איך האָב זיך אָנגעגעבן פאר זײַנעם א קאָרעוו. יאָס האָט מיר געזאָגט: „אויב דו ווערסט ניט שטארבן פארן גלויבן אזוי ווי איך, איז גיי צו מײַן ברודער קלאאס, און זאָג אים, אז ער זאָל לעבן ווי גאָט האָט געבאָטן, אז ער זאָל העלפן אָרעמעלײַט און זאָל לערנען געהיים זײַן זון דעם קריסטלעכן גלויבן. דאָס געלט, וואָס איך האָב אים געשיקט, זאָל ער פארטאָן אפ דערציִען טילן: מע דארף זען, אז דאָס ייִנגל זאָל וואקסן אין מוירע פאר גאָט“.

דאָס געזאָגט, האָט דער שאָליִעכ ארומגענומען קלאאסן און אים א קוש געטאָן.

— געשטאָרבן אפן עשאפאָט! אומגליקלעכער ברודער מײַנער! אומגליק-לעכער ברודער מײַנער! — האָט מיט טרערן אין די אויגן איבערגעכאזערט קלאאס.

די טרערן האָבן אים ניט געלאָזן ריידן. זעענדיק, אז דער שאָליִעכ וויל א טרונק, האָט ער אים אָנגעגאָסן ווײַן, אליין אָבער האָט ער קוים צוגעלייגט די ליפּן צו דער גלאָז.

סאָאָטקין און נעלע האָבן גאנצע זיבן טעג פארבראכט אין בריוגע. דער שאָליִעכ האָט אָט די גאנצע וואָך געלעבט בא קלאאסן.

אלע נאכט האָבן זיי געהערט, ווי קאטלינע האָט געשריִען:

— פײַער! פײַער! בויערט אויס א לאָך! די נעשאָמע בעט זיך אפ דער פרײַ.

קלאאס פלעגט אוועקגיין צו איר, פלעגט זי באַרוּיִקן מיט גוטע ווער-טער, און דערנאָך פלעגט ער זיך אומקערן צו זיך אהיים.

אפן זיבעטן טאָג איז דער גאסט אוועק. אפן וועג האָט ער מער פון צוויי קאראָלוסן ניט געוואָלט נעמען בא קלאאסן.

קאפיטל 20

וועגן דעם, ווי קלאאס איז אריינגעפאלן אין די הענט פון דער אינקוויזיציע

איינמאל אינדערפרי איז קלאאס געזעסן אין קיך אפן דיל און האט איינגעניים א קנעפל אין די אלטע הויזן. נעלע האט זיך געייסעקט מיט שטוביקער ארבעט, און סאָאָטקין איז געזעסן לעבן פענצטער און ניט אפּ־געריסן די אויגן פון דער גאס — עפּשער וועט זיך באווייזן אפן וועג או־לענשפיגעל.

פלוצלינג האט זי געזאָגט:

— אָט גייט דער פּראָפּאָס מיט פיר זעלנער. וווהין גייען זיי עס? זע, קלאאס, צוויי זעלנער פארגייען ארום אונדזער כאטקע.

קלאאס האט אופגעהויבן דעם קאָפּ.

— און די אנדערע צוויי האָבן זיך אָפּגעשטעלט בא דער טיר, — האט סאָאָטקין פאָרגעזעצט. קלאאס האט זיך אופגעהויבן.

— וועמען זוכן זיי עס אין אונדזער גאס? — האט סאָאָטקין פאר־טראכטערהייט א זאָג געטאָן, — גאָט מיין גאָט! קלאאס, מאן מיינער, זיי גייען אהער!

קלאאס איז ארויסגעשפרונגען פון קיך אין גאָרטן ארויס. נעלע האט זיך א לאָז געטאָן נאָך אים.

— באהאלט דאָס געלט, — האט ער איר שטילערהייט געזאָגט, — עס ליגט אין דעם הינטערשטן ווענטל פון אויוון, אונטערן שטיין.

נעלע האט פארשטאנען. קלאאס האט געוואָלט אריבערקריכן דעם פּארקן, נאָר דאָ האָבן אים געכאפּט די זעלנער. ער האט זיך מיט רעציכע געווערט קעגן זיי.

— טשעפּעט אים ניט! — האט נעלע גענומען שרייען. — ער האט קיין שום שלעכטס ניט געטאָן. באוולט אים ניט! ניט שלאָגט קלאאסן! או־לענשפיגעל, ווו ביסטו?

זי האט זיך ארופגעוואָרפן אפּ איינעם פון די זעלנער און האט

אימ צעדראפעט מיט די נעגל דאָס גאנצע פּאָנעמ. דערנאָכ איז זי אנידערגעפאלנ אפנ גראָז אונ האָט זיכ הויכ צעוויינט.

— זיי וועלנ אימ דערהארגענענ! — האָט זי געשריענ.

אפנ טומל איז געקומענ צו לויפנ קאטלינע.

דערזעענ די זעלנער, האָט זי זיכ דערשראָקנ אונ האָט זיכ געכאפּט פארנ קאָפּ.

— פייער, פייער! בויערט אויס א לאָכ! די נעשאָמע בעט זיכ אפ דער פריי!

אונ סאָאָטקינ איז געבליבנ אינ שטוב. פּלוצלינג האָט זיכ געעפנט די טיר, אונ אינ צימער זיינענ אריינ צוויי זעלנער.

— וואָס דארפט איר דאָ, מיינע הערנ? — האָט סאָאָטקינ געזאָגט, — איר זוכט מיינ זונ? ער איז וויט פונדאנענ, איר וועט אימ ניט דעריאָגנ. די פיס זיינענ בא אייכ קורצ.

אינ דער מינוט האָט זי דערהערט נעלעס געשריי. סאָאָטקינ האָט זיכ א וואָרפּ געטאָנ אינ גאָרטנ אונ האָט דערזענ, ווי קלאאס האלט זיכ פארנ פּארקנ אונ ווערט זיכ קעגנ די זעלנער.

— שלאָג זיי! — האָט זי גענומענ שרייענ, — שלאָג! אולענשפּיגעל, ווו ביסטו?

אונ זי האָט זיכ א לאָז געטאָנ צו הילפ דעמ מאנ. אָבער איינער פונ די זעלנער האָט זי אָנגענומענ פאר דער האנט אונ זי אָפּגעשלעפּט פונ קלאאסנ.

קלאאס וואָלט, זיכער, ביינעקומענ די זעלנער, ווענ עס קומענ ניט צו לויפנ צו הילפ די צוויי זעלנער, וואָס האָבנ געשמועסט מיט סאָאָטקינענ.

קלאאסנ האָט מענ געבונדנ אונ געבראכט אפ דער קיכ, ווו ביידע פרויענ — סאָאָטקינ אונ נעלע — האָבנ געוויינט מיט ביטערע טרערנ.

— הער פּראָפאָס, — האָט סאָאָטקינ געזאָגט, — פארוואָס האָט איר אימ געבונדנ? וואָס האָט ער אייכ אזוינס געטאָנ?

— ער איז אנ אפיקוירעס — האָט איינער פונ די זעלנער געזאָגט.

— אנ אפיקוירעס! — האָט סאָאָטקינ אויסגעשריענ. — ביסט אליינ אנ אפיקוירעס, אויסוואורפ איינער! ווי האָסטו עס דאָס רעכט צו מאכנ א בילבל אפ מיינ מאנ!

— לאָמיר זיכ פארלאָזנ אפ גאָטס באראָט — האָט קלאאס שטילערהייט געזאָגט.

מע האָט אימ אוועקגעפירט אינ טורמע. די פרויענ זיינענ אימ נאָכגעגאנגענ אונ געוויינט. דערוויסט זיכ, אז קלאאסנ באשולדיקט מענ אינ אפיקאָרסעס, זיינענ די שכיינימ זיכ צעלאָפנ איבער די הייזער אונ האָבנ

פֿאַרשפּאַרט די טירן. נאָר עטלעכע קלײנע מײדלעך האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט צוצוגײן צו קלאַאסן און פֿרעגן אים:

— קוילנהענדלער, וווהין גײסטו עס מיט געבונדענע הענט?

— וווהין מע וועט מיר הײסן, קינדערלעך, — האָט קלאַאס געענטפֿערט.

מע האָט אים אַרײַנגעװעצט אין טורמע. סאָאָטקין און נעלע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אױפֿן שוועל פֿון דער טורמע און געוויינט. אין אָוונט ערשט איז נעלע אַוועק אַהײם א קוק טאָן, צי האָט זיך אולענשפּיגל ניט אומגעקערט.

אולענשפּיגל איז אין דער צײַט שוין געווען נאָענט פֿון דאַמע. ס'איז שוין געגאַנגען צו אָוונט. אולענשפּיגל איז געגאַנגען גיך: ער האָט געוואָלט נאָך ביז אָוונט קומען אַהײם. וואָס טוט זיך אַצינד בײַ אים אין דער הײם? נעלע זיצט, מיסטאַמע, און נײט, סאָאָטקין גרײט צו דעם אָוונטברויט, און קלאַאס טראָגט בינטלעך האָלץ און קלאַפּט אָפּ די טרעפּ מיט זײַנע שיך.

— וווהין אײַלסטו זיך עס? — האָט אים געפֿרעגט א באַקאַנטער.

— אַהײם, קײן דאַמע.

— נו, איז זײַ וויסן, אַז אין שטאָט איז אומרויִק. — האָט דער באַקאַנטער געזאָגט, — דאָרט זײַנען פֿאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען.

אולענשפּיגל איז אַוועק נאָך גיכער.

אױפֿן וועג איז אולענשפּיגל פֿאַרגאַנגען אין שענק „רויטער שילד”. ער איז אַרײַן אַהין אויסטרינקען א קופֿל ביר.

— דו ביסט ניט קלאַאסעס זון? — האָט אים דער שענקער געפֿרעגט.

— יאָ, איך בין זײַנער א זון, — האָט אולענשפּיגל געענטפֿערט.

— איז אײַל זיך צום פֿאָטער, — האָט דער שענקער געזאָגט. — בײַ אײַך האָט געטראָפֿן אַן אומגליק אין שטוב.

אולענשפּיגל האָט אים גענומען פֿאַנאַנדערפֿרעגן וואָס־וועער־ווען, אָבער דער שענקער האָט געשוויגן און האָט אים בלויז געראָטן, ער זאָל זיך צוײַלן.

אולענשפּיגל איז אַוועקגעלאָפֿן ווײַטער.

אָט איז ער שוין אין שטאָט. די הינט האָבן מיט א בילערײַ זיך א לאָז געטאָן אים אַנטקעגן. די פֿרויען זײַנען אַרויסגעלאָפֿן פֿון די הײַזער און אַרומגערינגלט אולענשפּיגלען.

— וואָס וועט עס זײַן מיט דײַן טאַטן! — האָבן זײ אַלע אײנײנעם געטײַנעט. — ווו איז עס אַצינד דײַן מוטער, די גוטע סאָאָטקין? צי דען איז זי אויך אין טורמע? עך, זײ זאָלן כאָטש ניט פֿאַרברענען קלאַאסן! מישפּטן, קלאַאסן וועט דער אינקוויזיטאָר טיטעלמאַנ. ער איז שטרענג און ווײסט ניט פֿון קײן ראַכמאָנעס. בײַ אים איז א שטײנערן האַרץ.

אולענשפּיגל האָט גענומען לויפֿן נאָך גיכער.

אָט האָט ער דערזען נעלען.

— טיל, גיי ניט אהיים, — האָט נעלע געזאָגט, — זעלנער זײַנען דאָרטן.

— ס'איז עמעס, אז דער טאטע זיצט אין טורמע? — האָט ער זי א פרעג געטאָן, אָפּשטעלנדיק זיך.

— עמעס, און סאָאָטקין זיצט אפן שוועל פון דער טורמע און וויינט. אולענשפּיגעלן איז געוואָרן זייער שווער אפן הארצן.

— איך גיי צו זיי, — האָט ער געזאָגט.

— טו ניט קיין נארישקייט, — האָט נעלע געזאָגט, — דער טאטע האָט אונדז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן באהאלטן דאָס געלט. עס ליגט אין איוון אונטערן שטיין, איז ראטעווע עס ארויס, טיל, דאָס געלט איז דײַן מוטערס אייג־און־איינציק פארמעגן.

אָבער אולענשפּיגעל האָט זי ניט געפאָלגט און ער איז אוועקגעלאָפן צו דער טורמע. סאָאָטקין האָט אים ארומגענומען, און זיי האָבן ביידע גענומען וויינען.

לעבן טורמע האָט זיך אופגעקליבן א גרויסער עולם. עס זײַנען אָנגעקומען זעלנער און האָבן באפוילן אולענשפּיגעלן און סאָאָטקינען, זיי זאָלן טייקעף זיך אָפּטראָגן אהיים.

אָבער לעבן זייער שטוב איז געזעסן א לאנדסקנעכט, — איינער פון די לאנדסקנעכט, וואָס מע האָט ארויסגערופן פון בריוגע. די מאכט האָט מוירע געהאט פאר אומרוען אין דער צײַט פונעם געריכט איבער קלאאסן. די אײַנוווינער פון דאמע האָבן זייער ליב געהאט קלאאסן.

דער לאנדסקנעכט האָט געזשליאָקעט בראנפן פון א וועג־פלעשל און האָט עפּעס געמורמלט אונטער דער נאָז. אויסגעזופט דעם בראנפן, האָט ער א שלײַדער געטאָן דאָס פלעשל, ארויסגעשלעפּט פון שיידל דעם שווערד און גענומען פארקען מיט אים דעם ברוק.

אולענשפּיגעל, נעלע און סאָאָטקין זײַנען ארײַן צו קאטלינען. איר הויז האָט זיך געפונען בישכיינעס מיט קלאאסעס שטוב.

קאטלינע האָט זיי באגעגנט אפן שוועל.

— פײַער, פײַער! — האָט זי געמורמלט. — בויערט אויס א לאָך, די נעשאָמע בעט זיך אפ דער פרײַ!

קאפיטל 21

וועגן דעם, ווי מע האָט געמישפּעט קלאאסן

אין דער שטאָט דאמע איז אפּן פּלאַץ געשטאנענ אַן אלטער לינדנ־בוים. ער האָט זיך גערופן געריכט־בוים, ווײַל אין שאָטן פון זײַנע צווײַגן פלעגט מען פון אײביק אָן באהאנדלען אלע געריכט־איניאָנים. אויך דאָס מאָל האָבן זיך אהער צונויפגעקליבן די ריכטער, קעדיי צו מישפּעטן דעם אומגליקלעכן קוילנהענדלער. דער הויפּט־ריכטער פון דער שטאָט דאמע איז געזעסן אונטער א באזונדערן באלדאכין. אין ביידע זײַטן זײַנען געזעסן דער בורגמײַסטער, די געמיינדע־עלטסטע און דער געריכט־שרײַבער. הויך האָט געהילכט דער שטאָט־גלאָק. דער אוילעם איז פון אלע זײַטן געלאָפן צום פּלאַץ.

די זעלנער האָבן ארײַנגעפירט קלאאסן א געבונדענעם.

דער געריכט־שרײַבער האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט און געמאָלדן, אז דער געריכט וועט זיך אָנהייבן פון אויספרעגן די איידעס.

די איידעס — דער שערער האנס און יאן וואנ־ראָאָזעבעקע — האָבן אונטער א שווּוע געמאָלדן, אז קלאאס איז א מענטש אן אָרנטלעכער, אז ער לעבט לויט אלע געזעצן פון דער קאטוילישער קירכ, אז קיין ליוטעראנישע ביכער האלט ער בא זיך ניט, אז ער גייט אין קלויסטער, און אז זיי האָבן קיינמאָל ניט באמערקט אזוינס, וואָס זאָל געבן א גרונט צו כוישעד זײַן אים אין אפּיקאָרסעס.

דאן האָט דער ריכטער געפרעגט יאן וואנ־ראָאָזעבעקען, צי ער איז געוועזן אין שענק, ווען קלאאס האָט פארקויפט שטיקלעך פון זײַן אינדולגענציע און האָט אָפּגעשפּעט פון דער קאטוילישער קירכ.

יאן וואנ־ראָאָזעבעקע האָט געענטפערט, אז קלאאס האָט ווירקלעך פארקויפט שטיקלעך פון זײַן אינדולגענציע, אָבער דערבײַ האָט ער ניט געשפּעט פון דער קירכ און ניט כויזעק געמאכט פון איר. איין שטיקל האָט אויך ער, יאנ־וואנ־ראָאָזעבעקע, געקויפט, נאָך א שטיקל האָט געוואָלט קויפן דער עלטסטער פיש־הענדלער גריפּסטיוווער, וועלכער איז אויך בײַגעווען דערבײַ.

דערנאָכ האָט זיכ אופגעהויבנ דער ריכטער אונ געמאָלדנ, אינ וואָס קלאאס ווערט באשולדיקט.

— אינ איינעמ א יאָנטעוו־טאָג זײַנענ אלע בירגער פונ דאמע אוועק קיינ בריוגע. — האָט דער ריכטער געזאָגט. — דער, וואָס באשולדיקט קלאאסנ, א מענטש א קארגער, האָט ניט געוואָלט פאטערנ קיינ געלט אפ דער יאָנטעוודיקער הוליאנקע אונ איז געבליבנ אינ דער היימ. ער איז געשטאנענ אפנ שוועל פונ זײַנ כאטקע אונ האָט זיכ געקוויקט מיט דער אָוונטיקער קילקײַט. פלוצלינג האָט ער דערזענ אנ אומבאקאנטנ מענטשנ, וואָס איז געגאנגענ איבער דער פישכאפער־גאס. קלאאס איז אימ ארויס אנטקעגנ אונ האָט אימ אוועקגעפירט מיט זיכ. דער אומבאקאנטער איז געווענ אָנגעטאָנ אינ שווארצע קליידער. זיי זײַנענ ארײַנ אינ שטוב, נאָר די טיר איז געבליבנ האלב אָפנ. דעמ מאָסער האָט זיכ פארוואָלט וויסנ, וועגנ וואָס שמועסט עס קלאאס מיטנ אומבאקאנטנ. האָט ער זיכ אומבאמערקט אונטערגעגאנוועט צו דער טיר אונ האָט אונטערגעהערט זייער שמועס. זיי האָבנ גערעדט וועגנ קלאאסעס ברודער יאָס, א רעפאָרמאט, וואָס איז גענומענ געוואָרנ אינ געפאנגענשאפט בײַס א שלאכט מיט די פראָטעסטאנטנ אונ איז דערפאר געקעפט געוואָרנ אפנ עשאפאָט. דער אומבאקאנטער האָט אײַנגערעדט קלאאסנ, ער זאָל פארלאָזנ די שויס פונ אונדזער מוטער, — דער הייליקער קאטוילישער קירכ. דערבײַ האָט ער אָנגערופנ די קירכ מיט די לעצטע ווערטער. „אָ, אכזאָריעסדיקער הענקער! — האָט קלאאס געזאָגט, — אומגליקלעכער ברודער מײַנער!" אזויארומ ווערט קלאאס באשולדיקט אינ אָנרופנ מיטנ נאָמענ הענקער אונדזער הייליקנ פאָטער — דעמ פויפסט — אונ זײַנ קיניגלעכע מאיעסטעט, ווײַל זיי באשטראָפנ דאָכ די אפיקאָרסימ. דערנאָכ האָט דער מאָסער געהערט, ווי קלאאס האָט אויסגעשריִענ; „אָרעמער יאָס, אצינד ביסטו שוינ אינ גאנײדנ. ווי אכזאָריעסדיק די דאָזיקע הענקער זײַנענ זיכ עס באגאנגענ מיט דיר!" אזויארומ האָט קלאאס באשולדיקט אינ גאָטלעסטערונג דעמ אייבערשטנ גופע, ווײַל נאָר גאָטלעסטערער קאָנענ האלטנ, אז אנ אפיקוירעס וועט ארײַנפאלנ אינ גאנײדנ. דאנ האָט דער אומבאקאנטער אויסגעשריִענ פול מיט צאָרנ: „וועסט אומקומענ, באָוועל, רוימישע זוינע, אונ די טײַוולאָנימ וועלנ דיכ מאכנ פאר זייער ווינונג!" „עכ, מײַנ הער, — האָט קלאאס געזאָגט: — אײַערע ליפנ זײַנענ פול מיט צאָרנ; נאָר זאָגט מיר, ווענ וועט שוינ אָנקומענ די צײַט, ווענ מענטשנ וועלנ קענענ רויִק לעבנ אפ דער וועלט?" „קאָלזמאנ עס וועט הערשנ דער אנטיכריסט — וועט עס ניט זײַנ, — האָט דער אומבאקאנטער געענטפערט, — דער אנטיכריסט — דאָס איז דער פויפסט, דער סוינע פונעמ עמעס". „אכ, — האָט קלאאס געזאָגט, — איר האָט ניט קיינ שומ אָפשײַ פאר אונדזער הייליקנ פאָטער. איכ בינ זיכער, אז ער ווייסט ניט, ווי מע אונטערדריקט דאָ די

אָרעמע רעפּאַרמאַטן". „ער ווייסט אַלצדינג, — האָט דער אומבאַקאַנטער געזאָגט, — ער איז דער הויפּט־שולדיקער אין אונדזערע יסורים. דער אימפּעראַטאָר טוט אַלץ לויט זײַן אָנווײַזונג און ער יאַרשנט דאָס פאַרמעגן פון די געקעפּטע". „מע שמועסט טאַקע אַזוי, — האָט קלאַאַס געענטפערט, — אָפּגענעם, אַז ס'איז טאַקע אַן עמעס". אַזוי־אַרום האָט קלאַאַס אָנערקענט, אַז דער אימפּעראַטאָר פאַרפאַלגט די אפּיקאָרסים צוליב געלט. דער אומבאַקאַנטער האָט זיך געקליבן נאָך ריידן, אָבער קלאַאַס האָט אים געזאָגט: „עפּשער איז גלײַכער, מײַן הער, מיר זאָלן מער ניט ריידן וועגן דעם. וואָרעם אויב עמעצער וועט דערהערן, וועט מיר שוין קיין צאָרעס ניט פעלן". דערנאָך איז קלאַאַס אַוועק אין קעלער און האָט געבראַכט אַ קרוג ביר. „כ'וועל פאַרשפּאַרן די טיר", האָט ער געזאָגט. מער האָט דער מאָסער גאָרנישט ניט געהערט. ער האָט געמוזט אַפּגיך אַרויסלויפן פון שטוב. באַנאַכט האָט זיך די טיר ווידער געעפנט. דער אומבאַקאַנטער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, נאָר אײַנגיכן האָט ער זיך אומגעקערט, אָנגעקלאַפּט און געזאָגט צו קלאַאַסן: „ס'איז קאַלט, כ'וועל בא דיר איבערנעכטיקן. קיינער האָט ניט געזען, ווי איך בין צו דיר אַרײַן. אַפ דער גאַס איז קיין נפש ניטאָ". קלאַאַס האָט אָנגעצונדן דעם לאַמטערן און האָט אַוועקגעפירט דעם גאַסט אַפן בוידעם, וואָס דאָס פענצטער פון אים גייט אַרויס צום פעלד.

— ווער האָט עס מיך געקאָנט מאַסערן? — האָט קלאַאַס אויסגעשריִען, — אָן שום סאָפּעק, אַז דו, פיש־הענדלער רעצייעך, האָסט עס געטאָן! איך האָב געזען, ווי דו ביסט יענעם זונטיק געשטאַנען אַפן שוועל פון דײַן הויז און האָסט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז דו קוקסט, ווי עס פליִען די שוואַלבן.

דערהערט, אַז קלאַאַס האָט זיך אויסגעגעבן, האָט דער פיש־הענדלער זיך גאַליק צעשמייכלט.

— אומגליקלעכער קלאַאַס. פאַר די דאָזיקע ווערטער וועט ער טײַער באַצאָלן, — האָט מען אָנגעהויבן ריידן צווישן דעם־אוילעם.

— אין יענער נאַכט, — האָט דער ריכטער פאָרגעזעצט, — האָט קלאַאַס מיטן אומבאַקאַנטן פאַרבראַכט אַ לאַנגע צײַט. דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעכאַזערט אין די קומענדיקע זעקס נעכט. דער אומבאַקאַנטער פלעגט אָדער טרייסלען מיט די פויסטן און דראָען עמעצן, אָדער ער פלעגט אופהייבן די הענט צום הימל, ווי דאָס טוען די אפּיקאָרסים, און קלאַאַס האָט, ווי עס ווײַזט אויס, באַגיטיקט זײַנע רייד. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, אָפּגעלאַכט פון דער הייליקער מעסע, פון דער ווידע, פון די אינדולגענציעס, זיי האָבן אויך גערעדט שלעכטס אַפּ זײַן קיניגלעכער מאַיעסטעט...

— קיינער האָט עס ניט געהערט! — האָט קלאַאַס אויסגעשריִען. — מע מעג דען באַשולדיקן אַ מענטשן, אַז מע האָט ניט קיין שום באַווײַזן?

— דערפאַר אָבער האָט מען געהערט עפּעס אַנדערש, — האָט דער ריכ־

טער געענטפערט. — אפן זיבעטן טאָג, ווען דער אומבאקאנטער איז פון דיר אוועק, האָסטו אים באגלייט אזש ביזן פעלד. דאָ האָט ער בא דיר א פרעג געטאָן, וואָס האָסטו געטאָן מיט דיַינע געטשקעס. — דערביַי האָט דער ריכטער זיך איבערגעציילעמט. — מיט דעם וואָרט „געטשקעס” האָט דער אומבאקאנטער געמיינט די איקאָנעס פון דער מאדאָנע, פונעם הייליקן ניקאָליַי און פונעם הייליקן מארטין. דו האָסט אים געזאָגט, אז דו האָסט זיי צעבראָכן אף פיצלעך און אריַינגעוואָרפן אין ברונעם. נעכטן באדערנאכט האָבן מיר, ווירקלעך, געפונען אין ברונעם די דאָזיקע שטיקלעך, אציַנד ליגן זיי אין דער טורמע־שטאל.

קלאאס איז געזעסן מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, דערשלאָגן פון די דאָזיקע באוויַיזן.

— עפשער ווילסטו עפּעס דערווידערן קעגן דעם? — האָט אים דער ריכטער געפרעגט. קלאאס האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף ניט.

— צי אָנערקענסטו אונדזער הייליקן פאָטער, דעם פויפּסט, פאר גאָטס פארטרעטער אף דער ערד? — האָט דער ריכטער פאָרגעזעצט.

— ניין, — האָט קלאאס געענטפערט.

— צי אָנערקענסטו, אז מע דארף טפילע טאָן צו די הייליקע איקאָנעס?

— איך האלט עס פאר געצנדינעריַי, — האָט קלאאס געענטפערט.

ער האָט רויִק געענטפערט אף דעם ריכטערס פראגן, נאָר טיף אין הארצן איז ער געווען דערשיטערט און דערשראָקן.

דער זייגער האָט געשלאָגן אכט. עס האָט זיך דערנעענטערט דער אָוונט. די ריכטער האָבן אָפּגעלייגט דעם אורטייל אף מאָרגן און זיַינען אוועק.

אף מאָרגן האָבן די ריכטער ווידער זיך צונויפגעקליבן און זיי האָבן געפרעגט קלאאסן, צי ער זאָגט זיך אָפּ פון זיַינע טאָעסן.

— מיַין גאנץ לעבן האָב איך ערלעך געארבעט און וויניק, גאָר וויניק פארדינט, — האָט קלאאס געענטפערט. — איך בין געווען גוט צו אָרעמעליַיט און פלעג שטענדיק ארויסהעלפן א מענטשן אין א שלעכטער ציַיט. איך האָב פארלאָזן די רוימישע קירך, פאָלגנדיק די שטים פון מיַין געוויסן. איינס וויל איך איַיך נאָר בעטן: פארברענט מיך ניט אפן שייַטער. שיקט מיך בעסער ארויס פון פלאנדריע אפן גאנצן לעבן. דאָס וועט פאר מיר אויך זיַין א גרויסער אומגליק.

— דערבארעמט זיך אף אים, הערן ריכטער! — האָט דער אוילעם געשריִען, — באגנעדיקט אים.

איין יאָס גריפּסטיוּוער האָט געשוויגן און האָט ניט געבעטן, מע זאָל קלאאסן באגנעדיקן. דער ריכטער האָט באפוילן אלעמען שוויַיגן; ער האָט

געמאָלדן, אז דער געזעץ פארבאָט אָנצונעמען זיך פאר אפיקאָרסים. אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן פון זײַנע טאָעסן, וועט מען אים ניט פארברענען, נאָר אופהענגען; אויב אָבער ער וועט זיך אקשענען — וועט מען אים פארברענען אפן שײַטער.

— פײַער צי שטריק — איינ גליק, — האָט דער האמוינ געטײַנעט.

די פרויען האָבן געוויינט. די מאנצבלען האָבן שטילערהייט געמורמלט.

קלאאס האָט געזאָגט:

— איך וועל זיך פון גאָרנישט ניט אָפּזאָגן. טוט מיט מײַן גוף אלץ, וואָס אײַער הארצ גלוסט.

דעמלט האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט דער ריכטער טיטעלמאנ, דער אינקוויזיטאָר פון דער שטאָט רענע, און האָט אויסגעשריִען:

— ווי קאָן מען עס גאָר דערלאָזן, אז דער דאָזיקער נישטיקער אפיקוירעס זאָל פארײַסן דעם קאָפּ פאר די ריכטער! פארברענען זײַן גוף — דאָס איז נאָך א קליינע שטראָף פאר אים. מע דארף ראטעווען זײַן נעשאָמע און צווינגען אים דורך אכזאָריעסדיקע יעסורים, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זײַנע טאָעסן. ס'איז צו געפערלעך באווײַזן דעם האמוינ אזוינע אקשאָנים אפיקאָרסים.

די פרויען האָבן נאָך העכער געגומען כליפּען, די מאנצבלען ווידער האָבן געשריִען:

— ניטאָ אים וואָס צו פּײַניקן. ער האָט זיך דאָך אזוי אויך מוידע געווען אינ אלצ.

דער געריכט האָט באשטימט קלאאסן ניט פּײַניקן. די ריכטער האָבן ווידעראמאָל געפרעגט קלאאסן, צי איז ער מאסקימ זיך אָפּצוזאָגן פון זײַנע טאָעסן.

— ניינ, — האָט קלאאס געענטפערט.

קלאאסן האָט מען אפ דעם סמאכ באשולדיקט אינ גאָטלעסטערונג, אפיקאָרסעס און אינ אויסבאהאלטן אפיקאָרסים. פאר די דאָזיקע זינד האָט דער געריכט פארמישפּעט קלאאסן צו פארברענען אים אפן שײַטער איבערמאָרגן, אפן פּלאצ אנטקעגן דער ראטושע.

דער געריכט האָט צוגעמישפּעט דעם מאָסער יאָס גריפּסטיוּווער — זײַנ פּאמיליע האָט מען, פארשטייט זיך, ניט אָנגערופן, — פופציק פלאָרינ פונ די ערשטע הונדערט פלאָרינ יערושע און א צענטכיילעק פונ דער איבעריקער יערושע.

אויסגעהערט דעם אורטייל, האָט קלאאס זיך א קער געטאָן צום פישהענדלער:

— געדענק מײַנע ווערטער, רעצייעך, — האָט קלאאס געזאָגט, — דו

וועסט שטארבן ניט מיט דיַין טויט. פאַרוואָס האָסטו מיַין וויַב געמאַכט פאַר אַן אַלמאָנע און מיַין אָרעמען זון — פאַר אַ יאָסעם?

די ריכטער האָבן קלאַסן דערלויבט צו ריידן, וויַל זיי אַלע, אויסער טיטעלמאַנען, האָבן פאַראַכט דעם פיש־הענדלער פאַר זיַין מעסירע.

דער פיש־הענדלער איז געוואָרן געל און גרין פאַר שאַנד און רע־ציכע.

און קלאַסן האָט מען ווידער אָפּגעפירט אין טורמע.

קאַפּיטל 22

וועגן דעם, ווי מע האָט קלאַאסן פאַרברענט

דערשיטערט פון גרויס צאַר, האָט די אומגליקלעכע סאָאַטקין ניט אויפגעהערט צו יאָמערן בא קאַטלינעס אין הויז.

— מײַן מאַן! מײַן אומגליקלעכער מאַן! — האָט זי נאָכאַנאַנד געטײַנעט.

אולענשפּיגל און נעלע האָבן זי געטרייסט. ארומנעמענדיק זיי, האָט זי געוויינט נאָך שטאַרקער. ענדלעך איז סאָאַטקין, פאַרמאַטערט פון צאַר, אײַנגעשלאָפן. דעמלט האָט נעלע געזאָגט צו אולענשפּיגלען:

— קום, לאָמיר פּרוּוון ראַטעווען די רענדלעך.

און זיי זײַנען אַרויס פון שטוב.

קלאַאסעס הײַזל האָט זיך געפונען בישכיינעס מיט קאַטלינעס. פאַר קלאַאסעס הײַזל איז געווען א קליין גערטנדל, אַזויאַרום אַז דאָס הײַזל איז געשטאַנען עטוואָס אָפּגערוקט פון גאַס און האָט זיך באַהאַלטן אין גרינס פון די ביימער. פאַר קאַטלינעס הויז זײַנען געווען בייטן, פאַרזייטע מיט באָב, די בייטן זײַנען געווען אַרומגעצאַמט מיט א פּלויט פון גרינע ביימעלעך. ווען אולענשפּיגל און נעלע זײַנען נאָך געווען קינדער, האָבן זיי אינעם פּלויט געמאַכט א לאָך, קעדיי זיי זאָלן קענען גיין איינער צום אַנדערן, ניט אַרויסגייענדיק אַף דער גאַס.

אולענשפּיגל האָט אַרײַנגערוקט אין לאָך דעם קאָפּ און האָט א קוק געטאָן, וואָס עס טוט זיך בא קלאַאסן אַפן הויף. אינמיטן הויף איז אַף דער ערד געזעסן א זעלנער און האָט אָן אויפהער געשפּיגן אינדערלופטן. לעבן אים האָט זיך געוואַלגערט א געפּלאָכטן פלעשל.

— ער האָט זיך נישקאָשעדיק אָנגעזשליאָקעט, — האָט אולענשפּיגל געזאָגט, — דו הערסט, ווי ער שפּײַט?

זיך אָנגעשפּײַט צו זאַט, האָט דער זעלנער זיך א ציי געטאָן צום פלעשל. ער איז צוגעפאַלן צום העלדזל און האָט אַרײַנגעגאָסן אין האַלדז ביז א קאַפּ. דערנאָך האָט ער א קלאַפּ געטאָן איבערן דעק, און ווען ער האָט

זיך איבערצײַגט, אַז דאָס פֿלעשל איז פּוסט, האָט ער זיך אויסגעזידלט, א שלײַדער געטאָנ דאָס פֿלעשל אונ איז אײַנגעשלאָפֿנ, מורמלענדיק אונטערנ נאָז עפּעס א טפֿילע.

אולענשפּיגל האָט געוווּסט, אַז דאָס איז ניט קיינ שטאַרקער שלאָף אונ אַז מע דאַרף דעם זעלנער אָנפּאָמפּענ א ביסל שטאַרקער. איז ער אַריבערגעקראָכנ דעם פּאַרקנ, האָט גענומענ דאָס פֿלעשל אונ עס איבערגעגעבנ נעלע. נעלע האָט עס אָנגעפֿילט מיט בראַנפֿנ.

דער — האָט אַלצ געכראָפּעט. אולענשפּיגל האָט אים אַרופֿגעלייגט אַף די קני א פֿולינק פֿלעשל, דערנאָך האָט ער זיך ווידעראַמאָל אומגעקערט אינ קאַטלינעס גאָרטנ אונ האָט זיך באַהאַלטנ דאָרט מיט נעלענ.

דאָס פֿלעשל, וואָס איז געווענ אָנגעפֿילט מיט קאַלטנ בראַנפֿנ, האָט יענעמ אופֿגעוועקט, ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אָנגעטאַפּט דאָס פֿלעשל אונ עס א בויטע געטאָנ עטלעכע מאָל. דאָס פֿלעשל איז געווענ פֿול. דער זעלנער האָט זיך פֿאַרווּנדערט אונ א זופּ געטאָנ דעם בראַנפֿנ. דערנאָך האָט ער אויסגעטרונקענ ביז האַלב אונ אוועקגעשטעלט דאָס פֿלעשל אַף דער ערד, דערנאָך האָט ער פֿונראַסנײַ גענומענ דאָס פֿלעשל אונ גענומענ זופּנ דעם בראַנפֿנ צו ביסלעך.

דאָס פֿלעשל איז ווידער געוואָרנ ליידיק. ער האָט אָנגעבויגנ דעם קאָפּ אָנ א זײַט אונ אָנגעהויבנ ביסלעכווײַז אײַנצושלאָפֿנ.

— זיי ליגנ אינ הינטערשטנ ווענטל פֿונעמ אויוונ, אונטערנ שטיינ, — האָט נעלע א שעפּטשע געטאָנ אולענשפּיגעלנ. דער זעלנער האָט עס שוינ ניט געהערט.

אולענשפּיגל האָט זיך אַרײַנגעגאַנוועט דורך דער כאַזערשטאַל אינ קיך, אַרויסגענומענ דעמ שטיינ אינ הינטערשטנ ווענטל פֿונעמ אויוונ, געפֿונענ דאָס טעפּל מיט די רענדלעך אונ האָט זיך אומגעקערט צוריק. דער זעלנער האָט נאָך אַלצ הויך געכראָפּעט אונ האָט גאָרנישט ניט געזענ.

דאָ, בא קאַטלינעס אינ גאָרטנ, האָט אולענשפּיגל פֿאַרגראָבנ דאָס געלט בא דער וואַנט פֿונעמ ברונעמ.

נאָכדעמ האָבנ זיי זיך אומגעקערט אהיימ אונ א גאַנצע נאַכט זײַנענ זיי געזעסנ לעבנ סאָאָטקינענ.

אינדערפֿרי זײַנענ זיי אוועק אינ טורמע, צומ לעצטנ מאָל זיך זענ מיטנ פֿאַרמישפּעטנ.

קלאַאַס איז געווענ צוגעשמידט צו דער וואַנט מיט א לאַנגער אײַזערנער קייט. דערזענ די פֿרוי אונ דעמ זונ, האָט ער זיי אַרומגענומענ אונ אָנגעהויבנ ווײנענ. שפּעטער אָבער האָט ער זיך אײַנגעהאַלטנ אונ האָט אויסגעווישט די אויגנ. פֿאַר אימ — א מאַנצבל אונ דעמ עלטסטנ אינ דער מישפּאָכע — איז געווענ א כאַרפּע אַרײַנצופֿאַלנ אינ פֿאַרצווייפֿלונג.

סאָאָטקינ האָט געוויינט, אונ אולענשפיגעל האָט געזאָגט:

— כ׳וועל צערײַסנ די דאָזיקע פארשאָלטענע קייטנ!

— איכ וועל גייִנ צומ קיניג פיליפ, — האָט סאָאָטקינ געזאָגט, — כ׳וועל אימ בעטנ, ער זאָל דיכ באגנעדיקנ.

— דער קיניג יארשנט דאָס האָב־אונ־גוטס פונ די געקעפטע, — האָט קלאאס געזאָגט.

— מײַנ ליבע פרוי, אויכ דו, מײַנ ליבער זונ, — האָט קלאאס פאַרגע־זעצט, — איכ צאר אונ טרויער גיי איכ אוועק פונ אײַכ. גרויסע יעסורימ וועט מיר אויסקומענ אויסצושטיינ, נאָר מער פונ אלצ האָב איכ אגמעסנע־פעש דערפונ, וואָס איר וועט בלײַבנ אָרעמעלײַט, דער קיניג וועט דאָכ בא אונדז צונעמענ אלצ, וואָס מיר פארמאָגנ.

— נעכטנ האָב איכ אונ נעלע באהאלטנ דאָס געלט, — האָט אולענ־שפיגעל שטילערהייט געזאָגט.

— גאָט צו דאנקענ, — האָט קלאאס געזאָגט, — הייסט עס, אז דער מאָ־סער וועט א מאקע באקומענ.

— פארשאָלטנ זאָל ער ווערנ, — האָט סאָאָטקינ געזאָגט מיט צאָרנ.

— האָסט עס קונציק געמאכט, מײַנ זונ! — האָט קלאאס געזאָגט, — אצינד וועט שוינ סאָאָטקינ ניט הונגערנ אפ די עלטערע יאָרנ.

קלאאס האָט זי שטארק ארומגענומענ, אונ סאָאָטקינ האָט זיכ ווידער צעוויינט.

— מײַנ זונ, — האָט קלאאס געזאָגט צו אולענשפיגעלנ, — דו האָסט זיכ לאנג אומגעשלעפט איבער די וועגנ אונ שליאכנ. טו עס ניט מער, מײַנ ליבער. לאָז ניט איבער איינע אליינ אינ דער היימ דײַנ אָרעמע מוטער. דו ביסט א מאנצבל. דו דארפסט איר העלפנ, דארפסט זי טרייסטנ אינ איר אומגליק.

— כ׳וועל שוינ מער ניט פארלאָזנ די מוטער, — האָט אולענשפיגעל געענטפערט

— יאָ, מײַנ אָרעמער מאנ, — האָט סאָאָטקינ געוויינט, ארומנעמענדיק קלאאסנ. — מיט וואָס האָבנ מיר עס אזוי פארזינדיקט בא די ריכטער? מיר האָבנ געלעבט שטיל, רויִק, קיינעמ קיינ שלעכטס ניט געטאָנ. כ׳וועל גייִנ צומ קיניג, כ׳וועל אימ מיט די נעגל צערײַסנ. גאָט מײַנ גאָט, מיר זײַנענ דענ אינ עפעס שולדיק?

עס איז ארײַנ דער טורמע־אופזעער אונ האָט זיי געהייסנ אוועקגייִנ.

סאָאָטקינ האָט זיכ ניט געקאָנט אָפרײַסנ פונ קלאאסנ. טרערנ האָבנ זיכ געקײַקלט איבער אירע באקנ, זי האָט זיכ געטרייסלט, צודריקנדיק זיכ צומ מאנ. קלאאס האָט אויכ געבעטנ דעמ טורמע־אופזעער, ער זאָל זי איבערלאָזנ מיט אימ.

אָבער דער טורמע־אופזעער האָט אָפגעריסן סאָאָטקינען פונעם מאַנ.

— זע זשע, מײַן זון, היט אָפ די מוטער, — האָט קלאַאס געזאָגט צו אולענשפּיגעלן.

אולענשפּיגעל און סאָאָטקין זײַנען אַרויס. און דער זון האָט אונטערגעהאַלטן די מוטער.

אָפ מאָרגן זײַנען געקומען די שכנים און האָבן פאַרשפּאַרט אולענשפּיגעלן, נעלען און סאָאָטקינען איז קאַטלינעס הויז. דעם טאָג האָט מען געדאַרפט אויספּילן דעם אורטייל איבער קלאַאסן.

פּונקט צען אַזייגער האָט מען אים אַרויסגעפירט פון טורמע — אַ געבונדענעם, אין אײן העמד. דעם שײַטער האָט מען צעלייגט אָפ דער גאַס פון גאָטס־מוטער, באַ אַ סלופּ, פּונקט אַנטקעגן דער ראַטושע. דער הענקער און זײַנע געהילפן האָבן נאָך ניט פאַרענדיקט אופלייגן דאָס האָלץ.

אַרומגערינגלט פון זעלנער האָט קלאַאס געדולדיק געוואַרט, ביז די הענקער וועלן פאַרענדיקן זייער אַרבעט. ניט ווײַט פונעם שײַטער איז געזעסן אָפ אַ פערד רײַטנדיק דער פּראָפאָס. די זעלנער און נײַע לאַנדסקנעכט, וואָס מע האָט אַרויסגערופן פון ברייגע, האָבן מיט גרויס מי אײַנגעהאַלטן דאָס אופגערעגטע פאָלק.

פּלוצלינג האָבן זיך אַלע געשטעלט אָפ די קני און אָנגעהויבן טפילע טאָן. אָפן גלאָקנטורעם פונעם מאַדאָנע־קלויסטער האָבן די גלעקער גענומען קלינגען ווי צו אַ לעווײַע.

דערהערט באַ זיך אין הײַזקע דאָס קלינגען פון די גלעקער, האָבן סאָאָטקין און נעלע זיך איבערגעצייטעלעמט.

אולענשפּיגעל אָבער האָט אויסגעשריִען:

— כ'וועל ניט טפילע טאָן, כ'וועל זיך ניט בוקן דעם גאָט פון די הענקער און אונטערדריקער!

ער איז צוגעלאָפן צום פענצטער און האָט געוואָלט אַרויסשפּרינגען אָפ דער גאַס. נאָר דאָס פענצטער איז געווען פאַרהאַקט, און די טיר האָבן געהיט די שכנים.

פּלוצלינג האָט סאָאָטקין זיך צעשריִען און האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטן פאַרטעך:

— אַ רויך!

ווירקלעך, אַ גרויסער זײַל רויך האָט זיך אין דער מינוט אופגעהויבן איבער די דעכער. דער הענקער האָט שוין אָנגעצונדן דעם שײַטער אין נאָמען פון גאָט, זײַן זון און דעם הייליקן גײַסט. קלאַאס האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט קיינעם ניט דערזען — ניט סאָאָטקינען, ניט אולענשפּיגעלן. און דאָס האָט אים שטאַרק דערפרייט: זאָלן זיי ניט זען, ווי ער מאַטערט

זיך. נאָר איין קאַטלינע איז געשטאַנען אין דער ערשטער ריי, געקוקט אַף קלאַסן מיט אירע מעשוגענע אויגן און געבורטשעט:

— פאַרלעשט דאָס פייער! בויערט אויס א לאָך! די נעשאָמע בעט זיך אַף דער פריי!

מע האָט געהערט, ווי עס מורמלט דאָס פאָלק און ווי עס כליפּען די פרויען. דער לעווייע־גלאָק האָט ניט אופגעהערט צו קלינגען.

פלוצלינג איז סאָאָטקין געוואָרן ווייס ווי שניי, זי איז געוואָרן א פאַרציטערטע און האָט באַוויזן אַפן פענצטער. פון די זיילן האָט זיך ארויסגעריסן א לאַנגער שמאָלער פלאַם, וואָס האָט זיך אופגעהויבן איבערן הויז. אולענשפיגעל האָט ארומגענומען די מוטער און האָט זי געוואָלט אָפּשלעפן פון פענצטער, אָבער אין דער מינוט האָבן זיי דערהערט קלאַסעס א האַרצרייסנדיקן געשריי און א צאָרנדיקן געשריי פונעם פאָלק:

— צעבלאָזט דעם שייטער! איר זאָלט ניט וואַגן צו פייניקן קלאַסן! דערשטיק אים, הענקער!

אין דעם פראָפּאָס האָבן גענומען פליען שטיינער.

— פייער! פייער! — האָט סאָאָטקין געשריען.

ווירקלעך, א רויטער פלאַם האָט זיך אופגעהויבן צום הימל.

— באַלד וועט ער שטאַרבן, — האָט סאָאָטקין א זיפץ געטאָן. — גאָט מיינער גאָט, נעם צו זיין נעשאָמע! ווו איז עס דער קיניג! כ'וואָלט אים מיט די נעגל דאָס האַרץ ארויסגעריסן!

מע האָט געהערט, ווי עס האָט געשריען און געפייפט דאָס פאָלק, ווי מע האָט געוואָרפן אין די זעלנער שטיינער און ווי צום לעצטן מאָל האָט זיך דערהערט קלאַסעס שטים:

— סאָאָטקין! טיל!

א הויכער טרויעריקער געיאָמער האָט זיך דערהערט פון קאַטלינעס הייזל, און נאָך דעם איז אַלץ אַנשוויגן געוואָרן. בלויז דאָס אומגליקלעכע נאַרעלע האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ און געמורמלט:

— די נעשאָמע בעט זיך אַף דער פריי!

קלאַס איז געשטאָרבן. באַם צופוסן פונעם סלופּ, אַף וועלכן עס איז געהאַנגען זיין שוואַרצער, פאַרקוילטער קערפּער, האָט נאָך געטליעט דער שייטער. די גלעקער פונעם מאַדאָנע־קלויסטער האָבן נאָך אַלץ געקלונגען נאָך דעם געשטאָרבענעם.

באַנאַכט זיינען אולענשפיגעל און סאָאָטקין אוועק צום אָרט, ווו מע האָט פאַרברענט קלאַסן. די נאַכט איז געווען א שטאָק־פינצטערע. איבערן הימל האָבן זיך געטראָגן וואָלקנס, געטריבן פון צאָפנדיקע ווינטן. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט א פינקל טאָן א שטערן צווישן זיי.

לעבן שייטער איז אומגעגאַנגען א זעלנער. ער האָט באַוואַכט

קלאאסעס קערפער. אולענשפיגעל און סאָאָטקין האָבן געהערט זײַנע שווע-רע טריט. ניט ווײַט האָט געקראַקעט א ראָב. פונוויטן ערגעץ האָט זיך דערהערט, ווי מע ענטפערט אָפּ דעם ראָב מיט א קראַקערײַ.

ווען אולענשפיגעל און סאָאָטקין זײַנען צוגעגאנגען צום שײַטער, האָט דער ראָב זיך אראָפּגעלאָזן אָפּ קלאאסעס אקסל. צוויי אנדערע ראָבן האָבן זיך געדרייט איבער זײַן קאָפּ.

אולענשפיגעל האָט געוואָלט אוועקטרײַבן די ראָבן, נאָר דער זעלנער האָט אים אָפּגעהאלטן:

— וואָס דארפסטו דאָ? — האָט ער געזאָגט. — אויב דו ביסט א קי־שעפּמאכער און דו זוכסט די הענט פון א מעס, האָסטו א סאָעס. די הענט פון א געהאנגענעם מאכן טאקע א מענטשן אומזיכטיק, אָבער דאָ איז דאָך ניט קיין געהאנגענער, נאָר א פארברענטער. אוועק פונדאנען!

— הער זעלנער! — האָט אולענשפיגעל געענטפערט, — איך בין ניט קיין קישעפּמאכער, איך בין א זון פון דעם, וואָס הענגט דאָ אנטקעגן אײַך, און דאָס איז — זײַן אלמאָנע. מיר ווילן זיך געזעגענען מיט זײַן קערפער און נעמען זיך אָפּ אָנדענק א ביסל אש. דערלויבט עס אונדז. איר זײַט דאָך ניט קיין אויסלענדער, איר זײַט דאָך פונקט אזא פלאמאנדער, ווי מיר.

— גייט, געזעגנט זיך, — האָט דער זעלנער געזאָגט.

טרעטנדיק איבער די פארקוילטע שײַטלעך האָלץ, האָבן זיי זיך אויפ־געהויבן צום אומגליקלעכן מארטירער און וויינענדיק גענומען קושן אים דאָס פּאָנעם. און אפּן אָרט פון דעם הארץ איז אין קלאאסעס קערפּער געווען א שווארצע לאָך. אולענשפיגעל האָט גענומען פון דאָרטן א ביסל אש.

דערנאָך האָבן זיי זיך געשטעלט אָפּ די קני און גענומען טפילע טאָן. עס האָט זיך דערנעענטערט דער באגינען. דער זעלנער איז צוגעגאנ־גען צום שײַטער און האָט זיי געהייסן אוועקגיין אהיים. און זיי זײַנען אוועק מיט א צעבראָכן געמיט.

אין דער היים האָט סאָאָטקין געפונען א שטיקעלע רויט און א שטי־קעלע שווארץ זײַד, האָט אופגענייט פון דעם א זעקעלע מיט צוויי סטענ־געלעך און ארײַנגעלייגט אין דעם קלאאסעס אש. דערנאָך האָט זי אָנגע־טאָן דאָס זעקעלע אולענשפיגעלן אפּן האלדז און האָט געזאָגט:

— זאָל אָט דאָס אש, אָט דאָס אומגעקומענע הארץ פון מײַן אומגליק־לעכן מאן פון הײַנט אָן הענגען בא דיר אפּן האלדז און דערמאָנען דיר וועגן נעקאָמע.

— אזוי זאָל זײַן! — האָט אולענשפיגעל געזאָגט.

און די אלמאָנע האָט א קוש געטאָן דעם יאָטעם. און אין דער מינוט איז אופגעגאנגען די זון.

קאפיטל 23.

וועגן דעם, ווי מע האָט געפּייניקט אולענשפּיגעלן און סאָאָטקינען

אפּ מאָרגן האָט מען אויסגעפּארקויפט קלאאסעס האָב־און־גוטס. סאָאָטקין האָט געזען, ווי מע האָט ארויסגעטראָגן פון שטוב דאָס אײַזערנע וויגעלע מיט די מעשענע פּרענטלעך. אין קלאאסעס מישפּאָכע איז דאָס דאָזיקע וויגעלע איבערגעגאנגען פון פאָטער צום זון: אין אָט דעם וויגעלע איז געלעגן קלאאס, ווען ער איז געווען א קינד, אין דעם וויגעלע איז געלעגן אולענשפּיגעל. דערנאָך האָט מען ארויסגעטראָגן דאָס בעט, דעם ברויט-קאסטן, די קיילע אפּ האלטן בוימל, די סקאָווערעדעס און די קעסעלעך. אמאָל האָט אָט דאָס גאנצע געפּעס געגלאנצט, אצינד איז עס געוואָרן טונקל און באדעקט מיט שטויב.

דערנאָך האָט מען ארויסגעשלעפּט א פעסעלע ביר, נאָכדעם נאָך א האלב פעסעלע און א קאָשיק מיט דרײַ צענדליק פלעשלעך. אין שטוב איז שוין גאָרנישט ניט געבליבן. דעם לעצטן צוויאָק אפּילע האָט מען אויך ארויסגעשלעפּט פון וואנט.

שווײַגנדיק און פארצווייפלט, האָט סאָאָטקין געקוקט, ווי מע טראָגט ארויס איר באשיידן פארמעגן. דער אויסרופער האָט אָנגעצונדן א ליכט און האָט אָנגעהויבן דעם אאוקציאָן. די ליכט האָט שוין קימאט אויסגעברענט, ווען דער עלטסטער פון די פיש־הענדלער האָט אָפּגעקויפט דאָס גאנצע האָב־און־גוטס פאר העלפט געלט. ער האָט זיך עס געקליבן איבערפארקויפן און ער האָט זיך שוין אפריער געפרייט פון דעם גוטן געשעפטל.

— ווארט א ווײַלע, קיין סאך וועסטו שוין ניט לאכן, מערדער איינער! — האָט געמורמלט פאר זיך אולענשפּיגעל.

ווען דער אאוקציאָן האָט זיך פארענדיקט, האָבן די זעלנער איבערגעריכט די גאנצע שטוב, אָבער די רענדלעך האָבן זיי אין ערגעץ ניט געקאָנט געפינען.

— איר זוכט שלעכט, — האָט דער פיש־הענדלער געשריִען, — מיט זעקס כאַדאָשים צוריק איז בא קלאאסנ געווענ זיבנ הונדערט פלאָריג!

— ווערט זיי ניט געפינענ, מערדער! — האָט אולענשפיגעל א מורמל געטאָנ פאר זיך.

פלוצלינג האָט סאָאָטקינ א זאָג געטאָנ:

— אָט איז דער מאָסער!

אונ זי האָט באוויזנ אולענשפיגעלנ אפנ פיש־הענדלער.

— איך וויים עס, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט.

— צי דענ ווערסטו דערלאָזנ, אז אים זאָל אָנקומענ קלאאסעס געלט?

— כ'בינ בעסער גרייט איבערטראָגנ די גרעסטע יעסורים, איידער אזא שאנדע, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט.

— איך אויך. זע זשע, שוויַג, וואָסערע יעסורים זיי זאָלנ מיר ניט פארשאפנ.

— אָבער דו ביסט דאָך — א פרוי, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט.

— נארעלע, — האָט סאָאָטקינ געענטפערט, — פרויענ האָבנ מער געדולד ווי מאנצבלענ.

אונ וויינענדיק, האָט זי געצערטלט אולענשפיגעלנ.

דאָס געלט האָט מענ נים געפונענ. דער פיש־הענדלער איז ווידער געקומענ צום ריכטער אונ האָט געמאָלדנ, אז דער געשטאָרבענער האָט ערשט מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק באקומענ א יערושע — זיבנ הונ־דערט קאראָלוסנ, אז ער האָט אינ אזא קורצער צײַט ניט געקאָנט פאטערנ אזא גרויסע סומע געלט, ווײַל ער איז געווענ א קארגלעכער מענטש, אונ אז דאָס געלט האָט מענ, מיסטאמע, באהאלטנ ערגעצ.

דער ריכטער האָט אים געפרעגט, פארוואָס פארפאָלגט ער אזוי־אכזאָריעסדיק אולענשפיגעלנ אונ סאָאָטקינענ. ער האָט בא זיי אָפגענומענ קלאאסנ אונ אצינד וויל ער בא זיי אָפנעמענ דאָס געלט. וואָס האָבנ זיי אים אזוינס געטאָנ?

דער פיש־הענדלער האָט געענטפערט, אז ווי א געטרײַער דינער פונ זײַנ מאיעסטעט ווילי ער צווינגענ דאָס פאָלק, מע זאָל אָפשײַ האָבנ צו דעם אימפעראטאָרס געזעצ. אויסער דעם וויל ער פארדינענ דעם אימפע־ראטאָרס גנאָד. דערבײַ האָט ער דערלאנגט דעם ריכטער א געשריבענע מעסירע אפ אולענשפיגעלנ אונ סאָאָטקינענ.

די ריכטער האָבנ באטראכט די מעסירע אונ האָבנ באשלאָסנ אָנצו־ווענדנ פײַניקונג צו די פארמאסערטע. מע האָט באפוילנ נאָכאמאָל אונטער־זוכנ קלאאסעס הויז אונ די אלמאָנע מיטנ זונ ארײַנזעצנ אינ טורמע. מע האָט ארויסגערופנ פונ בריוגע הענקער.

ווענ מע האָט אולענשפיגעלנ אונ סאָאָטקינענ געפירט איבערנ גאס מיט

געבונדענע הענט, איז דער פיש־הענדלער געשטאַנען לעבן זײַן שטוב און האָט געקוקט אױף זײ.

אַנדערע בירגער פון דאַמע זײַנען אױך אַרױס אױף דער גאַס. מאַטי־סאָן, דעם פיש־הענדלערס שאָכן, האָט געהערט, װי אולענשפיגעל האָט געזאָגט דעם מאָסער:

— זײַ פאַרשאָלטן, הענקער!

און סאָאַטקין האָט צוגעגעבן:

— דו װעסט מײַס אָפּשנײַדן, רױבער אײנער!

די בירגער פון דאַמע האָבן מיט האַס געקוקט אױפן פיש-הענדלער און אין אָװנט האָבן זײ באַ אים אין הױז אױסגעבראָכן אַלע שױבן. דער פיש־הענדלער האָט מוירע געהאַט די נאָז אַרױסצושטעקן אױף דער גאַס.

אױף מאָרגן, אַזײגער צען, האָט מען אולענשפיגעלן און סאָאַטקינען געבראַכט אין פײַניקונג־צימער. דאָ האָבן אױף זײ געװאַרט דער שטאָטישער הױפּט־ריכטער, דער שרײַבער, די געמײנדע־עלטסטע, דער הענקער פון ברוגע און זײַן געהילף און דער שערער, װאָס האָט אױסגעפּילט די פליכטן פון א װורמע־רױפע.

דער ריכטער האָט א פרעג געטאָן סאָאַטקינען, צי זי האָט ניט באַ־האַלטן א טײל פון זײער פאַרמעגן, װאָס געהערט אַצינד צום אימפּעראַ־טאָר. סאָאַטקין האָט געענטפערט, אַז זי האָט גאָרנישט ניט און זי האָט ניט װאָס צו באַהאַלטן.

— און דו? — האָט דער ריכטער געפרעגט אולענשפיגעלן.

— מיט זיבן כאָדאָשים צוריק, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט, — האָבן מיר באַקומען א ירושע — זיבן הונדערט קאַראָלוסן. א טײל פון זײ האָבן מיר פאַרלעבט, װו עס געפינען זיך די איבעריקע — װײס איך ניט. איך קלער, אַז דער אומבאַקאַנטער, װאָס האָט, צו אונדזער אומגליק, געלעבט באַ אונדז אין שטוב, האָט אַװעקגעטראָגן דאָס דאָזיקע געלט מיט זיך.

— דער געריכט איז אײַך כױשעד, אַז איר האָט דאָס געלט באַהאַלטן, — האָט דער ריכטער געזאָגט, — אױב איר װעט זיך אַלײן ניט מודה זײַן, װעלן מיר אײַך מיט פּײַניקונגען צװינגען צו זאָגן דעם עמעס.

— האָט ראַכמאָנעס אױף דער אַלמאָנע, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט, — דער פיש־הענדלער האָט אָפּגעקױפט אַלץ, װאָס מיר האָבן פאַרמאָגט.

— נאַרעלע, — האָט סאָאַטקין געזאָגט, — װאָס האָסטו פאַר מיר מוירע?

— האָט ראַכמאָנעס אױף דער אַלמאָנע, — האָט אולענשפיגעל, בלאַס, װי דער טױט, איבערגעכאַזערט.

— פּײַניקט בעסער מיך, אײדער אים, — האָט סאָאַטקין געזאָגט.

דער ריכטער האָט א פרעג געטאָן דעם הענקער, צי עס איז אַלץ גרײט צו דער פּײַניקונג.

— אלץ איז גרייט, — האָט דער הענקער געענטפערט.

די ריכטער האָבן זיך בּאראטן און באשלאָסן פּייניקן צווערשט סאָאָט־קינען.

— ס׳איז ניטאָ אזא אכזער א זון, — האָט איינער פון די געמיינדע־עלטסטע געזאָגט, — וואָס זאָל זיך ניט מוידע זײַן אין אלץ, אבי נאָר צו באפרײַען די מוטער פון יעסורים. און איטלעכע מוטער וועט טאָן אלץ, אבי נאָר ראטעווען איר קינד פון פּײַניקונג.

— נעם די דאָזיקע פרוי, — האָט דער ריכטער געזאָגט צום הענקער. גרויסע יעסורים זײַנען אויסגעפאלן אפ סאָאָטקינס גורל. דער הענקער האָט ארײַנגעלייגט אירע הענט און פיס אין א שרויפשטאָק און זיי אײַנ־געקלעמט. סאָאָטקין האָט פארביסן די ליפּן און האָט געשוויגן. אולענשפּי־געל האָט געצופּט זײַנע הענט, וואָס זײַנען געווען פארבונדן אפ אהינטער, ער האָט זיך באמיט צערײַסן די שטריק, אָבער ער איז ניט אימשטאנד געווען עס צו טאָן.

— פאָרזיכטיקער, הער ריכטער, איר קענט נאָך איר דיביינדעלעך צעברעכן, — האָט ער געזאָגט.

— דער פיש־הענדלער! — האָט סאָאָטקין געזאָגט.

און אולענשפּיגעל איז אנשוויגן געוואָרן.

אָט האָבן א קנאק געטאָן אינעם שרויפשטאָק אירע ביינער, און בלוט האָט גענומען רינען אפ דער ערד.

— דאָס זײַנען פרויען־ביינער, הער ריכטער! צעקוועטשט זיי ניט! — האָט אולענשפּיגעל איבערגעכאזערט, ציטערנדיק פון צאר און צאָרן.

— דער פיש־הענדלער! — האָט סאָאָטקין א קרעכץ געטאָן.

— זײַ זיך דו פאר איר מוידע! — האָט דער ריכטער געזאָגט צו אולענשפּיגעלן.

אָבער סאָאָטקין האָט א קוק געטאָן אפ אים מיט אירע טויט־געיאָרענע אויגן. און ער האָט פארשטאנען, אז ער דארף שטומען, ווי די וואנט. און ער האָט געשוויגן און געוויינט.

— די דאָזיקע פרוי איז פונקט אזא אקשן, ווי א מאנצבל, — האָט דער ריכטער געזאָגט, — לאָמיר פרובירן פּײַניקן אולענשפּיגעלן. זי וועט ניט אויסהאלטן, קוקנדיק, ווי מע פּײַניקט איר זון.

סאָאָטקינען האָט מען אוועקגעלייגט אפ דער ערד און מע האָט זי אָפּגעמינטערט. מע האָט זיך גענומען צו אולענשפּיגעלן. אולענשפּיגעל האָט געשוויגן.

סאָאָטקין האָט געקוקט אפן זון, נאָר שרײַען האָט זי שוין ניט געקענט. זי האָט בלויז אויסגעשטרעקט די צעבלוטיק־ע הענט, ווי זי וואָלט געבעטן די ריכטער, זיי זאָלן ראכמאָנעס האָבן אפ איר זון.

נאָר יענע האָבן פאָרגעזעצט צו פּייניקן אים. מע האָט געבראכט ברענענדיקע קוילן.

— נעמט צו דאָס פייער! — האָט סאָאַטקין געגומענע שרייען, — האָט ראכ־מאָנעס אפן יינגל, הערן ריכטער!

— דער פיש־הענדלער! — האָט אולענשפיגעל א געשריי געטאָן, דער־זעענדיק, אז זי ווערט אָפּגעשוואכט.

— זאָג, ווו האָסטו באהאלטן דאָס געלט, און מע וועט אים טייקעף באפרייען, — האָט דער ריכטער געזאָגט צו סאָאַטקינען.

— דער פיש־הענדלער! — האָט אולענשפיגעל א קרעכץ געטאָן, און ער איז געבליבן הענגען אף די רימענס, אזוי ווי א מעס.

— ער איז געשטאָרבן, מיין אָרעם יינגל! — האָט סאָאַטקין זיך צע־שריען, — זיי האָבן געהארגעט קלאאסן! און אים האָבן זיי אויך געהאר־געט! נעמט צו דאָס פייער, הערן ריכטער! לאָזט מיך ארומנעמען מיין זון, איידער ער שטארבט. איר ווייסט דאָך גאנץ גוט, אז איך קאָן אין ערגעץ ניט אנטלויפן מיט מיינע צעקאליעטשעטע פיס.

— גיט אָפּ דער אלמאָנע איר זון, — האָט דער ריכטער געזאָגט.

דער הענקער האָט אָפּגעבונדן אולענשפיגעלן און אים אוועקגעלייגט צו סאָאַטקינען אף די קני.

סאָאַטקין האָט זיך איינגעבויגן איבער אים און האָט געוויינט.

און אזויווי זיי האָבן זיך אין גאָרנישט ניט מוידע געוועז, ניט גע־קוקט אף אלע יעסורים, וואָס זיי האָבן איבערגעטראָגן, האָט דער געריכט באשטימט צו האלטן די באשולדיקונג פאר ניט דערוויזן און ביידע באשול־דיקטע באפרייען פון ארעסט.

— דער אייבערשטער זאָל אייך באלוינען פאר אייער גנאָד, הערן ריכטער! — האָט סאָאַטקין געזאָגט.

— דער פיש־הענדלער! — האָט אולענשפיגעל א קרעכץ געטאָן.

מע האָט זיי ארופגעלייגט אף א פורל און אוועקגעפירט צו קאטלינען.

קאפיטל 24

וועגן דעם, ווי צו קאטלינען האָבן אָנגעהויבן קומען צו גאסט שיידים

עס זײַנען אוועק עטלעכע כאדאָשים. אולענשפיגעל און סאָאָטקין האָבן זיך ביסלעכווײַז פאריכט. קאטלינע איז אָבער וואָס א טאָג געוואָרן דא-רער און דארער, ווי עפּעס אן אינערלעכע פײַער וואָלט אופגעפרעסן איר קערפּער.

זי האָט שוין מער ניט געשריִען: „פײַער! בויערט אויס א לאָך! לאָזט ארויס די נעשאָמע“. זי איז ווי געוואָרן קלאָרער א ביסל. דערפאר האָט זי אלץ אָפטער געקוקט אף נעלען און געטײַנעט פאר זיך:

— איך וועל פאר דיר געפינען א כאָסן, נעלע. דער טײַוול אליין, מײַן האר, וועט אים ברענגען צו אונדז.

איינמאָל אין אָוונט, ווען מע איז געזעסן באַם טיש, האָט קאטלינע געזאָגט:

— עס איז פאראן א כאָסן פאר נעלען. א ליאלקע א קאוואלער, אין א גרויסן קאמזויל. ער וועט איר זײַן א געטרײַער פרײַנט. ער טראָגט א שווערד אפן זײַט. זײַן פּאָנעם לײַכט אין דער פינצטער.

— אזוי גאָר, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט, — א גאנצע פריקאסע פון כאסאנים. און א סאָוס וועל איך מאכן מיט מײַן מעסער.

נעלע האָט מיט א שמייכל א קוק געטאָן אף אולענשפיגלען און געזאָגט:

— איך דארף ניט קיין שום כאָסן.

— בא דעם, וואָס אין די גרויע קליידער, — האָט קאטלינע פאָרגעזעצט, — זײַנען פײַנע שטיוועלעך מיט זילבערנע שפּאָרן.

— בעט גאָט פאר דער דאָזיקער מעשוגענער, — האָט סאָאָטקין געזאָגט.

— אולענשפיגעל, — האָט קאטלינע געזאָגט, — גיי, ברענג פיר ליטער ביר, און איך וועל דערווײַל אָנבאקן בלינצעס.

— וואָס איז הײַנט פאר א יאָנטעוו? — האָט זי סאָאָטקין געפרעגט. — צוליב וואָס מאכסטו עס אזא סודע?

— דאָס טייג איז שוינ גרייט, — האָט קאטלינע געענטפערט.

אולענשפיגעל איז געשטאנענ אונ געהאלטנ אינ האנט א גרויסנ צינענעם קרוג.

— מאמע, איכ זאָל גייג צי ניט? — האָט ער געפרעגט סאָאָטקינען.

— גיי, — האָט קאטלינע געזאָגט.

סאָאָטקינ האָט זיכ ניט געוואָלט אמפערנ מיט קאטלינען. דאָ אינ שטוב איז זי, קאטלינע, געווענ די באלעבאָסטע.

אולענשפיגעל איז ארויסגעלאָפנ אינ שענק אונ האָט געבראכט פיר ליטער ביר. איבער דער קיכ האָט זיכ פארשפרייט דער רייעכ פונ בלינצעס. אונ אלעמענ האָט זיכ פארוואָלט עסנ, אפילע דער דערשלאָגענער סאָאָטקינ.

אולענשפיגעל האָט זיכ אָנגעגעסנ, ווי א פויק. קאטלינע האָט אימ געגעבנ דעמ גרעסטנ קופל. זי האָט דערקלערט, אז ער איז איצט דער עלטסטער אינ שטוב אונ דעריבער דארפ ער טרינקענ מער פונ אנדערע.

זאָגנדיק עס, האָט קאטלינע כיטרע א קוק געטאָנ אפ אולענשפיגעלנ. אולענשפיגעל האָט אויסגעטרונקענ. סאָאָטקינ אונ נעלע זיינענ געזעסנ בלאסע אונ אומעטיקע. איינ קאטלינע איז געווענ פריילעכ אונ באריידעוודיק.

אָפגעגעסנ אָוונטברויט, זיינענ אולענשפיגעל אונ סאָאָטקינ אוועק אינ דער הייכ: זיי זיינענ געשלאָפנ אפנ בוידעמ. קאטלינע אונ נעלע זיינענ געשלאָפנ אינ קיכ.

באנאכט איז אולענשפיגעל געשלאָפנ ווי א געהארגעטער. זיינ קאָפ איז געווענ שיקער פונעמ ביר. סאָאָטקינ איז געלעגנ מיט אָפענע אויגנ אונ האָט געבעטנ גאָטס־מוטער, זי זאָל איר צושיקנ א שלאָפ, נאָר גאָטס־מוטער האָט זיכ ניט צוגעהערט צו איר געבעט.

פלוצלינג האָט זי דערהערט א געשריי פונ אנ אָדלער. אונטנ, אינ קיכ האָט עמעצער אָפגעענטפערט מיט א געשריי פונ אנ אָדלער. דערנאָכ האָבנ זיכ פונווייטנ, פונ די פעלדער, דערהערט נייע געשרייענ, אונ נאָכאמאָל האָט עמעצער אָפגעענטפערט פונ קיכ.

סאָאָטקינ האָט א קלער געטאָנ, אז דאָס שרייענ נאכט־פייגל, אונ זי האָט קיינ שומ אכט ניט געלייגט אפ די געשרייענ. נאָר מיטאמאָל האָט זי דערהערט, ווי עס הירזשענ פערד אונ עס קלאפנ קאָפיטעס איבערנ ברוק. סאָאָטקינ האָט א קוק געטאָנ אינ בוידעמ־פענצטערל. צוויי געזאָטלטע פערד האָבנ זיכ געפיטערט אפ דער לאָנקע לעבנ וועג. פלוצלינג האָט זיכ אונטנ אינ קיכ דערהערט א געשריי פונ א פרוי, דערנאָכ א מענערשע שטימ, דערנאָכ האָבנ זיכ דערהערט קלעפ אונ נאָכדעמ ווידער געשרייענ. דערנאָכ האָט א קלאפ געטאָנ די טיר, אונ עמעצער האָט גענומענ לויפנ איבערנ לייטער אפנ בוידעמ.



קארל דער V

טיציאַן

פיליפ דער II

טיציאַן

אולענשפיגעל איז געשלאָפֿן און האָט גאָרנישט ניט געהערט. די בוי־דעם־טיר האָט זיך געגעבן א פּראל אוף און אין צימער איז מיט א געיאָמער אריינגעלאָפֿן נעלע. זי האָט פֿארהאקט הינטער זיך די טיר אין גענומען פֿארלייגן זי, מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געמאכט: זי האָט צוגערוקט דעם טיש, די שטולן, דעם אלטן פֿייער־טאָפּ און אלץ, וואָס דאָ איז נאָר געווען פֿון מעבל־זאכן. עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. אפֿן בלאסן הימל האָבן זיך שוין גענומען אויסלעשן די לעצטע שטערן. עס האָבן געקרייעט די הענער. דערהערט א טומל, האָט אולענשפּיגעל זיך איבערגעקערט אף דער צווייטער זייט און ווידער איינגעשלאָפֿן.

— סאָאָטקין, כ׳האָב מוירע. צינד אָן א ליכט. — האָט נעלע געזאָגט יאָמערנדיק.

סאָאָטקין האָט אָנגעצונדן א ליכט. אולענשפּיגעל האָט זיך אופגעכאפּט. ער האָט פֿארזשמורעט די אויגן און אופגעהויבן דעם קאָפּ.

— ווער איז דאָרט אונטן? — האָט סאָאָטקין געפֿרעגט נעלען.

— שווייַג, — האָט נעלע געזאָגט, — דאָס איז דער, וועלכן זי שאדכנט מיר פֿאר א מאן.

אין דער מינוט האָט זיך דערהערט פֿון אונטן קאטלינעס א געשריי, סאָאָטקין און נעלע האָבן א קוק געטאָן מיט א שרעק איינע אף דער צווייטער.

— ער שלאָגט זי, ער שלאָגט זי איבער מיר! — האָט נעלע אויסגעשריִען.

— ווער איז דאָ בא אונדז אין שטוב? — האָט אולענשפּיגעל א געשריי געטאָן, און ער איז אראָפּגעשפּרונגען פֿון בעט.

— קיינער ניט, — האָט נעלע געזאָגט, — גיי ניט אהין, טיל.

אָבער אולענשפּיגעל האָט שוין געכאפּט א קאָטשערע, צעוואָרפֿן די טישן און שטולן און איז ארויסגעשפּרונגען אפֿן לייטער. נעלע און סאָאָטקין האָבן אים אָנגעכאפּט — איינע פֿארן האלדז, די אנדערע פֿאר די פֿיס — און געשריִען:

— ניט גיי אהין, טיל! א שעד איז דאָרטן!

— איך וויים שוין, וואָס פֿאר א שעד, — האָט אולענשפּיגעל געענטפֿערט, — ס׳איז מיסטאמ נעלעס כאָסן. לאָזט מיך, איך וועל אים כאסענע מאכן מיט דער קאָטשערע! לאָזט מיך!

אָבער די פֿרויען האָבן זיך איינגעקלאמערט אין אים מיט די לעצטע קויכעס, און ער האָט זיי אראָפּגעשלעפּט אף צוויי צי דריי טרעפּ. סאָף־קאָלסאָף האָבן זיי אים ארויסגעלאָזן. ער איז מיט גרויסע שפּרונגען אראָפּ־געלאָפֿן פֿון לייטער און זיך אריינגעריסן אין קיך. אין קיך האָט ער אויסער קאטלינען קיינעם ניט געפֿונען. קאטלינע איז געזעסן א בלאסע און א דער־שלאָגענע אף א בענקל און האָט געטייַנעט:

— פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן, האַנס, מײַן האַר! איך בין דאָך ניט שולדיק, וואָס נעלע איז אַזאַ אַקשן.

אולענשפּיגעל איז אַרויסגעשפּרונגען אויפֿן גאַנעק. דאָרט איז קיינער ניט געווען. פֿון דאָרטן האָט אולענשפּיגעל זיך אַ לאָז געטאָן אין גאָרטן, נאָכדעם אויפֿן וועג. דאָרט האָט ער דערזען צוויי פֿערד, וואָס האָבן געיאָגט אין דער ווײַט און זײַנען פֿאַרשווּנדן געוואָרן אין איינעם פֿרימאָרגנדיקן נעפּל. ער האָט זיך געלאָזט לויפֿן נאָך זיי, נאָר זיי זײַנען געפֿלויגן, ווי די רוחות, און דעריאָגן זיי איז געווען אוממעגלעך.

א פֿאַרצווייפֿלטער האָט ער זיך אומגעקערט צוריק. נעלע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אים אַנטקעגן:

— זאָלסט אונדז ניט אַרויסגעבן, אולענשפּיגעל, — האָט זי געזאָגט, — איך וועל דיר אַלץ דערציילן. בײַ אונדז אין הויז האָט זיך באַוויזן אַ טײַוול, אַ שוואַרצער, אַ שלאַנקער, אין שוואַרצע קליידער און אין הויכע שטיוול מיט זילבערנע שפּאָרן. דאָס פּאָנעם זײַנס לײַכט מיט עפּעס אַ בלאַסער, שעמערירנדיקער שײַן. אַלע שאַבעס קומט ער צו גיין צו דער מאַמען אין קיך. איידער ער קומט אַרײַן, גיט ער וועגן זיך צו וויסן מיט אַ געשריי פֿון אַן אָדלער. און קאַטלינע ענטפֿערט אים אָפּ. ער זאָגט, אַז ער איז אַ טײַוול און נעמט בײַ איר אַלעמאָל געלט. הײַנט אין אָוונט האָט ער געבראַכט פֿאַר מיר אַ כאָסן. איך האָב געדרעמלט אין ווינקל און האָב ניט געהערט, ווי זיי זײַנען אַרײַן. פּלוצלינג האָב איך דערפֿילט, אַז עמעצער נעמט מיך אָן פֿאַר די הענט. איך האָב געעפֿנט די אויגן און דערזען עפּעס אַ מענטשן אין גרויע קליידער. „איך בין זשילבערט, דײַן כאָסן, — האָט דער אומבאַקאַנטער מיר געשעפּטשעט, — האָב מיט מיר כאַסענע, און איך וועל דיך מאַכן רײַך און גליקלעך". איך האָב אים אָפּגעשטויסן פֿון זיך, אָבער ער האָט מיך נאָך פֿעסטער אָנגעכאַפּט. דאַן האָב איך אים אַזוי געגומען דראַפּען מיט די נעגל דאָס פּאָנעם, אַז ער האָט אָנגעהויבן שרײַען פֿון ווייטיק. נאָכדעם האָב איך זיך אַרויסגעריסן פֿון אים און איך בין אַנטלאָפֿן צו סאָאַטקינען אויפֿן בוידעם.

— בייזע נעלע — האָט קאַטלינע געזאָגט, — איך בין געזעסן מיט האַנסן, פּלוצלינג קומט צו לויפֿן דער גרויער, און דאָס גאַנצע פּאָנעם איז בײַ אים צעבלוטיקט. „קום אַוועק פֿונדאַנען, — זאָגט ער צו האַנסן, — דאָ איז געפֿערלעך צו בלײַבן. די מאַנצבלעך זײַנען דאָ ראָצכים, און די פֿרויען דראַפּען זיך, ווי די קעץ". זיי זײַנען אַוועקגעלאָפֿן צו זייערע פֿערד און זײַנען פֿאַרשווּנדן אין איינעם נעפּל. בייזע נעלע!

מיטוואָך זײַנען די שיידים ווידער געקומען צו קאַטלינען. נעלע איז אין שטוב ניט געווען: זי האָט גענעכטיקט בײַ דער שכיינע דער אַלמאָנע

וואַן־דער־האָוטע. קאַטלינע האָט אָוועקגעפירט די געסט אין וועשערײַ און האָט דאָרט געהוליעט מיט זײ אַ גאַנצע נאַכט.

— הער אויס, קאַטלינע. מיר דאַרפֿן צוליב אַ וויכטיקן איניען אַ סאַך געלט, — האָט דער שוואַרצער טײַוול געזאָגט קאַטלינען, — גיב אונדז, וויפֿל דו האָסט.

קאַטלינע האָט זײ געוואָלט געבן אַ פֿלאָרין, אָבער די שיידים האָבן איר גענומען דראָען, אַז זײ וועלן זי דערהאַרגענען, אויב זי וועט זײ ניט געבן מער געלט. זי האָט זײ געמוזט געבן צוויי קאַראָלוסן און זיבן דעניע.

— שאַבעס זאָלסטו איר מער ניט קומען, — האָט זי זײ געזאָגט, — אולענשפּיגל וועט אַפֿ אײַך וואַרטן אין דעם טאָג און וועט אײַך דערהאַרגענען.

— מיר וועלן קומען איבעראַכטאָג דינסטיק, — האָבן די געסט געענטפֿערט.

אָבער דינסטיק זײַנען זײ ביז שפּעט אין דער נאַכט ניט געקומען. ווען מע האָט אויסגעלאָשן אַלע פֿײַערן, איז קאַטלינע אַרויס פֿון שטוב און פֿלוצלינג האָט זי דערהערט אין פֿעלד אַ געשריי פֿון אַן אָדלער. זי איז אַוועקגעלאָפֿן אַהין און האָט זיך אָפּגעשטעלט אַפֿ דער הויכער דאַמבע. פֿון דער אַנדערער זײַט דאַמבע האָבן זיך געהערט באַקאַנטע שטימען. עס האָבן גערעדט דער שוואַרצער מיטן גרויען.

— אַ העלפֿט געלט — מיר, — האָט דער גרויער געזאָגט.

— וועסט קיין איין פּאַטאַר אַפֿילו ניט באַקומען, — האָט דער שוואַרצער געענטפֿערט. — אַלץ, וואָס מיר וועלן קריגן בײַ קאַטלינען, געהערט צו מיר.

זײ האָבן זיך ווידער גענומען זידלען. דערנאָך האָבן זײ זיך געכאַפּט פֿאַר די שווערדן. די דערשראָקענע קאַטלינע האָט בלויז געהערט, ווי דער גרויער האָט אַ קרעכץ געטאָן:

— איך שטאַרב.

עס האָט זיך דערהערט אַ גסיסע־קרעכץ, און אַ שווערער קערפּער איז געפֿאַלן אַפֿ דער ערד.

די דערשראָקענע קאַטלינע איז אַוועקגעלאָפֿן אַהיים.

אַפֿ מאָרגן איז זי ווידער אַוועק צו דער דאַמבע און האָט דערזען, אַז די ערד אַפֿ דעם אָרט פֿונעם מאָרד איז פֿאַרשפּריצט מיט בלוט און זי וויגט זיך אונטער די פֿיס, אַזוי ווי מע וואָלט דאָ עמעצן באַגראָבן. אָבער אין אָוונט האָט גענומען גיסן אַ רעגן. ער האָט אַראָפּגעשווענקט דאָס בלוט, און עס איז שוין גאָרנישט ניט געווען קענטיק.

דעם קומענדיקן מיטוואָך האָט זיך ווידער דערהערט בײַ קאַטלינען אונטער די פֿענצטער אַ געשריי פֿון אַן אָדלער.

קאפיטל 25

וועגן דעם, ווי אזוי סאָאָטקין איז געשטאָרבן

אלעמאָל, ווען מע האָט געדאַרפט האָבן געלט, פלעגט אולענשפּיגעל באַנאַכט צוקומען שטילערהייט צום ברונעם, אופהייבן דעם שטיין, אונטער וועלכן דאָס געלט איז געווען פאַרגראָבן, און אַרויסנעמען פון טעפּל א קאַראָלוס.

איינמאָל אין אָוונט האָבן אלע דריי פרויען געשפּינט. אולענשפּיגעל איז געזעסן באַם טיש און האָט געמאַכט א שאַכטעלע, וואָס דער שטאָט־ריכטער האָט בא אים באַשטעלט. אף די ווענטלעך פון דעם שאַכטעלע האָט ער אויסגעשניצט מיט א מעסער א בילד פון געיעג: א גאַנצע כאַפּטע ענעהאַזער הינט, מעדעליאַנער הינט פון קאַנדיע, וואָס זיינען באַוווּסט מיט זייער בייזקייט, בראַבאַנטער יאָג־הינט, וואָס לויפן שטענדיק אום פאָר־וויַז, און אלערליי אַנדערע הינט.

שפּינענדיק, האָט נעלע א פרעג געטאָן סאָאָטקינען, צי זי האָט גוט באַהאַלטן דאָס געלט. קאַטלינע האָט די דאָזיקע ווערטער געהערט.

— עס ליגט אין א זיכער אָרט, — האָט סאָאָטקין געענטפערט. — וועמען וועט עס אַרופּ אפן זינען צו זוכן זיי לעבן ברונעם?

דאָנערשטיק באַנאַכט האָט אין גאָרטן אָנגעהויבן וואָיען דער הונט. סאָאָטקין האָט זיך אופגעכאַפּט, אָבער אינגיכן האָט דער הונט אופגעהערט צו וואָיען, און סאָאָטקין איז ווידער איינגעשלאָפן.

אינדערפרי איז אולענשפּיגעל אַרויס אין גאָרטן און האָט דאָרט דער־זען קאַטלינען. זי איז געשטאַנען אונטערן רעגן, א דורכגענעצטע אף דורך און דורך, א דערשלאָגענע, און האָט מוירע געהאַט אַרייַנצוגיין אין שטוב.

— וואָס טוסטו דאָ אין אזא רעגן? — האָט זי אולענשפּיגעל גע־פרעגט.

— טו א קוק, וואָס ס'האָט פּאַסירט, — האָט קאַטלינע געענטפערט.

און זי האָט אָנגעוויזן אפן הונט, וואָס איז געלעגן אין גאָרטן א טויטער און א קאַלטער. אולענשפּיגעל האָט זיך א לאָז געטאָן צום ברונעם.

די ערד ארומ דעמ ברונעמ איז געווענ צעגראָבנ. די גרוב, ווו עס איז געלעגנ דאָס געלט, איז געווענ פוסט.

— ווו איז דאָס געלט? — האָט אולענשפּיגעל אויסגעשריִענ און האָט זיך א וואָרפ געטאָנ אפ קאטלינענ.

— האָב ראכמאָנעס אפ איר, אולענשפּיגעל, האָב ראכמאָנעס! — האָט נעלע אויסגעשריִענ, פארשטעלנדיק מיט זיך די מוטער.

אולענשפּיגעל איז געבליבנ שטיינ.

— וואָס האָט פּאסירט? — האָט סאָאָטקינ געפרעגט, צולויפנדיק.

אולענשפּיגעל האָט איר געוויזנ אפ דעמ געהארגעטנ הונט און אפ דער פּוסטער גרוב, ווו עס איז געלעגנ באהאלטנ זייער געלט. סאָאָטקינ איז געוואָרנ בלאס און האָט געזאָגט:

— און פארוואָס האלט עס אונדז גאָט אינ איינ שטראָפנ! אוי, מײַנע אָרעמע פיס!

זי האָט עס געזאָגט און האָט זיך דערמאָנט אָנ די יעסורימ, וואָס זי איז אומזיסט און אומנישט אויסגעשטאנענ צוליב אירע קאראָלוסנ. און אירע פיס האָבנ נאָך שטארקער אָנגעהויבנ ווײ טאָנ.

נעלע האָט געיאָמערט א פארצווייפלטע, און קאטלינע האָט געפּאָכעט מיט עפּעס א שטיק פארמעט און געזאָגט:

— יאָ, א גרויסער נעס האָט פּאסירט! הײַנט באנאכט איז צו מיר געקומענ האנס און האָט געזאָגט: „אצינד, קאטלינע, בינ איך געוואָרנ א גוויר. אינגיכנ וועל איך דיר ברענגענ טויזנט גאָלדענע פלאָרינ. עפּשער זײַנענ בא אײַך אינ שטוב פאראנ נאָך אָרעמעלײַט, וואָס נייטיקנ זיך אינ געלט?" „ניינ, — האָב איך געענטפערט, — דאָ נייטיקט זיך קיינער ניט". „וואָסי, סאָאָטקינ און אולענשפּיגעל זײַנענ דענ אזוי רײַך?" — האָט ער מיך א פרעג געטאָנ. „זיי לעבנ זיך און וויסנ ניט פונ קיינ נויט", — האָב איך געענט-פערט. „אָבער מע האָט דאָך בא זיי אלצ צוגענומענ?" „זיי האָבנ אריבער־געטראָגנ אלערליי יעסורימ, אָבער דאָס געלט האָבנ זיי פונדעסטוועגנ ניט אָפּגעגעבנ", — האָב איך געענטפערט. „איך האָב טאקע אזוי געקלערט", — האָט האנס געזאָגט און ער האָט גענומענ אָפּשפּעטנ פונ די ריכטער, וואָס האָבנ ניט געקענט דערגיינ בא אײַך דעמ עמעס. איך האָב געלאכט אינאיינעמ מיט אימ. „דעמ אויצער זייערנ האלטנ זיי, פארשטייט זיך, ניט אינ שטוב?". האָט ער געפרעגט. איך האָב זיך צעלאכט. „און ניט אינ קעלער?". „ניינ". „און ניט אינ גאָרטנ?" איך האָב געשוויגנ. „פארשטייט זיך — האָט ער געזאָגט, — ס'וואָלט געווענ נאריש, ווענ זיי האלטנ אינ גאָרטנ". „גאָרניט אזוי נאריש, — האָב איך געזאָגט, — א ברונעמ איז ניט קיינ מענטש — ער וועט גאָרנישט ניט דערציילנ". ער האָט געהאלטנ אינ איינ לאכנ, מײַנ האר. דערנאָך האָט ער מיר געהייסנ עטלעכע מאָל א זופּ טאָנ פונ זײַנ פלעשל

און איז אוועק. איך האָב אויסגעטרונקען און בין איינגעשלאָפֿן. היינט אינדערפֿרי האָב איך זיך אופֿגעכאַפּט און זע: די גרוב איז פּוסט און דער הונט ליגט א געהאַרגעטער. אָט וואָס פֿאַר אַן אומגליק עס האָט מיך גע־טראָפֿן! נאָר ס'מאַכט ניט אויס: כ'וועל אייך אָפּגעבן אַלץ, וואָס איך האָב, און וועל אַרבעטן אַף אייך, וויפֿל ס'וועט באַ מיר נאָר קלעקן קויכעס.

— שווער זיינען דיינע קלעפּ, גאָט מיינ גאָט! — האָט סאַאַטקינ גע־זאָגט. — דער דאָזיקער רויבער האָט אונדז אומגליקלעך געמאַכט.

— ניט ריכטיק, — האָט קאַטלינע געזאָגט, — ער איז ניט קיינ רויבער. ער איז א טייוול, מיינ האַר. אָט איז א שטיקל פּאַרמעט, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט לעבן דער גרוב. הערט, וואָס ער שרייבט דאָ: „געדענק, אַז דו דינסט דעם טייוול. עס וועלן דורכגיינ זעקס וואָכן און פֿינף טעג, און דו וועסט באַקומען אַן אויצער צוויי מאָל גרעסער, ווי דער, וואָס דו האָסט פֿאַרלאָרן. צווייפֿל ניט אינ דעם, אַניט וועסטו שטאַרבן". איר וועט זען, ער וועט האַלטן וואָרט. איך בינ אינ דעם זיכער.

— איי, דו נאַרעלע, — האָט סאַאַטקינ געזאָגט.

און דאָס איז געווען דער איינציקער פֿאָרוואורף, וואָס זי האָט געמאַכט קאַטלינען.

פֿון דעם טאָג אָן האָט סאַאַטקינ אָנגעהויבן ווערן שוואַכער און שוואַ־כער. גאַנצע טעג פֿלעגט זי אָפּזיצן לעבן אויוון און שטיקן זיך פֿון הוסט. נעלע האָט איר געגעבן טרינקען אַן עסענץ פֿון די בעסטע הייל־גראָזן. אָבער קיינ שום רפֿוּאה האָט איר שוינ ניט געהאָלפֿן. אולענשפּיגעל פֿלעגט שוינ אַף קיינ איינ מינוט ניט אָפּקערן זיך פֿון שטוב. ער האָט מוירע געהאַט, אַז סאַאַטקינ וועט שטאַרבן אינ זיינ אָפּוועזנהייט.

אינ א פּאָר טעג אַרום האָט שוינ סאַאַטקינ ניט געקאָנט ניט עסן און ניט טרינקען. עס איז געקומען דער שערער און האָט איר אָפּגעצאַפּט א ביסל בלוט. סאַאַטקינ איז דערפֿון נאָך מער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זי האָט זיך שוינ אַפּילע פֿון בעט ניט געקאָנט אופֿהייבן. איינמאָל אינ אָוונט האָט זי געעפֿנט אירע טריבע אויגן און א מורמל געטאָן:

— קלאַאַס, מיינ מאַן! טיל, מיינ קינד! איך דאַנק דיר, ליבער גאָט, וואָס דו באַפֿרייסט מיך פֿון די דאָזיקע ליידן.

דערנאָך האָט זי געגעבן א זיפֿץ און איז געשטאָרבן.

קאַפּיטל 26

וועגן דעם, ווי אולענשפּיגעל האָט פאַרקלערט ראַטעווען דאָס פלאַנדרישע לאַנד

נאָך סאָאָטקינס טויט האָט אולענשפּיגעל אָנגעהויבן בענקען. גאַנצע טעג איז ער געזעסן טיף פאַרטראַכט. ער האָט ניט געהערט, וואָס מע רעדט צו אים, ער האָט געגעסן, ניט זעענדיק, וואָס מע גיט אים. אָדער ער פלעגט מיטאַמאָל אָנהייבן אַרומשפּאַנען הין און צוריק איבערן קיך און ער האָט אין ערגעץ זיך ניט געפונען קיין רו. אומזיסט האָט אים נעלע געטרייסט, אומזיסט האָט אים קאַטלינע פאַרזיכערט, אַז סאָאָטקין איז אַצינד אין גאַניידן, וווּ מע ווייסט ניט פון קיין דייגעס און פון קיין ליידן.

— דאָס אַש ברענט מײַן האַרץ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

ער איז ווי פון זינען אַראָפּ. און נעלע האָט געוויינט, קוקנדיק אויף אים. און אין דער צײַט איז דער פיש־הענדלער גאַנצע טעג געזעסן בײַ זיך אין שטוב. נאָר אין אָוונט פלעגט ער זיך אָנעמען מיט מוט אַרויס־צוגיין אין גאַס. די שכנים פלעגן אים טײַטלען מיט די פינגער און אים אָנרופן מערדער. קינדער פלעגן פון אים אַנטלויפן. אַן איינזאַמער פלעגט ער זיך אומשלעפּן איבער דער שטאָט און ער האָט זיך ניט דער־וועגט אַרײַנצוגיין אין קיין איין שענק. און טאָמער פלעגט ער זיך אַרײַנ־כאַפּן אין אַ וועלכן־ניט־איז שענק, — פלעגן אַלע באַזוכער זיך גלײַך אויפ־הייבן פון די ערטער און פלעגן אַוועקגיין. די שענקער פלעגן דעריבער פאַרשפּאַרן פאַר אים די טירן פון זייערע שענקען.

אַז די עלנטקײַט פלעגט אים שטאַרק דערלאַנגען, פלעגט דער פיש־הענדלער זיך אַוועקשלעפּן הינטער דער שטאָט, אין שענק „רויטער פאַלק", וואָס געפינט זיך באַם סלייסער קאַנאַל. די באַלעבאַטים פונעם דאָזיקן שענקל, גרויסע קאַפּצאָנים, זײַנען געווען צופרידן פון דעם קלענסטן פאַרדינסט, און דעריבער פלעגן זיי מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ אַרײַנלאָזן דעם פיש־הענדלער צו זיך אין שענק. אָבער זיי פלעגן מיט אים קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויסריידן.

איינמאָל אין אָוונט איז אולענשפּיגעל געשטאנען אפן שוועל פון זײַן הויז, טיף פאַרטאָן אין זײַנע געדאנקען.

— נעם זיך עפּעס צו אן ארבעט, — האָט אים מאַטיסאָן, דער באָנדער, געזאָגט, — נאָר ארבעטנדיק, קאָן מען פאַרגעסן אין די צאָרעס.

— קלאאסעס אש ברענט מײַן הארץ, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

— דעם פיש־הענדלער לעבט זיך נאָך ערגער, — האָט מאַטיסאָן באַ־מערקט, — קיינער וויל מיט אים קיין וואָרט ניט אויסריידן, אלע קערן זיך פון אים אָפּ. אלע אָוונט שלעפּט ער זיך אין שענק „רויטער פאלק", היני־טער דער שטאָט, קעדיי אויסצוטרינקען איינער אליין א קופל ביר. ס'איז ניט קיין לײַכטע שטראָף, אולענשפּיגעל.

— קלאאסעס אש ברענט מײַן הארץ, — האָט אולענשפּיגעל איבערגע־כאַזערט.

דעם זעלבן אָוונט, ווען אפן טורעם פון דעם קלויסטער פון גאָטס־מוטער האָט געשלאָגן נײַן, איז אולענשפּיגעל אוועק צום שענק „רויטער פאלק". דער פיש-הענדלער איז נאָך אין שענק ניט געווען. אולענשפּיגעל האָט גענומען ארומשפּאצירן איבערן ברעג פון קאנאל. די נאכט איז גע-ווען א לעוואָנעדיקע, א ליכטיקע.

אין א האלבער שאָ ארום האָט ער דערזען דעם מערדער.

דער פיש הענדלער איז דורכגעגאנגען פאַרבײַ אים. ווי איטלעכער מענטש, וואָס לעבט אין עלנטקײַט, האָט ער הויך גערעדט צו זיך אליין.

— ווּהין האָבן זיי עס געקאָנט באהאלטן די קאַראָלוסן? — האָט ער געמורמלט.

— אין דעם אָרט, ווּ דער טײַוול האָט זיי געפונען! — האָט אולענשפּיגעל אויסגעשריִען און האָט דערלאנגט דעם פיש־הענדלער א זעץ אין פּאָנעם.

— אוי, — האָט דער פיש־הענדלער גענומען קרעכצן, — איך קען דיך. דו ביסט — קלאאסעס זון. טשעפּע מיך ניט! ניט פון בייזקײַט האָב איך אײַך געמאסערט, נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב געוואָלט מיט לײַב און לעבן דינען זײַן מאַיעסטעט. איך וועל דיר אָפּגעבן אָפּ צוריק דײַן גאנץ האָב-און־גוטס. עס קאָסט מיך זיבן פלאָרינ, נאָר איך וועל דיר עס אָפּגעבן אומזיסט, כוץ דעם ווּעסטו באקומען נאָך א האלבן פלאָרינ. איך בין דאָך ניט קיין גוויר. גלייב ניט די באַבעמײַסעס, וואָס מע דערציילט וועגן מײַן גווירישקײַט.

און ער האָט געוואָלט פאלן אפּ די קני פאַר אולענשפּיגעלן.

אָבער אולענשפּיגעל האָט אים א כאַפּ געטאָן און אים ארײַנגעוואָרפן אין קאנאל. נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגעטראָגן.

אָבער דער אומעט האָט אים ניט פאַרלאָזן. די שאָטנס פון זײַנע פאַר־פײַניקטע עלטערן זײַנען אים שטענדיק געשטאנען פאַר די אויגן, און היני־

טער זיי אויך גאנץ פלאנדריע אָן אָרעמע, א צעריסענע אָפּ שטיקער און אָן אונטערדרדיקטע.

— קלאאסעס אַש ברענט מײַן הארץ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, שרעקלעך פאַרומערט. — דער טויט הענגט איבער פלאנדריע. און אין נאָמען פונעם פּויפּסט שנײַדט ער אומשולדיקע מענטשן. די געזעצן פון פלאנדריע זײַנען צעטראָטן, די פּריווילעגיעס — פאַרניכטעט, אומעטום איז הונגער און וויסטקײַט. די וועבער און די געוואנט־באַלמעלאָכעס אנטלויפן אין פרעמדע לענדער, קעדיי צו געפינען זיך פאַרנאָסע, דאָס פאָטערלאַנד וועט אומקומען, אויב מע זאָל אים ניט קומען צו הילף.

און טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער אולענשפּיגעלס פּאָנעם.

„וואָס זשע זאָל איך טאָן? וויאַזוי זאָל איך העלפן מײַן פאָטערלאַנד? — האָט אולענשפּיגעל געטראכט. — איך בין געבוירן געוואָרן אָן אָרעמאן, גע־לעבט שלעכט און נאריש; כ'האָב קיינמאָל ניט געוווסט פון קיין עמעס און פון קיין גוטע מײַסים. אָבער סאָאָטקין, מײַן מוטער, איז געשטאָרבן פון צאר און פון פּײַניקונג, קלאאס, מײַן פאָטער, איז פאַרברענט געוואָרן אויפן שײַטער. וויל איך פאַר זיי נעקאָמע נעמען! איך וויל זען א גליק־לעכס דאָס דאָזיקע אָרעמע לאַנד. איך וויל אראָפּוואַרפן די מערדער און באַפרײַען אַלע אונטערדרדיקטע! איך וויל ראטעווען די ערד די פלאנדרישע!"

אַזוי טראכטנדיק, האָט אולענשפּיגעל באַשלאָסן פאַרלאָזן דאַמע און צושטיין צו די אופשטענדלער, קעדיי אײַנעם מיט זיי צו קעמפן פאַר דער באַפרײַונג פונעם פאָטערלאַנד.

צווייטער טייל

דער אופשטאנד פון די געזן

קאפיטל 1

וועגן דעם, ווי טיל אולענשפּיגעל און לאַמע גודזאַק האָבן זיך אָוועקגעלאָזן אין אַ ווײַטער רײַזע

אין איינעם אַ סענטיאַבער־פרימאָרגן איז אולענשפּיגעל, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און מיט אַ רײַזע־זעקל אויפן רוקן, אַרויס פון שטאָט. קיינער האָט אים ניט באַגלייט. קאַטלינע איז אַוועק אויפן מאַרק, און נעלע איז נאָך געשלאָפן.

אויפן וועג איז צו אים צוגעשטאַנען עפּעס אַ הונט. אולענשפּיגעל האָט אים געפּרוּווט אָוועקטרײַבן, נאָר אומזיסט: דער הונט האָט פון אים ניט געוואָלט אָפּשטיין.

— נאַרישער הונט דו איינער, — האָט אים אולענשפּיגעל געזאָגט. — וואָלסט בעסער געזעסן אין דער היים, און ניט אומגעלאָפן אומזיסט און אומנישט איבער די וועגן. אין דער היים וואַרטן אויף דיר געשמאַקע מאַרכ־ביינדלעך. און וואָס וועסטו קריגן בײַ מיר? באַלד וועל איך אַליין ניט האָבן וואָס צו עסן. פאָלג מיך, נאַרישער הונט, קער זיך אום צו דײַן באַלעבאָס!

נאָר דער הונט האָט אולענשפּיגעלן ניט געפאָלגט. ער האָט געדרייט מיטן עק, געשפּרונגען און זיך געלאַשטשעט צו אולענשפּיגעלן. אולענשפּיגעל האָט שוין געמיינט, אַז ער האָט געפונען אַ נײַעם פרײַנט. ער האָט נאָר פאַרגעסן אָן דער כאַזערשער לעבער, וואָס איז געלעגן בײַ אים אין זעקל. די דאָזיקע לעבער האָט עס דערפילט דער הונט.

אַזוי זײַנען זיי דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע מײַל. פּלוצלינג האָבן זיי באַמערקט אויפן וועג אַ פורל. דער אייזל, וואָס איז געווען אײַנגעשפּאַנט אין דעם פורל, האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האָט געדרעמלט. אין די קוסטעס, וואָס לעבן וועג, איז געזעסן עפּעס אַ דיקער מענטש. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּיסל פון אַ שאָפנבאָק. אין דער אַנדערער — אַ פלעשל ווײַן. עסנדיק, האָט דער דיקער הויך געקרעכצט און געזיפצט.

אולענשפּיגעל האָט זיך אָפּגעשטעלט. דערפילט דעם רייעך פון שאָפנ־

פלייש, האָט דער הונט זיך א לאָז געטאָן צום דיקן און א צופּ געטאָן אים פארן רעקל. דער דיקער האָט א שטויס געטאָן דעם הונט מיטן עלנ־בויגן און האָט אָפּגערוקט פון אים דאָס שאָפנפלייש. דער הונט האָט זיך צעוואָיעט, קוקנדיק אפן געשמאקן ביסן. דער אייזל האָט זיך אופגעכאפּט און האָט זיך אויך צערעוועט: ער האָט בעשומיפן זיך ניט געקאָנט דער־שלעפן צו די דערנער, וואָס זײַנען געוואקסן באַם וועג.

אָבער דער דיקער האָט געגעסן און האָט גאָרנישט ניט געזען. ערשט דאַן, ווען ער האָט גוט ארומגעהריזעט דעם ביין, האָט ער אים א וואָרף געטאָן דעם הונט און האָט א קוק געטאָן אף אולענשפּיגעלן. דאָס איז גע־ווען לאמע גודזאק.

— וואָס טוסטו דאָ, לאמע? — האָט אים אולענשפּיגעל געפרעגט. — וואָס קרעכצסטו, פרעסער דו אומגליקלעכער? צי האָט דיך ניט באאוולט עמעצער?

— האָסט געטראָפן, דאָס ווײַב האָט מיך באאוולט! — האָט לאמע אומע־טיק א קרעכץ געטאָן און האָט זיך פונדאָסנײַ צוגעכאַפּט צום פלעשל.

— טרינקסט גלאט אינ דער וועלט ארײַן. — האָט אולענשפּיגעל גע־זאָגט, — בעסער גיב דעם, בא וועמען עס איז טרוקן אינ האלדז.

לאמע האָט אים דערלאנגט דאָס פלעשל. אולענשפּיגעל האָט פארוואָרפן דעם קאָפּ און געגומען גיסן דעם ווײַן אינ מויל ארײַן.

— רופ מיך שפּאניער, אויב דאָ איז געבליבן כאָטש איין טראָפּן, — האָט ער געזאָגט, אומקערנדיק לאמען דאָס פלעשל.

לאמע האָט א קוק געטאָן אינ פלעשל אף דער שײַן און האָט מיט אן אומעטיקן קרעכץ ארײַנגעלייגט די האנט אינ זעקל. ער האָט ארויסגענו־מען פון דאָרטן נאָך א פלעשל — א פולינקס, ניט קיין אָנגעהויבנס. דער־נאָך האָט ער ארויסגענומען א שטיק וווּרשט, צעשניטן זי אף ריפּטלעך און מיט א פארצאָרנט פּאָנעם זיך גענומען קײַען.

— וואָס עסטו עפּעס אָן אופהער? — האָט אים אולענשפּיגעל געפרעגט.

— קעדיי צו מאכן זיך פרײַלעך אפן הארצן, — האָט לאמע געענטפערט. — אָ, ווו ביסטו אצינד, מײַן ווײַב, מײַן געליבט ווײַב?

לאמע האָט אויסגעווישט די אויגן און האָט אָנגעשניטן נאָך צען ריפּ־טלעך ווורשט.

— אײַל זיך ניט אזוי, לאמע, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — האָב ראכמאָנעס אף אן אָרעמען וואנדערער.

וויינענדיק מיט ביטערע טרערן, האָט לאמע אים דערלאנגט פיר ריפּט־לעך. אולענשפּיגעל האָט זיך גענומען צו דער אכילע. און לאמע האָט גע־האלטן אינ איין זיפצן און קרעכצן טרויעריק:

— מײַן ווײַב. — האָט ער געיאָמערט. — מײַן אָרעם ווײַבעלע! זי איז געווען מילד און לײַכט, ווי א באבעלע. און געזונטע האָט זי, ווי א לארך.

הײַנט, װי זי האָט עס ליב געהאַט צו פּוצן זיך! עך, טיל, איך פֿלעג איר דאָך קײנמאָל ניט דערלויבן צו אַרבעטן; איך אַלײן פֿלעג די שטוב אױס־קערן, דאָס געפֿעס צעװאַשן, װעש װאַשן, איך פֿלעג אַפּילע פּרעסן אַלײן דאָס װעש. טרינק, טיל, איך װעל נאָך טרינקען. זי פֿלעגט אָפּט פֿאַרשפּע־טיקן צו מיטיק, נאָר איך פֿלעג אַלעמאָל אָפּ איר געדולדיק װאַרטן. און בא מיר פֿלעגט אַלץ זײַן גרײט. עס, אולענשפּיגעל. דאָס איז געװעטער װורשט, טרינק, טיל, דאָס איז ברױסעלער װײַן!

— זי איז פֿון דיר אַװעק? — האָט אים אולענשפּיגעל געפֿרעגט, — װיאַזױ האָט עס פּאַסירט?

— פֿונװאַנען װײס איך װיאַזױ? — האָט לאַמע געענטפֿערט, — בא אונדז איז געװען אַ גוט לעבן, מיר האָבן זיך קײנמאָל ניט געקריגט. און שטענ־דיק איז זי געװען אַ פֿרײלעכע, אַ צאַרטע. טיל, פֿאַראַן נאָך אַ קאָפּ װײַן אין פֿלעשל?

— פֿאַראַן. — האָט אולענשפּיגעל געענטפֿערט.

— זי איז געװען אַזױ װי אַ קינד, — האָט לאַמע פֿאָרגעזעצט, אױס־טרינקענדיק. — זי פֿלעגט זיך אַפּילע מיט צאַצקעס שפּילן. זי האָט געהאַט אַ שאַפּקעלע, און אין דעם שאַפּקעלע איז געלעגן אַ זעלטן־שײנע ליאַלקע, אָנגעטאָן אין אַ זײַדן קלײדעלע. און מיט אָט דער ליאַלקע פֿלעגט זי זיך שפּילן, זאָל איך אַזױ זײַן געזונט. איך האָב עס אַלײן געזען. װוּ זײַנען זײ עס אַצינד, מײַנע פֿרײדיקע טעג? טיל, טו אַ קוק, צי ס'איז נאָך גע־בליבן אַ שטיקל שינקע?

— פֿאַראַן נאָך אַ האַלבע כאַזער־ליטקע. — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

לאַמע האָט אין אײן אױגנבליק אַרײַנגעריבן אינגאַנצן — ביז אַ ברעקל.

— כ'האָב זײער ליב שינקע, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, קוקנדיק אַר־מעטיק אױפֿן פּרעסער.

— איך האָב עס אױך ניט פֿײַנט. — האָט לאַמע געענטפֿערט, קאַלופּענ־דיק די צײן. — נאָר אָך און װײ איז צו מיר, כ'װעל שױן ניט אָנקוקן מער מײַן כּיעסל. זי איז אַנטלאָפֿן פֿון דאַמע. טיל, עפּשער האָסטו כײשעק פֿאָרן מיט מיר זי אױפֿזוכן?

— לאָמיר פֿאָרן.

— און אין פֿלעשל איז גאָרנישט ניט געבליבן?

— אַפּילע קײן לעק ניט געבליבן.

זײ האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין פֿורל. דער אײזל האָט אַ ציטער גע־טאָן און האָט גענומען שפּאַנען מיטן װעג. דער הונט איז נאָך דעם, װי ער האָט זיך אָנגעגעסן מיט לעבער, אַװעקגעלאָפֿן צוריק קײן דאַמע, און ער האָט אַפּילע מיטן עק ניט אַ דרײ געטאָן באַם צעשײדן זיך.

קאפּיטל 2

וועגן דעם, ווי אין נידערלאַנד האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן געזן

אין דער צײַט, ווען עס האָט געקיניגט דער אימפּעראַטאָר קאַרל, זײַנען אין די טורמעס און אַף די שײַטערס אומגעקומען הונדערטער טויזנטער רעפאָרמאַטן. פיליפּן האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז נאָך קנאַפּ. האָט ער באַשטימט נײַע בישאָפן און אײַנגעפירט אין לאַנד די שפּאַנישע אינקוויזיציע. אין נידערלאַנד איז געוואָרן אַן אויפרעגונג.

דעם פינפטן אַפּרעל, פאַר פייסעך, זײַנען דרײַ הונדערט אדל־לײַט, דערונטער דער בילד־שיינער ברעדעראָדע, געקומען אין פּאַלאַץ צו דער רעגירערין פון נידערלאַנד, דער הערצאָגין פון פּאַרמע. אויסגעשטעלט זיך צו פיר אין א ריי, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן אַף די טרעפּ פונעם פּאַלאַץ און זײַנען אַרײַן אין זאַל. דאָ האָבן זיי דערלאַנגט דער רעגירערין זייער ביטע צום קיניג פיליפּ. די אדל־לײַט האָבן געבעטן דעם קיניג, ער זאָל אָפּשאַפן דעם באַפעל וועגן אײַנפירן די שפּאַנישע אינקוויזיציע. די אדל־לײַט האָבן מוירע געהאַט, אַז אין לאַנד וועט אויפקומען אַן אַלגעמיינע אומצופרידנהײַט, אַז דאָס פאָלק וועט פאַראָרעמט ווערן און עס וועלן אויסברעכן אויפשטאַנדן און אומרוען.

— האָט קיין מוירע ניט, אײַער הויכקײַט! וואָס פאַרשטייען זיי, אָט די בעטלער! — האָט א שעפּטשע געטאָן דער רעגירערין איינער פון אירע הויפלײַט.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער געוואָלט זאָגן, אַז די נידערלאַנדישע אדל־לײַט זײַנען בעטלער אין פאַרגלײַך מיט די שפּאַנישע, און ס'איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן פאַר זיי.

די אדל־לײַט האָבן דערקלערט, אַז א סאַך פון זיי זײַנען, ווירקלעך, רויִנירט געוואָרן אַף דער קיניגלעכער דינסט, אָבער ניט נאָר וואָס זיי שעמען זיך ניט דערמיט, נאָר, פאַרקערט, זיי שטאָלצירן דערמיט. דעריבער זײַנען זיי גרייט זיך אָנצורופן בעטלער, אַף פראַנצויזיש — געזן. זאָל דאָס זײַן זייער ערן־צונעמעניש.

די קעפונג פון רעפאָרמאטן אין נידערלאַנד

פון פראנץ האָהענבערגס גראַוויור אף קופּער

באַם אָרן פון עגמאָנטן און האָרנען

לואיס גאַלע

פון דעמלט אָן האָבן זיי אָנגעהויבן טראָגן אפּן האלדז גאָלדענע מע־דאלן. אפּ די דאָזיקע מעדאלן איז פון איין זייט געווען אָנגעמאָלט דער קיניג, און פון דער אנדערער — צוויי, וואָס דריקן איינע די צווייטע, הענט, איבער א טאָרבע פון א בעטלער. ארום דער דאָזיקער עמבלעמע איז גע־ווען אויסגעקריצט פאָלגנדיקע אויפשריפט: „געטריי דעם קיניג ביז א בעט־לערישער טאָרבע". אויך אפּ זייערע היט האָבן זיי אָנגעשטעפּט גאָלדענע קאָקארדעס, אפּ וועלכע עס זיינען געווען אָנגעמאָלט בעטלערישע טעלער און היט.

זיי האָבן נאָך געהאָפט, אז דער קיניג פיליפּ וועט שאנעווען דאָס פלא־מאנדישע אדלטום.

איינגיכן נאָך אָט דער פּאסירונג זיינען אולענשפּיגעל און לאמע צוגע־פאָרן אפּ זייער פורל צו ברעדעראָדעס שלאָס.

— דאָ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — וווינט איינע א כאָשעווע און מעכטיקע פּערזאָן. מיר דארפן צו איר אריינגיין און מעלדן אונדזער אכטונג צו איר.

— די דאָזיקע פּערזאָן וועט מיר זאָגן, ווו איז אהינגעקומען מיין חייב? — האָט אים לאמע געפרעגט.

— אויב זי ווייסט, וועט זי דיר זיכער זאָגן.

און זיי זיינען אריין אין שלאָס. באם אריינגאנג האָט זיי באגעגנט ברעדעראָדע.

— וואָס דארפסטו דאָ? — האָט ער געפרעגט אולענשפּיגעלן.

— איך וויל זאָגן צוויי ווערטער, מיין הער.

— רעד.

— איר זייט א העלדישער און א מעכטיקער ריטער, — האָט אולענשפּי־געל געזאָגט, — אמאָל האָט איר געכאפּט א פראנצויז, וואָס איז געווען אָנ־געטאָן אין אן אייזערנעם פּאנצער, און איר האָט אים צעקוועטשט, ווי א שנעקל אין א מויערקעפּל. איר זייט שטארק און דרייסט, נאָר כוץ דעם האָט איר נאָך א קאָפּ אפּ די פּלייצעס אויך. איז פארוואָס זאָלט איר, אזא קלו־גער מאן, טראָגן די דאָזיקע מעדאל? אפּ איר שטייט דאָך אָנגעשריבן: „מיר זיינען געטריי דעם קיניג ביז א בעטלערישער טאָרבע".

— טאקע פארוואָס, מיין הער? — האָט לאמע געפרעגט.

ברעדעראָדע האָט געשוויגן.

— פארוואָס, — האָט אולענשפּיגעל פאָרגעזעצט, — ווילט איר אלע, אָנגעזעע־נע הערן, זיין געטריי דעם קיניג ביז דער בעטלערישער טאָרבע? איר זעט דען ניט, וואָס עס טוט זיך אין פלאנדריע? מע דארף איינצוימען דעם שפּאנישן מענוול. זאָל ער אליין זיך דערוויסן, וואָס איז אזוינס א בעט־לערישע טאָרבע.

לאמע האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ אלס צייכנ פונ אײַנשטימיקײַט מיט אולענשפּיגעלנ.

ברעדעראָדע, א הויכער ווי א ריז, האָט פריילעכ געקוקט אפּ אולענ־שפּיגעלנ אונ געשמייכלט.

— אויב דו ביסט ניט קיינ שפּיאָנ פונעמ קיניג פיליפּ, — האָט ער גע־זאָגט, — ביסטו אנ ערלעכער פלאמאנדער. באלד וועסטו קריגנ פונ מיר א באלוינונג אי פאר דאָס אי פאר יענצ.

אונ ער האָט אוועקגעפירט אולענשפּיגעלנ אינ בופעט. לאמע איז אוועק נאָכ זיי ביידנ.

דאָרטנ האָט ברעדעראָדע א צי געטאָנ אולענשפּיגעלנ פארנ אויער אונ געזאָגט:

— אזא באלוינונג קומט דיר, אויב דו ביסט א שפּיאָנ.

אולענשפּיגעל האָט אפילע קיינ פּיפּס ניט געטאָנ. דערנאָכ האָט ברע־דעראָדע געהייסנ אָנצאפּנ א פולנ קרוג ווילשמעקנדיקנ ווײַנ, וואָס איז געווענ אײַנגעשטעלט אפּ צימרינג.

— אזא באלוינונג קומט דיר, אויב דו ביסט אנ ערלעכער פלאמאנדער.

אולענשפּיגעל האָט אויסגעטרונקענ א האלבנ קרוג אונ האָט איבערגע־געבנ די אנדערע האלבע לאמענ.

— אונ פארוואָס קומט אָט דעמ גראָבנ פּעמפּיק? — האָט ברעדעראָדע געפרעגט.

— דאָס איז מײַנ פרײַנט לאמע — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — ווענ ער טרינקט ווײַנ, דאכט זיכ אימ, אז דאָס אנטלאָפענע ווײַב וועט זיכ צו אימ אומקערנ.

— ריכטיק, — האָט לאמע געזאָגט, אונ ער האָט מיט גרויס פארגעניגנ אויסגעלעקט דעמ גאָלדענעמ קרוג ביז א קאָפּ.

קאפיטל 3

וועגן דעם, ווי די אנטווערפענער בירגער האָבן כאָרעוו געמאכט דעם קאטעדראל פון גאָטס-מוטער

אין בריסעל האָט אולענשפיגעל זיך דערוווּסט, אַז עפּעס פאַרדעכטיקע לײַט, ריכטיקער געזאָגט, דעם קיניג פיליפּס געדונגענע פאַרשוינען און שפּיאָנען, האָבן פאַרטראַכט אומצוברענגען די שטאָט אנטווערפּען. דעם 15 אויגוסט, אין דעם טאָג פון דער מאַדאָנעס טויט, האָבן זיי באַשלאָסן אין דער צײַט פון דער רעליגיעזער פּראָצעסיע צעברעכן די סטאַטוע פון דער מאַדאָנע, און נאָכדעם אַרויפוואַרפן די שולד אַף די אנטווערפּענער רעפאָרמאַטן. נאָך אַזאַ גאָטלעסטערונג וועט די מילכאָמע מיט די רעפאָרמאַטן ווערן אומפאַרמײַדלעך, און פיליפּס מיליטער וועט זיך אַרײַנרײַסן אין ני־דערלאַנד.

אולענשפיגעל און לאַמע האָבן זיך גענומען אײַלן קיין אנטווערפּען, קעדיי צו וואָרענען וועגן דעם די אָרטיקע בירגער.

אַפן וועג קיין אנטווערפּען האָבן זיי, הונגעריקע און פאַרמאַטערטע, זיך אָפּגעשטעלט אין בריוגע לעבן אַ שענק.

— שוין צוויי טעג ווי מיר דערנערן זיך בלויז מיט אַלטגעבאַקן ברויט און מיט שיטערן ביר, — האָט לאַמע אומעטיק געזאָגט.

— איך האָב אַ האַלבן פלאָרין, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט, — קום אַרײַן, מירן צובײַסן און אויסטרינקען.

לאַמע האָט אָנגעהויבן קוועלן פון גרויס פרייד.

זיי האָבן אוועקגעשטעלט דאָס פורל לעבן שטעלכל און אוועקגעפירט דעם אייזל אין שטאַל. דאָרטן האָט מען אים אָנגעשאָטן אַ היפּשע פּאָרציע האָבער, דערנאָך זײַנען זיי אַרײַן אין שענק, באַשטעלט אַן אויסגעצייכנטן מיטיק און אָנגעגעסן זיך אַזוי, אַז ס'איז שוין מער ניט געקראָכן. נאָכן מיטיק האָבן זיי געכאַפּט אַ דרעמל. ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט, האָבן זיי באַשטעלט אָוונטברויט.

לאַמע איז מאַמעש צעגאַנגען געוואָרן פון נאַכעס.

— איך הער, ווי בא מיר אין מאָגן שפּילט א הימלשע מוזיק, — האָט ער געזאָגט.

— פון אײַך קומט צען פּאָטאר, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט נאָכן אָוונברויט.

— באַצאָל אים, טיל, — האָט לאַמע געזאָגט.

— איך האָב ניט מיט וואָס, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

— און וווּ איז דײַן האַלבער פלאָרין?

— דאָס האָב איך געשפּאַסט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— אויסגעצייכנט, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט, — זײַט זשע מוחל און טוט אויס די רעקלעך און העמדלעך אײַערע.

— עך דו, אויסוווּרף אײנער! — האָט זיך צעשריִען דער האַלבשיקערער לאַמע, — רעכנסט, אפּאָנעם, אַז מיר דאַרפן איננאַנצן ניט עסן! דו ווייסט כאָטש, וויפל געלט עס האָט מיך אָפּגעקאָסט מײַן בויך! ביז איצט האָב איך אים, גאָט צו דאַנקען, טאָגטעגלעך געשטאָפּט מיט אַלערליי מײַכאָלים. דו ווּעסט קיינמאָל ניט האָבן אַזאַ בויך! שמאַלץ אַליין איז אָפּ אים ביט ווייניקער פון דרײַ פינגער די גרעב. און ווּ האָסטו שמאַלץ? סײַדן אָפּן קאָלנער: ער איז בא דיר א פאַרשמאָלצענער.

דער שענקער איז געווען א שטאַמלער. ער איז געווען אויסער זיך פון צאָרן. נאָר וואָס מער ער האָט זיך געערגערט, אַלץ שטאַרקער האָט ער געשטאַמלט און האָט קיין איין וואָרט ניט געקענט אויסריידן.

אולענשפּיגעל האָט זיך געקײַקלט פון געלעכטער און האָט געשאָסן אין דעם באַלעבאָס מיט ברויט-קײַקעלעך.

— דו מיינסט, אַז מיר האָבן קיין געלט ניט! — האָט לאַמע געשריִען. — דו מיינסט, אַז מיר האָבן ניט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר דײַנע דרײַ דאַרע הינער, און פאַר די פיר פאַרשיווע הינדלעך, און פאַר דער גרויסער נארישער פּאווע מיט איר שמוציקן עק! ווייס זשע, גראָבער־יונג, אַז ווען דו אַליין וואָלסט געווען א ביסל פעטער, וואָלט איך אויפגעגעסן אי דיך, אי דײַן סמאַרקאַטן לאַקיי, אי דײַן בלינדע דינסט, אי דײַן קרעציקן קו-כער — און איך וואָלט פאַר אײַך אַלעמען באַצאָלט מיט מעזומאָנים.

דער באַלעבאָס איז נאָך מער געוואָרן אין קאַס, אָבער לאַמע האָט שוין ניט מורא געהאַט פאַר אים.

— דו ווייסט, פערדישע צורע, — האָט ער געשריִען, — וויפל עס קאָסט דער פּראַכטפולער איזל, מײַן אויסגעצייכנטער אייזל מיט זײַן העפלעכער מאָרדע, מיט זײַנע לאַנגע אויערן און מיט זײַן ברייטער העלדישער ברוסט? אַכצן פלאָרין! קלאָגעדיקער שטאַמלער, אַכצן פלאָרין! און אין דײַן שמו-ציקן טײַסטער איז דען פאַראַן כאָטש איין פּאָטאַר, אָפּ צו באַצאָלן פאַר אַזאַ פּראַכטפולן באַלכײַ?

דער שענקער האָט אויסגעגלופּעט די אויגן און געקוקט אף אַלעמען, אָבער ער האָט שוין ניט געפּרוּווט אויסריידן קיין איין וואָרט.

— און דאָס פורל? — האָט לאמע געשריִען. — דאָס פּראַכטפולע פורל, געמאַכט פון זעלטענעם יאַסען און אויסגעפארבט מיט רויטער פארב, מיט די פּרעכטיקע לייַוונטענע פאָרהענגלעך, וואָס שיצן פון רעגן און פון זון? ווי קלערסטו, אַשטייגער, וויפל קאָסט עס? פיר און צוואַנציק פלאָרין, זשוליק איינער, קיין איין גראָשן ניט ווייניקער, און אָט איצט גיב אָקאָרשט א רעכן וויפל איז עס — אַכצן און פיר און צוואַנציק? ענטפער, אַמאָרעצ איינער! הייַנט איז א מאַרק־טאָג, אפן מאַרק זייַנען פאַראַן א סאַך מענטשן, וועל איך טאַקע טאָן אַזוי, ווי איך וויל. דו קענסט נאָך מיך ניט!

און לאמע האָט, ווירקלעך, פאַרקויפט זייַן אייזל און דאָס פורל פאַר פיר און פערציק פלאָרין און צען פּאַטאַר. דעם כויוו, וואָס זיי זייַנען שולדיק געווען דעם באַלעבאָס, האָבן זיי טייקעף באַצאָלט.

אין דער צייַט, וואָס לאמע האָט זיך געקריגט מיטן באַלעבאָס, האָט עפּעס א יונגע פייַנע פרוי עטלעכע מאָל אַרייַנגעקוקט אין פענצטער, אָבער ווי נאָר לאמע פלעגט זיך א קער טאָן אין איר זייַט, פלעגט זי זיך ווי־דער באַהאַלטן. אין אָוונט, גייענדיק איבער דעם פינצטערן קאָרידאָר, האָט לאמע פלוצלינג דערפילט, אַז עמעצער האָט אים אַרומגענומען און האָט אים געגעבן א שטאַרקן קוש. אָבער לאמע האָט ניט געוווּסט אף וואָסער וועלט ער איז: ער האָט געמאַכט א רעכטע קויסע און האָט געכאַלעשט שלאָפן, אַזויאַרום האָט ער זיך טאַקע ניט דערוווּסט, ווער דאָס איז געווען.

אף מאָרגן אין אַנטוווערפּען, האָט לאמע געזוכט זייַן ווייַב אין אַלע עקן און שענקלעך. און אולענשפּיגל איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט און האָט געשמועסט מיטן אוילעם.

אפן מאַרק, ניט ווייַט פונעם שענק, האָט אולענשפּיגל זיך אוועקגעלייגט מיטן בויך אף דער ערד און איז געלעגן אַזוי, ניט רירנדיק זיך פון אָרט.

פאַרבייַ איז דורכגעגאַנגען א קוילנהענדלער.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט ער געפרעגט אולענשפּיגלן.

— איך נעץ אייַן די נאָז, קעדיי צו וויסן, פונוואַנען דער ווינט בלאָזט, — האָט אולענשפּיגל געענטפערט.

נאָכן קוילנהענדלער איז געקומען א סטאָליער.

— וואָס האָסטו זיך דאָ צעלייגט אף דער ערד, ווי באַם טאַטן אין ווייַנגאָרטן? — האָט ער געפרעגט אולענשפּיגלן.

— איך ליג אף דער ערד, און אַנדערע וועלן אייַנגיכן ליגן אין דער ערד, — האָט אולענשפּיגל געענטפערט.

נאָכן סטאָליער האָט זיך לעבן אים אָפּגעשטעלט א מאָנאַך.

— וואָס טוט דאָ דער דאָזיקער פּוסטעפּאַסניק? — האָט ער געפרעגט.

— ליגנדיק אפנ בויכ, בעט ער, איר זאָלט אים בענטשנ, פאָטערל.

דער מאָנאכ האָט שמייכלענדיק אים געבענטשט און איז אוועק ווייַטער.

און אולענשפיגעל האָט צוגעלייגט דעמ אויער צו דער ערד און געמאכט אנ אָנשטעל, אז ער הערט זיכ איינ צו עפּעס ווייַטע קלאנגענ.

— וואָס הערסטו דאָ, ליגנדיק אפ דער ערד? — האָט אים געפרעגט א פויער, וואָס איז דורכגעגאנגענ פארבייַ.

— איכ הער, ווי עס וואקסנביימער, — האָט אולענשפיגעל געענטפערט, — איינגיכנ וועט מענ זיי צעהאקנ אפ שייַטערס פאר די אפּיקאָרסימ.

— און וואָס הערסטו נאָכ? — האָט א צווייטער, צוגייענדיק, אים געפרעגט.

— איכ הער, ווי עס גייענ די שפּאנישע הענקער, — האָט אולענשפיגעל געענטפערט, — באהאלט אייַער האָב־און־גוטס, בירגער, פארגראָבט עס אינ דער ערד, קאָלזמאנ עס איז נאָכ ניט שפּעט.

— ער איז פונ זינענ אראָפּ, צי וואָס? — האָט דער פויער געפרעגט.

— אפּאָנעמ אזוי, — האָט דער אנדערער געענטפערט.

אינ אָוונט איז אולענשפיגעל געזעסנ אינ א שענק צווישנ רעפאָרמאטנ, מע האָט געשמועסט וועגנ דעמ קיניג פיליפּ.

— דער קיניג האָט באשלאָסנ, אז מיר זייַנענ קראנק געוואָרנ אפ אפּיקאָרסעס, — האָט ער געזאָגט, — דעריבער האָט ער אונדז אָנשטאָט ריצנייל צוגעשריבנ — אינקוויזיציע. נאָר ס'איז א גרויסער סאָפעק, צי אונדזער רעליגיע איז שולדיק דערינ. גיכער פאר אלצ יאָגט זיכ דער קיניג נאָכ אונדזערע טייַסטערס. וואָס זשע זאָלנ מיר טאָנ — אייַנעמענ דעמ ריצנייל צי ניט? און טאָמער וועט דער ריצנייל אונדז ניט געפעלנ ווערנ? דעמלט קאָנענ מיר זיכ פאר די שווערדנ אויכ נעמענ. און דער קיניג ווייסט עס אויסגעצייכנט. ווענ ער וועט זענ, אז מיר ווילנ ניט קיינ ריצנייל, וועט ער לאָזנ אינ גאנג הארמאטנ, פאלקאָנעטנ און קולעווערינעס. נאָכ אזא רעפוע וועט אינ פלאנדריע קיינ איינ פלאָרינ ניט איבערבלייַבנ.

די שטאָטישע בירגער האָבנ געשמייכלט, הערנדיק אולענשפיגעלנ.

— לאכט אייַכ, וויפל איר ווילט, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט, — אלצ קומט אינ זייַנ צייַט. נאָר אויב בא אייַכ וועט זיכ עפּעס טרעפנ אינ קלויסטער פונ גאָטס־מוטער, דעמלט וועט איר וויינענ, ניט לאכנ. דעמלט אנטלויפט פונ שטאָט, אָדער באוואָפנט זיכ, מיט וואָס עס וועט זיכ נאָר מאכנ. עס דערנעענטערט זיכ א גרויזאמע צייַט.

דעמ פופצעטנ אווגוסט, גאנצפרי, האָט מענ באמ טויער פונ דער שטאָט אנטוועקט צעבראָכנ יעזוסעס שטיינערנע סטאטוע. צעבראָכנ האָט זי עפּעס אנ איטאליענער, וואָס האָט געדינט באמ קארדינאל גראנוועלא.

ווי עס פלעגט אלעמאל זײַן אין דעם טאָג, איז די פּראָצעסיע ארויס פון קלויסטער און איז אוועק איבער די שטאָטישע גאסן. נאָר אין וועג האָט עפּעס א הײַפל אומבאקאנטע מענטשן אָפּגעשטעלט די פּראָצעסיע און גענומען זידלען מיט די לעצטע ווערטער די סטאטוע פון דער מאדאָנע. די סטאטוע האָט מען אוועקגעטראָגן אפּ צוריק אין קלויסטער און פארשפּארט אפּ דער גאלעריי.

אולענשפּיגעל און לאמע זײַנען ארײַן אין קלויסטער. בא דער גאלעריי זײַנען געשטאנען עפּעס אומבאקאנטע און פארדעכטיקע יונגען. זיי האָבן אויסגעשריִען אלערליי זידלווערטער, געטומלט, געמאכט אלערליי טנועס און אונטערגעוווּנקען איינס צום צווייטן. קיינער האָט זיי קיינמאָל ניט געזען אין אנטווערפּן. קיינער האָט ניט געוווּסט, פונוואנען זיי האָבן זיך גענומען.

איינער פון זיי, א יונגער באָכער מיט א פּאָנעם, וואָס איז געווען רויט פון ווינט, האָט געטומלט מער פון אנדערע. דאָס איז געווען דער פירער פון דער באנדע.

— וואָס, מאשקע, — האָט ער געשריִען צו דער סטאטוע פון דער הייליקער מאריע, — האָסט זיך דערשראָקן? ווארט א ווײַלע, וועסט נאָך פון אונדז האָבן צו זינגען און צו זאָגן. מירן נאָך דיר באווײַזן!

— צי ניט דו האָסט עס זי דערשראָקן? — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

דער באָכער האָט שוין געוואָלט זיך א וואָרף טאָן אפּ אולענשפּיגעלן מיט די פויסטן, נאָר אולענשפּיגעל האָט אים אָנגענומען פארן קארק...

— אויב דו וועסט מיך אָנרירן כאָטש מיט איין פינגער, וועל איך דיר דײַן נארישן קאָפּ אראָפּדרייען, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — בירגער, — האָט ער פארגעזעצט, ווענדנדיק זיך צו די אנטווערפּענער בירגער, וואָס זײַנען געשטאנען ארום אים. — היט זיך פאר די דאָזיקע יונגען, דאָס זײַנען ניט קיין פלאמאנדער. דאָס זײַנען פארעטער, מע האָט זיי אונטערגעקויפט, קעדיי זיי זאָלן אָנטאָן גרויסע צאָרעס אײַער שטאָט.

— היי, מאשקע, — האָבן די פארעטער געשריִען, — קריך אראָפּ פון דער גאלעריי, פוילערקע! אויב דו וועסט ניט אראָפּקריכן מיט גוטן, וועלן מיר דיך פארן קליידל אראָפּשלעפּן.

— שווײַגט, אויסוורפּן! — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — איר זאָלט ניט וואגן צו ברעכן די גראטעס!

אין דער צײַט האָט אן אלטינקע, וואָס האָט געהאנדלט מיט ליכט, א וואָרף געטאָן די אונטערהעצער אין פּאָנעם ארײַן א זשמעניע אש. די אלטינקע האָט מען א וואָרף געטאָן אפּן דיל און מ׳האָט גוט איר אָנגעבראָכן די ביינער. אין קלויסטער האָט זיך ארײַנגעריסן די שטאָטישע וואכ,

נאָר מע האָט זיי אַרויסגעשטויסן פון קלויסטער און פאַרהאַקט אַלע טירן.

— היי, בראַבאַנטער! — האָט דער פירער פון דער באַנדע אויסגעשריִען. — ברעכט די סטאַטועס! שוין גענוג זיי צו שטיין אין די נישעס! אין טײַכל וואַרפט זיי אַרײַן! האָט קיין מוירע ניט, האָלץ זינקט ניט אין וואַסער.

מיט אַ געוואַלד האָט די באַנדע זיך אַ לאָז געטאָן צו דער גאַלעריע. דער אוילעם איז געשטאַנען אָן אַ זײַט און האָט געשוויגן.

דעמאָלט איז אולענשפּיגל אַרופגעלאָפן אַף דער קאַטעדרע.

— מעשוגאָים! נאַרישע קעפ! — האָט ער גענומען שרײַען צום האַמוין. — וואָס שטייט איר ווי די ליימענע גוילעמס און קוקט! צי דען זעט איר ניט ווײַטער פון אײַער נאָז? פאַר דער דאָזיקער גאָטלעסטערונג וועט איר ענטפערן, און ניט עמעצער אַנדערש! אײַך וועט מען פאַרמישפּעטן, באַרויבן און פאַרברענען אַפן שײַטער. און דער קיניג וועט צונעמען אײַער גאַנצן פאַרמעגן. גלייבט ניט, בירגער, די אינטערהעצער! לאָזט איבער די סטאַטועס אין די נישעס, ברעכט זיי ניט! אַניט וועט מען אײַך דערקלערן פאַר אַפּיקאָרסים און בונטאָוושטשיקעס, און דער הערצאָג אַלבאַ וועט זיך אַכזאָריעסדיק אָפּרעכענען מיט אײַך.

— באַרויבט ניט דעם קלויסטער, בירגער! — האָט לאַמע געזאָגט, — דער קיניג איז שוין אַזוי אויך אין כּאַס אַף אונדז. לאָזט די סטאַטועס צו רו!

נאָר דער האַמוין האָט זיך שוין אַ לאָז געטאָן אַף דער גאַלעריע.

— ברעכט די גראַטע! — האָט געשריִען דער פירער, — נעמט זיך צו דער אַרבעט, בראַבאַנטער! אין וואַסער אַרײַן די פאַרשאָלטענע געטשקעס!

אולענשפּיגלן האָט מען אַראָפּגעשלעפּט פון קאַטעדרע, צעריסן אַף אים דאָס רעקל און צעדראַפּעט דאָס פּאָנעם, בלוט איז בײַ אים געראָנען פון די באַקן, נאָר ער האָט ניט אופגעהערט צו שרײַען:

— באַקלערט זיך, בירגער! טוט ניט אָן קיין צאָרעס דער שטאָט! נאָר אַלץ איז געווען אומזיסט.

— לעבן זאָלן די געזן! — האָט זיך צערעוועט דער האַמוין און זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער גראַטע.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס כאָרעוו מאַכן דעם אַנטווערפּענער קאַטעדראַל. ביז האַלבער נאַכט איז פון דעם דאָזיקן ריזיקן קלויסטער מיט זײַן פּרעכטיקער מאָלערײַ און מיט זײַנע ווערטפולע כפייצים געוואָרן טילטעל. די אַלטאַרן האָט מען צעבראָכן, די סטאַטועס אַראָפּגעוואָרפן פון די פּיעדעסטאַלן, די שלעסער אופגעבראָכן. מערקווירדיק איז, וואָס קיין רויבערײַ איז ניט געווען בײַם כאָרעוו מאַכן דעם קאַטעדראַל. דער האַס צו

דער קאטויליישער קירך איז געווען שרעקלעך גרויס: מע האָט פון אלץ געמאכט א טעל, אָבער קיין גאנאָווים זײַנען צווישן דעם האמוין ניט געווען.

געמאכט א טעל פונעם קאטעדראל פון גאָטס־מוטער, האָט דער האמוין זיך א לאָז געטאָן צו אנדערע קלויסטערס און אויך פון זיי געמאכט א טעל. איין עטלעכע טעג ארום האָבן די אומרוען זיך אריבערגעוואָרפן קיין האאג און אין אנדערע שטעט.

און אולענשפיגעל איז אומגעגאנגען איבער אנטווערפען און האָט געטײַנעט צו די בירגער:

— עס זײַנען צײַטיק געוואָרן די זאנגען פאר די שפּאנישע שניטער! דער הערצאָג! דער בלוטיקער הערצאָג גייט אף אונדז! ווי צו אונדז, פלאמאנדער! אנטלויפט, ווײַבער און מיידלעך: מע וועט אײַך לעבעדיקערהייט אין קייווער באגראָבן. אנטלויפט, מאנצבלען: די טליע, דער שײַטער און דער עשאפאָט ווארטן אף אײַך. פיליפ האָט באשלאָסן צו דערפירן ביזן סאָף די בלוטיקע מײַסים פון זײַן פאָטער. אנטלויפט, בירגער! דער הענקער און דער קוואָרעסמאן זײַנען שוין ניט ווײַט פונדאנען!

דער אוילעם האָט אים געהערט, און גאנצע מענגעס האָבן פארלאָזט די שטאָט. אלע וועגן זײַנען געווען פארפלייצט מיט וועגענער פון די אנטלאָפענע. עס האָט זיך דערנעענטערט א גרויזאמע צײַט.

קאַפּיטל 4

וועגן דעם, ווי אולענשפּיגעל האָט געראַטעוועט פון רויִנירונג צוויי נידערלענדישע שטעט

איבערגעטאָן אין קליידער פון פּויערים, האָבן אולענשפּיגעל און לאַמע, רײַטנדיק אַף אייזלען, געוואַנדערט איבער שטעט און דערפער. זיי פלעגן זיך שטופּן אַף מערק, פּאַרקויפן גאָרטנוואַרג, הערן וועגן וואָס דער אוילעם רעדט, און געוואָרנט אַלעמען וועגן דעם, אַז דאָס שפּאַנישע מיליטער גייט אַף פלאַנדריע.

אומקערנדיק זיך פון בריסעל, האָבן זיי זיך איינמאָל אָפּגעשטעלט אָפּרוען לעבן דעם הויז פונעם גראַף מעגעם. דעם גראַפס קעכן האָט זיי אַרײַנגערופן אין קיך און האָט זיי געשמאַק מעכאַבעד געווען.

— טיל, ווער ביסטו? — האָט זי אַ פרעג געטאָן אולענשפּיגעלן, אונטערלייגנדיק אים פעטע שטיקלעך פלייש

— אַ זון פון גליק און האַצלאָכע, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

— איך זע, אַז דו האָסט גאָר ניט קיין שלעכטע מיינונג וועגן זיך.

— קעדיי אַנדערע זאָלן מיך ניט לויבן צופיל.

— דו ווילסט באַפרײַען אונדזער לאַנד פון די שפּאַניער?

— קלאַאַסעס אַש ברענט מײַן האַרץ.

— אַזוי גאָר! — האָט די קעכן געזאָגט, — און ווער איז עס געווען דער קלאַאַס?

— מײַן פאָטער, וועלכן מע האָט פאַרברענט פאַרן גלויבן.

— דער גראַף מעגעם איז גאָר ניט ענלעך אַף דיר, — האָט די קעכן פאַרטראַכטערהייט געזאָגט, — ער וויל פאַרגיסן אונדזער פאָטערלאַנד מיט בלוט. איך בין דאָך אַ געבוירענע פון אַנטווערפּען, טיל. זאָלסטו וויסן, אַז דער גראַף האָט געשלאָסן אַ בונד מיטן בראַבאַנטער ראַטמאַן סהייס. זיי ווילן אַרײַנלאָזן קיין אַנטווערפּען נײַן אָטריאַדן שפּאַנישע אינפאַנטעריע.

— מע דאַרף וואָרענען די אַנטווערפּענער בירגער, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — זײַ געזונט!

ער איז אוועקגעריטן קיין אנטווערפּען, און אף מאָרגן איז די שטאָט שוין געווען גרייט צו פאַרטיידיקן זיך.

דער גראַף האָט דערשמעקט, אז עפּעס איינער אַן אפּיקוירעס האָט זיך דערוווּסט פון זײַנע קאַוואָנעס און איז אים פאַרלאָפן דעם וועג. מע האָט זיך א לאָז געטאָן זוכן אולענשפּיגעלן. מע האָט אים געזוכט אין דער גאַנ־צער געגנט, אָבער מע האָט אים ניט געפונען. און אולענשפּיגעל צוזאַמען מיט לאַמען האָבן זיך אין דער צײַט אויסבאַהאַלטן באַם גראַף אפן בוידעם, און די גוטהאַרציקע קעכן האָט זיי אַלע טאָג געטראָגן עסן און ווײַן.

איינמאָל אין אָוונט האָט דער גראַף זיך אויסגערעדט, אז אינדערפרי־טרעט ער ארויס מיט זײַנע זעלנער קיין הערצאָגענבוש. די קעכן האָט עס דערציילט אולענשפּיגעלן. אולענשפּיגעל האָט זיך איבערגעטאָן פאַר א פּיליגרים און איז אוועק אין הערצאָגענבוש. ער האָט גערעכנט פאַרגיין אפן וועג צו א באַקאַנטן רעפאָרמאַט, נעמען בא אים א פערד און אוועק־רײַטן קיין הערצאָגענבוש, קעדיי באַצײַטנס צו וואָרענען די דאָרטיקע ביר־גער וועגן דער געפאַר.

גייענדיק, האָט ער דערזען אפן שליאַכ א קאָלאָנע זעלנער. זיי זײַ־נען געגאַנגען קיין הערצאָגענבוש. אולענשפּיגעל האָט זיך דערשראָקן: בא אים אין בוזעם זײַנען געלעגן בריוו צו באַוווּסטע רעפאָרמאַטן. האָט ער באַשלאָסן זיך פאַרשטעלן פאַר א פּיליגרים. מורמלענדיק א טפילע, איז ער צוגעשטאַנען צום אָטריאַד און האָט גענומען שפּאַנען אין פוס מיט די זעלנער.

אין דער שפּיץ פון דער קאָלאָנע איז געגאַנגען אַן אָטריאַד וואַלאָנער. קאָמאַנדעוועט מיט זיי האָט דער קאַפּיטאַן לאַמאָט. דעם קאַפּיטאַן האָבן ארומגערינגלט לײַבוועכטער, באַוואָפנטע מיט לאַנגע אַלעבאַרדעס. הינטער זיי זײַנען געפאָרן: דער פאָנענטרעגער, דער פּראָפאָס מיט זײַן וואַכ, דער הענקער מיט א געהילף און, ענדלעך, טרומייטערס און פויקערס.

נאָכן אָטריאַד וואַלאָנער איז געגאַנגען אַן אָטריאַד פלאַמאַנדער מיט זייער קאַפּיטאַן אין דער שפּיץ. די פלאַמאַנדער זײַנען געווען אײַנגעטיילט אין צוויי אָפּטיילן. אין דער שפּיץ פון יעדן אָפּטייל איז געשטאַנען א סערזשאַנט — אַן אַלטער זעלנער, א פאַרהאַרטעוועטער אין שלאַכט. דאָ זײַ־נען אויכ געווען מוזיקאַנטן; זיי האָבן געשפּילט אף דודקעס און אויך געפויקט.

אָנגעטאָן ווי א פּיליגרים, איז אולענשפּיגעל געגאַנגען אײַנײַנעם מיטן אָטריאַד און האָט געמורמלט זײַנע טפילעס.

פּלוצלינג האָט לאַמאָט אף אים געגעבן א קוק און האָט אויסגעשריִען:

— וווּהין גייסטו, פּיליגרים?

— הער קאַפּיטאַן, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — אין דער היים בין

איכ באגאנגענ א גרויסע אווירע. מע האָט מיכ געשיקט קיינ רוימ בעטנ דעמ פויפּסט, ער זאָל מיר מויכל זייַנ. אצינד, אז איכ האָב באקומענ די בראָכע פונעמ הייליקנ פאָטער, קער איכ זיכ אומ אינ מייַנ פאָטערלאנד. דער פויפּסט האָט מיר מויכל געווענ מייַנע זינד, אונ האָט מיר באפוילנ, אז איכ זאָל פּריידיקנ גאָטס וואָרט פאר אלע זעלנע־, וואָס איכ וועל באגעגענענ אינ וועג. פאר מייַנ דראָשע דארפנ די זעלנער מיר געבנ ברויט אונ פלייש. דערלויבט מיר, דעריבער, אפנ נאָענטסטנ אָפּשטעל־אָרט אויסצופילנ מייַנ כויוו.

— איכ דערלויב דיר עס, — האָט לאמאָט געזאָגט.

ארומ באָרכעמ האָבנ די סאָלדאטנ זיכ אָפּגעשטעלט אָפּרוענ. דאָ איז באמ סאמע וועג געוואקסנ ניט קיינ גרויסער דעמב מיט אָפּגעהאקטע צווייַגנ. נאָר איינ צווייַג האָט זיכ פארהיט. פאָריקנ כוידעש האָט מענ אפ איר אופגע־האנגענ עפּעס איינעמ אנ אנאבאפּטיסט.

די זעלנע־ האָבנ זיכ צעלייגט באמ ראנד פונעמ וועג. עס זייַנענ געקומענ די מארקיטאנטנ אונ האָבנ געבראכט צו טראָגנ פונ אלדאָסגוטס: ברויט, ווייַנ אונ געבראָטנ פלייש. אולענשפּיגעל האָט א קוק געטאָנ אפ די דאָזיקע מייַכאָלימ, אונ זייַנ מאָגנ האָט גענומענ נאָגנ פונ גרויס הונגער.

אולענשפּיגעל איז ארופגעקראָכנ אפנ בוימ, זיכ אנידערגעזעצט אפ דער צווייַג אונ גענומענ זיכ אליינ שמייַסנ מיט א שמאָלנ רימענעמ קאנטשיק. די זעלנער האָבנ אימ ארומגערינגלט.

— אינ נאָמענ פונעמ פאָטער אונ פונעמ זונ אונ פונעמ הייליקנ גייַסט, אָמיינ, — האָט אולענשפּיגעל אָנגעהויבנ זייַנ דראָשע. — אינ עוואנגעליע שטייט געשריבנ: דער, וואָס גיט א נעדאָווע אנ אָרעמאנ — גיט ער עס דעמ אייבערשטנ אליינ. דרייסטע קריגסלייַט! גיט דעמ אייבערשטנ, כ'מיינ, גיט מיר וואָס איר קאָנט, גיט מיר ברויט, פלייש, ווייַנ, ביר, פּירעשקעס, גיט אלצ וואָס איר האָט נאָר. אונ דער אייבערשטער וועט אייַכ אָפּגעבנ הונדערט מאָל אזויפיל. ער וועט אייַכ צושיקנ פונ אלערליי מינימ עסנווארג, א יאמ פונ ווייַנ אונ א גאנצנ בארג אייַזקרעמ, וואָס איר וועט עסנ אינ גאנײדנ מיט זילבערנע לעפל.

— וואָס איז דאָס פאר א מעשוגענער? — האָבנ די זעלנער געפרעגט איינער דעמ צווייטנ.

— ליבע פרייַנט, — האָט אולענשפּיגעל פאָרגעזעצט. — איכ בינ ניט קיינ מעשוגענער, איכ בינ פּאָשעט א הונגעריקער. איר עסט שינקע, וווּרשט, ווייַנ, ביר אונ לעקעכ... איז צי דענ וועט איר גאָרנישט ניט שענקענ אנ אָרעמענ פּיליגרימ?

— כאפ! — האָט אויסגעשריענ איינ זעלנער אונ אימ א וואָרפ געטאָנ א שטיק פלייש.

אולענשפּיגעל האָט געכאַפּט דאָס שטיק פלייש און גענומענ צובײַסנ, זיצנדיק אַפ דער צװײַג.

— היט זיך! — האָט אוסגעשריִענ א סערזשאַנט און האָט א װאָרפ געטאָנ אולענשפּיגעלנ א פלעשל מיט א רעשטל רויטנ װײַנ.

אולענשפּיגעל האָט געכאַפּט דאָס פלעשל און, זופּנדיק צו ביסלעכ, האָט ער פאַרגעזעצט צו ריידנ:

— ס'איז שלעכט צו זײַנ הונגעריק, נאָר א סאַך ערגער איז צו זײַנ שיקער, הערנ זעלנער. און װיפל דאַרפ עס אַנ אָרעמער פּיליגרים אַפּ צו װערנ שיקער? בא אים אינ מאָגנ איז נאָך אַזוי װײניק שפּײַז. — אינ דער מינוט האָט ער געכאַפּט א גענדזענע לאַפּקע און האָט אויסגעשריִענ:

— װאָס מאַכסטו, לופט־פישל! אָ, װי גיכ דו ביסט פאַרשװונדנ בא מיר אינ האַלדז. איז דענ פאַראַנ א גרעסערער פּרעסער, איידער א הונגעריקער מאָגנ?

אינ דער צײַט האָט אים א שטאָך געטאָנ אינ הינטנ עמעצנס אַנ אַלעבאַרדע.

— װאָס איז דאָס? פּיליגרימענ עסנ שוינ ניט אצינד קיינ שעפּסנפלייש? — האָט זיך דערהערט פונ אונטנ עמעצנס א גוטמוטיקע שטימ.

אולענשפּיגעל האָט דערזענ א שעפּסנ־פיסל, װאָס איז געװענ אָנגעשטאָכנ אַפנ שפּיצ פונ אַנ אַלעבאַרדע.

— א דאַנק דיר, גוטער אַלעבאַרדע־טרעגער. — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, כאַפּנדיק דאָס שעפּסענע פיסל, — פונ אָט דעם ביינדעלע װעל איכ מאַכנ א פלייט, קעדיי אויסצושפּילנ אײַכ א דאַנק־הימנ. נאָר װאָס פאַר א מאַמאָשעס האָט א סודע אָנ א דעסערט? װוּ זײַט איר עס, פּירעשקעס, געפּילטע מיט צוקער־אײַנגעמאַכטס?

אינ דער מינוט האָבנ א שמיצ געטאָנ גלײַכ אינ פּאָנעמ אַרײַנ דרײַ פּירעשקעס.

— א דאַנק אײַכ, הער פּאָנענ־טרעגער, — האָט אולענשפּיגעל אויסגעשריִענ, אָבער כאַפּנ די פּירעשקעס האָט ער ניט באַװיזנ: זיי זײַנענ אַראָפּגעפאַלנ אַפ דער ערד.

פּלוצלינג האָבנ גענומענ קלאַפּנ די פּויקנ און פײַפנ די דודקעס, און די זעלנער האָבנ זיך װידער געלאָזט אינ װעג אַרײַנ. אולענשפּיגעלנ האָט מענ באַפוילנ גיינ הינטערנ אָטריאַד, נאָר ער האָט געמאַכט אַנ אָנשטעל, אַז ער האָט זיך א שטרויכל געטאָנ און איז אַרײַנגעפאַלנ אינ א קאַנאַװע אַרײַנ.

— האָט ראַכמאָנעס, הערנ זעלנער, — האָט ער זיך גענומענ קלימערשטבעטנ. — איכ האָב צעבראָכנ א פוס, איכ קענ מער ניט גיינ, לייגט מיכ אַרײַנ אינ א פורל.

די זעלנער זײַנען לאַכנדיק דורכגעגאַנגען פאַרבײַ. אייניקע פון זיי האָבן אויס ראַכמאָנעס אַפּן אָרעמען פּיליגרים אים איבערגעלאָזן ברויט און פלייש.

ווען דער אַטריאַד איז אַוועק, האָט אולענשפּיגעל זיך אופגעהויבן, געקראָגן אַ פערד און איז אַוועקגעריטן מיט אַ זײַטיקן וועג קיין הערצאָגענבוש.

דערוווּסט זיך וועגן דער געפאַר, האָבן אַכט הונדערט בירגער זיך באַלד באַוואָפנט און זײַנען אַרויס פאַרטיידיקן די שטאָט. און אולענשפּיגעל האָט זיך איבערגעטאָן פאַר אַ קוילנהענדלער און איז אַוועק קיין אַנטווערפּען, צו ברעדעראָדען, בעטן הילף.

לאַמאָטס אַטריאַדן זײַנען אַזוי־אַרום אין הערצאָגענבוש ניט אַרײַן. אַדאַנק אולענשפּיגעלס וואָרענונג האָט די שטאָט זיך אויסגעצייכנט צוגעגרייט צו דער באַלאַגערונג.

קאפיטל 5

וועגנ דעמ, וואָס אולענשפיגעל האָט זיכ דערוווסט, זיצנדיק אינ א קוימענ

איינמאָל האָט סימאָנ פראאט, א דרוקער, וואָס האָט געדינט מיט זײַנ קונסט דער באוועגונג פונ די רעפאָרמאטנ, געפרעגט בא אולענשפיגעלנ:

— ס׳איז עמעס, וואָס מע דערציילט, אז דו ביסט א דרייסטער יונג, אולענשפיגעל?

— ס׳קאָנ זײַנ, אז איכ בינ דרייסט, ווענ מע דארפ זיכ אָפרעכענענ מיט א שפאניער אָדער באשטראָפנ א מערדער.

— מע דארפ ארײַנקריכנ אינ א קוימענ אונ אונטערהערנ, וואָס מע וועט ריידנ אינ א צימער.

— איכ האָב געזונטע פיס אונ אנ עלאסטישנ קערפער. איכ וועל דורכקריכנ אינ קוימענ אזוי, ווי א קאצ, אונ וועל דאָרט אויסזיצנ, וויפל עס וועט זיכ נאָר פאָדערנ.

— אָבער צי וועט בא דיר קלעקנ געדולד אונ צי וועסטו פארגעדענקענ, וואָס מע וועט ריידנ אינ צימער?

— קלאאסעס אש ברענט מײַנ הארצ, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט.

— הער זשע מיכ אויס אופמערקזאמ, — האָט דער דרוקער געזאָגט. — דו זעסט אָט די קאָרט? אפ איר איז אָנגעמאָלט א מויער. איז גיי אוועק קיינ דענדערמאָנדע, געפינ דאָרט דעמ דאָזיקנ מויער אונ קלאפ אָנ אינ טיר — צוויי מאָל הויכ אונ איינ מאָל שטיל. די טיר וועט זיכ עפענענ, אונ עמעצער וועט דיכ פרעגנ, צי ביסטו ניט קיינ קוימענקערער, זאָלסטו ענטפערנ, אז דו ביסט א דארער, נאָר דײַנ קאָרט האָסטו נאָכ ניט פארלאָרנ. אונ דו וועסט באווײַזנ אָט די קאָרט דעמ באלעבאָס. דערנאָכ, טיל, וועסטו טאָנ אזוי, ווי מע וועט דיר הייסנ. דער קאמינ וועט שוינ זײַנ אנ אויסגערייניקטער, אינ קוימענ וועסטו געפינענ צוויי אָנשפארנ פאר די פיס אונ א קליינ ברעטעלע — צומ זיצנ. קריכ אהינ ארײַנ אונ זיצ, ניט רירנדיק זיכ פונ אָרט. אינ צימער וועלנ זיכ צונויפקלײַבנ אָנגעזעענע הערנ:

דער אָראנער פרינצ — ווילהעלמ דער שווײַגער, די גראפנ עגמאָנט, האָרנ, האָכסטראטענ אונ לודוויג דער נאסאוער, דעמ פרינצס ברודער. מיר, רע־פאָרמאטנ, ווילנ וויסנ, וואָס רעכענענ טאָנ די דאָזיקע הערנ, קעדיי צו ראטעווענ דאָס לאנד.

דעמ ערשטנ אפרעל איז אולענשפיגעל שוינ געזעסנ אינ קוימענ.

אינגיכנ האָט זיכ געעפנט די טיר פונ צימער, אונ א קאלטער ווינט האָט דורכגענומענ אולענשפיגעלנ.

— דאָס איז גאָרנישט, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט פאר זיכ, — די קעלט וועט מיכ בלויז אָפפרישנ.

אונ ער האָט זיכ גענומענ אײַנהערנ, ניט דורכלאָזנדיק קיינ איינ וואָרט.

אינ צימער זײַנענ ארײַנ דער אָראנער פרינצ, עגמאָנט אונ אנדערע. זיי האָבנ גענומענ ריידנ וועגנ דעמ קיניגס צאָרנ, וועגנ די שטײַערנ אונ וועגנ דעמ, וואָס מע פירט שלעכט אָנ מיטנ לאנד. איינער פונ זיי האָט גערעדט פארביטערט, מיט גײַווע אונ שארפ — דאָס איז געווענ עגמאָנט. האָכסטראטענ האָט אולענשפיגעל דערקענט אָנ זײַנ הייזעריקער שטימ. האָרנענ — אָנ זײַנ קריגערישער פאריסנקײַט, אונ דעמ אָראנער פרינצ — ווילהעלמ דעמ שווײַגער — אָנ דעמ, ווי ער האָט גערעדט שטיל אונ פאמעלעכ, אזוי ווי ער וואָלט אָפוועגנ איטלעכס וואָרט.

— צוליב וואָס האָבנ מיר זיכ דאָ צונויפגעקליבנ? — האָט עגמאָנט געפרעגט.

— דער קיניג איז אינ קאס, — האָט האָרנ געענטפערט, — מע דארפ באשליסנ, וואָס מיר האָבנ צו טאָנ.

— דאָס לאנד איז אינ געפאר, מע דארפ עס פארטיידיקנ פונ די שפאניער, — האָט דער שווײַגער געזאָגט.

— דער קיניג פיליפ קלײַבט זיכ גאָר ניט אָנפאלנ אפ נידערלאנד. — האָט עגמאָנט געענטפערט, — ער איז מיט אונדז צופרידנ, מיר — אדל־לײַט — האלטנ אונטער אינ לאנד דעמ שאָלעמ אונ די רויִקײַט.

— פיליפ האָט אינ נידערלאנד היפש מיליטער. אונ דאָס דאָזיקע מיליטער איז אײַכ איבערגעגעבנ, גראפ עגמאָנט, — האָט דער שווײַגער געזאָגט.

— איכ פארשטיי ניט, צוליב וואָס רעדט איר עס, וואָס ווילט איר דערמיט זאָגנ, — האָט עגמאָנט געזאָגט.

— מער וועל איכ קיינ איינ וואָרט ניט אויסריידנ, — האָט דער פרינצ געענטפערט, — הערט, וואָס מע שרײַבט אונדז פונ שפאניע.

דער אומגליקלעכער מאָנטיני, וועלכנ מע האָט געשיקט צו פיליפנ אונ וועלכנ די שפאניער האָבנ געכאפט, האָט געשריבנ: „אז דער קיניג האָט זיכ דערוווסט וועגנ דעמ, וואָס עס איז פאָרגעקומענ אינ נידערלאנד,

איז ער אריַן אין שרעקלעכן צאָרן. אז די ציַיט וועט קומען, וועט ער אכזאָריעסדיק באשטראָפן די בונטאָװשטשיקעס".

דאָ האָט דער גראף עגמאָנט א ציטער געטאָן. ער האָט געזאָגט, אז אין צימער איז קאַלט, און מע דארף איַינהייצן דעם קאמין. מע האָט איַינ-געהייצט דעם קאמין, נאָר אזױוי אין קימען איז געזעסן א מענטש, האָט דער קאמין שלעכט געברענט, און דער גאנצער צימער איז געװאָרן פול מיט רויך.

דער גראף האָאָכסטראטען האָט, הוסטנדיק הויך, דורכגעלייענט די איבערגעכאפּטע בריוו פונעם שפּאנישן אמבאסאדאָר אלאװע צו דער רעגי-רערן. דער אמבאסאדאָר שריַיבט, אז אין די נידערלענדישע אומרוען זיַי-נען שולדיק דריַי מענטשן: דער אָראנער, עגמאָנט און האָרן. פארשטייט זיך, אז קאָלזמאן די ציַיט איז נאָך ניט געקומען, דארף מען זיך צו זיי בא-ציִען העפלעך און מאכן אן אָנשטעל, אז דער קיניג שאצט זייערע פאר-דינסטן פארן שפּאנישן טראָן.

דער רויך האָט אויסגעגעסן די אויגן בא אולענשפּיגעלן. ער האָט זיך געשטיקט, געוויינט, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער זיך אופמערקזאם צוגעהערט צו איטלעכס וואָרט.

און דער גראף האָאָכסטראטען האָט געלייענט וויַיטער:

— „דער קיניג פיליפ האָט אנומלט געזאָגט: „דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין נידערלאנד, ברענגט שאָדן אונדזער קיניגלעכער מאכט און רײַסט אונטער די יעסוידעס פון אונדזער רעליגיע. מיר האָבן באשלאָסן פער-זענלעך צו קומען קיין נידערלאנד, קעדיי צו באשטראָפן די בונטאָװשטשיקעס און אופשטעלן דאָרט אונדזערע קיניגלעכע רעכט".

— איך טרינק פאר אונדזער פאָטערלאנד,—האָט האָאָכסטראטען גע-זאָגט און אופגעהויבן זיַין בעכער.

אלע האָבן אויסגעטרונקען איינינעם מיט אים.

— עס האָט געשלאָגן די אנטשיידנדיקע שאָ פאר אונדזער אדלטום, — האָט האָאָכסטראטען געזאָגט,— ציַיט א קלער צו טאָן וועגן דעם, ווי זיך צו פארטיידיקן.

— מיר וועלן זיגן,—האָט דער שוויַיגער געזאָגט,—אויב עגמאָנט, וועלכן עס איז אונטערגעוואָרפן די ארמיי, וועט אונדז וועלן קומען צו הילף און וועט שטערן די שפּאניער אריַינצוריַיסן זיך אין אונדזער לאנד.

— איך בין ניט קיין בונטאר,—האָט עגמאָנט געזאָגט,— איך בין א געטריַיער דינער פון מיַין קיניג.

— דער קיניג וועט זיך מיט איַיך אכזאָריעסדיק אָפּרעכענען,—האָט דער שוויַיגער געזאָגט.

— איך געטרוי אים,—האָט עגמאָנט געזאָגט.

— און אײַער קאָפּ געטרויט איר אים אויך? — האָט געזאָגט ליודוויק דער גאַסאוער.

— יאָ, דעם קאָפּ אויך, — האָט עגמאָנט געזאָגט.

— איך אויך, — האָט האָרן געזאָגט.

— באַרעכנט זיך, וואָס עס דערוואַרט אײַך, — האָט דער שווײַגער געזאָגט.

— איך האָב אופגעהאַנגענע צוואַנציק רעפאָרמאַטן! — האָט עגמאָנט אויסגעשריִען. — אויב זיי וועלן אופהערן מאַכן סקאַנדאַלן, וועט דער קיניג אופהערן זיך בײַזערן.

— איר רעכנט טאַקע אַזוי? — האָט אים דער שווײַגער געפרעגט.

— לאָמיר זיך באַוואָפענען מיט צוטרוי, — האָט עגמאָנט געזאָגט.

— מיט אײַזן דאַרף מען זיך באַוואָפענען, און ניט מיט צוטרוי, — האָט האָאָכסטראַטען דערווידערט.

דער שווײַגער איז אַוועק צום אַרויסגאַנג.

— אַדיע, פּרינץ אָן אַ לאַנד, — האָט אים עגמאָנט שפּאָטיש געזאָגט.

— אַדיע, גראַף אָן אַ קאָפּ, — האָט אים דער שווײַגער געענטפערט.

— פאַרשאָלטן זאָלסטו זײַן! קיניגלעכער אונטערלעקער! — האָט פאַר זיך צוגעגעבן אולענשפּיגעל.

ווי נאָר די אַדל־לײַט זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז אולענשפּיגעל אַרויסגעקראָכן פונעם קוימען און איז אַוועקגעלאָפן צו פראַטן.

— עגמאָנט איז אַ פאַרעטער, — האָט פראַט געזאָגט, — און דער אָראַנער פּרינץ איז אונדזער שוץ.

קאַפּיטל 6

וועגנ דעם, ווי אולענשפּיגעל האָט געדינט אַלס וועכטער אינ מאָנאַסטיר פונעם הייליקנ מאַרטינ

די נעוועז פונ דעם אָראַנער איז מעקוים געוואָרנ. דער הערצאָג אַלבאַ האָט זיכ אַרײַנגעריסנ מיט אַ גרויסער אַרמיי קיינ נידערלאַנד. עגמאָנטנ אונ האָרנען האָט מענ אַרײַנגעזעצט אינ טורמע. איינמאָל אינ אַ וואַרעמענ יונ־טאָג האָט מענ אינ בריסעל, אַפנ מאַרק־פּלאַצ, פּונקט אַנטקעגנ דער ראַטושע, אַוועקגעשטעלט אַ הויכנ עשאַפאָט, באַדעקט מיט שוואַרצנ געוואַנט. לעבנ דעם עשאַפאָט זײַנענ געשטאַנענ צוויי סלופּעס. צווישנ די סלופּעס איז געשטאַנענ אַ טישל מיט אַ זילבערנ סטאַטועלע פונ יעזוסנ אַפנ קרייצ. אַפנ דאָזיקנ עשאַפאָט האָט מענ געקעפּט עגמאָנטנ אונ האָרנען. זייערע קעפּ האָט מענ אַרופגעשטאָכנ אַפ די שפּיצנ פונ די סלופּעס אונ מ'האָט זיי געלאָזנ הענגענ אַפנ פּלאַצ, קעדיי אָנצושרעקנ די אופשטענדלער. אונ די יערושע פונ די געקעפּטע האָט באַקומענ דער קיניג.

דער אָראַנער פּרינצ איז אַנטלאָפנ קיינ דײַטשלאַנד. נאָר ניט לאַנג איז ער געווענ אינ דער פרעמד. אינגיכנ האָט ער, אינ דער שפּיצ פונ אַ גרויסער אַרמיי פונ געדונגענע לאַנדסקנעכט, זיכ אומגעקערט אינ זײַנ פאָטערלאַנד, קעדיי צו באַפרײַענ עס פונ די שפּאַניער. אונ אַלע אומצופרידענע זײַנענ צוגעשטאַנענ צו זײַנ אַרמיי, אַזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ דער אופשטאַנד פונ די געזנ. אָבער דאָס זײַנענ שוינ ניט געווענ יענע אַדל־לײַט, וואָס האָבנ זיכ אָנגערופנ געזנ, אַלס צייכנ פונ זייער טרײַשאַפט צום קיניג ביז דער בעטלערישער טאָרבע, — דאָס איז געווענ דאָס גאַנצע אופגעשטאַנענע פאָלק, די אַלע, וואָס האָבנ שוינ ניט געקאָנט אַריבערטראָגנ דעם יאָכ פונעם קיניג אונ פונ דער קאַטוילישער קירכ. זיי האָבנ זיכ אָנגערופנ „ווילדע געזנ", קעדיי מ'זאָל זיי אונטערשיידנ פונ די געזנ די אַדל־לײַט.

די געזנ, וואָס האָבנ נאָכ ניט באַוויזנ צו פאַרייניקנ זיכ צום פּרינצ, האָבנ זיכ אויסבאַהאַלטנ אינ די וועלדער, באַנאַכט פלעגנ זיי אַרויסגיינ פונ זייערע באַהעלטענישנ, פלעגנ אָנפאַלנ אַפ מאָנאַסטירנ אונ אָפּנעמענ בײַ די

מאָנאכנ די ווערטפולע קלויסטער־כפייצים: די לײַכטער, די גאָלדענע אונ זילבערנע טרונעס, אינ וועלכע עס איז געלעגנ דער געביינ פונ די הייליקע, אונ אנדערע ווערטפולע כפייצים. די אָפּגענומענע ווערטפולע כפייצים פלעגנ די געזנ פארטאָנ אָפ די צוועקנ פונ דער הייליקער מילכאָמע. די פּויערים פלעגנ באַזאָרגנ די געזנ מיט עסנווארג.

אולענשפּיגעל איז אינ אָט דער צײַט געווענ אינ דער שטאָט איפּר. ער האָט ווערבירט סאָלדאטנ פארנ אָראנער פּרינצ. נאָר דעם הערצאָג אלבאס געהיימ־אגענטנ האָבנ אימ פאַרפּאָלגט. ראטעווענדיק זיכ פונ זיי, איז אולענשפּיגעל אָנגעקומענ אלס וועכטער אינ דעם מאָנאסטיר פונעמ הייליקנ מארטינ.

דער אבאט פונ דעמ מאָנאסטיר איז געווענ גראָב אונ פעט, ווי א כאזער. פונ טאָג צו טאָג פלעגט ער ווערנ אלצ פעטער אונ פעטער, אונ אולענשפּיגעל האָט זיכ אינגיכנ דערוווּסט, וויאזוי דאָס געלינגט אימ.

אזייגער האלב נײַנ אינדערפרי פלעגט דער אבאט אופשטיינ פונ בעט אונ אוועקגיינ אינ קלויסטער. דאָ פלעגט ער כאפּנ א קוק אינ דער פּושקע פאר אָרעמעלײַט אונ א העלפט געלט פלעגט ער אָפּשיטנ צו זיכ אינ טײַסטער.

נײַנ אזייגער פלעגט ער עסנ מיטיק: ער פלעגט אויסטרינקענ א קריגעלע מילכ אונ אופעסנ א האלב שעפסנ־פיסל אונ א קליינעם פּאשטעט פונ בושל־פלייש. דאָס אלצ פלעגט ער פארטרינקענ מיט בריסעלער וויינ.

צענ אזייגער פלעגט ער אויסמאָקטשענ עטלעכע פלוימענ, פארטרינקענ מיט אָרלעאנער ווײַנ אונ טפילע טאָנ צו גאָט, ער זאָל אימ אָפּהיטנ פונ פרעסערײַ.

צוועלף אזייגער פלעגט ער ארומהריזענ א פליגל פונ א הונ; אָפּטמאָל פלעגט ער נאָכ פארבײַסנ מיט א הינערש פיסל.

איינס אזייגער פלעגט ער שוינ נעמענ טרוימענ וועגנ אָוונטברויט, אונ לעקאָוועד דעמ פלעגט ער אויסטרינקענ א גלעזעלע שפּאנישנ ווײַנ. דערנאָכ פלעגט ער אָפּ א ווײַלע זיכ צושפּארנ אונ אָפּרוענ.

אופגעכאפּט זיכ, פלעגט ער אופעסנ א פּיצעלע געזאלצענע לאקס־פיש — צוליב אפּעטיט — אונ פארטרינקענ עס מיט א קופל ביר. נאָכדעמ פלעגט ער אוועקגיינ אינ קיכ אונ אוועקזעצנ זיכ פארנ אויוונ, דאָרטנ זײַנענ פאָרגעקומענ מערקווירדיקע זאכנ: דאָרט האָט זיכ געבראָטנ פאר די מאָנאכנ אָקסנ־לעבער, אונ פאמעלעכ האָט זיכ געדרייט אָפּ א בראָט־שפּיז א רויט, אָפּ מילכ אויסגעהאָדעוועט, כאזערל. דער אבאט פלעגט אײַנאָטעמענ דעמ רייעכ פונעמ געבראָטנס, נאָר קיינ עמעסנ הונגער פלעגט ער נאָכ ניט פילנ. פונ לאנגווײַליקײַט וועגנ פלעגט ער נעמענ באטראכטנ דעמ בראָט־שפּיז.

דאָס שפּיזל איז געווען כיטרע געמאַכט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז עס דרייט זיך אַליין פון זיך. דערפונדן האָט עס דער שמיד פּיטער וואַן-סטעען-קיסט, און דער אַבאַט האָט אים פאַר אָט דער זעלטענער מאַשינקע באַצאָלט פופצן פאַריזער ליווּרעס.

דערנאָך פלעגט דער אַבאַט זיך ווידער צושפּאַרן. אופכאַפנדיק זיך, פלעגט ער פאַרזוכן כאַזערשע פּעטשאַ, פאַרגאָסן מיט אַזאַ זיסן ווײַן, וואָס איין פעסל האָט געקאָסט ניט ווייניקער פון צוויי הונדערט פּערציק פלאָרין.

דרײַ אַזייגער פלעגט ער אופעסן אַ לאַרכ אין מאַדערע-ווײַן, און האַלב פיר — אַ האַלב טעפל אײַנגעמאַכטס מיט האָניק. דערנאָך פלעגט בא אים ווערן אַ גוטע שטימונג, ער פלעגט זיך ווידעראַמאָל צושפּאַרן און אָפּשלאָפן אַזש ביז אָוונטברויט.

פונקט פיר אַזייגער פלעגט מען דערלאַנגען דעם אָוונטברויט. אין אָט דער אָנגענעמער שאָ פלעגט צו אים קומען דער גאַלעכ פונעם קלויסטער פונעם הייליקן יאָהאַן, און ביידע פלעגן זיי זיך זעצן צום טיש. אָפּט פלעגן זיי גיין אין געוועט — ווער פון זיי וועט אופעסן מער פיש, אויפעס און פלייש. דער, וואָס פלעגט פאַרשפּילן, פלעגט מוזן מעכאַבעד זײַן דעם געווינער מיט אַ רײַכ געבראָטנס. צו דעם געבראָטנס פלעגט מען דערלאַנגען זיבן מינים גאָרטנוואַרג און פיר מינים געווירצן. כוץ דעם פלעגט מען דערלאַנגען צום טיש דרײַ מינים הייסן ווײַן — פון די בעסטע סאָרטן.

אין דער צײַט פונעם אָוונטברויט פלעגן זיי שמועסן וועגן די אַפּיקאָרסים. ביידע האָבן געהאַלטן, אַז וויפל מע שלאָגט זיי, איז נאָכ אַלץ ווייניק. דערנאָך פלעגן זיי אַראָפּלאָזן זייערע קלוגע קעפּ אַפ זייערע הייליקע בײַכער און פלעגן אָנהייבן פּיקן מיט די נעזער. גאַנצ אָפּט פלעגט איינער פון זיי, דרעמלענדיק, אָנהייבן מורמלען, אַז דאָס לעבן איז אַן אויסגעצייכנטע זאַכ און די אָרעמעלײַט קלאָגן זיך אומזיסט אַפן לעבן. אָבער נאָכ דעם, ווי זיי פלעגן אויסמורמלען די דאָזיקע פּאָר ווערטער, פלעגן די אויגן בא זיי זיך ווידער פאַרמאַכן. און ביידע פרײַנט פלעגן אָן שום שטערונגען ווידער אַרײַנפאַלן אין אַ הייליקן דרעמל.

באַם אַבאַט איז געווען אַ גלאָקנקלינגער — אַ גוטמוטיק, פעט מענטשל מיט רויטע באַקן. גערופן האָט מען אים פּאָמפּיליוס ניומאַן.

— ווי האָסטו עס אויסגעפּאַשעט אַזאַ נישקאָשעדיק בײַכל? — האָט אים איינמאָל אולענשפּיגעל געפרעגט, — צי דען אַפ דער שטעלע באַם אַבאַט?

— יאָ, מײַן זון, — האָט אים פּאָמפּיליוס געענטפערט, — מאַכ אָקאָרשט צו די טיר אַ ביסל שטאַרקער, וועל איכ דיר אַלץ דערציילן. דו האָסט געזען, ס'אַרא גרויסער שפּײַזקאַסטן עס שטייט בא אונדז אין קיכ? אין אָט דעם קאַסטן פאַרשליסט דער אַבאַט פלייש און אַלערליי אויפעס. וואָס

איז שײַעכ װײַנ אונ ביר, האלט ער עס אינ קעלער, אָבער דער אומגליק איז דאָס, װאָס דער אבאט צעשײדט זיכ קײנמאָל ניט מיט זײַנע שליסלענ. ער טראָגט זײ שטענדיק אפנ גארטל. אפילע באנאכט, װענ ער שלאָפט, צעשײדט ער זיכ אויכ ניט מיט זײ. ארום האלבער נאכט גאנװע איכ זיכ צו אים אונטער, נעמ אראָפּ די שליסלענ פונ זײַנ בײַכל, דערנאָכ הענג איכ זײ אויפ אפ צוריק. נאָר אײנ גאָט װײסט, מײַנ זונ, אז, טוענדיק עס, האָב איכ שטארק מוירע: װײַל אויב דער אבאט װעט מיכ כאפנ, װעט ער דאָכ מיכ אופעסנ לעבעדיקערהײט.

— מע דארפ גאָר ניט גײנ צו אים אלע נאכט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — איכ װעל בא אים אראָפּנעמענ די שליסלענ נאָר אײנמאָל אונ װעל לויט זײער מוסטער מאכנ נײַע. אונ די אלטע שליסלענ װעלנ מיר לאָזנ הענגענ בא אים אפ דעמ פּעמפּיק.

— טו טאקע אזוי, מײַנ זונ, — האָט פּאָמפּיליוס געזאָגט.

אולענשפּיגעל האָט געמאכט שליסלענ. אינ דער זעלבער נאכט האָבנ בײדע פרײַנט געעפנט דעמ שפּײַז־קאסטנ אונ האָבנ ארויסגענומענ פונ דאָרט אלץ, װאָס זײער הארצ האָט געגלוסט. אולענשפּיגעל האָט געטראָגנ פלעש־לעכ, אונ פּאָמפּיליוס — פלײש: אפ דעמ פּאכדנ דעמ גלאָקנ־קלינגער האָט געציטערט די הויט, פונ שרעק האָט ער געקאָנט צעברעכנ די גלעזערנע פלעשלעכ. נאָכדעמ האָבנ זײ געמאכט א גרויסע סודע. פונ דעמלט אָנ פלעגנ זײ הוליענ אלע נאכט.

אײנמאָל נאָכ מיטיק האָט דער אבאט א רופ געטאָנ אולענשפּיגעלנ אונ פּאָמפּיליוסנ צו זיכ, ער האָט מיט א דראָענדיק פּאָנעמ געסמאָקטשעט א מארכ־בײנ אונ האָט בײז געקוקט אפ זײַנע װעכטער. פּאָמפּיליוס איז גע־שטאנענ אונ האָט געציטערט, װי א בלאט; פונ שרעק האָט זיכ בא אימ גענומענ צאפּלענ דער בויכ אינ די ברײטע הויזנ. אולענשפּיגעל איז גע־װענ רויִק אונ האָט בלויז געטאפּט אינ קעשענע די שליסלענ פונעמ מאָ־נאסטיר־קעלער.

— עפּעס א שעד טרינקט מײַנ װײַנ אונ עסט מײַנע אויפּעס, — האָט דער אבאט געזאָגט, קוקנדיק אפ אולענשפּיגעלנ. — צי ניט דו ביסט עס דער שעד, מײַנ זונ?

— איכ ניט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— אונ דער גלאָקנ־קלינגער? — האָט דער אבאט פּאָרגעזעצט. — ער איז בלײכ, װי א מעס. דער געגאנװעטער װײַנ ברענגט אימ, אפּאָנעמ, קנאפּע נוצנ.

— עכ, הײליקער פּאָטער, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — אומזיסט זײַט איר כוישעד דעמ גלאָקנ־קלינגער, ער איז בלײכ דערפאר, װײַל ער עסט אונ טרינקט זײער װײניק. ער װערט פונ טאָג צו טאָג שװאכער אינ געזונט, אונ אײנ גאָט װײסט, צי ער װעט לאנג ציִענ.

— נעבעכ, — האָט דער אבאט געזאָגט און ער האָט א קער געטאָנ אינ האלדז ארייַנ א בעכער ווייַנ, — אָבער זאָג מיר, מייַנ זונ, דו האָסט דאָכ קעצישע אויגנ, איז צי דענ האָסטו גאָר קיינמאָל ניט באמערקט דעם גאנעוו?

— פונ הייַנט אָנ וועל איכ אופמערקזאם היטנ דעם קעלער, הער אבאט, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

— זאָל אייַכ דער אייבערשטער בענטשנ, קינדער, — האָט דער אבאט געזאָגט, — פארגעסט ניט, אז מע דארפ זייַנ אייַנגעהאלטנ, און אז פרעסערייַ און זויפערייַ — איז די מוטער פונ אלע אווייַרעס. גייט געזונטערהייט!

דער אבאט האָט זיי געבענטשט. דערנאָכ האָט ער גענומענ א נייַעמ ביינ, אויסגעסמאָקטשעט פונ אים דעם מארכ און פארטרונקענ מיט א גלעזל ווייַנ.

אולענשפּיגעל און פּאָמפּיליִוס זייַנענ ארויס.

— אָט א קארגער! — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — ער האָט אפילע געזשאלעוועט אונדז געבנ צו גלעזלעכ ווייַנ. נו, מיילע, איכ וועל אימ דערפאר אָפּטאָנ א שפּיצל!... נאָר וואָס איז מיט דיר, פּאָמפּיליִוס, וואָס שרייסלסטו זיכ אזוי? קוק פריילעכער! הייַנט באנאכט וועט זייַנ א שטיקל ארבעט. מירנ אָנטרינקענ אלע שטאָטישע וועכטער און וועלנ אייַנייַנעמ מיט זיי א הוליע טאָנ, אז ס'וועט גייַנ א רויכ, אָט וועט עס זייַנ א סימכע!

זיי האָבנ טאקע אזוי געטאָנ.

עס האָט זיכ דערנעענטערט דער טאָג פונעם הייליקנ מארטינ. דעם קלויסטער האָט מענ לעקאָוועד יאָנטעוו פארפּוצט. באנאכט זייַנענ אולענשפּיגעל און פּאָמפּיליִוס ארייַנ אינ קלויסטער. זיי האָבנ אָנגעצונדנ אלע ליכט, אָפּגעטאָנ אלצ אזוי, ווי זיי האָבנ פארקלערט. און נאָכדעמ האָבנ זיי זיכ אומגעקערט אהיימ. ניט געקוקט אפּ דעם, וואָס עס איז שויג געווענ שפּעט אינ דער נאכט, איז דער אבאט נאָכ ניט געשלאָפנ. ער האָט געהריזעט א פליגל פונ א דראָסל און האָט עס פארטרונקענ מיט רייַנ־ווייַנ.

— הער אבאט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — איכ האָב זיכ דערוווּסט, ווער עס גאנוועט אייַער עסנווארג. גיט נאָר א קוק אינ פענצטער.

דער אבאט האָט א קוק געטאָנ אינ פענצטער און האָט דערזענ, אז דער קלויסטער איז העל באלויכטנ.

— גאָט מייַנ גאָט, — האָט ער אויסגעשריִענ, — צי דענ ברענט עס דער הייליקער מארטינ אונדזערע ליכט באנאכט און ער צאָלט גאָרנישט ניט אָפּ דערפאר?

— ער טוט אָפּ נאָכ שפּיצלעכ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — קומט אָקאָרשט מיט אונדז.

דער אבאט האָט גענומענ זייַנ שטעקנ, און אלע זאלבעדריט זייַנענ אוועק אינ קלויסטער.

דאָרטנ האָבנ זיי אינ אלטאר דערזענ א מערקווירדיק בילד. די סטאַטועס פונ די הייליקע זײַנענ ארויס פונ זייערע נישעס אונ האָבנ זיכ צונויפגענומענ אינ איינ קרײַז. דער הייליקער מארטינ — ער איז געווענ אפ א קאָפּ העכער פונ אלע איבעריקע הייליקע — איז געשטאנענ אינמיטנ אונ האָט געהאלטנ אינ דער האנט, וואָס איז געווענ אופגעהויבנ אפ צו בענטשנ, א געבראָטענע אינדעטשקע. אנדערע הייליקע האָבנ געהאלטנ אינ די הענט הינער, גענדז, בא אייניקע האָבנ ארויסגעסטארטשעט פונ מויל שטיקער וורשט אונ געבראָטענע פיש. בא די פיס פונ איטלעכער סטאטוע איז געשטאנענ א פלעשל ווײַנ.

דער אבאט האָט פונ קאס פארגעסנ אפ וואָסער וועלט ער איז. זײַנ פּאָנעם האָט זיכ אָנגעבלאָזנ אונ אָנגעגאָסנ מיט בלוט. ער איז צוגעגאנגענ צום הייליקנ מארטינ (ער האָט אימ, אפּאָנעם, געהאלטנ פארנ הויפּט־גאנעוו), ארויסגעריסנ בא אימ פונ האנט די אינדעטשקע אונ מיט אלע קויכעס א זעצ געטאָנ אימ מיטנ שטעקנ. בא דער סטאטוע איז צעבראָכנ געוואָרנ די האנט, די נאָז אונ עס איז אפ פּיצ־פּיצלעכ זיכ צעפלויגנ די מיטרע.

אנדערע הייליקע האָבנ אויכ באקומענ, לויט ווי זיי האָבנ פארדינט. איינער האָט פארלאָרנ די הענט, א צווייטער — די פיס, א דריטער — די מיטרע, א פערטער — דעמ שטעקנ, א פינפטער — דעמ צײַלעמ, דערנאָכ האָט דער אבאט זיכ א וואָרפ געטאָנ צו די לײַכטער אונ גענומענ פארלעשנ איינ ליכט נאָכ דער אנדערער.

ווענ אלצ איז געווענ פארענדיקט, האָט ער צונויפגענומענ דאָס פליישׁ, די אויפעס אונ די וורשט אונ האָט זיכ אומגעקערט אהיימ, אָנ קויכעס פונ דער שווערער לאסט. ער איז געווענ אזוי דערשיטערט, אז ער האָט אויסגעטרונקענ נאָכאנאנד דרײַ פלעשלעכ ווײַנ.

ווי נאָר ער איז אנשלאָפנ געוואָרנ, האָט אולענשפּיגעל זיכ ארײַנגעגאנוועט צו אימ אינ שלאָפצימער אונ האָט אוועקגעטראָגנ אינ א שענק אלצ, וואָס דער אבאט האָט אָפּגענומענ בא די הייליקע. אינ שענק האָט ער מיט זײַנע גוטע־ברידער פּײַנ א הוליע געטאָנ. נאָכ דער הוליאנקע האָט ער צונויפגעקליבנ די רעשטלעכ, אוועקגעטראָגנ זיי אינ קלויסטער אונ אוועקגעלייגט לעבנ די סטאטועס.

אפ מאָרגנ, ווענ פּאָמפּיליוס האָט געקלונגענ צו דער פרימאָרגנ־טפילע, האָט אולענשפּיגעל ווידער געבראכט דעמ אבאט אינ קלויסטער ארײַנ.

— איר האָט זיכ אומזיסט באמיט, הער אבאט, — האָט ער געזאָגט, ווײַזנדיק אפ די רעשטלעכ, — זיי האָבנ פונדעסטוועגנ אָפּגעגעסנ אָונטברויט.

— יאָ, — האָט דער אבאט געזאָגט, — די דאָזיקע גאנאָווימ זײַנענ פארקראָכנ צו מיר אינ שלאָפצימער אונ האָבנ צוגעגאנוועט אלצ, וואָס איכ

האָב בא זיי אָפּגענומען. אָט ס'ארא שיינע מענטשן איר זײַט, הערנ הײ־ ליקע! איכ וועל זיכ קלאָגנ אפ אײַכ פאר דעמ פויפּסט!

— הער אבאט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — איבערמאָרגנ דארפ בא אונדז פּאָרקומענ די פּראָצעסיע לעקאָוועד דעמ הײליקנ מארטינ. עס וועלנ זיכ צונויפקלײַבנ אלע קלויסטער־באַוזכער. איז וואָס וועלנ זיי א קלער טאָנ, דערזעענדיק די דאָזיקע צעבראָכענע הײליקע? זעט אָקאָרשט, מע זאָל אײַכ ניט באַשולדיקנ אינ גאָטלעסטערונג!

— אָ, הײליקער מארטינ, — האָט דער אבאט ארויסגעמורמלט אינ שרעק, — ראטעווע מיכ פונעמ שײַטער! איכ האָב ניט געוווסט, וואָס איכ טו!

— הער אבאט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — ביז זונטיק וועלנ מיר אַלציינס ניט באַוויזנ צו פאריכטנ די סטאטועס. מע וועט מוזנ צוטראכטנ א שפּיצל. מיר וועלנ צוקלעפּנ פּאַמפּיליוסנ א באָרד, אָנטאָנ אפ אימ א מיטרע, א סטיכאר אונ אלע איבעריקע הײליקע זאכנ. אונ קיינער וועט גאָר ניט דערקענענ, אז ער איז ניט דער הײליקער מארטינ.

דער אבאט איז אוועק צו פּאַמפּיליוסנ, וועלכער האָט נאָכ אלץ גע־ קלונגענ אינ די גלעקער.

— הער אופ צו קלינגענ, — האָט ער אימ געזאָגט, — הער אויס, פּאַמפּיליוס. ווילסט פארדינענ פּופּצנ דוקאטנ? זונטיק, אינ טאָג פונ דער פּראָצעסיע, וועסטו זײַנ דער הײליקער מארטינ. אולענשפּיגעל וועט דיכ אָנטאָנ אינ דעמ הײליקנס קליידער. מע וועט דיכ אוועקשטעלנ אפ א טראָג־בעטל אונ פיר טרעגער וועלנ דיכ טראָגנ. אָבער געדענק, אויב דו וועסט מאכנ כאָטש איינ באַוועגונג, וועל איכ דיכ אויסקאָכנ א לעבעדיקנ אינ זודיקנ בוימל.

זונטיק, אינ א ווארעמענ זונענ-טאָג, איז די פּראָצעסיע ארויס פונ קלויסטער.

אולענשפּיגעל האָט ווי-ניט־איז פאריכט די הײליקע, אונ אצינד האָבנ זיי זיכ געוויגט אפ זייערע טראָג-בעטלעכ צווישנ די צעכ-פאָנעס. הינטער די הײליקע האָט מענ געטראָגנ די סטאטוע פונ דער מאדאָנע, הינטער דער מאדאָנע זײַנענ געגאנגענ מיידלעכ אינ ווײַסע קליידער, נאָכ זיי בויגנשיסער, אונ צומ סאָפ האָט זיכ געוויגט אפ א טראָג־בעטל פּאַמפּיליוס, אָנגעטאָנ אינ דער שווערער מאנטיע פונעמ הײליקנ מארטינ.

א קורצע צײַט פאר דער פּראָצעסיע האָט אולענשפּיגעל אויסגעבעטנ בא א באקאנטנ אפּטייקער א קעסטעלע בײַסעניש־פּראָשעק. ס'איז געווענ גענוג אָנצושיטנ פונ דעמ פּראָשעק עטוואָס אפנ לײַב, אז דער מענטש זאָל זיכ נעמענ שרעקלעכ קראצנ. אולענשפּיגעל איז אומגעלאָפנ איבערנ קלויסטער. ער האָט אָנגעטאָנ פּאַמפּיליוסנ אינ בישאָפ-קליידער, ער האָט דערלאנגט די גאלאָכימ זייערע מאלבושימ — אפ איינעמ האָט ער ארופ־

געוואָרפֿן די עפּיטראַכיל, א צווייטן האָט ער פֿאַריכט די ריאַסע, אַפֿ די דיאַקעס האָט ער אָנגעטאָן די סטיכאַרעס. ער איז אומגעלאָפֿן אַהין און אַהער, בא איינעם פֿאַריכט א קנייטש פֿון א קאַמזאָל, באַם צווייטן אופֿגעהויבן די שלייקעס פֿון די הויזן. ער האָט אויך ניט פֿאַרגעסן די כעוורע בויגנשיסער: ער האָט אופֿמערקזאַם באַטראַכט זייערע ריזיקע אַרבאַלעטן און די שרעקלעכ אויסגעבויגענע פֿײַלנבויגנס. און אַלעמען, וועמען עס האָט זיך נאָר געמאַכט, האָט ער אַרײַנגעשאָטן זײַן פּראָשעק: איינעם — הינטערן קאָלנער, א צווייטן — אין אַרבל. די גרעסטע פּאָרציע פּראָשעק האָבן באַקומען דער אַבאַט גופֿע און די פֿיר טרעגער פֿונעם הייליקן מאַר־טין. בלויז די מיידלעך אין די ווײַסע קליידער האָט אולענשפּיגעל געשוינט. ער איז אַפֿילע צו זיי נאָענט ניט צוגעגאַנגען מיט זײַן טײַוואָלאַנישן פּראָשעק.

מיט פֿלאַטערנדיקע קלויסטער־פֿאָנען, אין פֿולקומער אָרדענונג, האָט די פּראָצעסיע זיך געלאָזט גיין איבער די שטאָטישע גאַסן. דער אוילעם האָט זיך פֿרום געצייילעמט, די זון האָט געגומען באַקן.

דער אַבאַט האָט פֿריִער פֿון אַלעמען דערפֿילט די ווירקונג פֿון דעם פּראָשעק, און ער האָט לײַכט א קראַץ געטאָן הינטערן אויער. נאָך אים האָבן זיך גענומען קראַצן אַלע איבעריקע — די גאַלאָכים, טרעגער און בויגנ־שיסער. זיי האָבן זיך געקראַצט פֿאַרזיכטיק, קעדיי אַנדערע זאָלן עס ניט באַמערקן. מער פֿאַר אַלעמען האָט זיך געמאַטערט דער גלאָקן-קלינגער. ער איז געשטאַנען העכער פֿון אַלעמען, די זון האָט אים געבאַקט שטאַר־קער, און דער גאַנצער קערפּער האָט אים שרעקלעך געביסן. אָבער א ריר טאָן זיך האָט ער ניט געוואַגט: ער האָט מוירע געהאַט, אַז מע וועט אים א לעבעדיקן אין בוימל אויסקאָכן. ער האָט געקנייטשט די נאָז, גע־מאַכט די שרעקלעכסטע טנועס און איז קוים געשטאַנען אַפֿ די פֿיס.

מיט שטימען, וואָס האָבן געציטערט פֿון דער שרעקלעכער בײַסעניש, האָט געזונגען דער קלויסטער-כאָר. די זון האָט גענומען באַקן נאָך שטאַר־קער. דער אַבאַט און די פֿיר טרעגער האָבן זיך שוין מער ניט אײַנגע־האַלטן — זיי האָבן זיך געקראַצט אַזוי, אַז זיי האָבן זיך צעדראַפּעט די גאַנצע הויט.

פֿלוצלינג האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט — די בויגנשיסער, די גאַלאָכים, די טרעגער — און זיך גענומען קראַצן. נאָר איין פֿאָמפּיליוס איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך. דער אוילעם האָט געשמועסט, אַז דער הייליקער מאַרטין האָט אויסגעשטעלט זײַנע בייזע אויגן און קוקט מיט שרעק אַפֿן האַמוין.

אָנגעקראַצט זיך וויפֿל דאָס האַרץ האָט געגלוסט, האָט די פּראָצעסיע זיך געלאָזט גיין ווײַטער.

אָבער אײַגיכן האָט די זון גענומען באַקן אַזוי שטאַרק, אַז די ווירקונג פֿונעם פּראָשעק איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. מיטאַמאָל האָט דער אוילעם

דערזען, אז די גאלאַכים, בויגנשיסער, טרעגער און דיאַקעס האָבן זיך צו־נויפגענומען אין איין קופע, אזוי ווי א סטאדע מאלפעס, האָבן זיך אָפּ־געשטעלט, און פארגעסנדיק דעם ביזויען, האָבן זיי זיך גענומען קראצן אין די ערטער, וווּ עס האָט זיי געביסן. בלויז די מיידלעך האָבן געזונגען זייערע הימנען, און זייערע פרישע שטימען האָבן זיך אופגעהויבן צום לויטערן הימל.

ביסלעכווייַז זייַנען זיך אלע צעלאָפן. דער אבאט האָט קוים געראטע־וועט דעם הייליקן קרוג. דער אוילעם האָט אוועקגעטראָגן אין קלויסטער די קלויסטער־פאָנען. וואָס איז שייַעך פאמפיליוסן, האָבן די טרעגער אים א שלייַדער געטאָן אפ דער ערד און איבערגעלאָזן אים אינמיטן גאס. דער אָרעמער גלאָקן־קלינגער איז געלעגן, נים וואגנדיק א קראצ טאָן און א ריר טאָן זיך. די אויגן זייַנען בא אים געווען צוגעמאכט.

צווייַ יינגלעך האָבן אים געוואָלט אוועקטראָגן אין קלויסטער, נאָר ער איז געווען צו שווער פאר זיי. די יינגלעך האָבן אים אוועקגעשטעלט אפ די פיס און צוגעשפארט צו א ווענטל. טרערן ווי באָב האָבן זיך געקייַקלט איבער די באקן פונעם אָרעמען גלאָקן־קלינגער.

ארום אים האָט זיך צונויפגעקליבן א גרויסער אוילעם. די פרויען האָבן אים אויסגעווישט דאָס פאָנעם מיט נאָזטיכלעך, קעדיי צונויפנעמען אין זיי די הייליקע טראָפנס.

— אָ, הייליקער מארטין, ווי אַיַך איז הייס! — האָבן זיי געזאָגט.

דער גלאָקן־קלינגער האָט אומעטיק געקוקט אפ זיי, און זייַן פאָנעם האָט זיך געקרימט. טייַכן טרערן זייַנען גערונען פון זייַנע אויגן.

— אָ, הייליקער מארטין, — האָבן די פרויען געטייַנעט, — צי דען באַ־ווייַנט איר עס אונדזער זינדיקע שטאָט? פארוואָס קנייטשט זיך אזוי אייַער כאָשעווע נאָז? ס'ארא גרויסע טרערן סע רינען פון אייַך! זיי זייַנען ענלעך אפ גלאנציקע פערל.

פלוצלינג האָט עמעצער א געשריי געטאָן:

— לאָזט דורך, דער קלויסטער־וועכטער גייט!

אולענשפיגעל איז צוגעגאנגען, האָט ארופגעוואָרפן פאמפיליוסן אפ די אקסלען און האָט אים אוועקגעטראָגן. דער האמוין פרומאקעס איז אוועק נאָך אים.

— אוי, — האָט א זאָג געטאָן אולענשפיגעלן אפן אויער דער אָרעמער גלאָקן־קלינגער. — עס בייַסט מיך א שרעק, איך שטארב מאמעש, מייַן זון.

— האלט זיך גלייַך, — האָט אולענשפיגעל אים געענטפערט, — האָסט דען פארגעסן, אז דו ביסט די סטאטוע פונעם הייליקן מארטין?

אין מאָנאסטיר האָט זיי באגעגנט דער אבאט. פון דער נאָכאנאנדיקער קראצעניש איז ער געווען צעדראפעט ביז בלוט.

— גלאָקן־קלינגער, — האָט ער געזאָגט צו פּאַמפּיליוסן, — האָסט זיך גע־קראַצט אָדער ניט?

— ניין, הער אבאט, כ׳האָב זיך ניט געקראַצט.

— עפּשער האָסטו גערעדט, אָדער זיך א ריר געטאָן פון אָרט?

— ניין, הער אבאט, איך האָב זיך פון אָרט ניט גערידט.

— אויב אזוי, — האָט דער אבאט געזאָגט, — איז באַקום דײַנע פּופּצן דוקאַטן און גיי זיך קראַצן.

אַף מאָרגן האָט אולענשפּיגעל דערציילט אַלע קלויסטער־באַזוכער וועגן זײַן שפּיצל, די גאַנצע שטאָט האָט זיך דערוווּסט, ווי דער אבאט האָט זיך אָפּגערעכנט מיטן הייליקן מאַרטין און ווי ער האָט געדונגען א פּאַרטרעטער פונעם הייליקן פאַר פופצן דוקאַטן. און פון יענעם טאָג אָן זײַנען א סאַך בירגער געוואָרן אַפּיקאָרסים. און זיי זײַנען צוזאַמען מיט זייער גאַנצן פאַרמעגן אַרײַנגעטראָטן אין דער אַרמיי פון דעם אָראַנער פּרינץ.

קאפיטל 7

וועגן דעם, ווי אולענשפּיגעל איז געוואָרן א האָרבאַטער און האָט זיך אויסגעהיילט פון זײַן קרענק

אין סענטיאבער כוידעש איז דער אָראנער פּרינץ מיט זײַן געדונגע־נער ארמיי אריבערגעגאנגען דעם טײַך ריין. אָבער אומזיסט האָט ער גע-פּרוווט זיך צו באגעגענען מיט אלבאן: אלבא האָט אפּ אלערליי אויפאנים זיך באמיט אויסצומײַדן א שלאכט. מיט לאנגע מארשן האָט אלבא קונציק פארמאטערט דעם קעגנער. ער האָט געווארט אפּ דעם מאָמענט, ווען דעם אָראנערס געדונגענע לאנדסקנעכט וועלן זיך צעלויפן אהיים. בלויז איין־מאָל האָט דעם אָראנערס ברודער, לידוויג, געהאט א צוזאמענשטויס מיט די שפּאניער. נאָר ער האָט געליטן א שרעקלעכע מאפּאָלע. אקוראט פארן שלאכט האָבן זײַנע געדונגענע לאנדסקנעכט גענומען פאָדערן, מע זאָל זיי אויסצאָלן סכירעס. און ניט באקומענדיק קיין סכירעס, האָבן זיי זיך אָפּגע־זאָגט צו גיין אין שלאכט. לידוויג האָט פארלאָרן צוואנציק פאָנען, זעכצן הארמאטן און אָנדערהאלבן טויזנט פערד.

אולענשפּיגעל האָט אין דער צײַט אומגעוואנדערט איבער וואלאָניע. ער האָט געפּרוווט אײַנריידן די דאָרטיקע בירגער, זיי זאָלן זיך אופהייבן צום קאמף קעגן די שפּאניער. אָבער זײַן טירכע איז געווען אן אומזיסטע. די וואלאָנער האָבן אים אפילע ניט געוואָלט הערן: זיי זײַנען געווען פאר פּיליפּן.

גייענדיק מיטן וועג, האָט אולענשפּיגעל באגעגנט אין דער אומגעגנט פון דער שטאָט בוליאָן אָן א שיר האָרבאטע מענטשן. דאָ זײַנען געווען רײַכע און אָרעמע, אלטע און יונגע, מענער און פרויען. אלע זײַנען זיי געגאנגען און האָבן פרום מיספּאלעל געווען. און זייערע טפילעס זײַנען געווען ענלעך צום קוואקען פון פרעש.

— וווהין גייען עס די דאָזיקע אומגליקלעכע? — האָט אולענשפּיגעל א פרעג געטאָן איינעם פון די דאָזיקע האָרבאטע פּיליגרימען.

— צום קייווער פונעם הייליקן רעמאקל, — האָט דער הויקער געענט-

פערט, — מיר גייען טפילע טאָן צום הייליקן רעמאקל, ער זאָל באפרייען אונדזערע רוקנס פון דער דאָזיקער מיִעסער לאסט.

— דער בלוטיקער הערצאָג איז פאר אונדזער לאנד געגליכן צו א בלייענעם הויקער, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט. — איז עפשער קאָן דער הייליקער רעמאקל אונדז באפרייען פון זיין דורכלויכט, דעם הערצאָג, אויך?

— אזוינע הויקערס, וואָס דער אייבערשטער גיט אונדז, ווי א שטראָף, נעמט דער הייליקער רעמאקל ניט אראָפ, — האָט דער פּילִיגרים געענטפערט.

— וועלכע זשע הויקערס נעמט ער יאָ אראָפ? — האָט אולענשפיגעל געפרעגט.

— אלע איבעריקע, אויב זיי זיינען נאָך ניט אינגאנצן הארט געוואָרן. און איטלעכס מאָל, ווען עס קומט פאָר אזא נעס, מאכט מען אין שטאָט א גאנצן יאָנטעוו. איטלעכער פּילִיגרים גיט דעם אויסגעהיילטן א זילבערנע אָדער גאָלדענע מאטבייע, ווייל דער אויסגעהיילטער אליין ווערט אויך א הייליקער און זיין טפילע הייבט אָן העלפן אויך אנדערע האָרבאטע.

— הייסט עס, אז דער הייליקער רעמאקל פאָדערט געלט פאר אויס-היילן א הויקער, אזוי ווי אן אפטייקער? — האָט אולענשפיגעל געפרעגט.

— דאָס איז גאָטלעסטערונג! — האָט דער פּילִיגרים אָנגעהויבן שרייען, און דער הויקער אפ זיין רוקן האָט זיך בא אים גענומען טרייסלען. — דער הייליקער רעמאקל וועט דיך באשטראָפן, מיִעסער אפּיקוירעס דו איינער!

— אוי וויי איז מיר! — האָט אולענשפיגעל אויסגעשריִען און ער איז געפאלן אפ דר'ערד, אן איינגעהויקערטער.

— קוקט, קוקט! — האָט א געשריי געטאָן דער פּילִיגרים, וויינדיק אפ אולענשפיגעלן. — אָט ווי דער הייליקער רעמאקל באשטראָפט פאר גאָט-לעסטערונג!

און אולענשפיגעל האָט זיך געוואלגערט אפ דר'ערד, געקראצט דעם רוקן און געקרעכצט:

— הייליקער רעמאקל, האָב אפ מיר ראכמאָנעס! איך פיל, אז דו האָסט מיך באשטראָפט! אָ, ווי דער רוקן טוט מיר וויי! איי, איי, זיי מיר מויכל, הייליקער רעמאקל! גיי אוועק פון מיר, פּילִיגרים! לאָז מיך איבער איינעם אליין! לאָז מיך, דעם גרויסן זינדיקן, טשוווע טאָן, קיינער זאָל ניט זען!

דער פּילִיגרים איז אין איין שרעק אוועקגעלאָפן אין שטאָט און האָט דערציילט אלע האָרבאטע, וואָס פאר א גרויסער נעס איז פאָרגעקומען בא אים פאר די אויגן.

— הייליקער רעמאקל! — האָבן זיך צעשריִען די פּילִיגרימען. — אויב דו קענסט מאכן א הויקער, הייסט עס, אז דו קענסט אויך אראָפנעמען א הויקער. נעם זשע אראָפ אונדזערע הויקערס, אונדזער האר, הייליקער רעמאקל!

אולענשפּיגעל איז דערוויַיל צוגעגאַנגען צום עק שטאָט. באַם אַריַינגאַנג אין איינעם אַ שענקל זיַינען געהאַנגען אַף אַ שטעקן צוויי כאָזערשע פּענ-כערס. אולענשפּיגעל האָט אַראָפּגעריסן איין פּענכער, אָנגעגאָסן אין אים אַ ביסל בלוט, אָנגעבלאָזן אים און פאַרדרייט מיט אַ פאָדעם. דערנאָך האָט ער אופגעהויבן אַפן וועג אַן אָפּגעהריזעטן רוקנביין פון אַ קאַמבאַלע־רוקן און דאָס אַלץ — דעם פּענכער און דעם קאַמבאַלע־רוקן האָט ער צוגעבונדן צו זיך אַפן רוקן און באַהאַלטן אונטער די קליידער. מיט אַזאַ אויסזען איז ער, אַן אײַנגעהויקערטער און אַן אומגליקלעכער, געקומען צו גיין אַפן שטאָטישן פּלאַץ.

— אָט איז ער, דער גאָט־לעסטערער! — האָט, דערזעענדיק אים, אויס־געשריַען דער באַקאַנטער פּיליגרים און האָט אָנגעוויזן אַף אים מיטן פינגער.

די האָרבאַטע האָבן זיך צונויפגעקליבן פון אַלע זיַיטן, קעדיי אַ קוק צו טאָן אַף זייער נײַעם כאָווער.

אָבער אולענשפּיגעל האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ און טרויעריק גע־טיַינעט:

— אָך, האָט אַף מיר קיין ראַכמאָנעס ניט, גוטע מענטשן! דערהאַרגעט מיך, ווי אַ משוגעגענעם הונט.

— אָט איז נאָך אַ יונג צוגעקומען אין אונדזער כעווערע, — האָבן די האָרבאַטע געשמועסט מיט פרייד, ריַיבנדיק די הענט.

— וואַרט אַ וויַילינקע, איר בייזע באַשעפענישן, — האָט אַ מורמל גע־טאָן דורך די ציין אולענשפּיגעל, און ער האָט ווידער גענומען וויינען און קלאָגן:

— איך וועל גאָרנישט ניט עסן און ניט טרינקען, ביז וואַנען דער הייַ־ליקער רעמאַקל וועט מיך נים אויסהיילן.

דער קלאַנג וועגן דעם גרויסן נעס איז דערגאַנגען צום קאַנאָניק. ער איז געווען אַ הויכער, יאָדערדיקער און שלאַנקער מענטש. אופהייבנדיק זיַין נאָז, האָט ער, אַזוי ווי אַ שיף, זיך אַריַינגעשניטן אין דעם האַמוין און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אולענשפּיגעלן.

— דאָס האָט אַף דיר, אומגליקלעכער, זיך אויסגעגאָסן דעם הייליקן רעמאַקלס צאָרן? — האָט ער אַ פרעג געטאָן אולענשפּיגעלן.

— אַף מיר, הער קאַנאָניק! — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט, — און איך טו טפילע צום הייליקן רעמאַקל, ער זאָל אַראָפּנעמען פון מיר דעם דאָזיקן הויקער: ער איז נאָך אינגאַנצן אַ ווייכער.

דער קאַנאָניק האָט טייקעף דערפילט, אַז אין די דאָזיקע ווערטער ליגט עפּעס אַ שפּיצל.

— לאָז מיך נאָר, כ׳וועל אַ טאַפּ טאָן דײַן הויקער, — האָט ער גע־זאָגט צו אולענשפּיגעלן.

— גיט אים טאקע א טאפ, הער קאנאָניק.

— עמעס, ער איז נאָכ גאָר א פרישער, — האָט דער קאנאָניק געזאָגט, ארײַנרוקנדיק די האנט הינטער אולענשפיגעלס רעקל, — איכ האָפ, אז דער הייליקער רעמאקל וועט דיר העלפנ, גיי נאָכ מיר.

זיי זײַנען ארײַנ אינ קלויסטער. די האָרבאטע זײַנען געלאָפנ הינטער אולענשפיגעלנ און האָבנ געשריִענ:

— אָט איז ער! אָט איז ער, דער אפיקורעס, דער גאָטלעסטערער! נו, שיינער באָכער, גוט צו האָבנ א הויקער אפנ רוקנ? דאָס גאנצע לעבנ האָסטו געלאכט פונ אונדז, ווײַל אליינ ביסטו געווענ שלאנק, ווי א שטעקנ, אצינד לאכנ מיר פונ דיר. רומ דעמ האר דעמ הייליקנ רעמאקל!

דער קאנאָניק האָט ארײַנגעפירט אולענשפיגעלנ אינ א קליינער קאפעלע. אינמיטנ קאפעלע איז געשטאנענ א מארמאָרנער קייווער. צווישנ דעמ קייווער און דער וואנט איז געווענ א שמאָלער דורכגאנג. א מענטש האָט זיכ דאָ בלויז מיט גרויס מאטערניש געקאָנט דורכשטופנ. דאָ, אינעמ דאָזיקנ דורכגאנג, האָט זיכ ארומ דעמ קייווער געצויגנ א לאנגע ריי האָרבאטע. איטלעכער פונ זיי האָט זיכ געסטארעט א קראצ טאָנ זײַנ הויקער אָנ דער מארמאָרנער פליטע. די גליקלעכע, וואָס דאָס האָט זיכ זיי אײַנגעגעבנ, האָבנ בעשומויפנ ניט געוואָלט צולאָזנ קיינ אנדערע אפ זייער אָרט. זיי האָבנ זיכ שטילערהייט געגעריקט און געקניפנ איינער דעמ אנדערנ ביז ווייטעק: טומלענ אינ דעמ דאָזיקנ הייליקנ אָרט האָט קיינער ניט געוואגט.

דער קאנאָניק האָט געהייסנ אולענשפיגעלנ ארופקריכנ אפ דער פליטע, קעדיי אלע האָרבאטע פיליגרימענ זאָלנ אימ זענ.

— איכ קאָנ אליינ ניט ארופקריכנ, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט.

דער קאנאָניק האָט אימ געהאָלפנ, נאָכדעמ איז ער אליינ אויכ ארופגעקראָכנ און האָט געהייסנ אולענשפיגעלנ זיכ שטעלנ אפ די קני.

— קינדער און ברידער קריסטנ! — האָט ער געזאָגט, — אָט זעט איר פאר זיכ א נידערטרעכטיקנ גאָטלעסטערער, אפ וועלכנ דער הייליקער רעמאקל האָט אויסגעגאָסנ זײַנ צאָרנ.

— Conjiteor[1] — האָט אויסגעשריִענ אולענשפיגעל, שלאָגנדיק זיכ אינ הארצנ.

— עס איז געווענ א צײַט, — האָט דער קאנאָניק פאָרגעזעצט, — ווענ אָט דער מענטש איז געווענ גלײַכ און שלאנק, אזוי ווי דאָס העלדזול פונ אנ אלעבארדע. ער האָט שטאָלצירט און זיכ איבערגענומענ דערמיט. און

1 דאָס ערשטע וואָרט פונ דער לאטיינישער טשוווע־טפילע: „איכ טו טשוווע!“

אָט, זעט נאָר, ווי ער זעט אויס אצינד. ער האָט זיך אײַנגעהויקערט און אײַנגעבויגן נאָך דעם, ווי דער אייבערשטער האָט אים פֿאַרשאָלטן.

— Confiteor, — האָט אויסגעשריִען אולענשפּיגעל, — האָט ראַכמאָנעס אף מיר, דעם אָרעמען זינדיקער.

— אָ, הײליקער רעמאַקל! — האָט דער קאַנאָניק פֿאַרגעזוצט, — נאָך דײַן רומפֿולן טויט האָסטו געטאָן נײַן און דרײַסיק ניסים! הייל זשע אויס דעם הויקער באַ דעם דאָזיקן זינדיקער! און מיר וועלן דיך לויבן אף דויר־דוירעס! שיק צו די האָרבאַטע אַ ישועה!

— שיק צו די האָרבאַטע אַ ישועה! — האָבן אין איין קאָל אויסגעשריִען די האָרבאַטע. — לאָז אונדז אָפּרוען פֿון די הויקערס און פֿון לײַטישן געלעכטער! נעם אַראָפּ פֿון אונדז די הויקערס, האַר הײליקער רעמאַקל!

דער קאַנאָניק האָט געהייסן אולענשפּיגעלן אַראָפּקריכן פֿון פּליטע און אַ קראַצ טאָן דעם הויקער אָן דעם ראַנד פֿונעם קייווער.

— Confiteor, — האָט אולענשפּיגעל געמורמלט, אַראָפּקריכנדיק פֿון דער פּליטע, און פֿאַר אַלע פּיליגרימען אין די אויגן האָט ער גענומען רײַבן דעם הויקער אָן דעם שטיין.

— קוקט אף זײַן הויקער, ער גייט אַראָפּ! — האָבן די פּיליגרימען אָנגעהויבן שרײַען.

— זעט, פֿון דער רעכטער זײַט ווערט ער קלענער!

— ער קריכט אַרײַן אין ברוסט!

— ניט עמעס! ער קריכט אַרײַן אין מאָגן און ווערט דאָרטן איבער־געקאָכט אָנשטאָט שפּײַז!

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער געשריי. אולענשפּיגעל האָט אָנגעקוועטשט דעם פּענכער אָן דעם שטיין, און דער פּענכער האָט געפּלאַצט. אף זײַן רעקל האָבן זיך באַוויזן גרויסע בלוט־פֿלעקן. אולענשפּי־געל האָט זיך אויסגעגלײַכט ווי גרויס ער איז, אויסגעשטרעקט די הענט און אויסגעשריִען:

— איך בין אויסגעהיילט!

— אַ נעס! אַ נעס! — האָבן אָנגעהויבן שרײַען די האָרבאַטע פּילי־גרימען, — דער הײליקער רעמאַקל האָט דערהערט זײַן טפֿילע. פֿאַרוואָס זשע הערסטו ניט אונדזער טפֿילע, הײליקער רעמאַקל? באַפֿרײַ אונדז פֿון די הויקערס!

— איך וועל דיר שענקען אַ קעלבל! — האָט איין הויקער צוגעזאָגט.

— איך וועל דיר ברענגען זיבן שאָפֿנבעק! — האָט געזאָגט אַ צווייטער.

— און איך — אַלץ, וואָס איך וועל ברענגען פֿון געיעג פֿאַר אַ גאַנץ יאָר!

— איך — א האלב טוץ כאזער־ליטקעס.

— און איך וועל אָפּגעבן דעם קלויסטער מײַן קלײנע כאטקע!

— נעם אראָפּ אונדזערע הויקערס, האר הײליקער רעמאקל!

און אלע האָרבאטע האָבן מיט קינע און אכטונג ארומגערינגלט אולענ־שפּיגעלן. איין הויקער האָט געוואָלט א קוק טאָן, ווי עס זעט אויס באם אויסגעהײלטן דאָס אָרט, וואָס צווישן די לאָפּעטקעס, נאָר דער קאנאָניק האָט אים אָפּגעשטעלט.

— דאָרט איז אצינד א וווּנד, — האָט ער אים געזאָגט, — מע טאָר זי נאָך ניט באווײַזן.

— איך וועל פאר אײַך טפילע טאָן, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט צו די הויקערס.

— יאָ, יאָ, — האָבן זיי געזאָגט, — זײַ אונדז מויכל דערפאר, וואָס מיר האָבן אָפּגעלאכט פון דיר.

— איך בין אײַך מויכל, — האָט אולענשפּיגעל גנעדיק געזאָגט.

— נא דיר א פּאטאר, נא דיר א פלאָרין, נא דיר א רעאל, נא דיר א קרוזאט. שטרעקט אויס די האנט, אײַער שלאנקע גנעדיקײַט, נעמט פון אונדז צו די דאָזיקע נעדאָווע.

— גיט מיר די רענדלעך אזוי, אז מע זאָל ניט זען, — האָט זיי שטי־לערהייט אולענשפּיגעל געזאָגט, — זאָל די לינקע האנט ניט וויסן, וואָס עס טוט די רעכטע.

ער האָט עס געזאָגט דערפאר, ווײַל דער קאנאָניק האָט פון אים ניט אראָפּגענומען די אויגן. עס האָט זיך געדוכט, אז ער ציילט איטלעכע מאטבייע.

קימאט אלע פּיליגרימענ האָבן עפּעס געגעבן אולענשפּיגעלן. בלויז עטלעכע קארגע פּיליגרימען זײַנען צו אים ניט צוגעגאנגען. זיי האָבן אק־שאָנעסדיק געריבן זייערע הויקערס אָן דעם קיווער און האָבן פארצאָרנט געשוויגן.

אין אָוונט איז אולענשפּיגעל אוועק אין שענק און האָט געמאכט דאָרט די עמעסע הוליאנקע. ערשט אײדער ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט ער זיך דערמאָנט, אז דער קאנאָניק וועט צו אים זיכער קומען נאָך געלט. אולענשפּיגעל האָט איבערגעציילט וויפל געלט ער האָט צונויפגעקליבן. די מאטבייעס זײַנען דאָסראָוו געווען גאָלדענע: זיי האָבן באטראָפן ניט ווײ־ניקער פון דרײַ הונדערט קאראָלוסן.

אולענשפּיגעל האָט אראָפּגענומען פון פענצטער א בלומען־טעפּל, ארויס־גענומען פון אים די בלום צוזאמען מיט דער ערד און אוועקגעלייגט אפן דעק די גאָלדענע מאטבייעס. די האלבע פלאָרינען, פּאטארן און אנדערע קלײנע מאטבייעס האָט ער אויסגעשאָטן אפן טיש און גענומען ווארטן אפן קאנאָניק.

דער קאנאָניק איז געקומען אין שענק און האָט זיך אופגעהויבן צו אולענשפּיגעלן.

— דאָס זײַט איר, הער קאנאָניק? — האָט אולענשפּיגעל אויסגעשריִען, — וואָס האָט איַך געבראַכט אין מײַן אָרעמער קעליע?

— דײַן פאַרמעגן, מײַן זון, האָט מיך געבראַכט אַהער, — האָט דער קאנאָניק געענטפערט.

— עך, — האָט אולענשפּיגעל אַ זיפץ געטאָן, — צי מיינט איר עס ניט אָט דאָס פאַרמעגן, וואָס ליגט אפן טיש?

— דאָס מיין איך טאַקע, — האָט דער קאנאָניק געזאָגט און ער האָט אַרײַנגעשאָטן דאָס גאַנצע געלט צו זיך אין טײַסטער. אולענשפּיגעלן האָט ער געגעבן נאָר איין פלאָרין. אולענשפּיגעל האָט טרויעריק געקרעכצט און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז אים איז זייער שווער צו צעשיידן זיך מיטן פאַרמעגן.

דער קאנאָניק האָט אַ פרעג געטאָן אולענשפּיגעלן, וואָס איז בא אים געווען באַהאַלטן הינטער דעם רעקל. אולענשפּיגעל האָט אים באַוויזן דעם כאַזערשן פענכער און דעם קאַמבאַלע־רוקן. דער קאנאָניק האָט ביידע זאַכן צוגענומען און איז אַרויס פון שענק. אולענשפּיגעל איז אים נאָכגעלאָפן אַ שטיק וועג און האָט זיך געבעטן בא אים, ער זאָל אים געבן כאָטש אַ טייל פונעם פאַרדינטן געלט. דער קאנאָניק איז אַוועק, ניט אויסריידנדיק קיין איין וואָרט.

אולענשפּיגעל האָט זיך אומגעקערט אין שענק, אַוועקגעשטעלט דאָס טעפל לעבן בעט און איז אײַנגעשלאָפן.

באַגינען האָט ער צוגענומען דאָס געלט און איז אײַליק אַוועק אין לאַגער פון דעם אָראַנער. ער האָט איבערגעגעבן דעם פּרינץ זײַנע רענדלעך און האָט אים דערציילט, וויאַזוי ער האָט זיי געקראָגן.

— דאָס איז דער בעסטער מיטל אפ צונויפזאַמלען מיליטערישע קאָנטריבוציע, — האָט אולענשפּיגעל לאַכנדיק געזאָגט.

דער פּרינץ האָט אים געגעבן צען פלאָרין.

וואָס איז שײַך דעם קאַמבאַלע־רוקן האָט מען אים אַרײַנגעלייגט אין אַ קרישטאָלן קעסטעלע און אופגעהאנגען אפ אַ גרויסן ציילעם אין דעם אַלטאַר פון בוליאָנער קלויסטער.

און אין שטאָט איז איטלעכער געווען איבערצײַגט, אַז אינעם דאָזיקן קעסטעלע ליגט דער הויקער פונעם אויסגעהיילטן גאָטלעסטערער.

קאפּיטל 8

וועגנ דעמ, ווי אולענשפּיגעל האָט געראטעוועט דעמ אָראנער פּרינצ

אינ דעמ אָראנערס לאגער איז געווענ אומרויִק. צווישנ דעמ פּרינצס סוויטע־לײַט זײַנענ אנטשטאנענ רײַבונגענ. דער אָראנער האָט צוגעטראכט קאָמפּליצירטע פּארשנ, קעדיי אָפּצונארנ די שפּאניער אונ אריבערפירנ זײַנ ארמיי אפנ צווייטנ ברעג מאאס. מע האָט אָנגעהויבנ שמועסנ, אז דער אָראנער טוט עס מיט א מיינ. אינ לאגער האָבנ זיכ אויסגעבילדעט פײַנטלעכע פּארטייענ.

— דער פּרינצ איז א פּארעטער, — האָבנ באהויפּטעט דעמ אָראנערס סאָנימ.

— א ליגנ, — האָבנ געענטפערט זײַנע פרײַנט, — איר אליינ זײַט פּארעטער, ווײַל איר טראכט אויס בילבולימ אפ דעמ פּארטיידיקער פונ דער פרײַהײַט.

אָפּט פלעגט דערגיינ צו א געשלעג. עס פלעגט טרעפנ, אז ביידע צדאָדימ האָבנ געלאָזנ אינ גאנג געווער אונ האָבנ געשאָסנ איינע אינ די אנדערע פונ ארקעבוזנ.

איינמאָל איז דעמ פּרינצ אליינ אויסגעקומענ פאנאנדערצונעמענ די שטרײַטנ־דיקע צדאָדימ. ער איז דורכגעגאנגענ צווישנ זיי, אונ א קויל האָט בא אימ אראָפּגעריסנ דעמ שווערד. דער אָראנער איז דורכגעגאנגענ דעמ גאנצנ לאגער, קעדיי אלע זאָלנ אימ זענ א לעבעדיקנ אונ א׳ געזונטנ. אניט וואָלט די יעדיִע וועגנ זײַנ טויט אומגעבראכט דעמ גאנצנ אופשטאנד.

איינמאָל, אינ א נעפּלדיקער נאכט, האָט אולענשפּיגעל זיכ אומגעקערט פונעמ שכיינעסדיקנ דאָרפ אינ לאגער ארײַנ. פלוצלינג האָט זיכ פונ דער טיר פונ איינ הײַזל דערהערט דאָס קראקענ פונ א קראָ. די קראקערײַ האָט זיכ איבערגעכאזערט דרײַ מאָל. פונוואַנעט האָט עמעצער אָפּגעענטפערט מיט פּונקט אזא קראקערײַ. אפנ שוועל פונעמ הײַזל איז ארויס א מענטש, אָנגע־טאָנ אינ פויערשע קליידער. אפנ וועג האָבנ זיכ דערהערט טריט.

צוויי מענטשנ, וואָס האָבנ געשמועסט צווישנ זיכ אפ שפּאניש, זײַנענ צוגעגאנגענ צומ פויער.

— נו, ווי גייענ די געשעפטנ? — האָט ער זיי געפרעגט.

— אויסגעצייכנט, — האָבן זיי געענטפערט. — מיר קומען נאָרוואָס פון לאַגער. עס גייט ווי געשמירט. איבערן לאַגער טראָגן זיך אום פינצטערע קלאַנגען. „דער אָראַנער פּרינץ וויל זיך אָנבאָטן א הויכן פּרייַז, — זאָגן אייניקע. — ווען ער וועט ווי עס דאַרף צו זײַן אָנשרעקן די שפּאַניער, וועט ער פאַר פינף הונדערט טויזנט פלאָרין פאַרלאָזן די אופשטענדלערישע אַרמײַ. דער הערצאָג האָט צוגעזאָגט מויחל זײַן סײַ אים און סײַ זײַנע פרײַנט און אומקערן זיי זייער גאַנצן פאַרמעגן. דער אָראַנער האָט מיט אים געשלאָסן א געהיימען אָפּמאַך". „ניין, — זאָגן אַנדערע, — דער אָראַנער וועט זיך ניט לאָזן כאַפּן אַף דער דאָזיקער ווענטקע. ער געדענקט אויסגעצייכנט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט עגמאָנטן און האָרנען. און קאָלזמאַן דער אָראַנער איז מיט אונדז — איז אונדזער זאַך נאָך ניט פאַרשפּילט".

— און די רײַטערײַ אין לאַגער איז עפּעס גרויס? — האָט דער פויער געפרעגט.

— זייער גרויס, און זי וואַקסט פון מינוט צו מינוט. ווו זײַנען די בריוו?

זיי זײַנען אַרײַן אין הײַזל און אָנגעצונדן א לאַמטערן. אולענשפּיגעל האָט זיך אונטערגעגאַנגעט צום פענצטער און האָט דערזען, אַז ביידע לייענען עפּעס בריוו און טרינקען מעד. דערנאָך זײַנען אַלע זאַלבעדריט פונדאָסנײַ אַרויס אַפן גאַנעקל.

— ווי נאָר דער לאַגער וועט צעפאַלן ווערן, — האָבן יענע צוויי געזאָגט, — וועט דער אָראַנער זײַן בא אונדז אין די הענט.

זיי האָבן זיך געזעגנט מיטן פויער, גענומען בא אים דעם לאַמטערן און זײַנען אַוועק אַף צוריק.

— דאָס זײַנען שפּיאָנען, — האָט אולענשפּיגעל באַשלאָסן.

די שײַן פונעם לאַמטערן האָט געשימערט אין וועג און איז אָפּט פאַרשטעלט געוואָרן פון עמעצנס א שוואַרצן שאָטן. אולענשפּיגעל האָט פאַרשטאַנען, אַז די פאַרעטער גייען איינער הינטער דעם צווייטן.

ער האָט אָנגעלאָדן זײַן אַרקעבוז און אויסגעשאָסן אין דעם שאָטן. דער לאַמטערן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד, זיך אופגעהויבן און ווידער זיך אַראָפּגעלאָזן. אַפּאָנעם, אַז איין פאַרעטער איז געפאַלן, און דער צווייטער האָט באַטראַכט זײַן ווונד. אולענשפּיגעל האָט ווידער אָנגעלאָדן זײַן אַרקעבוז. וויגנדיק זיך, האָט דער לאַמטערן גיך זיך אָנגעהויבן דערווײַטערן אין דער ריכטונג צום לאַגער. אולענשפּיגעל האָט ווידער אויסגעשאָסן, דער לאַמטערן האָט זיך א וואַקל געטאָן, איז אַראָפּגעפאַלן און האָט זיך פאַרלאָשן.

אולענשפּיגעל האָט זיך געלאָזט לויפן צום לאַגער. אים אַנטקעגן זײַנען, אופגעוועקט פון דער שיסערײַ, געלאָפן זעלנער, אין דער שפּיץ מיטן פּראָפאָס.

— איך בין א יעגער, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט צום פּראָפּאָס, — קומט, לאָמיר צונעמען די געשאָסענע פייגל.

— פריילעכער פלאמאנדער, — האָט דער פּראָפּאָס געזאָגט, — איך זע, אז דו קענסט ריידן ניט נאָר מיטן צונג.

— וואָס פאר א מאמאָשעס האָבן אונדזערע ווערטער? ס'איז ווינט! — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט, — אָבער בלײַענע ווערטער בלײַבן איבער בא די פארעטער אין די קערפערס. קומט מיט מיר.

בא דער שײַן פון לאמטערן האָבן זיי דערזען די פארעטער. איינער איז שוין געווען טויט, דער אנדערער האָט געגויסעסט. אין האנט האָט ער געהאלטן א צונויפגעקנייטשט בלעטל פּאַפּיר. דער פארעטער האָט עס, אפּאָ־נעם, געוואָלט פארניכטן, נאָר ער האָט שוין קיין קויעך ניט געהאט עס צו טאָן. ביידע פארעטער האָבן געטראָגן קליידער פון אדל־לײַט.

דער פּראָפּאָס האָט באפוילן אופהייבן די דערשאָסענע און אוועקטראָגן זיי אין דעם אָראַנערס געצעלט. עס האָט זיך צונויפגעקליבן א גרויסער האמוין לאנדסקנעכט און רײַטער. אלע האָבן געטומלט און זיך באומרויִקט.

דער פרינץ האָט איבערגעריסן די בארא‌טונג מיט זײַנע קאָמאנדירן און איז ארויס פון געצעלט. דער פּראָפּאָס איז ארויסגעטראָטן פאָרויס, האָט זיך אויסגעהוסט און אָנגעהויבן א באשולדיקונג־רעדע קעגן אולענשפּיגעלן. נאָר אולענשפּיגעל האָט אים איבערגעשלאָגן באם ערשטן וואָרט.

— אײַער דורכלויכט, — האָט ער געזאָגט צום אָראַנער פרינץ, — איך האָב געוואָלט דערשיסן עטלעכע קראָען, נאָר אָנשטאָט זיי האָב איך דער־שאָסן צוויי פארעטער — אדל־לײַט פון אײַער סוויטע.

און ער האָט דערציילט, ווי דאָס איז פאָרגעקומען.

דער אָראַנער האָט קיין איין וואָרט ניט ארויסגערעדט. אין דער אָנוועזנהײַט פון אלע כאָשעווע הערן, לאנדסקנעכט און זעלנער, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען לאמע גודזאַק, אף וועלכן עס האָט געצײַטערט די הויט פאר שרעק, האָט מען די טויטע קערפערס גענוי אונטערזוכט. אין דעם אונטערשלאק פון זייערע מאנטלען האָט מען געפונען שפּאנישע בריוו מיט באפוילן צו די פארעטער, זיי זאָלן זייען אומצופרידנקײַט און קריגערײַען אין דעם פרינצס לאגער. „מע דארף ארבעטן זייער כיטרע, — איז געווען געשריבן אין איין בריוו, — מע דארף ריידן מיט א האלב מויל, מיט אָנצו־הערעניש, נאָר אזוי, אז בא דעם אָראַנערס מענטשן זאָל אופקומען א כשאַד, אז דער אָראַנער איז גרייט מיט פאראט זיך קויפן א באגנעדיקונג. אויב מירן עס דערגרייכן, וועלן די זעלנער גופע כאפּן דעם אָראַנער און זיי וועלן זיך אָפּרעכענען מיט אים. איטלעכן פון זיי וועט מען ארויסגעבן א באלוינונג פון פינף הונדערט דוקאטן. געלט אף דעם ציל האָט מען שוין ארויסגעשיקט פון שפּאניע קײַן אנטווערפּען".

דער דאָזיקער ברייוו האָט געעפנט די אויגן די אַלע, וואָס האָבן נאָך געצווייפלט אין דעם פּרינצס ערלעכקייט. די פאַרשוועררונג איז אויפגעדעקט געוואָרן. דער פּרינץ האָט זיך א קער געטאָן צו די אָפיצערן און צו די זעלנער און האָט שווייַגנדיק זיי באַוויזן אַף די טויטע קערפּערס, אזוי ווי ער וואָלט געמאַכט א פאָרוואורף זייַנע מיטקעמפער פאַר זייער אומצוטרוי צו אים. א דונער פון באַגייסטערטע געשרייען האָט אָפּגעענטפערט דעם אָראַנער.

— זאָל לעבן דער פּרינץ! — האָבן די אויפשטענדלער געשריגן. — זאָל לעבן דער אָראַנער, דער פרייַנט פון אונדזער פאָטערלאַנד!

— נעמט צו די דערשאָסענע, — האָט דער פּרינץ באַפוילן.

— און וואָס וועט זייַן מיט מיר? — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — וואָס וועט איר הייסן טאָן מיט מיר? אויב איר געפינט, אז איך בין שולדיק — איז זאָל מען מיך באַשטראָפן, אויב איר געפינט, אז איך האָב געהאַנדלט ריכטיק — קומט מיר א באַלוינונג.

— דער דאָזיקער אַרקעבוזיר, — האָט דער אָראַנער געזאָגט, אָנווייַזנדיק אַף אולענשפּיגעלן, — זאָל באַקומען פופציק שמיץ מיט ריטער דערפאַר, וואָס ער האָט געבראָכן די דיסציפּלין און האָט דערהאַרגעט צוויי אדל־לייט. און דערנאָך זאָל מען אים אַרויסגעבן דרייַסיק פלאָרין דערפאַר, וואָס ער האָט גוט געזען און געהערט.

— אייַער דורכלויכט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — אויב מע וועט מיר אַפּריער געבן די דרייַסיק פלאָרין, וועט מיר זייַן לייַכטער אַריבער־צוטראָגן די ריטער.

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט אונטערגעהאַלטן לאַמע גודזאַק, — גיט אים אַפּריער די דרייַסיק פלאָרין. אים וועט זייַן לייַכטער אַריבערצוטראָגן די ריטער.

— כוץ דעם, — האָט אולענשפּיגעל פאָרגעזעצט, — איז מייַן געוויסן ריין, און מייַן קערפּער האָט לאַכלוטן ניט פאַרדינט אַזאַ קיבעד, ווי שמיץ מיט גרינע ריטער.

— ריכטיק, — האָט לאַמע גודזאַק געקרעכצט, — ער איז אומשולדיק, הער אָפיצערן, שמייַסט אים ניט, איך בעט אייַך, שמייַסט אים ניט.

ווען אולענשפּיגעל האָט באַקומען זייַנע דרייַסיק פלאָרין, איז צו אים צוגעגאַנגען דער שמייַסער.

— ביסט גרייט? — האָט ער א פרעג געטאָן אולענשפּיגעלן.

— גרייט? — האָט אולענשפּיגעל איבערגעכאַזערט. — צו וואָס גרייט? צו די ריטער? ניין, איך בין ניט גרייט און כ'וועל ניט זייַן גרייט, הער שמייַסער, בא אייַך איז א גלעטע באָרד און א שרעקלעכער אויסזען, נאָר איך בין זיכער, אז דאָס האַרץ איז בא אייַך א גוטס. און איר האָט גאָר ניט ליב צו פייַניקן אַזוינע אומגליקלעכע, ווי איך.

— גיב זיך א קער א ביסל גיכער! — האָט דער שמײַסער געזאָגט.

— מע דארף זיך ניט אײַלן, אײַער הויכקײַט! — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט צום פּרינץ. — די ריטער זײַנען נאָך גאָר פרישע. מע דארף זיי אפּריער אויסטריקענען. אניט קענען זיי נאָך ארײַנדרינגען אין דעם לעבעדיקן פלייש און אָנשטעקן מיך מיט א טויט־סאַם. אײַער דורכלויכט ווייל דען, אז איך זאָל אומקומען מיט אזא שענדלעכן טויט? דאכט זיך, אז איך האָב געטרײַ געדינט אײַער דורכלויכט.

— באַגנעדיקט אים, פּרינץ, — האָבן געזאָגט דעם פּרינץ האָאָכסטראַטען און אנדערע סוויטע־לײַט.

און לאמע האָט אויך געשריִען פונעם האמוין:

— זײַט אים מוחל, אײַער הויכקײַט! רויע ריטער — דאָס איז עמעצער סאם פארן לײַב!

— איך בין אים מוחל, — האָט דער פּרינץ געזאָגט.

דאָ איז אולענשפּיגעל צוגעלאָפן צו לאמען און, פּאטשנדיק אים איבערן בויך, האָט ער זיך אוועקגעלאָזן מיט אים אין א ווילדן טאנץ.

— זאָג א דאנק דעם פּרינץ, דו פּעמפּיק, — האָט אולענשפּיגעל געשריִען, — ער האָט מיך באפרײַט פון ריטער.

לאמע האָט אויך געפּרוווט טאנצן מיט אולענשפּיגעלן, נאָר דער גראָבער בויך האָט אים געשטערט. דעמלט האָט אים אולענשפּיגעל אוועקגעשלעפּט אין שענק און האָט אים מעכאבעד געווען מיט א פײַנעם שנאפּס.

קאַפּיטל 9

וועגן דעם, ווי עס איז באַשטראָפט געוואָרן ריזענקראַפט, אַ ליבהאָבער פון דועלן

דעם אָראַנזשער אַרמיי איז צוגעגאַנגען צום טײַך מאאָס. מע האָט געמוזט זוכן ניט קיין טיף אָרט אַף אַריבערצוגיין דעם טײַך. נאָר אין אַלע ניט טיפע ערטער האָבן די שפּאַניער אַוועקגעשטעלט אונטערן וואַסער אײַזערנע פּאַסטקעס, וואָס פּלעגן אָנכאַפּן די פערד פאַר די פיס און פּלעגן זיי אַכזאָ-ריעסדיק פאַרוואונדן. בלויז לעבן סטאָקעם איז דער טײַך געווען פרײַ. דער פּרינץ האָט באַפוילן איבערצוגיין דאָ דעם טײַך.

די ערשטע איז אַריבערגעגאַנגען דעם טײַך די קאַוואַלעריע. אויפן צווייטן ברעג האָט זי זיך אויסגעשטעלט אין אַ שלאַכט-אָרדענונג, קעדיי צו באַ-שיצן דאָס אַריבערגיין פון דער אַרמיי. דערנאָך האָבן זיך פון איין ברעג צום אַנדערן, איבערשנײַדנדיק דעם טײַך אין דער ברייט, אויסגעשטעלט די רײַט-שיסער און די אַרקעבוזירן. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט געדיכט, אין צען רייען, קעדיי צו פאַרהאַלטן דעם שטראָם פונעם טײַך. צווישן די דאָזיקע רײַט-שיסער איז אויך געווען אולענשפּיגל. דאָס וואַסער איז אים דערגאַנגען אַזש ביז די היפטן, און די כוואַליעס האָבן אים ניט איין מאָל אויפגעהויבן אין דער הייך אינאיינעם מיטן פערד.

אונטערן דאָזיקן צודעק האָט געמוזט אַריבערגיין אויפן צווייטן ברעג מאאָס די אינפאַנטעריע. די זעלנער זײַנען געגאַנגען, צובינדנדיק די פּול-ווערניצעס צו די היט און אויפהייבנדיק די אַרקעבוזן הויך איבערן קאָפּ. נאָך זיי האָבן זיך באַוועגט די פורן, די אָבאָז-וואַך און, ענדלעך, די אַר-טילעריע. עס האָבן שווער געראַשט די גרויסע און קליינע קולעווריניעס, פאַלקאָנעטן, מאָרטירעס און לײַכטע האַרמאַטן, וואָס האָבן זיך גיך געקענט באַוועגן פון איין אָרט אויפן צווייטן. אין אַריערגאַרד, באַשיצנדיק די קאָ-לאָנע פון הינטן, זײַנען געגאַנגען די לאַנדסקנעכט און די פלאַמאַנדישע רײַטער.

אולענשפּיגעל איז דורכגענעצט געוואָרן אויף דורך און דורך. ער האָט

געקלערט נאָר וועגן דעם, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען ער קריגט אַ צינד א זופּ שטאַרקן בראַנפן. זײַט בא זײַט מיט אים האָט, וויגנדיק זיך אין זאָטל, געכראָפּעט דער שיסער ריזענקראפט, א דײַטש פון דאָרעמ־דײַטשלאַנד, א מענטש פון ריזיקן וווקס און אַן אַכזער פון דער נאַטור. ס׳האָט פון אים געשמעקט בראַנפן. אולענשפּיגעל האָט באמערקט זײַן פלעשל. דאָס פלעשל איז געהאַנגען אף א שנירל און איז געווען א גאַנץ היפּשס. ניט קלערנדיק לאַנג, האָט אולענשפּיגעל אָפּגעשניטן דאָס שנירל און האָט זיך צוגעכאַפּט צום בראַנפן.

— אונדז גיב אויך! — האָבן אָנגעהויבן שרײַען זײַנע כאַווײרים.

אולענשפּיגעל האָט זיי איבערגעגעבן דאָס פלעשל. ווען מע האָט אויסגעטרונקען דעם בראַנפן, האָט אולענשפּיגעל ווידער צוגעבונדן דאָס שנירל און געוואָלט אופהענגען דאָס פלעשל אפן אַלטן אָרט, אָבער אין דער מינוט האָט ריזענקראפט זיך אופגעכאַפּט און האָט זיך א צי געטאָן צום בראַנפן. דערזען, אז דאָס פלעשל איז פוסט, איז דער דײַטש געוואָרן רויט פון רעציכע און ער האָט א געשריי געטאָן אף אולענשפּיגעלן:

— דאָס האָסטו אויסגעטרונקען מײַן בראַנפן, אויסוואורף איינער?

— אף מילכאָמע איז בראַנפן אַלעמענס, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט. — פאַר א קאַרגן איז ניטאָ קיין אָרט אין אונדזער קאָמפּאַניע.

— איך וועל דיך אף שטיקער צעהאַקן! — האָט ריזענקראפט געזאָגט, — איך רופ דיך ארויס מאָרגן אף א דועל!

— מיטן גרעסטן קאָוועד, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — מירן האַקן איינער דעם אַנדערן די קעפּ, די פּיס, די הענט און אַלע איבעריקע אייוורים, נאָר וויסן זאָלסטו, אז קיין שווערד וועל איך מיט זיך ניט נעמען. אזוינע יאַטן, ווי דו, לערנט מען דערעכערעצ פּאַשעט מיט א שטעקן.

— פרווו טאַקע, — האָט ריזענקראפט געזאָגט מיט א בייז שמייכעלע.

זיי האָבן אָפּגערעדט, ווו זיך צו באַגעגענען.

די אַרמיי איז דערוויַל אַריבערגעגאַנגען דעם טײַך.

— פאָרויס אף ליעזש! — האָט דער אָראַנער באַפוילן.

— אף ליעזש! — האָבן מיט סימכע אונטערגעכאַפּט די פלאַמאַנדער, — זאָל לעבן ווילהעלם דער אָראַנער!

נאָר די אויסלענדישע זעלנער, דעריקער די דײַטשן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין אָנגריף, ביזוואַנען זיי וועלן זיך ניט אויסטריקענען גוט און זיך אָנוואַרעמען בא די שײַטערס. אומזיסט האָט זיי דער אָראַנער אײַנגערעדט, אז דער ניצאָכן איז געזיכערט, אז די ליעזשער בירגער וועלן אַלײן עפענען די טויערן. די דײַטשן האָבן פון גאָרנישט ניט געוואָלט הערן. זיי האָבן צעלייגט שײַטערס און זיך געשטעלט אָפּרוען.

דער אָנגריף איז אָפּגעלייגט געוואָרן אף מאָרגן. דערמיט האָט זיך

באנוצט אלבא. ער האָט אין דער צײַט באוואָפנט אין ליעזש דעם אָראַנערס סאָנים. דער פרינצ איז צוגעקומענ צו ליעזש צו שפעט. אונ שולדיק איז דעם זײַנענ געווענ די דײַטשנ, וואָס האָבנ איבער זייערע נאַסע הויזנ באַצײַטנס ניט געפאָלגט זייער קאָמאַנדיר.

עס איז געקומענ די צײַט פונ דער דועל. מע האָט אויסגעקליבנ סעקונדאַנטנ. די סעקונדאַנטנ האָבנ באַשלאָסנ, אַז די קעגנער זאָלנ זיכ שלאָגנ צופוס. אלס אָרט פארנ דועל האָט מענ אויסגעקליבנ א קליינ לאָנקעלע, באוואַקסנ מיט גראָז.

ריזענקראַפט איז געקומענ צו פאָרנ ווײַטנדיק אפ זײַנ פערד א פולקומ באוואָפנטער. זײַנ זאָטל איז געווענ ארומגעשמידט מיט אײַזנ, באַמ פערד אפנ קאָפּ האָבנ געפלאַטערט שלאַכט־פעדערנ. ער אליינ איז געווענ אָנגעטאָנ אינ א ברוסטשיצער אונ אינ א פאַנצער. דאָס גאַנצע פּאָנעם זײַנס איז געווענ פארשטעלט מיט א העלמ מיט קליינע לעכעלעכ פאר די אויגנ. פונ געווער האָט ער געהאט א גוטנ ארבאלעט מיט דרײַסיק פײַלנ, א שווערד אונ א ברייטנ קינזשאל.

וואָס איז שײַעכ אולענשפיגעלנ, איז ער געקומענ צו פאָרנ רײַטנדיק אפ אנ אייזל. אָנשטאָט א זאָטל האָט ער אונטערגעשפּרייט עמעצנס א שמוציק קליידל. דעמ אייזלס קאָפּ איז געווענ פארפוצט מיט א קאָשעק, אָנגעשטאָפּט מיט סטרוזשקעס. אפנ ברוסט באַמ אייזל איז אָנשטאָט א פאַנצער געווענ צוגעבונדנ א גרויסע שטיק שינקע.

אָנשטאָט א העלמ האָט אולענשפיגעל אָנגעטאָנ אפנ קאָפּ א בלאָט סאלאט אונ האָט אימ באפוצט אינמיטנ מיט א פעדער פונ א שוואַנ. דעמ שווערד האָט אימ פארביטנ א געוונטער לאַנגער שטעקנ מיט א קליינעמ בעזעמ אפנ שפּיצ. פונ דער לינקער זײַט זאָטל איז בא אימ געהאַנגענ א הילצערנ מעסער, אונ פונ דער רעכטער זײַט — האָט זיכ געבאָמבלט א גרויסער רעטעכ, וואָס איז געווענ אָנגעשטאָכנ אפ א הילצערנעמ הענטל.

דערזענ אולענשפיגעלנ אינ אזא קאָסטיום, האָבנ די סעקונדאַנטנ זיכ צעלאַכט. איינ ריזענקראַפט האָט אפילע קיינ שמייכל ניט געטאָנ: ער איז געזעסנ אפ זײַנ אײַזערנעמ זאָטל אנ אָנגעבלאָזענער אונ האָט כמורנע געשוויגנ.

די סעקונדאַנטנ האָבנ דערקלערט, אַז דער דײַטש דאַרפ אויסטאָנ דעמ העלמ, ווײַל אולענשפיגעל טראָגט גאָרנישט ניט, אויסער שמאַטעס. ריזענקראַפט האָט דערמיט אײַנגעשטימט.

— פארוואָס עפּעס איז בא דיר א בעזעמ אָנשטאָט א שווערד? — האָבנ די סעקונדאַנטנ געפרעגט אולענשפיגעלנ.

— איר .האָט דאָכ מיר דערלויבט צו נעמענ א שטעקנ אָנשטאָט א

שווערד, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — האָב איכ פונ שײנקײַט וועגנ צוגעבונדנ צומ שטעקנ אָט דאָס קלײנע בוקעטל.

— ס'איז דײַנ זאכ, — האָבנ די סעקונדאנטנ געזאָגט.

ריזענקראפט האָט געשוויגנ. ער האָט אומגעדולדיק געהאקט מיטנ שווערד די קוסטעס ווערעסק. די סעקונדאנטנ האָבנ אימ פאָרגעלײגט פארבײַטנ דעמ שווערד אפ אזא בעזעמ, ווי בא אולענשפּיגעלנ.

— דער דאָזיקער טויגעניכצ האָט אלײנ אויסגעקליבנ פאר זיכ געווער, — האָט ריזענקראפט געזאָגט, — ער מײנט, אפּאָנעמ, אז פאר אימ איז א בעזעמ אויכ גענוג.

— ריכטיק, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — פאר מיר איז א בעזעמ אויכ גענוג.

די קעגנער האָבנ א קוק געטאָנ אײנ'ער אפנ צווײטנ — ריזענקראפט אינ זײַנ פּאנצער, רײַטנדיק אפנ פערד, אונ אולענשפּיגעל — אפ זײַנ אײזל, וואָס איז געווענ באשיצט מיט א שטיק שינקע.

אולענשפּיגעל איז ארויסגעפאָרנ אפנ מיטנ לאָנקע, האָט אופגעהויבנ דעמ בעזעמ, אזוי ווי מע הײבט אופ א שפּיז, אונ האָט געזאָגט:

— ערגער פונ פּעסט איז פאר מיר די דאָזיקע זויערע צורע, וואָס האָט זיכ ארײַנגעשמוגלט אינ אונדזער לאגער. ווו ער באווײַזט זיכ נאָר — דאָרט הערט מענ אופ צו לאכנ, דאָרט ווערט אנשוויגנ די פרײלעכע ליד. אונ שטענדיק אָדער ער קרימט זיכ אָדער ער שלאָגט זיכ מיט עמעצנ, דער דאָזיקער אויסוואורפ. אָנשטאָט צו קעמפנ מיט די סאָנימ, מאכט ער גאָר דועלנ אונ ברענגט אומ פונ דער וועלט זײַנע כאווײרימ, קעדײ די סאָנימ זאָלנ זיכ פרײענ. אָט דער זעלבער ריזענקראפט, וואָס שטײט אצינד פאר אײַכ, האָט דערהארגעט אפ דועלנ אײנ אונ צוואנציק מענטשנ, ער האָט זײ דערהארגעט איבער קלײניקײַטנ, אונ אלײנ האָט ער נאָכ אינ קײנ אײנ שלאכט ניט דערוויזנ זײַנ דרײסטקײַט. דעריבער וועט מיר זײַנ זײער אָנגענעמ א רײצ טאָנ דעמ דאָזיקנ בײזנ הונט.

— אָט דער שיקער האָט די האָזע צו באשולדיקנ מיכ אינ באגײנ מאָרדנ, — האָט ריזענקראפט געזאָגט, — לאָזט מיר אָקאָרשט, כ'וועל אימ דעמ קאָפּ צעשפּאלטנ! איטלעכער וועט דאנ זענ, אז זײַנ קאָפּ איז א פּוסטער!

לויט דעמ צײכנ פונ די סעקונדאנטנ זײַנענ די קעגנער ארויפגעקראָכנ אפ דער ערד. ארויפקריכנדיק פונ אײזל, האָט אולענשפּיגעל ארויפגעוואָרפנ אפ דער ערד דעמ בלאט סאלאט. דער אײזל האָט אימ אופגעגעסנ. אײנער פונ די סעקונדאנטנ האָט א קלאפּ געטאָנ דעמ אײזל מיטנ פוס, אונ באלד האָבנ בײדע — אי דער אײזל אי דאָס פערד — זיכ אוועקגעשלעפּט צומ ברעג וואלד צופּנ גראָז.

עס האָט זיך דערהערט א פײַף. דאָס איז געווען א סיגנאַל אָנצוהייבן די שלאַכט.

ריזענקראַפט און אולענשפּיגעל האָבן זיך א וואָרף געטאָן איינער אױף דעם צווייטן, ריזענקראַפט האָט געשטאָכן מיטן שווערד, אולענשפּיגעל האָט זיך פון אים אָפּגעוועהרט מיטן בעזעם. ער האָט זיך קונציק אויסגעדרייט, געלאָפן אהער און אהין, ארויסגעשטעלט ריזענקראַפטן די צונג און גע־מאַכט אים אַלערליי האוויַעס. ריזענקראַפט האָט דעם אָטעם ניט געקאָנט כאַפּן. ווי א ווילדער, האָט ער געהאַקט די לופט מיט זײַן לאַנגן שווערד. אָט האָט ער, סאַפּקאַלסאָפּ, דעריאָגט אולענשפּיגעלן, אָבער יענער האָט זיך א קער געטאָן און מיט אַלע קױכעס אים א זעץ געטאָן אין נאָז מיטן בעזעם. ריזענקראַפט איז געפאַלן אױף דער ערד און האָט זיך אויס־געצויגן, ווי א גויסעדיקער פּראָש.

אולענשפּיגעל איז צוגעלאָפן צו ריזענקראַפטן און האָט אים גענומען שמײַסן מיטן בעזעם איבערן פּאָנעם, זאָגנדיק דערבײַ:

— בעט אנטשולדיקונג, אניט וועסטו בא מיר אופּרעסן דעם גאַנצן בעזעם.

די סעקונדאַנטן האָבן געקוואַלן, קוקנדיק אױף זיי, און אולענשפּיגעל האָט אים געשמיסן אָן אופהער.

— בעט אנטשולדיקונג, — האָט ער געטײַנעט, — אניט וועסטו בא מיר דעם גאַנצן בעזעם אופּרעסן.

אָבער ריזענקראַפט האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן: פון בייזן פאַרדראָס האָט אים געכאַפּט די אַפּאָפּלעקסיע און ער איז געשטאָרבן.

— זאָל דיר דער אייבערשטער מוחל זײַן, שויטע דו אומגליקלעכער, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, און ער איז, אַן אומעטיקער, אוועק פון שלאַכט־פעלד.

קאפיטל 10

וועגן דעם, ווי אולענשפיגעל האָט באפרייַט געפאנגענע פון די שפאניער

עס איז געווען סאָף אָקטיאבער. באם פּרינץ האָט אויסגעפעלט געלט. זייַן ארמיי האָט געהונגערט. די סאָלדאטן האָבן געבורטשעט. דער פּרינץ האָט זיך באוועגט אין דער ריכטונג פון פראנקרייַך און האָט זיך באמיט אריינצוטרעטן אין שלאכט מיטן הערצאָג. אָבער דער הערצאָג האָט אקשאָ־נעסדיק זיך אויסגעדרייט פון אים.

בלויז איינמאָל האָט דעם אָראנער זיך איינגעגעבן צו פאַרפירן א שלאכט מיטן קיניגלעכן מיליטער. דאָס איז געווען אַן אָטריאַד, וואָס מיט אים האָט געקאָמאנדעוועט דאָן רופּעלע הענגריציס, דעם הערצאָג אלבאס זון. אין דער דאָזיקער שלאכט האָט אולענשפיגעל שווער פארווונדעט דעם דאָן רופּעלע גופא. די שפאניער האָט מען צעקלאַפּט.

נאָך דער שלאכט האָט אולענשפיגעל געזוכט לאַמען איבערן גאנצן לאַגער: ער איז אין ערגעץ ניט געווען.

— עך, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט, — ווו ביסטו עס, לאמע, מייַן פרייַנט! דו האָסט, אפּאַנעם, פארגעסן וועגן דייַן מאָגן און דו האָסט זיך אוועקגעלאָזט פאַרפאָלגן דעם סוינע און מיסטאמע ביסטו, ווי א זעקל, געפאלן אפן וועג און אריינגעפאלן אין געפענקעניש צו די פארשאָלטענע שפאניער. עך, לאמע, וואָס האָסטו עס אָפּגעטאָן! ווו ביסטו אהינגעקומען, מייַן פעטינקער גוטער־ברודער?

אין נאָכאבער כוידעש האָט דער פּרינץ א רוף געטאָן צו זיך אולענ־שפיגעלן.

— הער אויס אופמערקזאם, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — האָט דער אָראנער געזאָגט, — עס שטייט דיר פאָר דורכצומאכן א דויערנדיקע רייַזע. גיי אדורך איבער פלאנדריע, גענעהאו, בראבאנט, אנטווערפּען, נאמיור, העלדערן, אָווערייסעל און צאָפנדיקן האָלאנד און מעלדע אומעטום די איינוווינער: אויב דער מאזל וועט זיך פון אונדז אָפּקערן אפ דער יאבאָשע, וועלן מיר

דאָס געווער ניט אוועקלייגנ. מיר וועלנ פירנ דעם קאמפ אפנ יאם. חעג דו וועסט קומענ קיינ אנטוואָרפּען, מעלדע זיך צו מײַנ פרײַנט בייס אונ דערצייל אים אלץ, וואָס דו האָסט אופגעטאָנ: אָט האָסטו דרײַ דורכלאָז־שײַנען, אונטערגעשריבנ פונ אלבאנ אליינ. די בלאנקען פונ די דורכלאָז־שײַנען האָט מענ געפונענ בא דערהארגעטע שפאנישע סאָלדאטנ. מײַנ סעקרעטאר האָט זיי אויסגעפילט. מעגלעך, אז אינ וועג וועסטו געפינענ גוטע באווײרים, וואָס מע קאָנ זיך אפ זיי פארלאָזנ. ווייס זשע: דער, וואָס וועט אפנ געשריי פונ א לארך אָפּענטפערנ מיט א האָנענקריי — יענער איז אנ אייגענער מענטש. אָט האָסטו פופציק פלאָרינ. זײַ דרייסט אונ פיל אויס אלץ, וואָס איך האָב דיר געהייסנ.

— קלאאסעס אש ברענט מײַנ הארצ, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

ער האָט אפ זיך אָנגעטאָנ א צעפליקטנ קאמזויל, הויזנ, אראָפּגענומענע פונ א דערהארגעטנ שפאניער, אנ אלטנ צעלעכערטנ מאנטל, ארײַנגעשטאָכנ א פעדער אינ זײַנ נעבעכדיקנ הוט אונ זיך אוועקגעלאָזט אינ וועג ארײַנ. פונ געווער האָט ער מיטגענומענ א גוטנ ארקעבוז מיט פולווער אונ קוילנ אונ אנ אלטנ שווערד.

עס איז אָנגעקומענ דער ווינטער. די קליינע שפערלעך האָבנ, שוועבנדיק, זיך באהאלטנ אונטער די סטרעכעס פונ די הײַזלעך. שוינ דער דריטער טאָג, ווי עס איז געגאנגענ א שניי.

אולענשפּיגעל האָט זייער אָפט באוויזנ דער וואך זײַנ דורכלאָז-שײַנ. מע פלעגט אים דורכלאָזנ, אונ ער פלעגט גיינ ווײַטער, קיינ ליעזש.

אפ איינעם א גרויסנ וויסטנ פעלד האָט אים פארכאפּט א זאווערוכע. א שנײַדנדיקער ווינט האָט געשמיסנ גלײַך אינ פּאָנעם ארײַנ אונ האָט אים פארקלעפּט די אויגנ מיט שניי. דרײַ הונגעריקע וועלפ זײַנענ געגאנגענ אפ אולענשפּיגעלס שפורנ. אולענשפּיגעל האָט אויסגעשאָסנ פונעם ארקעבוז אונ דערהארגעט איינ וואָלפ. די אנדערע צוויי וועלפ האָבנ באלד צעפליקט זייער כאווער, נאָכדעם האָבנ זיי, מיט פארבלוטיקטע שטיקער אינ די ציינ, זיך באהאלטנ אינ וואלד.

ארומקוקנדיק זיך, האָט אולענשפּיגעל באמערקט פונווײַטנ עפּעס א מאָדנע פראָצעסיע. בלאסע מענטשלעכע שאָטנס, ענלעכע צו גרויע סטאטועס, האָבנ זיך באוועגט אינ דער זאווערוכע. הינטער זיי האָבנ זיך געזענ שווארצע פיגורנ פונ רײַטער. אולענשפּיגעל איז ארופגעקראָכנ אפ א בוים. דער ווינט האָט דערטראָגנ צו אים ווײַטע קרעכצנ.

„עפּשער זײַנענ עס פּיליגרימענ אינ ווײַסע קליידער, — האָט אולענשפּיגעל א טראכט געטאָנ. — אפּאָנעם, אז דער שניי האָט זיי שטארק פארשאָטנ".

נאָר אין איין אויגנבליק ארום האָט ער דערזען, אז דאָס לויפן נאַ־קעטע מענטשן: א גאנצער האמוינ נאקעטע מענטשן, און צוויי רײַטער טרײַבן זיי מיט בײַטשן פאָרויס. אולענשפּיגעל האָט אָנגעלאָדן זײַן ארקע־בוז. צווישן די דאָזיקע אומגליקלעכע זײַנען געווען אי יונגע אי גאָר אלטע מענטשן. דערפראָרענע, צעשמיסענע, נעבעכדיקע, האָבן זיי זיך געסטארעט אויסצומײַדן די קלעפּ, און זיי זײַנען געלאָפן מיט די לעצטע קויכעס. און די רײַטערס, וואָרעם אָנגעטאָן, און רויטע פון בראנפן און פונעם זאטן מיטיק, זײַנען געפאָרן פון הינטן און האָבן זיך פארווײַלט, שמײַסנדיק די אומגליקלעכע.

— איך וועל פאר דיר נעקאָמע נעמען, קלאאסעס אש. — האָט אולענ־שפּיגעל געזאָגט, און ער האָט אויסגעשאָסן דעם פאָדערשטן רײַטער אין פּאָנעם. דער רײַטער איז אראָפּגעפאלן פון פערד. דער אנדערער, ניט ווײסנדיק, פונוואנען עס האָט זיך גענומען די דאָזיקע קויל, האָט באשלאָסן, אז אין וואלד געפינען זיך א סאך אופשטענדלער, ער האָט אָנגעכאפט פאר דער צוים זײַן כאווערס פערד און האָט זיך געקליבן אנטלויפן. אָבער אין דער מינוט האָט א צווייטע קויל אים געטראָפן אין האלדז, און ער איז א טויטער געפאלן אף דער ערד.

די געפאנגענע האָבן באשלאָסן, אז א מאלעך פון הימל האָט זיך פאר־שטעלט פאר אן ארקעבוזיר און איז זיי געקומען צו הילף. און זיי זײַנען אלע, ווי איינער, געפאלן פאר אים אף די קני. אולענשפּיגעל איז דער־ווײַל אראָפּגעקראָכן פונעם בוים. די געפאנגענע, וואָס האָבן פריער גע־דינט אין דעם אָראנער פרינצס ארמיי, האָבן אים באלד דערקענט.

— מע האָט אונדז געטריבן קיין מאאסטריכט, — האָבן זיי דערציילט אולענשפּיגעלן. — דאָרט געפינט זיך אצינד דער הערצאָג אלבא. אלע זײַנען מיר געווען פארמישפּעט — ווער צום פײַניקן, ווער צו טויט־שטראָף, ווער צו ארבעטן אף גאליערעס — דערפאר, וואָס מיר האָבן געוואגט צו קעמפן קעגן דער שפּאנישער הערשאפט.

אולענשפּיגעל האָט אָפּגעגעבן איינעם אן אלטינקן זײַן מאנטל און האָט געזאָגט:

— קומט, איך וועל אײַך באגלייטן ביז מעזיער. נאָר צוערשט טוט אויס די דאָזיקע סאָלדאטן און כאפּט זייערע פערד.

די קאמזוילן, הויזן, שטיוול און היט פון די רײַטערס האָבן צעטיילט צווישן זיך די סאמע אלטע און קראנקע געפאנגענע.

— קומט גיין מיטן וואלד, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — דאָרט בלאָזט ניט אזוי שטארק דער ווינט. לאָמיר לויפן, ברידער.

פלוצלינג האָט איינער פון די אומגליקלעכע א געשריי געטאָן און איז געפאלן אף דער ערד.



הערצאָג אלבא

טיציאַן

הערצאָג אַלבא נעמט איַין האארלעם אין 1573 י.

פון מיכאעל אייטזינגערס גראווירור

— אוי, ווי מיר איז קאַלט! — האָט ער אויסגעשריִען, — איך גיי צו־גאָט, איך וועל אים זאָגן, אז דער פויפּסט איז אַן אַנטיכריסט.

און ער איז געשטאָרבן.

אין דער צײַט איז מיטן וועג געפאָרן א פויער. ער האָט ראַכמאָנעס געהאַט אף די אומגליקלעכע און האָט זיי אַרײַנגענומען צו זיך אין וואָגן. זיי זײַנען פאַרקראָכן אינעם היי, זיך איבערגעדעקט מיט ליידיקע זעק און ביסלעכווײַז זיך אָנגעהויבן דערוואַרעמען. אולענשפּיגעל איז געפאָרן רײַטנדיק אף א פערד פון די דערהאַרגעטע שפּאַניער. דאָס צווייטע פערד האָט ער געפירט פאַרן צײַמל.

אין מעזיער האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. מע האָט זיי דאָ געגעבן הייסן סופּ, ברויט און ביר. מע האָט זיי צעשטעלט איבער די הײַזער, באַקליידט און באַזאָרגט אפילו כעזשבן פון דער געמיינדע מיט נײַ געווער. און אַלע האָבן זיך געפרייט און געבענטשט אולענשפּיגעלן פאַר זײַן דרייסטקײַט.

דאָ, אין מעזיער, האָט אולענשפּיגעל פאַרקויפט זײַנע פערד, אָפּגעגעבן א טייל געלט די געפאַנגענע און האָט זיך געלאָזט גיין ווײַטער.

קאפיטל 11

וועגן דעם, ווי אולענשפּיגעל און לאַמע האָבן אָפּגעשטעלט דעם „שטאָלענעם ווינט"

אין מארט כוידעש איז אולענשפּיגעל געקומען אין דעם שטעטל נאַמיור, וואָס געפינט זיך באַם ברעג פונעם טײַך מאאַס. דאָ האָט ער דערזען אַפן טײַך אַ דיקן פישער, וואָס איז געזעסן אין אַ שיפל און האָט געכאַפּט די פּרעכטיקע מאאַסער פאָרעלן. דער פישער איז געווען לאַמע גודזאַק. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז ער האָט באַצאָלט דער פישער־גילדיע פופציק פלאָרין און האָט זיך גענומען באַשעפטיקן מיט פישפאַנג. אַ טייל פיש פלעגט ער פאַרקויפן, אַ טייל — אופּעסן, און דערפון איז זײַן בויך געוואָרן נאָך פעטער, און אין בײַטעלע באַ אים האָבן גענומען קלינגען נײַינקע דענדלעך.

דערזען אולענשפּיגעלן, איז לאַמע צוגעפאָרן צום ברעג און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן באַגעגענען זײַן פרײַנט.

— עך, מײַן זון, — האָט לאַמע געמורמלט, קוים שטאַמלענדיק פון גליק, — ענדלעך זײַנען מיר ווידער צוזאַמען! ווּהין גייסטו? האָסטו עפּשער מײַן ווײַב געזען? קום, וועסט פאַרזוכן מאאַסער פיש. דאָס זײַנען די געשמאַקסטע פיש אין דער וועלט. דאָ קאָכט מען אַזעלכע סאָוסן, וואָס מע באַלעקט זיך פון זיי מאַמעש. וועסט לעבן אַ ביסל צײַט באַ מיר, וועסטו ווידער ווערן געזונט און מונטער, ווי אַ יונגער אָדלער. טו מיך אַ קוש, שויטע איינער. עך, ווי איך בין עס צופרידן, וואָס מיר זעען זיך ווידער!

לאַמע האָט געשפּרונגען און געטאַנצט אַרום אולענשפּיגעלן, שטיקנדיק זיך מאַמעש.

אין דער היים האָט ער צוגעגרייט אַ זעלטענעם מיטיק און דערציילט אולענשפּיגעלן אַלע זײַנע פּאַסירונגען. איינמאָל האָט ער באַמערקט לעבן לאַגער עפּעס אַ מיידל. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז זײַן ווײַב. האָט ער זיך גענומען יאָגן נאָך איר, און האָט זיך געיאָגט נאָך איר אַזש ביז נאַמיור. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס מיידל איז אַן אומבאַ־

קאַנטע. לאַמע האָט אָבער אַ קלער געטאָן, אַז דאָס מיידל איז זײַן מאַזל, און ער האָט באַשלאָסן צו בלײַבן ווײַנען אין נאַמיור.

— דאָס האַרץ מײַנס פּילט, אַז מײַן ווײַב איז אין דאַמע! — האָט ער אַ זאָג געטאָן פאַרטראַכטערהייט, — לאָמיר פאָרן קיין פלאַנדריע, מײַן זון, איך האָב אַ פולן טײַסטער מיט פלאָרינען, מירן קויפן אַ פּאָר אייזלען און מירן אוועקפאָרן אין אונדזער היימלאַנד.

אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן.

אין עטלעכע טעג אַרום זײַנען זיי, הונגעריקע און מידע, געקומען צו פאָרן אַף אַן אַכסאַניע. זי איז געשטאַנען אַפן פעלדזיקן ברעג פונעם טײַך סאַמברע. קיין אַנדער וווינונג איז אַרום איר ניט געווען.

אַף מיטיק האָט מען זיי דערלאַנגט פרישע פיש און עטלעכע פלעש־לעך מאַאַסער ווײַן. באַם טיש איז אינאיינעם מיט זיי אויך געזעסן דער באַ־לעבאָס פון אַכסאַניע. ער איז געווען אין זייער אַ גוטער שטימונג. שמו־עסנדיק, האָט ער די גאַנצע צײַט כיטרע אונטערגעוווּנקען צו אולענשפּי־געלן. ער איז געווען אַן אַלטער, איבערצײַגטער פּאַפּיסט.

אולענשפּיגעל האָט באַשלאָסן, אַז דער באַלעבאָס באַהאַלט עפּעס אויס אַ וויכטיקן סאָד, און ער האָט אים געגומען ביסלעכווײַז אָנשיקערן. יענער האָט געטרונקען, געלאַכט, און פּלוצלינג זיך אוועקגעלאָזט אין אַ טענצל איבערן צימער. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אוועקגעזעצט באַם טיש און האָט אָנגעגאָסן אַ פולן בעכער ווײַן.

— פאַר אײַער געזונט, פרומע קאַטאָליקעס! — האָט ער אויסגערופן.

— פאַר אײַערן אויך, — האָבן אים געענטפערט אולענשפּיגעל און לאַמע.

— איך טרינק פאַר פאַרניכטן די פאַרשאָלטענע אַפּיקאָרסים!

— ריכטיק, — האָבן אים אולענשפּיגעל און לאַמע געענטפערט, און זיי האָבן ווידער אָנגעגאָסן דעם באַלעבאָס אַ פולן בעכער.

— איר זײַט טײַערע יאַטן, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט, — איך טרינק פאַר אײַער ברייטער האַנט. ווו זײַנען אײַערע דורכלאָז־שײַנען?

— אָט זײַנען זיי, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— זיי זײַנען אונטערגעשריבן פונעם הערצאָג, איך טרינק פאַרן גע־זונט פונעם הערצאָג.

— פאַרן געזונט פונעם הערצאָג! — האָבן אים אולענשפּיגעל און לאַמע געענטפערט.

— מיט וואָס כאַפּן מיר פּאַצוקעס און מײַז? — האָט דער באַלעבאָס פאָרגעזעצט, — מיט פּאַסטקעס. און ווער איז די הויפּט־פלעדערמויז, וואָס וואַרפט אָן אַ מוירע אַף אונדזער קיניגרײַך? דאָס איז דער אָראַנער, דער גרויסער אַפּיקוירעס. ער איז אָראַנזש, ווי דאָס פײַער אין גענעם[1]. כע־כע־כע! און

---

[1] Prince d'Orange — פּרינץ פון אָראַנזש.

ווער גייט דאָרט, וואָלט איך אָקאָרשט וועלן וויסן? כע־כע־כע! כ'וויל טרינקען! גיסט מיר אָן! דאָס זײַנען טײַערע רעפּאָרמאַטישע פריידיקער. גיסט מיר אָקאָרשט אָן נאָך א בעכער ווײַן, ליבער פרײַנט. איר ווילט אײַניינעם מיט זיי זיך אַרײַנשמוגלען אין דעם אָראַנערס לאַגער? איך האָב דורכלאָז־שײַנען. איר וועט דאָרט זען, ווי עס בלאָזט דער „שטאָלענער ווינט".

— גוט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — מיר גייען אין דעם אָראַנערס לאַגער.

— זיי וועלן אַלץ אײַנאָרדענען אַזוי, אַז בעסער דאַרף מען ניט. זיי וועלן אים באַנאַכט אונטערהיטן און — האַק! — דאָ האָט דער באַלעבאָס גע־מאַכט אַזאַ זשעסט, ווי ער שטעכט עמעצן מיטן שווערד. — דער „שטאָ־לענער ווינט" וועט אים אוועקבלאָזן און — א סאָף, און עק. לאָמיר זשע אויסטרינקען פאַרן „שטאָלענעם ווינט"!

— איך זע, אַז דו ביסט פריילעך, כאָטש דו ביסט א באַווײַבטער, — האָט אים אולענשפּיגעל געזאָגט.

— קיין ווײַב האָב איך ניט, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט, — מע טרויט מיר אָן וויכטיקע מעלוכישע סודעס. א ווײַב קאָן זיי אויספּלוי־דערן און מיך אַרופירן אַפן דער טליע. לאָמיר אויסטרינקען! ווו זײַנען עס מײַנע נײַע דורכלאָז־שײַנען? זיי זײַנען דאָ, מײַן קרישטלען האַרץ. און ווו זײַנען עס אונדזערע פריידיקער? אָט זײַנען זיי, אָן דאָרט, דרײַ הונדערט טריט פון דאַנען, אַפן וועג בא מאַרש־לע־דאַם. איר זעט זיי? לאָמיר אויסטרינקען!

— לאָמיר אויסטרינקען! — האָט אולענשפּיגעל אויסגעשריִען, — לאָמיר אויסטרינקען פאַרן געזונט פונעם קיניג, פונעם הערצאָג, פון די פריידי־קער, פאַרן „שטאָלענעם ווינט"! לאָמיר אויסטרינקען פאַר מײַן געזונט, פאַר דײַן געזונט, לאָמיר אויסטרינקען פאַרן ווײַן, פאַרן פלעשל! איך זע, אַז דו רירסט זיך אַפילע ניט צו צום ווײַן!

אולענשפּיגעל האָט ניט אופגעהערט אָנצוגיסן דעם באַלעבאָס נײַע בע־כערס ווײַן. יענער פלעגט זיי מיט איין קער אויסליידיקן ביז א לעק. ענד־לעך, האָט אולענשפּיגעל אוועקגעשטעלט דאָס פלעשל און ער האָט א גע־וויסע צײַט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם באַלעבאָס.

— ער שלאָפט, — האָט ער א זאָג געטאָן, אופהייבנדיק זיך פון אָרט, — קום אוועק פון דאַנען, לאַמע.

זיי זײַנען אַרויס אַפן וועג.

— קיין ווײַב האָט ער ניט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — קיינער האָט אונדז ניט געזען. דו פאַרשטייסט, ווער זײַנען עס די פריידיקער, וועגן וועלכע דער דאָזיקער שיקער האָט גערעדט?

— איך פאַרשטיי, — האָט לאַמע געזאָגט.

— זיי גייענ פונ מארש־לע־דאַמ מיטנ ברעג פונ מאאס. מע דארפ זיי אָפּהאלטנ, איידער עס וועט נעמענ בלאָזנ דער „שטאָלענער ווינט“.

— אומבאדינגט, — האָט לאַמע געזאָגט.

— מיר דארפנ ראטעווענ דעמ פּרינצ.

— אומבאדינגט, — האָט לאַמע געזאָגט.

— איז נעמ מײַנ ארקעבוז, לאָד אימ אָנ מיט צוויי קוילנ אונ באַהאלט זיכ אינ די קוסטעס, וואָס לעבנ די פעלדזנ. ווענ איכ וועל א קראַקסאָנ ווי א ראָב — שיס.

— גוט, — האָט לאַמע געזאָגט.

לאַמע איז פארשוווּנדנ אינ די קוסטעס אונ ער האָט אָנגעלאָדנ זײַנ ארקעבוז.

— דו זעסט זיי? — האָט אולענשפּיגעל אימ געפרעגט.

— יאָ, איכ זע זיי. זיי זײַנענ זאלבעדריט. זיי גייענ, ווי סאָלדאטנ, מיט א געמאָסטענעמ טראָט, איינער פונ זיי איז אפ א קאָפּ העכער פונ זײַנע כאווײרימ.

אולענשפּיגעל האָט זיכ אוועקגעזעצט אפנ וועג, מורמלענדיק טפילעס, אזוי ווי א בעטלער: די הוט איז געלעגנ בא אימ אפ די קני.

ווענ די פּריידיקער זײַנענ דורכגעגאנגענ פארבײַ אימ, האָט ער זיי אויסגעשטרעקט דעמ הוט, אָבער יענע האָבנ אינ איר גאָרנישט ניט ארײַנגעוואָרפנ.

— העלפט, גוטע הערנ, — האָט אולענשפּיגעל געקרעכצט מיט א טרויעריקער שטימ, — איכ בינ אנ אָרעמער מויערער. ניט לאַנג בינ איכ ארײַנגעפאלנ אינ א שאכטע אונ כ'האָב זיכ צעבראָכנ ביידע פיס. קיינער העלפט מיר ניט אונ ס'קומט מיר אויס אויסצוגיינ פונ הונגער. העלפט אנ אומגליקלעכנ, איכ וועל פאר אײַכ אייביק גאָט בעטנ.

— מײַנ זונ, — האָט אימ איינער פונ די פּריידיקער געזאָגט, — מיר זײַנענ אָרעמע קלויסטער־דינער אונ מיר האָבנ אזוי ווינציק געלט, אז עס וועט אונדז קוימ קלעקנ אפנ וועג.

— אויב אזוי, בעט איכ אײַכ, איר זאָלט מיכ כאָטש לעכאָלאפּאָכעס בענטשנ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט אונ האָט זיכ געשטעלט אפ די קני.

די דרײַ פּריידיקער האָבנ אויסגעשטרעקט איבער אימ די הענט, אונ דאָ האָט אולענשפּיגעל דערזענ, אז די בײַכער זייערע זײַנענ גראָב, ניט געקוקט דערופ, וואָס די קערפּערס זייערע זײַנענ געווענ דאַר אונ מוסקולדיק. אופהייבנדיק זיכ, האָט אולענשפּיגעל געמאכט אנ אָנשטעל, אז ער האָט זיכ א גליטש געטאָנ, אונ ער האָט א קלאַפּ געטאָנ מיטנ קאָפּ אינ דעמ בויכ פונעמ הויכנ פּריידיקער. עס האָט זיכ דערהערט א פרייַלעכער קלונג פונ מאטבייעס.

אולענשפּיגעל האָט זיכ דעמלט אויסגעגלײַכט, ארויסגעשלעפּט זײַנ שווערד אונ געזאָגט:

— הייליקע פאָטערס, אפנ גאס איז קאלטלעכ, אונ איכ בינ אָנגעטאָנ

זייער שלעכט. איז גיט אָקאָרשט אהער דאָס, וואָס עס קלינגט בא אייַך אפנ בויך. איך בינ, פארשטייט איר מיך, א בעטלער, אנדערש גערעדט, א געז. לעבנ זאָלנ די געזנ!

— איך זע, אז דו ביסט ניט נאָר א געז, נאָר א גרויסער אזעס־פּאָנעם, — האָט דער הויכער פריידיקער געזאָגט, — מע וועט דיך מוזנ אָנלערנען, גוטער־ברודער.

— מיך אָנלערנען, — האָט אולענשפיגעל אויסגעשריִען, אָפּטרעטנדיק איינ טראָט אפ צוריק, — אונ דער „שטאָלענער ווינט“? זעט אָקאָרשט, ער זאָל אפ אייַך ניט א בלאָז טאָנ פריִער, איידער אפנ פרינצ. לעבנ זאָלנ די געזנ!

— פונוואנענ ווייסט ער דאָס אלצ? — האָבנ אָנגעהויבנ ריידנ צווישנ זיך די דערשטוינטע פריידיקער. — א פארעטער האָט אונדז אויסגעגעבנ, א טויט אים! א טויט דעמ פארשאָלטענעם געז!

אונ זיי האָבנ ארויסגעשלעפּט פונ הינטער די קליידער לאנגע גלאנציקע שווערדנ.

אולענשפיגעל איז אָפּגעטראָטנ צו די קוסטעס, אינ וועלכע לאמע האָט זיך באהאלטנ. די פריידיקער האָבנ זיך א וואָרפ געטאָנ אפ אים. ווי נאָר זיי זייַנענ אונטערגעלאָפנ אפ א מעהאלעך פונ א שאָס, האָט אולענשפיגעל אויסגעשריִען:

— היט זיך, קראָענ! באלד וועט נעמענ בלאָזנ א בלייַענער ווינט.

אונ ער האָט א קראקע געטאָנ ווי א ראָב.

פונ די קוסטעס האָט א קנאל געטאָנ א שאָס. דער הויכער איז טייקעפּ געפאלנ אפ דער ערד. נאָך א שאָס — אונ עס איז געפאלנ דער צווייטער. אינ די קוסטעס האָט זיך באוויזנ לאמעס גוטמוטיק פּאָנעם. לאמע האָט זיך געייַלט נאָכאמאָל אָנצולאָדנ דעמ ארקעבוז. איבער זייַנ קאָפּ האָט זיך געשלענגלט א בלוי רויכל.

דער דריטער פריידיקער האָט אנטבלויזט זייַנ שווערד אונ האָט זיך ארופגעוואָרפנ אפ אולענשפיגעלנ.

— געזעגנ זיך מיטנ לעבנ, נידערטרעכטיקער מערדער דו איינער! — האָט אולענשפיגעל אויסגעשריִען, אָפּשלאָגנדיק די קלעפּ.

אזוי זייַנענ זיי געשטאנענ אפנ וועג פּאָנעם־צו־פּאָנעם אונ געקעמפט מיט רעציכע. אולענשפיגעל איז געווענ אינגאנצנ צעבלוטיקט: דער פריידיקער איז געווענ א געשיקטער מייַסטער אפ האקנ מיטנ שווערד אונ ער האָט שוינ פארוואונדעט אולענשפיגעלנ אינ קאָפּ אונ אינ פוס. אָבער אולענשפיגעל האָט זיך געראנגלט, ווי א לייב. איבערנ פּאָנעם איז בא אים גערונענ בלוט, אונ דאָס האָט אים געשטערט צו זענ. ער איז אָפּגעלאָפנ אָנ א זייַט, קעדיי אָפּצווישנ דאָס בלוט, אונ פלוצלינג האָט ער דערפילט,

אז ער ווערט אָפּגעשוואַכט. אָבער דאָ האָט א קנאַל געטאָן דער דריטע שאָס, און דער פריידיקער איז געפאַלן אפ דער ערד. אולענשפּיגעל האָט געהערט, ווי ער האָט, שטאַרבנדיק, זיך פאַרכלינעט אין בלוט און האָט אויסגעשריִען די לעצטע קללות.

פּאַרהילט אין א בלוי רויכל, האָט זיך פון די קוסטעס ווידער באַוויזן לאַמע פּיזיאָנאָמיע.

— אלץ פאַרטיק? — האָט ער א פרעג געטאָן אולענשפּיגעלן.

— יאָ, מײַן זון, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט, — קום צו מיר אַהער...

און ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזן אפ דער ערד.

ניט געקוקט אפ זײַן פעטן בויך, האָט לאַמע פייל־אויסן־בויגן זיך א לאָז געטאָן צו אים.

— דו ביסט פאַרווונדעט, מײַן זון, פאַרווונדעט פונעם דאָזיקן מערדער, — האָט ער טרויעריק אויסגעשריִען, און ער האָט מיט א קלאַפּ פונעם אָפּצאַס אויסגעהאַקט די ציין דעם דערהאַרגעטן פריידיקער. — פאַרוואָס ענטפערסטו מיר ניט? צי קלײַבסטו זיך ניט מאַכן א שטאַרב, אולענשפּיגעל? ווו איז עס אונדזער זאַלב? אַך, יאָ, זי ליגט אין רײַזע־זעקל, אונטער די סאָסיסקעס. א ביסל וואַסער ווו נעמט מען? כ׳וועל עס באַלד ברענגען. אָט איז עס, דאָס קאַלטע וואַסער. אָקאָרשט געבראַכט פון סאַמברע. אהא. אָט האָט ער זיך שוין אופגעכאַפּט! דאָס בין איך, מײַן זון! דײַן פרײַנט! זיי זײַנען שוין אַלע פאַרטיק! ווו נעמט מען לײַוונט אפ איבערבינדן דײַנע ווונדן? באַלד וועל איך דאָס העמד צערײַסן אפ שטיקער! אָט האָט זיך שוין דאָס בלוט אײַנגעהאַלטן!

איבערגעבונדן אולענשפּיגעלס ווונדן, איז לאַמע צוגעלאָפן צו די דערהאַרגעטע.

— אוי, וויפל פלאָרינען זיי האָבן, — האָט ער געמורמלט, ריִענדיק זיך אין זייערע קליידער. — אָט זײַנען קאַראָלוסן, אָט זײַנען פלאָרינען, אָט זײַנען פּאַטאַרן. מײַן זון, בא זיי ליגן עפּעס בריוו. ווי רײַך מיר זײַנען עס אצינד! דאָ איז מער פון דריי הונדערט קאַראָלוסן. לאָמיר נעמען דאָס געלט און די בריוו מיט זיך. דער „שטאָלענער ווינט" וועט מער שוין ניט בלאָזן אפ דעם אָראַנער.

אולענשפּיגעל האָט זיך אופגעשטעלט. פון קעלט האָט בא אים געקלאַפּט א צאָן אָן א צאָן:

— אַהאָ, אָט שטייסטו שוין אפ די פיס, — האָט לאַמע געזאָגט.

— די זאַלב האָט געהאָלפן, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

לאַמע האָט אַוועקגעטראָגן די קערפּערס פון די דערהאַרגעטע פריידיקער צום אָפּגרונט און האָט זיי אַראָפּגעוואָרפן איינעם מיטן געווער און מיט די קליידער.

אין הימל האָבן שוין געקארקעט קראָען, שפּירנדיק א רײַכן רויב. דערנאָך האָט געגומענע גייג א שניי און האָט אָפּגעשווענקט דאָס בלוט. און פונדעסטוועגן האָט זיך א שווערע לאַסט געלייגט אַף זייער האַרץ.

— דערהארגענע א מענטשן — דאָס איז ניט קוילענען א הינדל, — האָט לאַמע געזאָגט.

לעבן דעם טויער פון גיוי איז בא אולענשפּיגעלן נאָך געבליבן בלוט פון קאָפּ. דעריבער האָבן ביידע פרײַנט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי האָבן זיך צעקריגט. זיי זײַנען אראָפּגעקראָכן פון די אייזלען און אָנגע־פאַלן איינער אַפן צווייטן, פאָכענדיק מיט די שווערדן. דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער ארופגעזעצט אַף די אייזלען, באַוויזן באַם טויער זייערע דורכ־לאָז־שײַנען און זײַנען ארײַנגעפאָרן אין שטאָט. דערזען אולענשפּיגעלן א צעבלוטיקטן, האָבן די פרויען געדראָעט לאַמען מיט די פויסטן און גע־שריען:

— דער דאָזיקער אויסוואורף האָט פאַרוואונדעט זײַן כאַווער!

לאַמע האָט זיך אײַנגעקוקט אין די ווײַבער, עפּשער וועט ער דערזען צווישן זיי זײַן ווײַב. נאָר זײַן ווײַב איז דאָ ניט געווען. און לאַמע איז אַן אומעטיקער געפאָרן ווײַטער מיט זײַן וועג.

קאפיטל 12

וועגן דעם, ווי אולענשפּיגעל האָט אָפּגענאַרט דעם הערצאָג אַלבאַ

— וווהין וועלן מיר איצט פאָרן? — האָט לאַמע געפרעגט.

— קיין מאַאַסטריכט, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

— דאָס איז אוממעגלעך, דאָרט געפינט זיך אַלבאַס מיליטער. אונדזערע דורכלאָז־שײַנען וועלן דאָרט ניט זײַן גילטיק. און אויב די שפּאַניער וועלן זיך דערוויסן וועגן דעם טויט פון די פרײַדיקער, וועלן מיר מיעס אָפּ־שנײַדן.

— די קראָען האָבן זיי שוין אַזוי צעפּיקט, אַז קיינער וועט זיי שוין אפילו ניט דערקענען, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — נאָר פאַרשטייט זיך, אויב די שפּאַניער וועלן דערשמעקן וועגן דעם מאָרד, — זײַנען מיר פאַר־פאַלענע. און פונדעסטוועגן מוזן מיר פאָרן קיין מאַאַסטריכט.

— זיי וועלן אונדז אופהענגען, — האָט לאַמע געזאָגט.

— נישקאָשע, זיי וועלן אונדז ניט אופהענגען.

אַפּ מאָרגן זײַנען אולענשפּיגעל און לאַמע אוועקגעפאָרן קיין לאַנדען. לעבן איינער אַ גרויסער פערמע האָט אולענשפּיגעל אַ פײַף געטאָן ווי אַ לאַרך, און טייקעף האָט ער דערהערט דאָס קרייען פון אַ האָן. פון טויער פון דער פערמע איז אַרויס דער באַלעבאָס און האָט מיט גרויס פרייד באַ־גריסט די רײַזנדע.

— ווער איז עס? — האָט לאַמע געפרעגט אולענשפּיגעלן.

— דאָס איז טאָמאַס אוטענהאָווע, אַ געטרײַער רעפאָרמאַט, — האָט אים אולענשפּיגעל געענטפערט. — ער קעמפט איינינעם מיט זײַנע אַרבעטער פאַר דער באַפרײַונג פון אונדזער פאָטערלאַנד.

— מיר אַלע קעמפן פאַר איין זאַך, — האָט אוטענהאָווע געזאָגט, — קומט אַרײַן אין הויז, ליבע פרײַנט, און בײַסט צו, וואָס דער אייבערשטער האָט מיר געגעבן.

איינגיכן האָט אַפּ דער סקאָווראָדע זיך גענומען פּרעגלען שינקע. אַפּן

טיש האָט זיך באַוויזן ווײַן. דער ווײַן האָט גענומען שפּילן אין די גלע־זער. לאַמע האָט זיך טייקעף צוגעכאַפּט צום עסן, אוטענהאָווע אַרבעטער און דינסטן האָבן געקוקט דורך דער טיר און האָבן זיך געכידעשט פֿון לאַמעס גוואַלדיקן אַפּעטיט.

— הונדערט פּויערים וועלן פֿונדאַנען אַוועקגיין קיין בריוגע צו הילף דעם פּרינץ, — האָט טאָמאַס אוטענהאָווע געזאָגט, — זיי וועלן זיך פֿאַר־שטעלן פֿאַר אַרבעטער, וואָס גייען פֿאַריכטן די דאַמבעס. אין בריוגע וועלן זיי זיך אַרופֿזעצן אַף באַרזשעס און אַריבערפֿאָרן קיין עמדען, וווּ עס שטייען דעם אָראַנערס שיפֿן.

— געלט און געווער האָבן זיי? — האָט אולענשפּיגעל געפֿרעגט.

— איטלעכער פֿון זיי האָט אַ גרויס מעסער און צען פֿלאָרין, — האָט טאָמאַס אוטענהאָווע געזאָגט.

— גאָט און דער פּרינץ וועלן זיך באַלוינען דערפֿאַר, — האָט אולענ־שפּיגעל געזאָגט.

— טײַערער באַלעבאָס! — האָט לאַמע געזאָגט, קײַענדיק אַ שטיק גע־פּרעגלטע וווּרשט. — וויאַזוי פּרעגלט איר עס די וווּרשט, וואָס זי באַקומט זיך אַזאַ זאַפּטיקע און געשמאַקע?

— מיר גיבן אַרײַן אַ ביסל צימרינג, — האָט דער באַלעבאָס געענט־פֿערט.

— דו ווייסט ניט, דער פֿריסלענדער גראַף איז נאָך אַלץ אַ געטרײַער פֿרײַנט דעם פּרינץ? — האָט אוטענהאָווע געפֿרעגט אולענשפּיגעלן.

— ער רעדט ניט וועגן דעם, פֿונדעסטוועגן איז עמדען אַ זיכער אָרט פֿאַר דעם אָראַנערס שיפֿן, — האָט אולענשפּיגעל געענטפֿערט.

— מיר דאַרפֿן זײַן אין מאַאַסטריכט און קריגן דאָרט געווער און פּראָ־וויאַנט פֿאַר אונדזער פֿלאָט, — האָט ער צוגעגעבן.

— מ׳קאָן אַפֿילו ניט טראַכטן וועגן דעם, — האָט אוטענהאָווע געזאָגט, — אַרום דער שטאָט שטייט דעם הערצאָגס מיליטער.

ער האָט אַוועקגעפֿירט אולענשפּיגעלן אַפֿן בוידעם און געעפֿנט אַ פֿענצטערל. אין דער ווײַט, אין פֿעלד, האָבן זיך געזען פֿאָנען פֿון אינ־פֿאַנטעריע, און עס האָבן זיך פֿאַמעלעך באַוועגט קאַוואַלעריע־אָטריאַדן.

אולענשפּיגעל האָט אַ טראַכט געטאָן און האָט געזאָגט:

— איך וועל אַרײַן אין שטאָט, אויב איר וועט מיר נאָר קאָנען אײַנ־אָרדענען אַ כאַסענע. מע דאַרף געפֿינען אַ קאַלע, וואָס זאָל קלוימערשט אײַנשטימען כאַסענע צו האָבן מיט מיר.

— טו עס ניט, מײַן זון, — האָט לאַמע געזאָגט מיט אַ זיפֿץ. — דאָס ווײַב וועט פֿון דיר סאָפּקאָלסאָפּ אַנטלויפֿן, און דו וועסט אייביק בענקען אין עלנטקייט.

— ניין, מע מוז עס טאָן, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

לאַמע האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט און האָט גענומען זוכן אין אַלע טעלער, עפּשער איז נאָך דאָ עפּעס אָפּ צובייסן. נאָר אָך און ווי, אַלץ האָט מען אויפגעגעסן. לאַמע איז געוואָרן אומעטיק. אָבער באַלד האָט מען אים געבראַכט געבעקס, און ער האָט זיך ווידער צוגעכאַפּט צו דער אַכילע.

— אַלזאָ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — איר וועט מיר קריגן אַ קאַלע. מיר וועלן מיט איר גיין אין קלויסטער און כאַסענע האָבן. דער גאַלעך וועט אונדז אַרויסגעבן כאַסענע־פּאַפּירן, נאָר זיי זיינען דאָך ניט גילטיק, ווייל דער גאַלעך איז דאָך דעם פּויפּסטס אַן אינקוויזיטאָר. אין די פּאַפּירן וועט געזאָגט ווערן, אַז מיר ביידע זיינען געטרייע קריסטן און לעבן מיט די געזעצן פון אונדזער מוטער דער קאַטוילישער קירך, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. מיט די דאָזיקע פּאַפּירן וועלן מיר איינ־אָרדענען אונדזער כאַסענע־רייזע. מיר דאַרפן געפינען צוויי פורלעך, באַ־פּוצן זיי מיט יאָדלע־צווייגן און מיט פּאַפּירענע קווייטן און מיטנעמען מיט זיך עטלעכע געטרייע כאַווײרים.

— אָבער ווו וועלן מיר נעמען אַ ווייב?

— מע דאַרף זי געפינען. אין דעם ערשטן פורל וועל איך איינשפּאַ־נען דיינע פערד, אינעם צווייטן — מיינע אייזלען. אין דעם ערשטן וועלן זיצן די מוזיקאַנטן מיט זייערע אינסטרומענטן. מיט דער דאָזיקער מוזיק וועלן מיר, פריילעכע, שיקערע, פּאָכענדיק מיט די כאַסענע־פלאַגן, זיך לאָזן קיין מאַאַסטריכט, וואָס עס זאָל ניט זיין.

— איך וועל דיר העלפן, — האָט טאָמאַס אוטענהאָווע געזאָגט, — אָבער די פרויען וועלן דאָך אויך וועלן פאָרן מיט אייך.

— פאַרשטייט זיך, — האָט אַ זאַג געטאָן אַ מיידל, אַרייַנרוקנדיק דעם קאָפּ אין טיר, — מיר פאָרן איינינעם מיט די מאַנצבלען.

— אויב אַזוי, — האָט טאָמאַס אוטענהאָווע געזאָגט, — וועלן מיר צונויפ־נעמען פיר פורלעך. עס וועלן זיך קענען אַרייַנזעצן אין זיי פינף און צוואַנציק מענטשן.

— אוי, ווי דער הערצאָג וועט בלייבן צום נאַר! — האָט אולענשפּיגעל אויסגעשריִען.

— און דעם פּרינצס פלאַט וועט באַקומען פינף און צוואַנציק טייַע־רע קריגס־לייַט, — האָט טאָמאַס אוטענהאָווע געזאָגט.

ער האָט גענומען קלינגען אין אַ גרויסן גלאָק, וואָס איז געהאַנגען אָפּן הויף פון דער פערמע, און אינגיכן איז דער הויף פול געוואָרן מיט אַרבעטער.

— ליבע פריינט, — האָט זיי טאָמאַס אוטענהאָווע געזאָגט, — איר אַלע

זײַט פֿון זעלאַנד, אָט שטייט פֿאַר אײַך אולענשפּיגעל, אַ פֿלאַמאַנדער. ער וויל מיט אײַך דורכפֿאָרן דורך דער גאַנצער ליניע פֿונעם הערצאָגס מיליטער, קלוימערשט ווי מיט אַ כאַסענע־רײַזע.

— מיר זײַנען מאַסקים! — האָבן די אַרבעטער געזאָגט, — דאָ איז קנעכטשאַפֿט, דאָרטן — פֿרײַהײַט! מיר פֿאָרן מיט אולענשפּיגעלן.

— מירן אויך פֿאָרן מיט אונדזערע מענער, — האָבן די פֿרויען געזאָגט, — זעלאַנד, אונדזער פֿאָטערלאַנד, וועט אונדז גוט אויפֿנעמען.

אולענשפּיגעל האָט באַמערקט צווישן די פֿאַרזאַמלטע אַרבעטער אַ פֿײַן יונג מיידל און ער האָט איר אין אַ שפּאַס געזאָגט:

— איך וויל מיט דיר כאַסענע האָבן, שיינינקע.

— פּרוּוו, — האָט זי געענטפֿערט, רויט ווערנדיק.

— דאָס איז די קאַלע פֿון האַנס אונטערהאָווע, דעם באַלעבאָס זון, — האָבן לאַכנדיק גערעדט צווישן זיך די פֿרויען. — איר קאָסט פֿאָרט מיסטאַמע אויך מיט אולענשפּיגעלן.

— יאָ, איך פֿאָר אויך, — האָט האַנס געזאָגט.

— גוט, — האָט אים דער פֿאָטער געזאָגט, — פֿאָר.

די מאַנצבילען האָבן אָנגעטאָן זייערע יאָנטעוודיקע בגאָדים: סאַמעטענע רעקלעך און הויזן, פֿון אויבן — לאַנגע מאַנטלען און אויף קאָפּ היט מיט ברייטע ראַנדן. די פֿרויען האָבן אויפֿגעהאַנגען אויף שטערן אָוואַלפֿאָרמיקע גאָלדענע בלעכלעך, מיידלעך — פֿון דער לינקער זײַט, ווײַבלעך — פֿון דער רעכטער. דערנאָך האָבן זיי זיך פֿאַרפּוצט אין ווײַסע קעלנערלעך, אויסגענייטע ברוסט־טיכלעך און אין שוואַרצע וואָלענע קליידער מיט ברייטע סאַמעטענע פּאַסן. זאָקן האָבן זיי אָנגעטאָן אויך שוואַרצע, און טופֿליעס — סאַמעטענע, מיט זילבערנע ספּראָנזשקעס.

דערנאָך זײַנען אַלע אַוועק אין קלויסטער, און דער דאָרטיקער גאַלעך האָט פֿאַר צוויי רענדלעך מיט פֿאַרגעניגן כאַסענע געמאַכט טילבערטן, קלאַאַסעס זון, מיט דער פֿײַנינקער טאַניעקין פּיטערס. אַ פֿריש מיידל מיט רויטינקע בעקלעך, אַזוי ווי אַ צײַטיק עפּעלע. נאָך דער כופּע האָט מען אײַנגעאָרדנט אַ פֿײַנע סודע, אַף וועלכער אולענשפּיגעל האָט זיך געפֿרייט, געזונגען און זיך געמאַכט נאַריש אַ גאַנצן אָוונט.

אַף מאָרגן איז געוווען אַ זעלטן שיינער וועטער: עס האָט העל געלויכטן די זון, און עס האָט געבלאָזן אַ פֿריש ווינטעלע. אַרום האַלבן טאָג האָבן פֿיר פֿאַרפּוצטע פֿורלעך מיט מוזיק און מיט פֿלאַגן זיך געלאָזן אין וועג אַרײַן.

אין אַלבאַס לאַגער האָט זיך אויפֿגעהויבן אַן אַליאַרם. די לאַגערוועכטער זײַנען געקומען צו לויפֿן צום הערצאָג און האָבן אים געמאָלדן:

— דער סוינע איז נאָענט. מיר האָבן געהערט קלאַפּן פּויקן און האָבן

געזענ פלאטערנדיקע פאנענ. עס דערנעענטערט זיך א שטארקער קאוואלע־ריע-אטריאד. דאס איז, אפאנעמ, דער אוואנגארד. די הויפט־קויכעס פונ דער ארמיי זײַנענ נאך ווײַט.

באלד האט מענ אויסגעשטעלט דאס מיליטער אינ א שלאכט-ארדענונג, אונ שטארקע אטריאדנ אויסשפירער זײַנענ אוועק אנטקעגנ דעמ סוינע.

אונ אט זײַנענ פיר כאסענע־פורלעכ מיט טומל אונ ראש ארויסגע־פארנ אפנ וועג. די פורלעכ זײַנענ געווענ פול מיט מענטשנ. די מאנצ־בלענ אונ די פרויענ האבנ געשריענ, געזונגענ, געשפילט אפ די דודקעס אונ געטרונקענ, איבערגעבנדיק איינער דעמ צווייטנ די פלעשלעכ.

דער כאסענע-צוג האט זיך אפגעשטעלט, אונ אלבא האט דערזענ די קאלע. ווײַט בא זײַט מיט איר איז געזעסנ אולענשפיגעל, איר מאנ, א באַ־פוצטער מיט בלומענ. די געסט זײַנענ אראפגעשפרונגענ אפ דער ערד, גע־טאנצט אונ מעכאבעד געווענ די זעלנער מיט וויינ.

קוקנדיק אפ די נאיווע מענטשנ, האט אלבא זיך געוווּנדערט פונ גאנצנ הארצנ. ארומ אונ ארומ האבנ זיך אלע געגרייט צו א בלוטיקער שלאכט. בלויז די דאזיקע נאראנימ האבנ, ניט וויסנדיק פונ גארנישט, געטאנצט אונ געפרייט זיך.

די געסט האבנ דערווײַל מעכאבעד געווענ די זעלנער מיט וויינ, זיך ארײַנגעזעצט צוריק אינ די פורלעכ אונ אוועקגעפארנ ווײַטער. די זעל־נער האבנ לעקאוועד זיי געגעבנ א זאלפ פונ די ארקעבוזנ.

אזוי איז אולענשפיגעל דורכגעפארנ דורכ אלבאס מיליטער קיינ מאאס־טריכט. דארטנ האט ער זיך צונויפגערעדט מיט די אנהענגער פונ די רע־פארמאטנ וועגנ צושטעלנ געווער אונ פראוויאנט אפ דעמ אראנערס שיפנ.

אינגיכנ האט דאס גאנצע לאנד זיך דערוווּסט וועגנ אולענשפיגעלס שפיצל. עמעצער האט פארפאסט א לידל אונ עס אוועקגעשיקט צומ הערצאג אלבא. דער רעפרענ צומ דאזיקנ לידל איז געווענ אזא:

אט דאס איז א כאסנ, א קאלע — א פראכט!
זיי האבנ דעמ הערצאג פײַנ אפגענארט!

דער הערצאג האט געהריזעט די פויסטנ פונ פארדראס. אונ די סאל־דאטנ האבנ פונ אימ כויזעק געמאכט, געזונגענ דאס דאזיקע לידל אונ אנ אופהער איבערגעכאזערט דעמ רעפרענ צו אימ.

קאַפּיטל 13

װעגן דעם, װי לאַמע גודזאַק האָט אײן אַן ערן־שלאַכט באַזיגט דעם באַרימטן סטערקע פּיר

רײַטנדיק אַף זײערע אײזלען, האָבן לאַמע און אולענשפּיגעל זיך דערנעענטערט צום טײַך מאַאַס.

— הער אױס, לאַמע, — האָט אולענשפּיגעל אים געזאָגט, — דאָס אַדלטום פֿאַראַט אונדז, עגמאָנט און האָרן זײַנען געװאָרן פֿאַרעטער און זײַנען אומגעקומען. דער העלדישער ברעדעראָדע איז געשטאָרבן. ניטאָ שױן מער אַף װעמען צו האָפֿן. דאָס פֿלאַנדרישע און בראַבאַנטישע פֿאָלק דאַרף זיך אַלײן אײַנשטעלן פֿאַר זיך.

— איך זע, אַז מיר טאַנצן צװישן דעם שײַטער און דער שטריק, — האָט אים לאַמע געענטפֿערט. — אַף אָפּרוען איז ניטאָ קײן שום האָפֿענונג.

— דאָס איז נאָך ערשט אַן אָנהײב, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — װעסט נאָך זען, װאָס װײַטער װעט זײַן!

— מײַן זון, — האָט אים לאַמע געזאָגט, — זע אָקאָרשט, אַז מיר זאָלן זיך ניט אַרײַנפּאַקן מיט אונדזערע דורכלאָז־שײַנען. קײן אַנדערע דאָקומענטן האָבן מיר דאָך ניט.

— איך האָב אַ כאַסענע־דאָקומענט מיט אַ גרױסן װעקסענעם שטעמפּל, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — כוץ דעם האָב איך אַ װידע־שײַן. און די טפֿילע־פּאַטשערקעס, מיט װעלכע מיר האַנדלען, — דאָס איז אַ הונט? האָב איך זינען, אַז מיר זײַנען אַצינד דעם הערצאָג אַלבאַס דינער, אַז מיר פֿאָרן אַרום איבערן לאַנד לױט זײַן ספּעציעלער פֿאַראָרדענונג, מיר האַנדלען מיט הײליקע רעליקװיעס און קערן אום אַפּיקאָרסים אין שױס פֿון אונדזער מוטער, דער קאַטױלישער קירך. מיר קומען אַרײַן צו כאָשעװע הערן, צו פּעטע אַבאַטן, מיר הערן זיך צו צו זײערע רײד און פֿאַרגעדענקען זײ. װיש אָקאָרשט אױס דײַן נעזל, ליבער פֿרײַנט.

— הײסט עס, אַז מיר זײַנען שפּיאָנען? — האָט לאַמע געפֿרעגט.

— אזוי פירט זיך אין דער צײַט פון א מילכאָמע, — האָט אולענשפּי־געל געענטפערט.

— ס'וואָלט געווען א סאך גלײַכער, ווען מיר פארנעמען זיך מיט עפּעס א נוצלעכער ארבעט, איידער ארומשליאָנדרעווען איבער די דאָזיקע וועגן, — האָט לאמע געזאָגט, — וואָס פאר א נוצן האָבן מיר פון דעם, וואָס מיר דינען אזוינע הערן, וועלכע טראָגן גאָלדענע און סאמעטענע קליידער און עסן געבראָטענע טײַבעלעך אפּ גאָלדן געפעס! וואָס האָבן מיר דערפון? בלויז געפארן, שלאכטן, הונגער און קעלט, און זיי, די הערן, האָבן ווורשטן אלערליי, אינדיקעס, פּעטע הינער...

— וואָס, עס רינט בא דיר די שמײַע? — האָט אים אולענשפּיגעל גע־פרעגט.

— עך, ווי זײַט איר עס, מײַנע אמאָליקע פּארגעניגנס, — האָט לאמע פאָרגעזעצט, — ווי זײַט איר עס, איר הייסע בלינצעס, ווי זײַט איר עס, איר וווּנדערלעכע זיסע מײַכאָלים! ווו ביסטו עס אצינד, מײַן טײַער ווײַב!

— קלאאסעס אש ברענט מײַן הארץ און רופט מיך אין שלאכט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — דו ביסט עפּעס אנדערש. דו דארפסט ניט נעמען קיין נעקאָמע פארן טויט פון דײַנע עלטערן, פאר דײַן אָרעמקײַט, פאר די צאָרעס פון דײַנע נאָענטע מענטשן. דיך שרעקט די מילכאָמע. איז לאָמיר זיך צעשיידן. דו גיי אהיים, און איך וועל פאָרן ווײַטער.

— וואָס? צעשיידן זיך? — האָט לאמע געפרעגט, און ער האָט פּלוצ־לינג אָפּגעשטעלט זײַן אייזל.

אולענשפּיגעלס אייזל האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און האָט גענומען קײַ־ען דערנער.

— צעשיידן זיך? — האָט לאמע איבערגעכאזוערט. — אויב דו וועסט מיך פארלאָזן, וועט עס זײַן צו אכזאָריעסדיק. דאָס ווײַב האָב איך שוין פאר־לאָרן. איז צי דען זאָל איך אצינד פארלירן מײַן פרײַנט אויך? דאָס וועל איך ניט אריבערטראָגן. איך שווער דיר, אז כ'וועל שוין מער זיך ניט קלאָגן. און אויב ס'איז שוין געקומען צו רייד, — דאָ האָט לאמע פאריסן שטאָלץ דעם קאָפּ, — וועל איך גיין אונטער די קוילן. און אפּ שווערדן וועל איך אויך גיין! גלײַך אפּ אָט די זעלנער, וואָס דורשטן אונדזער בלוט. און אויב איך וועל א פארווונדעטער אפּ טויט פאלן צו דײַנע פיס, — איז באגראָב מיך דו, אולענשפּיגעל. און אויב דו וועסט זען מײַן ווײַב, איז זאָג איר, אז איך בין געשטאָרבן, ווײַל כ'האָב שוין מער ניט געקאָנט לעבן אן עלנטער און א פארלאָזענער.

און לאמע האָט זיך צעוויינט. אולענשפּיגעל איז געווען גערירט פון זײַן געטרײַקײַט.

אזוי זײַנען זיי צוגעפאָרן צו מאאס. איבערן טײַך זײַנען איינע נאָך

דער אנדערער געפֿאָרן האנדל־שיפֿן. אולענשפּיגעל האָט אַף זיי אויפֿמערקזאַם געקוקט. פֿלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ניט ווײַט פֿון ברעג איז געשטאַנען אַ שיף, וואָס איר פֿאָדער־טייל האָט זיך אויפֿגעהויבן הויך אַף אַרויף־צו און איז געווען באַפּוצט מיט דער פֿיגור פֿון אַ סירענע. בײַ דער סירענע אין דער האַנט איז געווען אַ הערב, אַף וועלכן עס האָבן געשײַנט דרײַ גאָלדענע אויסיעס „ה. י. ק.". דאָס האָט באַטײַט „הער יעזוס קריסטוס".

אולענשפּיגעל האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען זינגען ווי אַ לאַרך. טייקעף איז אַרויסגעקראָכן פֿון טריום עפּעס אַ מענטש, וואָס האָט גענומען קרייען ווי אַ האָן. אולענשפּיגעל האָט אַ ווונק געטאָן דעם אומבאַקאַנטן אַפֿן האַמוינ, וואָס איז געשטאַנען אַפֿן ברעג, און האָט אים געענטפֿערט מיטן רעווען פֿון אַן אייזל. דער אומבאַקאַנטער האָט זיך צעלאַכט און האָט אויך גענומען רעווען ווי אַן אייזל. דערהערט באַקאַנטע קלאַנגען, האָבן אולענשפּיגעל און לאַמעס אייזלען אויך אויפֿגעהויבן די קעפּ און זיך צערעוועט.

פֿאַרבײַ זיי איז געגאַנגען אַ גרויסער אוילעם. פֿרויען האָבן זיך געאײַלט אַפֿן מאַרק. עס האָבן פֿאַמעלעך געשפּאַנט פֿערד, וואָס האָבן געשלעפּט הינטער זיך לאַנגע שטריק. זיי האָבן געשלעפּט די שיפֿן אַרויף וואַסער. אַף די פֿערד זײַנען געפֿאָרן רײַטנדיק די אָנטרײַבער.

— דער דאָזיקער מענוול מאַכט כוזעק פֿון אונדז, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — עפּשער זאָלן מיר אים גוט אָנברעכן די ביינער?

— זאָל ער נאָר אַראָפּגיין אַפֿן ברעג! — האָט לאַמע געזאָגט.

— מיר גיבן אײַך אַן אייצע, איר זאָלט זיך ניט פֿאַרטשעפּען מיטן דאָזיקן מענטשן, — האָט אַ זאָג געטאָן איינע אַ פֿרוי. — דאָס איז סטערקע פּיר, אַ באַרימטער גוואַר. ער וועט אײַך פֿאַר קאַליקעס מאַכן, טשעפּעט אים ניט. זאָל ער רעווען, אויב אים געפֿעלט עס.

— כ'ווייס וואָס דו דרייסט אַ מויעך, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — און אַז ער איז סטערקע פּיר, איז וואָס? מײַן פֿרײַנט לאַמע וועט זייער גרינג זיך אײַנפּאָרען מיט צוויי אַזוינע העלדישע יונגען, ווי סטערקע.

— וואָס פּלוידערסטו, — האָט לאַמע געזאָגט.

— איך זאָג דעם ריינעם עמעס, — האָט אים אולענשפּיגעל געענטפֿערט. — ס'איז גענוג, דו זאָלסט ווערן אין קאַס, און אויס סטערקע פּיר.

— שווײַג שוין בעסער! — האָט לאַמע געזאָגט.

— צו וואָס שווײַגן? — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — מיט דײַן קויעך קלינגט דאָך די גאַנצע וועלט.

— אי־אַ, אי־אַ, — האָט גערעוועט ווי אַן אייזל סטערקע, דער שיף־אייגנטימער.



דער פּאָרט אין אנטווערפּען

פּיטער ברייגעל (דער עלטערער)

1533 י.

א פויערשע כאסענע

פיטער ברייגעל (דער עלטערער)

עפּעס אַ יאַטל פֿונ אַ יאָר צוועלף איז ארויסגעקראָכנ צו אימ אפֿנ שיפּ-דעק אונ האָט גענומענ רעווענ מיט אימ אינאיינעמ.

— נו, וואָס טאָפּטשעסטו זיכ דאָרטנ, אפֿ דײַנ שיפּ, זשוליק אײנער! — האָט אולענשפּיגעל אַ געשריי געטאָנ צו סטערקענ, — וואָס האָסטו מוירע אפֿנ ברעג אראָפּצוגײנ?

— וואָס? האָסט מוירע? — האָט לאַמע געשריִענ.

— אי-אַ, אי־אַ, — האָט דער שיפּ־אייגנטימער גערעוועט, — אי איר אלײנ זײַט אײזלענ אי איר פֿאָרט אפֿ אײזלענ. איכ לאַד אײַכ אײַנ, הערנ אײדלענ, צו מיר אפֿ דער שיפּ!

— באַ דיר איז ניט קײנ שיפּ, נאָר אַ צעבראָכענע קאָרעטע, — האָט אימ אולענשפּיגעל געענטפֿערט. לאַמע האָט איבערגעכאַזערט וואָרט אינ וואָרט אלצ, וואָס אולענשפּיגעל האָט גערעדט:

— אַ קאָרעטע איז באַ דיר, אונ ניט קײנ שיפּ, פּוסטעפּאַסניק אײנער! אונ שווימענ שווימט זי אפֿ אַ זײַט, ווי אַ קראַב, אונ ניט ווי אלע שיפֿנ.

— הער דו, שטיק שמאלצ! — האָט סטערקע גענומענ שרײַענ אפֿ לאַמענ, — וואָס בורטשעסטו דאָרט אונטער דער נאָז.

לאַמע איז געוואָרנ אינ קאַס.

— מײַנ שמאלצ — איז גוט שמאלצ, — האָט ער אימ געענטפֿערט, — עס נעמט זיכ פֿונ גוטנ עסנ, אונ ניט פֿונ אַ וועלכער־ניט־איז קרענק. אָבער דו, אלטער צוויאָק, דו שפּײַזט זיכ דאָס גאנצע לעבנ מיט פֿארשיווע הערינג אונ מיט קנײטלעכ פֿונ ליכט. דערפֿאַר קריכנ שוינ באַ דיר די בײנער ארויס, פּוסטעפּאַסניק אײנער!

— נו, ס'וועט שוינ זײַנ אַ געשלעג, — האָבנ אפֿנ ברעג גערעדט מיט סימכע די פֿארבײַגײער, אונ זיי האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט אַ קוק טאָנ, מיט וואָס די זאַכ וועט זיכ ענדיקנ.

אינ דער צײַט האָט דאָס קלײנע יאַטל אָפּגעבונדנ אַ שיפֿל, זיכ פֿלינק אָפּגעשטויסנ מיט אַ שטאנג אונ איז צוגעפֿאָרנ צומ ברעג.

— מײַנ באַלעבאָס רופֿט אײַכ ארויס אפֿ אַ שלאַכט, — האָט ער געזאָגט צו אולענשפּיגעלנ אונ צו לאַמענ. — זעצט זיכ ארײַנ אינ שיפֿל, איכ וועל אײַכ אָפּפֿירנ אפֿ דער שיפּ. מירנ שוינ זענ, וועמעס פֿויסטנ זײַנענ שטאַרקער.

— מיר זײַנענ מאַסקימ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— מיר נעמענ אָנ דעמ ארויסרופֿ, — האָט לאַמע שטאָלצ געזאָגט.

דערווײַל איז געוואָרנ האלבער טאָג. די ארבעטער פֿונ די דאמבעס, די מויערער אונ די שיפּ־ארבעטער האָבנ זיכ אַ שאָט געטאָנ אפֿנ ברעג. די ווײַבער האָבנ זיי געבראַכט פֿלײש מיט געקאָכטע באָב אונ געקוקט, ווי זיי עסנ. אצינד האָבנ אלע ניט אראָפּגענומענ די אויגנ פֿונ לאַמענ. זיי האָבנ

געלאַכט און אפּלאָדירט. מע האָט געוואַרט אַף דער מינוט, ווען עס וועט זיך אָנהייבן דער געראַנגל.

— מײַן זון, — האָט לאַמע א שעפּטשע געטאָן צו אולענשפּיגעלן, — ער וועט דאָך אונדז אַרײַנוואַרפן אין טײַך אַרײַן.

— ער וועט עס געוויס טאָן, אויב דו וועסט זיך לאָזן, — האָט אולענ־שפּיגעל געזאָגט.

— דער דיקער האָט זיך דערשראָקן, — האָבן גענומען ריידן די אַר־בעטער.

לאַמע איז געוואָרן א צעקאָכטער.

— לאָמיר פּאָרן אַף דער שיף! — האָט ער אַנטשיידן געזאָגט, — איך וועל זיי באַווײַזן, ווי איך האָב זיך דערשראָקן.

דער האַמוינ האָט ווידער גענומען שפּאַסן און לאַכן. אָבער די פרײַנט זײַנען שוין אראָפּגעקראָכן פון זייערע אייזלען און האָבן איבערגעגעבן די צײַמלעך דעם יינגל. אולענשפּיגעל האָט גענומען דעם שטאַנג, אוועקגעזעצט לאַמען אין שיפל און גענומען פירן דאָס שיפל צו סטערקע פירס שיף. צוגעשווומען, האָט ער זיך אַף א שטריק אופגעהויבן אַף דער שיף, און אומבאַמערקט א שעפּטשע געטאָן עטלעכע ווערטער דעם שיף־אייגנטימער. יענער האָט גענומען זידלען לאַמען מיט אַלערליי זידלווערטער. ער האָט אים אָנגערופן פרעסער און זויפער, פוסטעפּאַסניק, מענוול, אַלטער אינדיק, וואָס איז פעט געוואָרן פון פוסטעפּאַסעווען.

— ביסט ניט קיין מענטש, נאָר א וואַלפיש, — האָט ער געשריִען אַף לאַמען, — אַן עמעסער וואַלפיש! זאָג מיר, וויפל פעסער פיש־אייל קאָן פון דיר אַרויסגיין, אויב איך וועל דיר אופשנײַדן דעם בויך.

לאַמע האָט זיך אַרופגעוואָרפן אַף אים, אַזוי ווי א ווילדער אָקס, און האָט גענומען אים נעריקן מיט די פויסטן. נאָר ווי אַלע דיקע מענטשן, איז ער געווען שוואַך, און דעריבער האָט ער סטערקען קיין שטאַרקע קלעפּ ניט געקאָנט דערלאַנגען. סטערקע פיר האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער ווײַזט אים אַרויס א ווידערשטאַנד, אינדערעמעסן אָבער האָט ער לאַמען ניט אָנגערירט אפילע, און ער האָט אים דערלויבט זיך שלאָגן, וויפל זײַן האַרץ גלוסט.

— ווער וואָלט עס גאָר קלערן, אַז דער דאָזיקער דיקער איז אַזא גוואַר! — האָבן אַפן ברעג גענומען ריידן די פאַרוווּנדערטע צושויער.

פלוצלינג האָבן אַלע דערזען, אַז לאַמע האָט אוועקגעלייגט סטערקע פירן אַפן שיפדעק, זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער קני אין זײַן ברוסט און האָט זיך געגרייט דערלאַנגען דעם לעצטן קלאַפּ.

— בעט, איך זאָל אַף דיר ראַכמאָנעס האָבן! — האָט ער צאָרנדיק גע־שריִען, — אַניט פליסטו באַלד אין וואַסער אַרײַן!

סטערקע פיר האָט זיכ פארהוסט און האָט אופגעהויבנ די הענט, בעטנ־דיק, ער זאָל אימ שענקענ דאָס לעבנ.

לאמע האָט גרויסמוטיק אופגעהויבנ דעמ סוינע. יענער איז אופגעשטא־נענ, האָט זיכ א קער געטאָנ מיטנ רוקנ צומ ברעג און כיטרע געגעבנ א ווונק צו אולענשפיגעלנ. אולענשפיגעל איז געבליבנ אָנ א בויכ לאכנדיק, לאמע איז אומגעגאנגענ שטאָלצ איבערנ שיפ־דעק און געטרייסלט דעמ בויכ.

— זאָל לעבנ סטערקע פירס זיגער! — האָט אָנגעהויבנ שרייענ דער אוי־לעמ. דאָס איז ניט קיינ מענטש, נאָר א שטיק אייזנ! איר האָט געזענ, ווי ער האָט אימ געקנאָטנ מיט די פויסטנ? און ווי ער האָט אימ מיט איינ קלאפ אינ קאָפ אוועקגעלייגט אפנ רוקנ. האָט איר געזענ? אצינד וועלנ זיי, פאר־שטייט זיכ, מאכנ א שנאפס, קעדיי זיכ איבערבעטנ. סטערקע פיר וועט אימ מעכאבעד זיינ מיט וויינ און מיט טייערנ צובייסנ.

ווירקלעכ, סטערקע פיר האָט זיכ אראָפגעלאָזנ אינ טריומ און האָט געבראכט צו טראָגנ פונ דאָרטנ א גרויסנ קרוג ווייסנ וויינ. דערנאָכ האָבנ זיכ באוויזנ גלעזער, וורשט און אויסגעצייכנטע סאָסיסקעס.

לאמע איז געווענ אנציקט. ער האָט געגעסנ פאר צענ און האָט ניט אופגעהערט צו קוקנ אפנ גרויסנ אייזערנעמ קוימענ, וואָס האָט געסטאר־טשעט אפנ שיפ־דעק. פונ קוימענ איז געגאנגענ א געדיכטער רויכ.

— וואָס בראָט זיכ עס בא דיר אינ טריומ? — האָט ער געפרעגט בא סטערקע פירנ.

— דאָס איז מיינ שלאכט־קיכ, — האָט סטערקע שמייכלענדיק גע־ענטפערט.

אפנ ברעג האָט דער האמוינ זיכ שוינ אָנגעהויבנ פאנאנדערגיינ — ווער אהיימ און ווער אפ דער ארבעט. גאָר גיכ האָט זיכ פארשפרייט א קלאנג, אז אפנ מאאס האָט זיכ באוויזנ א נייער גיבער — א פעמפיק, וואָס פאָרט רייטנדיק אפ אנ אייזל צוזאמענ מיט זיינ דארנ כאווער. דער דאָזיקער פעמ־פיק איז שטארקער פונ שימשנ האגיבער. היט זיכ צו האָבנ מיט אימ אנ אייסעק!

לאמע האָט געטרונקענ און האָט שטאָלצ געקוקט אפ סטערקע פירנ.

— אייערע אייזלענ איז, מיסטאמ, אומעטיק אָנ די באלעבאטימ, — האָט סטערקע פיר פלוצלינג געזאָגט.

ער האָט צוגעפירט די שיפ צומ ברעג, איז אראָפ אפ דער ערד, האָט ארופגעוואָרפנ איינ אייזל אפ די אקסלענ און האָט אימ געבראכט אפנ שיפ־דעק. דערנאָכ האָט ער אָנ איבעריקער אָנשטרענגונג, ניט איבערכאפנדיק אפילע דעמ אָטעמ, געבראכט אפנ שיפ־דעק דעמ צווייטנ אייזל און ער האָט זיכ ווידער אוועקגעזעצט באמ טיש.

— לאַמיר אויסטרינקען, — האָט ער געזאָגט צו אולענשפּיגעלן און צו לאַמען.

לאַמע איז פאַרשטיינערט געוואָרן פון פאַרוואונדערונג. ווי האָט עס געקאָנט געשען, אַז ער, לאַמע גודזאַק פון דאַמע, זאָל בייקומען דעם דאָזיקן גוואַר! און וואָס וועט זיין, אויב ער וועט זיך פלוצלינג אופהייבן און וועט אָנעמען לאַמען, ווי אַ הינדל, און אים אַ שלײַדער טאָן אַף יענער זײַט שיף, קעדיי נעקאָמע צו נעמען פאַר זײַן מאַפּאַלע! לאַמע איז בלאַס געוואָרן און האָט זיך צונויפגעדרייט ווי אַ בייגל. ווו איז אהינגעקומען זײַן טריומפירנדיקע פיגור! אַצינד האָט ער געשטומט און האָט מיט שרעק געקוקט אַף זײַן באַלעבאָס.

אָבער סטערקע פּיר האָט אים אַלע ווײַלע דערגאָסן די גלאָז, און ביסלעכווײַז איז לאַמע געקומען צו זיך פון זײַן פאַרלוירנקײַט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם זיג, און האָט ווידער גענומען קוקן שטאָ־ץ און זיכער. אולענשפּיגעל און סטערקע פּיר האָבן געלאַכט, קוקנדיק אַף אים.

— קומט, וועל איך אײַך באַווײַזן מײַן שלאַכט־קיך, — האָט סטערקע פּיר געזאָגט, — דו, מײַן זיגער, קענסט גיין מיט מיר אָן שום מוירע.

— פאַרשטייט זיך, — האָט לאַמע שטאָלץ געענטפערט.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין טריום און האָבן דאָרט דערזען זעק מיט טוווּע, אַרבעס און גאָרטנוואַרג. נאָך דער שיף־אייגנטימער האָט געעפנט אַ טיר אין אַ קליינער קוזניע און האָט געזאָגט:

— איר זײַט דרייסטע יונגען. אײַך איז באַקאַנט דער געשריי פון מפרײַען לאַרך און דער שלאַכט־רוף פון עם האָן. איר זעט די דאָזיקע קוזניע? אַזוינע קליינע קוזניעס זײַנען פאַראַן קימאַט אַף אַלע מאַאַסער שיפן. מע דאַרף זיי האָבן פאַר פאַרשיידענע קליינע רעמאָנטן, און דערפאַר קוקט זיך אַף זיי קיינער ניט אום, נאָר יענע פּ־עכטיקע מינים גאָרטנוואַרג, וואָס ליגן באַהאַלטן באַ מיר אונטערן דיל — דאָס וועט איר ניט אומעטום געפינען.

ער האָט אופגעהויבן אַ פּאָר ברעטער און האָט אַרויסגענומען פון אונטערן דיל אַ בינטל רערן פון אַרקעבוזן. דערנאָך האָט ער זיי באַוויזן אַנדערע אַנטיקלעך: שפּיצן פון שפּיזן און אַלעבאַרדעס, קלינגלען פון שווערדן, זעקלעך פון פּולווער און קוילן.

— לעבן זאָלן די געזון! — האָט ער אויסגעשריען. — אָט איז זי, אונדזער העלדישע שלאַכט־קיך! די דאָזיקע קאָלבעס זײַנען פאַר אונדז — שעפּסענע פּיסלעך. די דאָזיקע אַלעבאַרדעס — דאָס איז גרינער סאַלאַט, און די רערן — זײַנען געשמאַקע מאַרך־ביינדעלעך, לעבן זאָלן די געזון!

— ווהין זאָל איך אוועקפירן דאָס דאָזיקע געווער? — האָט ער אַ פרעג געטאָן אולענשפּיגעלן.

— קיין נימווגען, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — פּויערים פון עסטען, סטעפּאַנסווערט און רודעמאָנדע וועלן דיר ברענגען עמעס גאָרטנוואַרג און אָנלאָדן צו דיר אַפ דער שיף. די פּויערים וועלן פּײַפן ווי א לארך, און דו ענטפער זיי אָפּ מיטן שלאכט־קריי פון א האָן. פאַרשטעלט פאַר א הענדלער מיט גאָרטנוואַרג, וועסטו אוועקפאָרן קיין נימווגען. דאָרטן וועסטו זיך מעלדן צום דאָקטער פאַנטוס, וואָס וווינט אין ניוווע־וואַאַל, ער וועט דיר זאָגן, וואָס דו האָסט צו טאָן מיטן געווער.

— גוט, — האָט סטערקע פּיר געזאָגט, — לאָמיר אויסטרינקען.

נאָכדעם האָבן זיי ווידער זיך אופגעהויבן אפן שיף־דעק.

דער שיף-אייגנטימער האָט אָנגעגאָסן די גלעזער.

— איך טרינק פאַרן געזונט פונעם לאַרך, דעם פרײַהײַט־פויגל, — האָט ער געזאָגט.

— און איך טרינק פאַרן געזונט פונעם האָן, וואָס רופט אין שלאכט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— און איך טרינק פאַרן געזונט פון מײַן ווײַב, — האָט לאמע געזאָגט, — זאָל זי, מײַן כּיעסל, קיינמאָל ניט וויסן פון קיין דורשט.

— ווען פאָרט איר? — האָט דער שיף־אייגנטימער א פרעג געטאָן.

— באַלד, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

— האָט מיר א גליקלעכע רײַזע, נאָט אײַך פּולווער און קוילן, — האָט סטערקע פּיר געזאָגט.

ער האָט זיי א קוש געטאָן, און האָט אריבערגעטראָגן אפן ברעג בײדע אײזלען.

— מײַן זון, — האָט לאמע געזאָגט, ווען זיי זײַנען אָפּגעפאָרן פון ברעג, — ווי האָט עס דער דאָזיקער גוואַר מיר דערלויבט אָנצוברעכן אים די ביינער?

— דאָס איז, קעדיי דו זאָלסט בארימט ווערן אין דער גאַנצער געגנט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — ווער וועט עס אַצינד וואגן אָנצופאלן אַפ דיר, אַפ אָט דעם מעכטיקן, אומבאַזיגבארן לאמע, וואָס לייגט אוועק מיט איין קלאַפּ דעם בארימטן סטערקע פּ"ר! איטלעכער האָט פאַר דיר אַצינד מוירע: אַצינד ביסטו — לאמע דער גוואַר, לאמע דער גיבער!

— ריכטיקע רייד, — האָט לאמע געזאָגט און האָט זיך אויסגעגלײַכט אין זאָטל.

— איך זאָג דעם עמעס, — האָט אולענשפּיגעל פאָרגעזעצט, — טו א קוק, מיט וואָס פאַר א נײַגעריקײַט עס קוקן אַפ דיר די דאָזיקע פּויערים. זיי נעמען פאַר דיר אראָפּ די היט און באַגריסן נאָך פונווײַטן סטערקעס זיגער. גריס זיך מיט זיי, לאמע, ענטפער אַפ זייערע באַגריסונגען, זײַ גנעדיק צו דעם קליינמוטיקן המוינ.

לאמע האָט געריטנ שטאָלצ פּאָרויס, גריסנדיק זיכ אפ רעכטס אונ אפ לינקס, אזוי ווי א קיניג. אונ דער קלאנג וועגנ זײַנ העלדישקײַט האָט זיכ פארשפּרייט פונ דאָרפ צו דאָרפ, פונ שטאָט צו שטאָט אונ האָט זיכ דער־קײַקלט אזש צו ליעזש.

אומעטום, וווהינ אולענשפּיגעל אונ לאמע פלעגנ קומענ צו פאָרנ,— אר־מעטום האָט זיכ געהערט דער געזאנג פונ א לארכ, אפ וועלכנ עס פלעגט ענטפערנ דאָס קרייענ פונ א האָנ. אומעטום האָט מענ געשמידט געווער אפ צו פירנ דעם קאמפ פאר פרײַהײַט, אומעטום האָט מענ געשמאָלצנ קוילנ אונ אריבערגעפירט זיי אפ די שיפנ, וואָס שווימענ אפנ טײַכ מאאס.

לאמע אונ אולענשפּיגעל זײַנעג געפאָרנ אלצ פאָרויס אונ פאָרויס, אונ איידער זיי פלעגנ ערגעצ קומענ צו פאָרנ, פלעגט שוינ אהער דערגייג דער קלאנג וועגנ לאמעס אומגעווייגלעכער גוורע. ענדלעכ, האָט לאמע אליינ אויכ אָנגעהויבנ גלייבנ אינ זײַנ קויעכ, ער איז געוואָרנ שטאָלצ, ניט צו־טריטלעכ. ער האָט אפילע פארלאָזנ א באָרד. אונ אולענשפּיגעל האָט אימ א נאָמענ געגעבנ לאמע דער לייב.

קאפיטל 14

וועגן דעם, ווי א מעס האָט גענומען נעקאָמע פון דעם פראָפאָס ספּעלע

אין גענט האָט אולענשפּיגעל זיך אָפּט געזען מיט די דעפּאָרמאטן יאקאָוו סקאָלאָפּ און ליווען סמעט. פון זיי פלעגט ער זיך דערוויסן אלע נײַעס.

די נײַעס זײַנען געווען ניט קיין פריילעכע. דעם אָראנער פרינץ און זײַן ארמיי האָט מען פון נידערלאנד ארויסגעשטויסן, די לאנדסקנעכט האָבן נאָכאנאנד געפּאָדערט געלט און האָבן ניט געוואָלט מילכאָמע האלטן. דער פרינץ איז מיט די סאָלדאטן, וואָס זײַנען אים געבליבן טרײַ, אוועק אין דער ריכטונג צו פראנקרײַך, ווו ער האָט זיך געהאָלט פאררייניקן מיט די הוגענאָטן. אָבער דאָ האָבן די דײַטשישע לאנדסקנעכט זיך אָפּגעזאָגט אים פאָלגן. און ער האָט זיך געמוזט צעשיידן מיט זיי. אזוי איז בײַסלעכווײַז צעפאלן געוואָרן דעם אָראנער פרינצס ארמיי. עס איז געבליבן נאָר איין אויסוועג: פירן די מילכאָמע אפן יאם.

אין דער צײַט איז ספּעלע דער געלער, דער קיניגלעכער פּראָפאָס אומגעפּאָרן מיט זײַן קיניגלעכן הערב־שטעקן איבער גאנץ פלאנדריע. אומעטום האָט ער געשטעלט עשאפאָטן, אָנגעצונדן שײַטערס און פארגראָבן לעבעדיקערהייט מיידלעך און פרויען. און זייער ירושע האָט געיאַרשנט דער קיניג.

איינמאָל איז צו אולענשפּיגעלן געקומען צו לויפן א באקאנט מיידל, וואָס איר נאָמען איז געווען באָאָלקין און, יאָמערנדיק, האָט זי אים דערציילט וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפן.

איר ברודער מיכיעלקין האָט זיך צעקריגט מיטן אלטן מאָסער פּיטער דע-ראָזע. מיט דעם דאָזיקן אויסוואורף האָט אין שטאָט קיינער ניט געוואָלט אויסריידן קיין וואָרט. אלע פלעגן פון אים אנטלויפן, ווי פון דער פעסט. איינמאָל האָט מיכיעלקין זיך באגעגנט מיט אים אין שטאָטישן שענק. מיכיעלקין האָט ניט געוואָלט בלײַבן אין איין צימער מיטן מאָסער. ער האָט

אים אָנגערופן פּארשיווער הונט און האָט אים באַפּוילן זיך אָפּטראָגן. דער מאָסער האָט זיך אָפּגעזאָגט אוועקצוגיין און ער האָט גענומען זידלען מי־כיִעלקינען מיט די לעצטע ווערטער. מיכיִעלקין האָט אים דעמלט געוואָרנט, אז אויב ער וועט די מינוט ניט פאַרמאַכן די טיר פון יענער זײַט, וועט מען אים מיט געוואַלט ארויסוואַרפן פון שענק. אָבער פּיטער דע־ראָאָזע איז ניט אוועקגעגאנגען. דעמלט האָט מיכיִעלקין, ניט קלערנדיק לאנג, אים דער־לאַנגט א פּאָר פּעטש אין באַק און האָט אים ארויסגעשלײַדערט פון שענק.

פּונקט אין דער צײַט איז אין שטאָט געקומען צו פאָרן דער פּראָפאָס ספּעלע מיט צוויי געהיים־אגענטן. פּיטער דע־ראָאָזע איז נאָכגעלאָפן נאָך אים ווי א הונט, האָט אים מעכאַבעד געווען מיט ווײַן און אײַנגעאָרדנט פאַר אים אַלע טאָג הוליאַנקעס. אינגיכן איז ער געוואָרן ספּעלעס א גוטער־ברודער און האָט אָנגעהויבן זיך נויקעם זײַן אין מיכיִעלקינען.

מיכיִעלקינען האָט מען באַשולדיקט אין אַפּיקאָרסעס און מ׳האָט אים אַרײַנגעזעצט אין טורמע. צוויי אונטערגעקויפטע שלעפּערס האָבן איידעס געזאָגט, אז ער האָט געלעסטערט גאָטס נאָמען. דער פּראָפאָס ספּעלע האָט אײַנגעפונען זייערע באַווײַזן פאַר גענוגנדיקע און האָט באַשלאָסן פּײַ־ניקן מיכיִעלקינען.* מע האָט אים אונטערגעהאנגען צום באַלקן און צו זײַנע ביידע פיס האָט מען צוגעבונדן צוויי גרויסע געוויכטן. באַם אומגליקלעכן מיכיִעלקין האָט געפּלאַצט די הויט אף די פיס, נאָר ער האָט געשוויגן. דער פּראָפאָס האָט אים געגעבן אָנצוהערעניש, אז פאַר הונדערט פלאָרין וועט ער אים באַפרײַען.

— בעסער דעם טויט, — האָט מיכיִעלקין געענטפערט.

דערוווּסט זיך יוּועגן דעם פאַרברעכן, זײַנע מענגעס בירגער געקומען צו דער טורמע און האָבן דערקלערט, אז מיכיִעלקין איז אומשולדיק. זיי האָבן באַשטעטיקט, אז מיכיִעלקין גייט אַלע זונטיק צו דער מעסע, ער גייט צו דער הייליקער סודע און אז קיינער האָט קיינמאָל ניט געהערט פון אים, ער זאָל לעסטערן גאָטס נאָמען. אַלץ, וואָס די איידעס האָבן אף אים אָנ־גערעדט, — איז א ליגן און ס׳איז פאַלש.

מיכיִעלקינען האָט מען באַפרײַט, און די פאַלשע איידעס — באַשטראָפט. פּיטער דע־ראָאָזען האָט מען אויך געדאַרפט אָנקלאָגן צום געריכט, נאָר ספּעלע האָט בא אים גענומען הונדערט פלאָרין כאַבאַר און האָט אים באַ־פרײַט. אין עטלעכע טעג אַרום איז דער אומגליקלעכער מיכיִעלקין געשטאָרבן פון בלוט־פאַרגיפטונג.

— אַך, — האָט באַאַלקין, יאָמערנדיק, געזאָגט, — דער, וואָס וועט נע־קאָמע נעמען פון ספּעלען פאַר מײַן ברודערס טויט, יענער וועט אף אײ־ביק זײַן מײַן האר. איך וועל אים פאָלגן און זײַן געטרײַ, ווי א הונט.

קלאַסעס אַש האָט געבּרענט אולענשפּיגעלס האַרץ, און אולענשפּיגעל האָט באַשלאָסן נעקאָמע נעמען פון ספּעלען.

ער איז אַוועק צו באַאַלקינען אין הויז און האָט דאָרט דערזען אַפן וואַנט אַ פּאָרטרעט פון אַ באָכער.

— דאָס איז מײַן ברודער, — האָט באַאַלקין געזאָגט.

אולענשפּיגעל האָט אַראָפּגענומען פון וואַנט דעם פּאָרטרעט און האָט אַף אים אַ לאַנגע צײַט געקוקט.

— גיי ברענג מיר, — האָט ער געזאָגט צו באַאַלקינען, — גוטע ליים, אַ קופּל ביר, אַ טעלער וואַסער און אַ שטיקל געבּראָטן פלייש. דאָס פלייש וועט זײַן פאַר מיר, דער ביר — צום פלייש, דאָס וואַסער — צו דער ליים, און די ליים — אַף צו מאַכן אַ מאַסקע.

עסנדיק, האָט אולענשפּיגעל געקנאָטן די ליים און ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון מיכיעלקינס פּאָרטרעט. דערנאָך האָט ער אויסגעקנאָטן פון ליים אַ מאַסקע, וואָס איז אַזוי געווען ענלעך אַף מיכיעלקינס פּאָרטרעט, אַז באַ־אַלקין האָט אַזש אַ געשריי געטאָן פון פאַרוווּנדערונג. די מאַסקע האָט ער אַרײַנגעלייגט אין אויוון און, ווען זי האָט זיך גוט אויסגעטריקנט, האָט ער אויסגעפאַרבט אַזוי, אַז זי איז געוואָרן ענלעך אַף דעם געשטאָרבענעמס פּאָ־נעם, די אויגן אירע האָבן געקוקט טריב און פינצטער. די געזיכט-שטריכטן זײַנען געווען באַ דער מאַסקע צעקרימט, ווי פון טויט-אַנגסטן. באַאַלקין האָט, בלייך ווי דער טויט, געקוקט אָן אויפהער אַף דער מאַסקע און פּלוצ־לינג האָט זי זיך פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּאָנעם.

— דאָס איז ער, — האָט זי אין שרעק גענומען קרעכצן, — דאָס איז ער, מײַן אָרעמער מיכיעלקין.

פאַרענדיקט די מאַסקע, האָט אולענשפּיגעל אויסגעקנאָטן פון ליים צוויי צעבלוטיקטע פיס.

— איך דאַרף האָבן אַ געהילף, — האָט ער געזאָגט באַאַלקינען.

— גיי אין שענק „די בלויע גאַנדז", — האָט זי געענטפערט, — דער באַלעבאָס פונעם שענק יאָס לאַנסאַם איז געווען מיכיעלקינס בעסטער פרײַנט.

אולענשפּיגעל האָט געפונען יאָסן און האָט אים געזאָגט:

— איך וויל האַרגענען ספּעלען. דו דאַרפסט מיר העלפן.

— גוט, — האָט יאָס געענטפערט, — וואָס דאַרף מען טאָן?

— נעם צונויף דײַנע פרײַנט, און זײַ מיט זיי מאָרגן אין אָוונט אַף עווערהעסער שליאַך, ניט ווײַט פון ספּעלעס הויז. סטאַרעט זיך, איר זאָלט זיך באַהאַלטן ערגעץ אין שאָטן און טוט אָלע אָן שוואַרצע קליידער. ווי נאָר דער זייגער וועט שלאָגן צען, וועט ספּעלע אַרויסגיין פון שענק. אין אָט דער צײַט וועט פון דער אַנדער זײַט צופאָרן אַ פורל. זעט, איר זאָלט עס ניט דורכלאָזן.

— אלץ וועט זײַן געטאָן, ווי דו הייסט, — האָט יאָס געזאָגט, אופהייבנ-דיק די גלאָז, — איך טרינק פאר דעם, אז ספעלע זאָל ארופ אפ דער טליע.

— פאר דער טליע! — האָט אולענשפיגעל געזאָגט.

אפ מאָרגן זײַנען מיכיעלקינס פרײַנט ארויס פון טראקטיר „די בלויע גאנדז". קעדיי ניט צוציען צו זיך קיין אופמערקזאמקײַט, זײַנען זיי זיך פאנאנדערגעגאנגען אין פארשיידענע זײַטן און האָבן זיך געלאָזט גיין צו עווערהעמער שליאך, איטלעכער מיט זײַן וועג. דאָרט האָבן זיי זיך אלע באגעגנט און זיך באהאלטן אין שפײַכלער פון סאמסאָן באָאָנע, וועלכער איז אויך געווען מיכיעלקינס א פרײַנט. זיי זײַנען געווען זיבעצן מענטשן.

דער פראָפאָס ספעלע, צוזאמען מיט זײַנע געהיים-אגענטן, איז אין דעם טאָג ארומגעגאנגען איבערן שטאָט און האָט אָנגעמערקט די הײַזער פון זײַנע קינפטיקע קאָרבאָנעס. אין אָוונט האָבן זיי פארענדיקט זייער ארום-גיין איבער דער שטאָט, און אצינד האָבן זיי געהוליעט אין שענק „דער פאלק", איינעם מיט זיי איז אויך געווען פיטער דע-ראָאָזע, דער נידער-טרעכטיקער מאָסער.

אקוראט צען אזייגער איז די שיקערע קאָמפאניע ארויס פון שענק. מיכיעלקינס פרײַנט האָבן זיי אלעמען געזען, ווײַל די טיר פון שפײַכלער איז געווען האלב אָפן.

פיטער דע-ראָאָזע איז געפאלן פון די פיס.

— עך, פראָפאָסן, פראָפאָסן, — האָט ער געמורמלט, שלוקערצנדיק, — אײַך לעבט זיך גוט אפ דער וועלט. האלט זשע מיך אויך אונטער, פוסטע-פאסניקעס! איך האָב אײַך דען הײַנט שלעכט מעכאבעד געווען?

פלוצלינג האָט זיך אפן וועג דערהערט דאָס סקריפען פון רעדער. דעם פראָפאָס אנטקעגן איז געפאָרן עפּעס א פורל.

— שטעלט עס אָפ! — האָט ספעלע אויסגעשריען.

די געהיים-אגענטן האָבן אָנגענומען דעם אייזל פארן צײַמל.

— דאָס פורל איז א ליידיקס, — האָט איינער פון די אגענטן געזאָגט.

— שויטע, — האָט ספעלע געזאָגט, — ליידיקע פורן פאָרן דען אום אי-בער די וועגן? עמעצער באהאלט זיך דאָרט מיסטאמע, צינד אָקאָרשט אָן דעם לאמטערן! הייבט אים אופ א ביסל העכער, — מע זעט דאָ גאָרנישט ניט.

ספעלע איז ארײַנגעקראָכן אין דער פור און פלוצלינג איז ער מיט א שרעקלעכן געשריי אראָפגעשפרונגען פון איר.

— מיכיעלקין! מיכיעלקין! גאָטעניו, ראטעווע אונדז!

אין דער מינוט האָט זיך פון דער טיף פון דער פור באוויזן א מענטש, אָנגעטאָן אין טאכריכים. ער האָט געהאלטן אין די הענט צוויי צעבלויטיק-טע פיס.

— דער מעס מיכ־יעלקינ — האָט פיטער דע־ראָזע אויסגעשריִענ.

— ווייי איז צו אונדז, פארשאָלטענע!

אפּנ טומל זײַנענ אָנגעלאָפנ מיכ־יעלקינס פרײַנט, זיי האָבנ מיט שרעק געקוקט אפ זייער כאווערס געשפּענסט. דער געשפּענסט האָט געפּאָכט מיט די צעבלוטיקטע פיס, אונ זײַנ פּאָנעמ, וואָס איז געווענ בלאס, ווי דער טויט, האָט געקוקט גלײַכ אפנ פּראָפּאָס.

— ספּעלע! — האָט דער געשפּענסט געזאָגט מיט א פארדומפּנ קאָל, — פּראָפּאָס ספּעלע! הייב זיכ אופ!

אָבער דער פּראָפּאָס איז געלעגנ אפ דער ערד אָנ באוועגונג.

— ספּעלע! — האָט דער געשפּענסט איבערגעכאזערט. — פּראָפּאָס ספּעלע! הייב זיכ אופ, אניט טראָג איכ דיכ אוועק אינ גענעמ!

ספּעלע האָט זיכ אופגעהויבנ. פונ שרעק האָבנ זיכ בא אימ די האָר געשטעלט קאפּויר.

דערווײַל זײַנענ געקומענ צו לויפנ א סאכ בירגער, מע האָט אָנגעצונדנ עטלעכע לאמטערנס. דעמ פּראָפּאָס האָט זיכ געדוכט, אז דאָס קוקנ אפ אימ שיידימ מיט זייערע פײַערדיקע אויגנ.

— ספּעלע! — האָט דער געשפּענסט געזאָגט, — זאָג אָפּ ווידע! דײַנ לעצטע שאָ האָט געשלאָגנ!

— ניינ, ניינ, הער מיכ־יעלקינ! — האָט דער פּראָפּאָס זיכ צעשריִענ. — איכ בינ נאָכ ניט גרייט צומ טויט! איכ האָב נאָכ ניט טשוווע געטאָנ פאר מײַנע זינד!

— דו דערקענסט מיכ? — האָט דער געשפּענסט אימ געפרעגט.

— יאָ, איכ דערקענ אײַכ! איר זײַט — הער מיכ־יעלקינ, דער קאָנדיטער וואָס איז געשטאָרבנ נאָכ דעמ, ווי מע האָט אימ געפּײַניקט. די צוויי פיס וואָס איר האלט, זײַנענ עס די זעלבע פיס, צו וועלכע איכ האָב באפוילנ צובינדנ שווערע געוויכטנ. מיכ־יעלקינ, זײַט מיר מויכל. דאָס האָט פיטער דע־ראָזע מיכ אָנגעלערנט אזוי טאָנ. ער האָט מיר געגעבנ דערפאר פופציק פלאָרינ.

— זײַ זיכ מוידע, אז דו ביסט שולדיק, — האָט דער געשפּענסט געזאָגט.

— איכ בינ שולדיק, הער מיכ־יעלקינ, איכ בינ שולדיק, נאָר נעמט צו די שיידימ. — זיי וועלנ מיכ באלד צוכאפּנ! איכ וועל אײַכ אלצ דערציילנ. אָ, ווי שרעקלעכ עס גלאנצנ די דאָזיקע פײַערדיקע אויגנ! אינ סודנ האָב איכ פארפּײַניקט פינפ אומשולדיקע, אינ בריוגע — פיר. איכ האָב פארגעסנ זייערע נעמענ. אינ אנדערע שטעט האָב איכ אויכ געזינדיקט, זעכציק אומשולדיקע מענטשנ האָב איכ פארמישפּעט צומ טויט. וואָס קאָנ מענ טאָנ, הער מיכ־יעלקינ! דער קיניג בייטיקט זיכ אינ געלט, אונ איכ דארפ עס

איך נייטיק ווי אין לעבן. עס ליגט פארגראָבן אין געווט, בא מײַן מוטער, דער אלטער גראָוועלס. איך האָב אײַך אלץ דערציילט! זײַט מיר מוחל, זײַט מיר מוחל! נעמט צו די שיידים, גאָט מײַן גאָט, דערבארעמט זיך אף מיר, דעם זינדיקער!

דאָ איז אולענשפּיגעל אראָפּגעשפּרונגען פון דער פור און האָט אָנגע־כאפּט דעם איסוווּרף פארן האלדז. אָבער פונעם האמויב איז ארויסגעטראָטן דער גאלעכ און האָט געזאָגט צו אולענשפּיגעלן:

— דערהארגע אים ניט! זאָל ער בעסער שטארבן אף דער טליע, פונעם הענקערס שטריק, איידער פון די הענט פון א געשפּענסט. מיר וועלן אים אָנקלאָגן פאר דעם הערצאָג, און מע וועט אים אופהענגען. זאָג אונדז בלויז, ווער ביסטו?

— איך בין אַן אָרעמער פלאמאנדישער פוקס, וואָס באהאלט זיך אויס פון די שפּאנישע יעגער. — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

ספּעלען האָט מען אופגעהויבן און מ'האָט אים אוועקגעפירט אין טורמע. אין א קורצער צײַט ארום האָט מען אים אופגעהאנגען. און זײַן ירושע האָט באקומען דער קיניג.

קאַפּיטל 15

וועגנ דעמ, ווי אולענשפּיגעל האָט זיכ באַגעגנט מיט די „וואלד-ברידער“

איינמאָל האָבנ אולענשפּיגעל אונ לאַמע אינ פּעטעהעמער וואלד באַמערקט א טשאַטע הירשנ. אולענשפּיגעל האָט אוועקגעשלעפּט לאַמענ אינ די קוסטעס אונ האָט אָנגעלאָדנ זײַנ דײַטשישנ אַרקעבוז.

— זעסט, לאַמע — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק פונ די קוסטעס, — פאָרויס לויפנ גרויסע אַלטע הירשנ מיט ריזיקע צעצווײַגטע הערנער. הינטער זיי לויפנ פײַנינקע יאָריקע הירשעלעכ, זיי מאַכנ נאָכ אַלצדינג זייערע עלטערע כאַוויירימ. איז דײַנ אַרקעבוז גרייט? ציל זיכ אינ דעמ צווייטנ הירש. דעמ ערשטנ נעמ איכ אַפּ זיכ. פײַער! דער אַלטער הירש איז פאַרווונדעט, דעמ ערשטנ האָט די קויל געטראָפנ אינ ליטקע. נו, לאָמיר זיכ א יאָג-טאָנ נאָכ זיי, נאָר לעבעדיקער, באַלד וועלנ זיי פאַלנ.

אולענשפּיגעל אונ לאַמע האָבנ גענומענ נאָכיאָגנ די הירשנ. אולענשפּיגעל איז געלאָפנ שנעל, ווי א ווינט, לאַמע אָבער האָט קוימ-קוימ געשלעפּט זײַנ גראָבנ בויכ.

— שטיי! וואַרט א ווײַלע! — האָט ער קוימ איבערכאַפּנדיק דעמ אָטעמ געשריִענ צו אולענשפּיגעלנ. — איכ קענ אַזוי ניט לויפנ. איכ וועל פאַלנ אונ וועל שוינ מער ניט אויפשטיינ. אונ דיכ וועט כאַפּנ דער וואַלד-שוימער אונ וועט דיכ אָפּשיקנ אַפּ דער טליִע. אַפּ הירשנ האָט דאָכ רעכט צו גיינ אינ געיעג בלויז דער קיניג. כאַפּט זיי דער רועכ, זאָלנ זיי אַנטלויפנ.

— לאָמיר לויפנ! — האָט אולענשפּיגעל געשריִענ — הערסט, ווי עס רוישנ זייערע הערנער, ווענ זיי פאַרטשעפּענ די צווײַגנ? זעסט, וויפל בלעטער עס זײַנענ אַראָפּגעפאַלנ אַפּ דער ערד? מיר וועלנ זיי באַלד אָניאָגנ.

פּלוצלינג זײַנענ פונ אַלע זײַטנ אַרויסגעשפּרונגענ אָפּגעריסענע באַוואָפנטע מענטשנ. עס האָבנ גענומענ בילנ הינט, וואָס האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ נאָכ די הירשנ. פיר מענטשנ האָבנ געכאַפּט אולענשפּיגעלנ אונ לאַמענ אונ זיי אוועקגעפירט טיפ אינ וואַלד אַרײַנ. דאָרטנ האָט זיכ געזענ א גרויסע

לאָנקע, וואָס איז געווען ארומגערינגלט מיט א געדיכטן וואלד. אפ דער לאָנקע האָבן געברענט שייַטערס, און אפ איר איז געווען פול און פול מיט מענטשן. אלע מאנצבלען זייַנען געווען באוואָפנט ווער מיט א שווערד, ווער מיט אן אלטן ארבאלעט, ווער מיט אן ארקעבוז, ווער סתם אזוי זיך מיט א פלאָקן.

— איר זייט „וואלד־ברידער", ריכטיק? — האָט זיי אולענשפּיגעל געפרעגט, — איר באהאלט זיך אויס פון רעדיפעס און איר ווינט אין וואלד אין א געמיינדע?

דער אלטער, וואָס איז געזעסן באם שייַטער און האָט געבראָטן אפ דער סקאָווראָדע א הון, האָט א קוק געטאָן אפ אולענשפּיגעלן.

— יאָ, מיר זייַנען „וואלד־ברידער", — האָט ער געזאָגט, — און ווער ביסטו?

— איך בין א געבוירענער אין דער שיינער פלאנדריע, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — הייַנט בין איך א מאָלער, מאָרגן — א פּויער, איבערמאָרגן — א כאָשעווער אדלמאַן. איך וואנדער אום איבער דער וועלט, ליב אלץ, וואָס איז גוט און מאך כויזעק פון נארישקייטן.

— אויב דו האָסט אזויפיל געוואנדערט איבער גאָר דער וועלט, ווייסטו, מיסטאָמע, ווי מע רופט אין לימבורג די אייַנוווינער פון וועערט.

— מע רופט זיי „אָפּשפּרעכער פון ראָך־פיש", — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — איינמאָל האָבן זיי דערזען א לעבעדיקן ראָך-פיש, וואָס איז אראָפּגעפאלן בא א פישער פונעם וועגל. דער ראָך האָט זיך אזוי געוואָרפן אפ דער ערד, אז זיי האָבן געמיינט, ס'איז א טייַוול. מע האָט געשיקט נאָכן גאלעך, דער גאלעך האָט איבערגעלייענט א שפּרוך קעגן שיידים, האָט צוגענומען דעם ראָך מיט זיך און האָט געמאכט פון אים א זעלטענעם מייַכל. פון יענעם טאָג אָן רופט מען די אייַנוווינער פון וועערט „אָפּשפּרעכער פון ראָך־פיש".

פון וואלד האָט זיך דערהערט דאָס בילן פון הינט. אין א ווייַלע ארום האָבן זיך דערהערט געשרייען פון יעגער, וואָס פארטרייַבן די כייַע.

— דאָס זייַנען הירשן, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — מיר האָבן צוויי פון זיי פארוווּנדעט.

— ס'וועט זייַן א געשמאקער מיטיק, — האָט דער אלטער געזאָגט, — און ווי רופט מען די אייַנוווינער פון ענדכאָווען, ווייסטו?

— „פארוקער", — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — איינמאָל, ווען דער סוינע האָט באלאגערט זייער שטאָט, האָבן זיי געמאכט פון מערן א שטארקן פארוקער און האָבן פארשפּארט מיט אים דעם טויער. אפ זייער אומגליק אָבער זייַנען אין שטאָט געקומען צו פליִען פויגלען און זיי האָבן צעפּיקט דעם מערענעם פארוקער. דער טויער האָט זיך געעפנט, און די סאָנים האָבן

זיך אריינגעריסן אין ענדכאָוועג. ס'וואָלט ניט געשאַדט, אַז אויך מיר זאָלן צעפּיקן אונדזערע טורמע־פּאַרוקערס, קעדיי צו באַפרייען זיך פון דער פאַר־שאָלטענער אונטערדריקונג.

— דער אייבערשטער וועט אונדז העלפן! — האָט דער אַלטער געזאָגט.

די געשרייען האָבן זיך דערנעענטערט. מע האָט שוין געהערט, ווי עס קנאַקן די צווייגן.

— זאָגט מיר, אָקאָרשט, הירשן־פלייש איז טאַקע זייער געשמאַק? — האָט לאַמע אַ פרעג געטאָן, קוקנדיק פאַרטראַכטערהייט אַף דער סקאָוורעדע.

די הינט האָבן שוין געבילט גאָר נאָענט פונעם לאַגער. פּלוצלינג איז אַף דער לאָנקע אַרויסגעלאָפן אַ פאַרוווּנדעטער הירש, וואָס האָט זיך אָפּ־געשלאָגן פון דער סטאַדע.

— היט זיך! — האָט אולענשפּיגעל אויסגעשריִען.

די פרויען האָבן מיט אַ געשריי זיך געלאָזט לויפן אין אַ זייט. דער הירש איז דורכגעלאָפן איבערן לאַגער, האָט אומגעוואָרפן לאַמען און איז ווידער פאַרשוווּנדן געוואָרן אין וואַלד.

— שטיי אויף, לאַמע, — האָט אים אולענשפּיגעל געזאָגט, — די דאָזיקע מיִעסע כּייע איז ניט זייער איידל זיך באַגאַנגען מיט דיר. דו ביסט, דאַכט זיך, צעבלוטיקט מיין זון.

— דו לאַכסט פון מיר, אויסוווּרף איינער, — האָט לאַמע געענטפערט, קייקלענדיק זיך צווישן קעסעלעך מיט אויסגעגאָסענעם געקעכץ, — זעסט, באַ מיר רינט בלוט. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ זעץ מיטן האָרן אַקוראַט אין הינטן. ער האָט מיר די הויזן צעריסן, כּוץ דעם איז די דאָזיקע פרעכ־טיקע הון אַראָפּגעפאַלן פון סקאָוורעדע אַף דער ערד. אוי, ווי ס'טוט מיר וויי! איך גיי אָפּ מיט בלוט.

— דער דאָזיקער הירש איז אַ טייַערער רופא! — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — ער האָט דאָך דיר אָפּגעצאַפּט אַ ביסל איבעריק בלוט.

— לאַך, לאַך, פּוסטעפּאַסניק איינער! — האָט לאַמע אויסגעשריִען, — מער גיי איך מיט דיר אין ערגעץ ניט. איך וועל דאָ איבערבלייבן מיט די דאָזיקע גוטע מענטשן. איך האָב זיך געשלעפּט נאָך דיר, סיי אין אַ פראָסט סיי אין אַ רעגן, און דו שאַצסט עס ניט!

— דיין וווּנד איז קיין גראָשן ניט ווערט, — האָט אולענשפּיגעל גע־זאָגט. — לייג אַף איר אַרויף אַ בלינצע, און ס'וועט איבערגיין. דו ווייסט, וואָסער צונעמעניש עס האָבן די איינוווינער פון לוווען? איך זע, אַז דו ווייסט עס ניט, מיין אָרעמער פריינט. הער זשע אויס, וועל איך דיר דער־ציילן, קעדיי דו זאָלסט אופהערן צו קרעכצן. מע רופט זיי „בעהיימעס־שיסער". זיי האָבן איינמאָל געמיינט אַף אַ סטאַדע בעהיימעס, אַז ס'איז דעם סוינעס מיליטער און האָבן גענומען אין זיי שיסן. מירביידע שיסן ניט אין קיין

בעהיימעס, מיר שיסנ אָבער אינ שפּאנישע בעק. עמעס, זייער פלייש שטינקט, דערפאר אָבער קאָנ מענ פונ זייערע פעלנ מאכנ פויקנ.

— איכ שפּיל אפ דיינע פויקנ! — האָט לאמע געזאָגט, אופהייבנדיק פונ דער ערד די ניטדערבראָטענע הונ. — טשעפּע זיכ פונ מיר אָפּ.

ער האָט ווידער צעלייגט א שייטער, אופגעהאנגענ אפ דעמ דרייפוס דאָס קעסעלע סופּ אונ האָט אוועקגעשטעלט די סקאָוורעדע אפ הייסע קוילנ.

אינ דער צייט האָט אינ וואלד געגומענ שאלנ א האָרנ. די הינט האָבנ אָפּגעענטפערט אפנ שאלנ מיט א הויכער בילעריי.

— היט זיכ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — דער הירש לויפט אומ דאָ ערגעצ ניט ווייט.

— דאָס איז א סיגנאל צו פארענדיקנ דאָס געיעג, — האָט דער אלטער געזאָגט, — האָבנ קיינ מוירע ניט, לאמע, דעמ הירש האָט מענ שוינ לאנג דערהארגעט.

— ס'וועט זיינ א געשמאקער מיטיק, — האָט לאמע געזאָגט, — פארגעסט כאָטש ניט איינלאדנ מיכ אפ מיטיק. זעט, ווי בא מיר האָט זיכ אויסגעבראָטנ די הונ. עמעס, זי קריצט א ביסל אונטער די ציינ. נאָר דאָס איז דערפאר, וואָס זי איז אראָפּגעפאלנ אפנ זאמד, ווענ דער דאָזיקער הערנערדיקער טייוול איז ארויסגעשפּרונגענ. אונ פאר די וואלד־וועכטער האָט איר גאָר קיינ מוירע ניט?

— מיר זיינענ א סאכ, — האָט דער אלטער געענטפערט, — די וואלד־וועכטער וועלנ אונדז ניט בייקומענ. די פּויערימ האָבנ אונדז ליב, אונ זיי וועלנ אונדז קיינמאָל ניט ארויסגעבנ. אונ אויב דאָס שפּאנישע מיליטער וועט אונדז ארומרינגלענ, וועלנ מיר גיכער טויטנ איינער דעמ צווייטנ, איידער זיכ איבערגעבנ אינ די הענט פונעמ בלוטיקנ הערצאָג.

— אצינד איז ניט די צייט צו שלאָגנ זיכ אפ דער יאבאָשע, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — מיר וועלנ קעמפנ אצינד אפנ יאמ. איר דארפט אלע גייענ צו די זעלאנדער אינדזלענ.

— מיר האָבנ קיינ געלט ניט, — האָבנ די וואלד־ברידער געזאָגט.

— אָט האָט איר פונעמ פּרינצ טויזנט קאראָלוסנ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — גייט מיט די ברעגנ פונ די טייכנ אונ קאנאלנ. ווי נאָר איר וועט דערזענ א שיפ מיט דער אופשריפט „ה. י. ק.", זאָל עמעצער פונ אייכ אָנהייבנ זינגענ ווי א לארכ. אונדזערע פריינט וועלנ אייכ אָפּענטפערנ מיטנ קרייענ פונ א האָנ.

— מיר וועלנ אזוי טאָנ, — האָבנ די וואלד־ברידער געענטפערט.

אינגיכנ זיינענ געקומענ די יעגער. זיי האָבנ געבראכט צו שלעפּנ אפ שטריק דעמ דערהארגעטנ הירש. מע איז באלד צוגעטראָטנ צו דער ארבעט. דעמ הירש האָט מענ אָפּגעשונדנ, ארויסגענומענ דאָס אינגעווייד, צעהאקט

אפ שטיקער, און אינגיכן האָבן די שטיקער פלייש זיך גענומען בראָטן אפ דריי בראָט-שפּיזן.

ארום שײַטער האָבן זיך צונויפגעקליבן אלע — מענער, פרויען און קינדער, — ארום און ארום א מאן זעכציק. זיי האָבן ארויסגענומען פון די זעקלעך ברויט, נאָכדעם זײַנען זיי צוגעטראָטן עסן מיטיק. לאמע האָט מיט אזא אפּעטיט געריבן דאָס געבראָטענע פלייש, אז סאָפּקאָלסאָפּ איז ער געבליבן אָן קויכעס און איז אײַנגעשלאָפן, צושארנדיק זיך צו א בוים.

אין אָוונט האָבן זיך אלע באהאלטן אין ערדשטיבלעך. אויבן זײַנען געבליבן בלויז די וועכטער, וואָס האָבן געהיט דעם לאגער. אײַנשלאָפנדיק, האָט אולענשפּיגעל געהערט, ווי עס רוישן די טרוקענע בלעטער אונטער די פיס פון די וועכטער.

אינדערפרי האָט ער צוזאמען מיט לאמען זיך געלאָזט גיין אין וועג ארײַן, און די וואלד־ברידער האָבן זיך גענומען גרייטן צו דעם מארש צום יאם.

קאַפּיטל 16

וועגנ דעמ, ווי אולענשפּיגעל איז אַרײַנגעפאַלנ אינ א פּאסטקע, אונ מיט וואָס דאָס האָט זיכ אויסגעלאָזנ

אולענשפּיגעל אונ לאַמע האָבנ פארקויפט זייערע אייזלענ אונ האָבנ זיכ פארוואנדלט אינ וואנדער-הענדלער. אולענשפּיגעל פלעגט מאכנ פונ דראָט מײַז-פּאסטקעס אונ פייגל-שטײַגנ אונ ער האָט זיי פארקויפט די ארומיקע פויערימ. לאַמע האָט געהאנדלט מיט אנ אנדער סכוירע. איינער זײַנער א באקאנטער רעפאָרמאט האָט אימ געשענקט א בלאָזזאק, א קליינעמ פײַער-טאָפּ אונ א ביסל מעל אונ בוימל. לאַמע פלעגט באקנ אויסגעצייכנטע בלינ-צעס אונ לאַטקעס. אָבער אזויווי ער איז געווענ א גרויסער פרעסער, פלעגט ער, צומ אומגליק, מער ווי א העלפט דערפונ אופעסנ אליינ.

אזוי זײַנענ זיי דערגאנגענ צו קאָרטרייק. דאָרט האָבנ זיי זיכ אָפּגע-שטעלט אינעמ שענק „די בינ". דער באלעבאָס פונ „דער בינ" איז געווענ א געטרײַער רעפאָרמאט. אולענשפּיגעל האָט אימ געבראכט צו פירנ א בריוו פונעמ פרינצ. איבערגעלייענט דעמ בריוו, האָט דער באלעבאָס אפריער גוט אָנגעהאָדעוועט די געסט, דערנאָכ האָט ער איבערגעגעבנ אולענשפּיגעלנ פופציק קאראָלוסנ אפ מילכאָמע-צוועקנ.

— איר זאָלט זײַנ פאָרזיכטיק אינ אונדזער שטאָט, — האָט ער געוואָרנט אולענשפּיגעלנ. — דאָ דרייענ זיכ ארומ אומעטומ דעמ קיניגס שפּיאָנענ.

— נישקאָשע, מיר וועלנ דערקענענ, — האָבנ אולענשפּיגעל אונ לאַמע געזאָגט.

ווענ זיי זײַנענ ארויס פונ שענק, האָט שוינ די זונ זיכ גענומענ אראָפּ-לאָזנ אינ מײַרעוו-זײַט. אפ די לינדנביימער האָבנ געזונגענ פויגלענ. אפ די שוועלנ פונ די הײַזער זײַנענ געשטאנענ פרויענ, וואָס האָבנ געפּלאפּלט צווישנ זיכ. לעבנ זיי, אפנ וועג, האָבנ אינ שטויב זיכ געשפּילט קינדער.

— מע שמועסט, אז אינ שענק „דער רעגנבויגנ", וואָס געפינט זיכ אפנ וועג קיינ בריוגע, קלײַבנ זיכ צונויפ אלע אָוונט א סאכ פרויענ, —

האָט לאַמע געזאָגט. — איך וועל צוגיין אהינצו, עפשער וועל איך דאָרט געפינען מײַן אָרעם ווײַבעלע.

— און איך וועל אפריער באקוקן די שטאָט, דערנאָך וועל איך אַרײַנגיין נאָך דיר אהינצו, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט, — זע, אָבער, האַלט די צונג צווישן די ציינער! געדענק, וואָס דער באַלעבאָס האָט אונדז געזאָגט.

— איך געדענק, — האָט לאַמע געזאָגט.

ס׳איז שוין געוואָרן פינצטערלעך, ווען אולענשפיגעל איז דערגאנגען צו דער טעפּער־גאס. פּלוצלינג האָט ער דערהערט צארטע קלאנגען פון א וויאָלע. אין עק גאס האָט זיך באוויזן עפּעס א שלאנקע ווײַסע פיגור. שפּילנדיק אף דער וויאָלע, האָט די פיגור פּאמעלעך זיך דערווײַטערט פון אים. באצויבערט פונעם וואונדערלעכן מאָטיוו, האָט אולענשפיגעל גענומען נאָכגיין נאָך איר. זי האָט זיך א קער געטאָן אף צוריק, א וואונק געטאָן צו אולענשפּיגעלן און איז אוועק נאָך גיכער. אולענשפיגעל האָט פארגיכערט די טריט, ער האָט זי דעריאָגט און האָט געוואָלט פארפירן מיט איר א שמועס. אָבער זי האָט אים פארשטעלט מיט דער האנט דאָס מויל און שטילערהייט א זאָג געטאָן:

— גיי נאָך מיר, שווײַג.

זי האָט אָנגעצונדן דעם לאַמטערן, און אף איר פּאָנעם איז געפאלן די שײַן. אולענשפיגעל האָט פון איר מאמעש ניט געקאָנט אָפּרײַסן די אויגן: אזא בילד־שיינע איז זי געווען.

זיי זײַנען אפגיך אוועק פאָרויס און זײַנען ארויס אפן וועג קיין בריוגע. לעבן שענק „דער רעגנבויגן״ האָט די שיינהײַט זיך אָפּגעשטעלט און האָט א וואונק געטאָן צו אולענשפיגעלן, ער זאָל גיין נאָך איר. זיי זײַנען זאַלבענאנד אַרײַן אין שענק.

אין שענק זײַנען בא א טיש געזעסן א סאך מיידלעך אין בונט־קאָלירקע קליידער. אָבער דאָס מיידל, וואָס האָט געבראכט אהער אולענשפּיגעלן, איז געווען שענער פון אלע איבעריקע מיידלעך, און איר קלייד איז געווען פון גאָלד־געשטיקטן זײַד. די איבעריקע מיידלעך האָבן געקוקט אף איר מיט קינע.

אולענשפיגעל האָט זיך אוועקגעזעצט באַם טיש און האָט באַשטעלט ביר. פּלוצלינג האָט ער דערזען לאַמען. ער איז געזעסן אין א ווינקל, געטרונקען ביר און פארביסן מיט שינקע. צוויי מיידלעך זײַנען צו אים צוגעשטאנען און האָבן געפּאָדערט, ער זאָל פאר זיי באַשטעלן צובײַסנס. לאַמע האָט בייז געסאָפּעט, האָט זיי אָפּגעשטויסן פון זיך און האָט אײַליק געקײַט א שטיק שינקע.

אולענשפיגעל האָט אים א רוף געטאָן.

— גאָט צו דאנקען, — האָט לאמע געזאָגט, — ענדלעך ביסטו ווידער מיט מיר, אולענשפיגעל. באַלעבאָסטע, דערלאנג עפּעס טרינקען!

אולענשפיגעל האָט ארויסגעשלעפּט דעם טײַסטער און גענומען קלינגען מיט רענדלעך.

— דערלאנג טרינקען! — האָט ער געזאָגט, — טרינקען דערלאנג, ביז וואנען איך וועל ניט פארטרינקען דאָס גאנצע געלט.

— אזא ביסטו גאָר! — האָט לאמע אויסגעשריִען, און ער האָט פלינק ארויסגעכאפּט פון אולענשפיגעלס האנט דעם טײַסטער, — דאָס איז מײַן טײַסטער, ניט דײַנער! איך וועל אליין באצאָלן!

אולענשפיגעל האָט זיך א וואָרף געטאָן אף לאמען. אין דער צײַט, וואָס זיי האָבן זיך געראנגלט, האָט לאמע אים אומבאמערקט א זאָג געטאָן אפן אויער:

— הער אויס... דאָ זיצן געהיים־אגענטן... פירער זײַנען זיי דאָ... צוויי שטייען אין דרויסן... כ'האָב געוואָלט אנטלויפן... האָבן זיי ניט געלאָזן. די שיינהײַט אין דעם זײַדן קלייד איז א שפּיאָנקע.

רײַסנדיק דעם טײַסטער פון לאמעס הענט, האָט אולענשפיגעל אופמערקזאם זיך צוגעהערט צו זײַנע ווערטער און האָט ניט פארגעסן צו שרײַען:

— דעם טײַכטער גיב אָפּ, פוסטעפּאסניק איינער!

— קענסט ווארטן! — האָט לאמע געענטפערט.

ארומנעמענדיק איינער דעם צווייטן, האָבן זיי זיך גענומען קײַקלען איבערן דיל.

פלוצלינג איז אין שענק ארײַן דער באַלעבאָס פון „דער בין” צוזאמען מיט נאָך זיבן געזונטע יאטן. ער האָט געמאכט אן אָנשטעל, אז ער קען ניט זײַנע מיטגייער. דערזען, ווי אולענשפיגעל און לאמע שלאָגן זיך, האָט ער א קריי געטאָן ווי א האָן. אולענשפיגעל האָט אים געענטפערט מיטן געזאנג פון א לארך.

— וואָס איז דאָס פאר א געשלעג? — האָט דער שענקער א פרעג געטאָן בא דער באַלעבאָסטע, — ווער זײַנען זיי עס?

— צוויי פוסטעפּאסניקעס, — האָט זי געענטפערט, — ס'וואָלט ניט געשאדט צו פאנאנדערנעמען זיי, זיי זאָלן ניט מאכן קיין סקאנדאלן.

— נו פרווו, אדרבא, וועסט, דאכט זיך, מיִעס אָפּשנײַדן! — האָט אולענשפיגעל א געשריי געטאָן.

— יאָ, וועסט מיִעס אָפּשנײַדן! — האָט לאמע אויסגעשריִען.

דער שענקער איז צוגעגאנגען צו זיי און האָט אָנגעכאפּט אולענשפיגעלן פארן קאָלנער.

— וועסט אונדז ראטעווען? הא? — האָט לאמע אים שטילערהייט א זאָג געטאָן אפן אויער.

דער שענקער האָט געטרייסלט אולענשפיגעלן און געמורמלט פאר זיך:

— די זיבן זײַנען אייגענע מענטשן... קאצאָווים... גיבוירים יאטן... איך וועל אוועקניין... מיך קענען אלע... ווען איך וועל אוועקגיין... זאָגט: צײַט שוין, פלאמאנדער, די בעכערס זאָלן קלינגען... דעמלט מאכט א טעל פון אלץ...

— אזא ביסטו גאָר! — האָט אולענשפיגעל געזאָגט, און ער האָט א קלאפ געטאָן דעם שענקער מיטן פוס. יענער האָט דערלאנגט אולענשפיגעלן צוריק א קלאפ מיטן פוס.

— קענסט דערלאנגען דעם עמעסן קלאפ, גראָבער פעמפיק, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט צום שענקער.

— זײַ רויִק, — האָט אים דער שענקער געזאָגט און, ארויסכאפנדיק דעם טײַסטער פון לאמעס הענט, האָט ער אים א שלײַדער געטאָן אולענשפיגעלן.

— פוסטעפאסניק! — האָט לאמע אויסגעשריִען, — צאָל פאר מיר אָפּ. אצינד איז בא דיר דאָס גאנצע געלט.

— קענסט לאנג ווארטן, — האָט אולענשפיגעל געענטפערט.

— אָט אן אויסוואורף! — האָט סטעוועניכע, די באלעבאָסטע פון שענק, געזאָגט.

— איך בין אזא אויסוואורף, ווי דו ביסט א שיינהײַט, — האָט איר אולענשפיגעל געענטפערט.

סטעוועניכע איז געווען אן אומגעווײנלעכע העסלעכקײַט. אף איר אויסגעטריקנט פּאָנעם האָט געסטארטשעט א נאָז, וואָס איז געווען ענלעך אף א שנאָבל פון א רויב־פויגל. איר מויל איז געווען טיף אײַנגעפאלן. פון מויל האָבן ארויסגעסטארטשעט צוויי לאנגע ציינער. אף איר לינקער באק איז געווען א טונקעלער העסלעכער געבורט-פלעק.

די מיידלעך האָבן געלאכט און כויזעק געמאכט פון דער אלטער.

— גיב אים א טרונק, שיינהײַט! — האָבן זיי געשריִען — אולענשפיגעל וועט דיך א קוש טאָן דערפאר, האָב קיין מוירע ניט, אולענשפיגעל, טו זי א קוש. זע, ס'ארא פריילעכע זי איז הײַנט.

ווירקלעך, די אלטע האָט געלאכט און זיך איבערגעוואונקען מיט דער שײַנהײַט, זשילינע, וואָס האָט געבראכט אהער אולענשפיגעלן.

דער באלעבאָס פון „דער בינ" האָט אויסגעטרונקען, באצאָלט פארן ווײַן און איז אוועק. די זיבן קאצאָווים האָבן געטרונקען און אונטערגעוואונקען צו די געהיים־אגענטן. דערבײַ האָבן זיי געלאכט פון אולענשפיגעלן און האָבן מיט א ווונק באוויזן, אז זיי זײַנען גרייט זיך אָפּצורעכענען מיט אים.

פלוצלינג האָט איינער פון די קאצאָווים זיך אופגעהויבן פון אָרט, גע־געבן א ווונק די געהיים־אגענטן און זיך געווענדט צו אולענשפיגעלן:

— הויכ-געשעצטער רעפּאָרמאַט, מיר וועלן ניט לאָזן, מ'זאָל דיכ באַ־אוּלען. זײַ אונדז נאָר מעכאבעד, ווי עס דארף צו זײַן.

סטעוועניכע האָט זיכ צעלאַכט, זשילינע האָט געלאַכט אײנײנעם מיט איר. זי פלעגט אויסשטעלן אולענשפּיגעלן די צונג, ווי נאָר ער פלעגט זיכ אָפּקערן אָן א זײַט.

— קוקט אַפ דער שפּיאַנקע, — האָבן די מײדלעכ גערעדט אײנע צו דער צווײטער. — זי האָט מיט איר שײנהײַט פארשלעפּט אהער מער פון זיבן און צוואנציק רעפּאָרמאַטן. מע האָט זײ אַלעמען פארברענט. זשילינע שטארבט פון נאכעס, ווען זי קריגט אירע הונדערט קאַראָלוסן פון דעם דערהארגעטנס יערושע.

דער גאנצער שענק האָט זיכ איזדיעקעוועט איבער אולענשפּיגעלן. אָבער אולענשפּיגעל האָט געשוויגן. לאַמע איז, רויט פון צאָרן, געזעסן זײַט באַ זײַט מיט אולענשפּיגעלן, און גרויסע טראָפּנס שווײס האָבן זיכ פון אים געקײַקלט.

— נו, שײנהײַט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט צו דער אלטער, — דער־לאַנג אונדז ווײַן און צובײַסן, און זע, אז אַלץ זאָל זײַן איבערגענוג!

די מײדלעכ האָבן זיכ ווידער צעלאַכט, די אלטע האָט ווידער באַוויזן אירע צײנער.

פונדעסטוועגן איז זי אוועק אין קעלער, פון דאָרטן — אין קיכ, און געבראַכט אַלץ, וואָס מע האָט באַ איר באַשטעלט: שינקע, וורשט, א פײַנ־קוכן און גרויסע בעכערס. די בעכערס זײַנען געשטאנען אַפ גלעזערנע פּיסלעכ, און האָבן געקלונגען אזוי ווי גלעקלעכ.

— צום טיש! — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — עסט און טרינקט, וויפל אײַער הארץ גלוסט.

שמועסנדיק פרײלעכ, האָט די קאָמפּאניע זיכ צעזעצט באַ די טישן. אולענשפּיגעל, לאַמע און די זיבן קאַצאָווים האָבן זיכ געזעצט ארום דעם גרויסן טיש. די געהײם־אַגענטן און די מײדלעכ האָבן פארנומען צווײ קלײנע טישלעכ. די געהײם-אַגענטן, וואָס זײַנען געשטאנען אַפן גאַס, האָט מען אויכ ארײַנגערופן אין שענק, און אצינד האָבן זײ געטרונקען אײנײנעם מיט אַלע איבעריקע באַזוכער, פון זײערע זעקלעכ האָבן ארויסגעשטעקט שטריק און האַנט־קײטלעכ.

— אײדער מע וועט באַצאָלן פארן עסן און טרינקען, וועט קײנער ניט ארויסגײן פון דאַנען, — האָט סטעוועניכע געזאָגט, און זי האָט פאַר־שלאָסן אַלע טירן.

זשילינע האָט אויפגעהויבן איר בעכער און האָט זיכ צעלאַכט.

— דאָס פײגעלע איז אין שטײַגעלע, — האָט זי געזאָגט, — לאָמיר אויס־טרינקען!

— האָסט שוין ווידער עמעצן ארויסגעגעבן, נידערטרעכטיקײַט? — האָבן בא איר געפרעגט צוויי מיידלעך — גענע און סארגאָ.

— איך ווייס ניט, — האָט זשילינע געענטפערט, — לאָמיר אויסטרינקען! די מיידלעך האָבן אָבער ניט געוואָלט מיט איר טרינקען.

זשילינע האָט גענומען די וויִאָלע און האָט אָנגעהויבן זינגען:

איך שפּיל אַפֿ דער וויִאָלע,
איך זינג און ווער ניט מיד,
פֿון וואַלד די קליינע פֿייגעלעך
פֿליִען אַפֿ מײַן ליד.

איך בין א צויבער־מיידעלע,
יונג בין איך און צארט,
פֿאַר מײַנע פֿייגל קערנדלעך
האָב איך הײַנט געבראַכט.

איך שיט עס מײַנע פֿייגעלעך,
זיי פּיקן עס מיט פֿרייד,
און זעען ניט די שטײַג מײַנע,
וואָס שטייט דאָ צוגעגרייט.

איז אײַלט זיך, פֿויגל־כאַפּער,
און גיך, און מאַכט א שווײַג —
אי גאָלד וועט זײַן אין קעשענע,
אי פֿייגעלעך אין שטײַג!

זשילינע איז געווען אזוי שיין, זי האָט אזוי וווּנדערלעך געזונגען איר ליד, אז אַלע מאַנצבלען — די געהיים־אַגענטן, קאַצאָווים, אולענשפּיגל און לאַמע — זײַנען געזעסן ווי פֿאַרקישעפּטע און האָבן ניט געקענט אָפּרײַסן די אויגן פֿון איר.

פּלוצלינג האָט זי זיך צעלאַכט הויך, אַפֿן קאָל.

— אָט ווי מע פֿאַרנאַרט זיי, די פֿייגעלעך! — האָט זי א געשריי געטאָן צו אולענשפּיגלען.

אולענשפּיגל, לאַמע און די קאַצאָווים האָבן א קוק געטאָן איינער אַפֿן צווייטן.

— אצינד, הער אולענשפּיגעל, זײַט אזוי גוט און באַצאָלט מיר, — האָט סטעוועניכע געזאָגט, — דאָס געלט פֿון די פֿריידיקער איז נאָך בא אײַך גאַנץ?

— מיר צאָלן ניט אַפּריִער, — האָט אולענשפּיגל פֿינצטער געענטפֿערט.

— נו, אויב אזוי, וועל איך אָפּנעמען דעם כּליוו פֿון דײַן יערושע.

— וואַמפּירן דערנערן זיך מיט מייסים, — האָט אולענשפּיגעל געענט־פערט.

— יאָ, — האָט איינער פון די שפּיאָנען געזאָגט, — זיי האָבן צוגענומען בא די פריידיקער מער פון דריי הונדערט קאַראָלוסן, היינט וועט זשילינע פאַרדינען א שיינע קאָפּעקע.

זשילינע האָט גענומען זינגען:

איז איילט זיך, פויגל־כאַפּער,
און גיך, און מאַכט א שוויַיג —
אי גאָלד וועט זיַין אין קעשענע,
אי פייגעלעך אין שטיַיג!

און זי האָט צוגעגעבן, שמייכלענדיק:

— לאָמיר אויסטרינקען!

— לאָמיר אויסטרינקען! — האָבן די געהיים־אגענטן געזאָגט.

— לאָמיר אויסטרינקען פאַר גאָט דעם אלמעכטיקן, — האָט די אלטע געזאָגט, — די טירן זיינען פאַרהאַקט, די פענצטער מיט גראַטעס, די פייגעלעך — אין שטיַיג. לאָמיר אויסטרינקען!

— לאָמיר אויסטרינקען! — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— לאָמיר אויסטרינקען! — האָט לאַמע געזאָגט.

— לאָמיר אויסטרינקען! — האָבן די געהיים־אגענטן געזאָגט.

— לאָמיר אויסטרינקען! — האָט זשילינע געזאָגט, און איר וויאָלע האָט ווידער גענומען זינגען. — איך בין שיין. אפילע א מאַלעך וואָלט איך פאַרשלעפּט אין פּאַסטקע מיט מיַין געזאַנג.

— איז לאָמיר אויסטרינקען, אויב אזוי! — האָט אולענשפּיגעל אויסגעשריִען. — דערלאַנג, אלטע, דעם בעסטן סאָרט וויַין. איך וויל, אז א פיַיער זאָל דורכלויפן איבער מיַינע אָדערן.

— לאָמיר אויסטרינקען, — האָט זשילינע געזאָגט, — נאָך א צענדליק אזוינע העכטלעך, ווי דו, און אלץ וועט זיַין ווי געוווּנטשן.

די אלטע האָט דערלאַנגט וויַין. די געהיים־אגענטן האָבן געטרונקען און געלאַכט. אולענשפּיגעל, לאַמע און די קאַצאָווים האָבן, זיצנדיק בא זייער טיש, געוואָרפן די מיידלעך שינקע, ווורשט און פלעשלעך. יענע האָבן אונטערגעכאַפּט דעם קיבעד און האָבן געלאַכט.

די אלטע האָט ארויסגענומען פון אלמער א ליכטל און האָט א זאָג געטאָן צו אולענשפּיגעלן:

— ווען מע גייט אפן שיַיטער, האַלט מען אין האַנט א כיילעווונע ליכט. נא, נעם אָט די ליכט, זי וועט דיר אינגיכן צוניץ קומען.

— לאָמיר אויסטרינקען! — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— לאָמיר אויסטרינקען! — האָבן די זיבן קאַצאָווים געזאָגט.

— דו ווילסט, אז דער הענקער זאָל דיר מאכן א לאָך אין צונג מיט צעגליטן אײַזן? — האָט אים די אַלטע געפרעגט.

— מײַלע, וועט זײַן באקוועמער צו פײַפן. — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — לאָמיר אויסטרינקען!

— כ'וועל קומען א קוק טאָן, ווי דו וועסט הענגען אף דער טליע.

— היט זיך! די שטריק קען נאָך פּלאַצן, און איך וועל אראָפּפאלן אף דײַן פארצעפּ, שײנהײַט, לאָמיר אויסטרינקען!

— און וואָס וועסטו זאָגן, ווען מע וועט דיר אויסברענען א שטעמפּל אפן שטערן?

— איך וועל זאָגן, אז דער הענקער האָט א טאָעס געהאַט. אַנשטאָט צו אָפּבראָטן דעם כאזער סטעווענעצע, האָט ער אָפּגעגאָסן מיט זוד דאָס כאזערל אולענשפּיגעל. לאָמיר אויסטרינקען!

— אויב אזוי, וועט מען דיך צובינדן צו פיר גאַליערעס און מע וועט דיך צערײַסן אף שטיקער.

— מײַלע, וועלן מיך אופעסן די הײַפיש, און דאָס, וואָס זיי וועט ניט געפעלן ווערן, וועסטו אופעסן, שײנהײַט, לאָמיר אויסטרינקען!

— נא, אולענשפּיגעל, עס אוף דאָס ליכטל. ס'וועט דיר זײַן פינצטער צו גײן אין גענעם.

— איך האָב א גוטע ריע, איך זע אויסגעצייכנט דײַן כאזערשן פּיסק, טײַבעלע. לאָמיר אויסטרינקען!

פלוצלינג האָט אולענשפּיגעל א קלאַפּ געטאָן מיטן בעכער און האָט אָנגעהויבן גלײַכמעסיק צו קלאפּן איבערן טיש מיט די דלאָניעס, אזוי ווי עס טוען מאטראַצניקעס, ווען זיי גלײַכן אויס די וואָל פאר מאַטראַצן.

— צײַט שוין, פלאַמאַנדער, די בעכערס זאָלן קלינגען! — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

אזוי שרײַען פלאַמאַנדישע הוליאַקעס, ווען זיי פארפירן א קריג און א געשלעג.

— צײַט שוין, פלאַמאַנדער, די בעכערס זאָלן קלינגען! — האָבן אין אײן קאָל געזאָגט די קאַצאָווים, און אויך זיי האָבן גענומען קלאפּן מיט די דלאָניעס איבערן טיש.

אין שענק איז מיטאמאָל געוואָרן טויט־שטיל. זשילינע איז געוואָרן בלייך. די אַלטע האָט א ציטער געטאָן, שטייענדיק באַם שענק־טיש.

— די זיבן זײַנען דען אויך מיט זיי? — האָבן די געהיים־אַגענטן גענומען ריידן צווישן זיך.

קעדיי צו בארויקן זיי, האָבן די קאַצאָווים גענומען אונטערווינקען צו

זיי, אָבער אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי אַלץ העכער איבערגעכאַזערט אולענשפּיגעלס ווערטער:

— צײַט שוין, פלאַמאַנדער, די בעכערס זאָלן קלינגען! צײַט שוין, פלאַמאַנדער, די בעכערס זאָלן קלינגען!

אולענשפּיגעל האָט געקלאַפּט איבערן טיש אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די קאַצאָווים אויך. די גלעזער, קופּלס, טעלער און פלעשלעך האָבן פאַמעלעך גענומען טאַנצן איבערן טיש. אולענשפּיגעל האָט גענומען קלאַפּן נאָך שטאַרקער. דאָס געפעס האָט גענומען אַראָפּפאַלן אַפן דיל און זיך צעברעכן, און אַלץ גלײַכמעסיקער און העכער האָט געקלונגען דער שרעקלעכער מאָטיוו:

— צײַט שוין, פלאַמאַנדער, די בעכערס זאָלן קלינגען!

— ווײ איז צו מיר, — האָט די אַלטע געזאָגט, — זיי וועלן מיר צעברעכן דאָס גאַנצע געפעס!

פון שרעק זײַנען אירע צײנער נאָך מער אַרויסגעקראָכן פון מויל. און אולענשפּיגעלס האַרץ האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ ווילדן צאָרן. לאַמע און די קאַצאָווים האָבן אים אַרומגערינגלט, גרייט אַף אַלץ. ניט הערנדיק זייער מאַנאָטאָנעם געזאַנג, האָבן זיי געכאַפּט די בעכערס און גענומען קלאַפּן מיט זיי איבערן טיש, ביזוואַנען זיי האָבן זיי ניט צעבראָכן אַף פּיצלעך. דערנאָך האָבן זיי זיך אוועקגעזעצט רײַטנדיק אַף זייערע שטולן און האָבן אַרויסגעשלעפּט זייערע לאַנגע מעסערס. דער געזאַנג איז געוואָרן אַלץ העכער און העכער. אָט האָבן שוין אַלע שויבן אין הויז זיך גענומען טרייסלען. ווי צעיושעטע טײַוואָנים האָבן די קאַצאָווים זיך גענומען דרייען איבערן צימער.

— צײַט שוין, פלאַמאַנדער, די בעכערס זאָלן קלינגען! — האָבן זיי געזונגען.

די געהיים־אַגענטן האָבן, ציטערנדיק פאַר שרעק, זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר זייערע שטריק און האַנט־קייטלעך. אָבער די קאַצאָווים, אולענשפּיגעל און לאַמע האָבן באַהאַלטן זייערע לאַנגע מעסערס און האָבן זיך געכאַפּט פאַר די שווערע דעמבענע שטולן. טרייסלענדיק מיט זיי איבערן קאָפּ, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן פאָרויס און גענומען ברעכן אַלץ, וואָס ס'האָט זיך זיי געמאַכט אונטער דער האַנט. דאָס מעבל, די שויבן, די קופּערטן, די טעלער, די גלעזער, די בעכערס, די פלעשלעך — אַלץ האָבן זיי צעבראָכן אַף פּיצ־פּיצלעך, די געהיים־אַגענטן האָט מען צעשלאָגן אָן שום ראַכמאָנעס. ניט געטשעפּעט האָבן זיי בלויז די מיידלעך. און פאָכענדיק מיט זייערע שטולן, האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו זינגען:

— צײַט שוין, פלאַמאַנדער, די בעכערס זאָלן קלינגען! צײַט שוין, פלאַמאַנדער, די בעכערס זאָלן קלינגען!

אולענשפּיגעל האָט דערווײַל דערלאנגט סטעוועניכענ א פּאטש אינ באק און האָט ארויפגעריסנ בא איר פונעם גארטל די שליסלענ. דערנאָכ האָט ער ארויסגענומענ פונ אלמער א בינטל כײַלעוונע ליכט און האָט באפוילנ דער אלטער, זי זאָל זיי אופּעסנ איינע נאָכ דער אנדערער.

— אָט די ליכט עס אופ פאר דײַנ ווונטש צו זענ מיכ אפ דער טליִע, — האָט ער איר געזאָגט. — אָט די — פארנ שטעמפּל; אָט די — פאר דער לאָכ אינ צונג; אָט די — פאר די גאליערעס, וואָס זאָלנ צערײַסנ מײַנ קערפּער; אָט די — פאר דײַנ שפּיאָנישער נעסט; די איבעריקע אזוי זיכ, פונ מײַנ פארגעניגנ ווענג.

די מיידלעכ האָבנ געלאכט, זעענדיק, ווי די אלטע סטארעט זיכ אויס־צושפּײַענ די ליכט. בלויז איינ זשילינע איז, בלייכ ווי דער טויט, געזעסנ אומבאוועגלעכ אינ ווינקל. די אויגנ אירע האָבנ זיכ אויסגעלאָשנ. אפ די ליפּנ האָט געבלאָנדזשעט א פארלאָרנ שמייכעלע, זי האָט געהאלטנ די וויִאָלע, און עס האָט זיכ געדוכט, אז זי איז גרייט זיכ צו פארטיידיקנ מיט איר.

די קאצאָווימ האָבנ געבונדנ די געהיימ־אגענטנ מיט די שטריק און מיט די האנט־קייטלעכ. די געהיימ־אגענטנ האָבנ קיינ ווידערשטאנד ניט ארויסגעוויזנ: זיי האָבנ געוווסט, אז די קאצאָווימ וועלנ זיי אָנ שומ באדויערונג צעהאקנ אפ פּיצלעכ מיט זייערע מעסערס.

אינ דער לופט האָט נאָכ געקלונגענ דער זעלבער מאָנאָטאָנער מאָטיוו:

— צײַט שוינ, פלאמאנדער, די בעכערס זאָלנ קלינגענ! צײַט שוינ, פלאמאנדער, די בעכערס זאָלנ קלינגענ!

ענדלעכ, האָט אולענשפּיגעל געגעבנ א ווונק, מע זאָל זינגענ שטילער. דערנאָכ האָט ער א זאָג געטאָנ צו די געהיימ־אגענטנ און צו די מיידלעכ:

— דער, וואָס וועט א געשריי טאָנ, יענער וועט שטארבנ.

— יענער וועט שטארבנ, — האָבנ די קאצאָווימ געזאָגט.

— מיר וועלנ שווײַגנ, — האָבנ די מיידלעכ געזאָגט, — טו אונדז קיינ שלעכטס ניט, אולענשפּיגעל.

בלויז זשילינע איז געזעסנ אינ א ווינקל א צונויפגעדרייטע. זי האָט ניט געוווסט, וואָס צו טאָנ, און פאר שרעק האָט זי צוגעדריקט צו זיכ איר וויִאָלע.

— צײַט שוינ, פלאמאנדער, די בעכערס זאָלנ קלינגענ! — האָבנ גע־מורמלט די קאצאָווימ.

— איר זײַט אלע בא אונדז אינ די הענט, — האָט אולענשפּיגעל פאָר־געזעצט. — די נאכט איז א פינצטערע, דער טײַכ איז ניט ווײַט. מע קאָנ דערטרונקענ ווערנ, אויב מע וועט אײַכ ארויפוואַרפנ פונ ברעג. די שטאָ־טישע טויערנ זײַנענ פארשלאָסנ. אויב די וואכ האָט אפילע געהערט א טומל, וועט זי זיכ אפילע פונ אָרט ניט רירנ. וואָרעמ אינ וועלכנ שענק

מורמלען עס ניט די גוטע פלאמאנדער? דעריבער שווייגט — געשרייען וועלן אייך ניט העלפן. איר גייט קיין פעטעהעם, קעדיי צוזושטיין צו די גע־זן? — האָט ער א פרעג געטאָן בא די קאצאָווים.

— מיר גייען, — האָבן זיי געענטפערט.

— און פון דאָרטן צום יאם?

— יאָ.

— עפשער קאָן מען עמעצן פון די געהיים-אגענטן נעמען צו אונדז אף דינסט?

— ניקלאס און יאָס האָבן קיינמאָל ניט געריידעפט די רעפאָרמאטן.

— אף אונדז קאָן מען זיך פארלאָזן, — האָבן ניקלאס און יאָס גע־זאָגט.

— אָט האָט איר צוואנציק קאראָלוסן, — האָט אולענשפּיגל געזאָגט.

— צוואנציק קאראָלוסן! — האָבן אָנגעהויבן שרייען די איבעריקע גע־היים־אגענטן. — פאר אזוינע געלט זיינען מיר אויך גרייט צו דינען דעם אָראנער פרינץ. גיב אונדז צו צען קאראָלוסן, און מיר וועלן זאָגן דעם ריכטער אלץ, וואָס דו וועסט אונדז הייסן.

— צייט שוין, פלאמאנדער, די בעכערס זאָלן קלינגען! — האָבן שטי־לערהייט געמורמלט די זיבן קאצאָווים.

— מע וועט אייך געבונדענע ברענגען צו די געזן, — האָט אולען־שפּיגל געזאָגט, — און דאָרטן וועלן מיר זען, וואָס צו טאָן מיט אייך. געדענקט, אז טאָמער וועט איר פרווון אנטלויפן, וועט מען אייך אופהענגען. און טאָמער וועט איר זיך אויסדרייען פון דער שטריק, וועט איר זיך אָבער פונעם מעסער ניט אויסדרייען.

— מיר דינען דעם, וואָס צאָלט אונדז געלט, — האָבן די געהיים-אגענטן געזאָגט.

— צייט שוין, פלאמאנדער, די בעכערס זאָלן קלינגען! — האָבן איבער־געכאזערט די קאצאָווים, קלאפנדיק איבערן טיש מיט די שערבלעך פון די קריגלעך.

— זשילינען, די אלטע און די דריי מיידלעך נעמט אויך מיט זיך, — האָט אולענשפּיגל געזאָגט, — אויב עמעצער פון זיי וועט פרווון אנטלויפן, איז פארנייט אים אין א זאק אוןווארפט אריין אין טייך.

— ער האָט מיך ניט געהארגעט! — האָט זשילינע אויסגעשריען און האָט זיך א וואָרף געטאָן אולענשפּיגלען אפן האלדז. די מיידלעך האָבן אייפערזיכטיק געקוקט אף זיי.

— ער איז פון איר אָן א קאָפּ, — האָבן זיי געשעפּטשעט איינע צו דער צווייטער.

געשיצט פון דער שטאָק־פינצטערער נאכט, האָבן זיי זיך געלאָזט גייג

קיין פעטעהעם. די קאצאָווים האָבן געפירט די געהיים־אגענטן און די מיידלעך און האָבן געמורמלט אָן אופהער:

— צייט שוין, פלאמאנדער, די בעכערס זאָלן קלינגען! צייט שוין, פלאמאנדער, די בעכערס זאָלן קלינגען!

באגינענס האָבן זיי דערזען א לאגער. אולענשפיגעל האָט געמוזט זינגען ווי א לארך. מע האָט אים אָפּגעענטפערט מיטן קרייען פון א האָן. די געהיים־אגענטן און די מיידלעך האָט מען פארשפארט אונטער א וואך. אָבער אין דריי טעג ארום האָט מען זשילינען געפונען א טויטע. איר הארץ איז געווען דורכגעשטאָכן מיט א לאנגער אָל. די מיידלעך האָבן געמאָלדן, אז זשילינען האָט דערהארגעט סטעוועניכע. מע האָט די אלטע געמישפּעט, און זי האָט זיך אין אלץ מודה געווען. זי האָט דערהארגעט זשילינען דערפאר, וואָס זי איז זיך באגאנגען מיט איר, ווי מיט א דינסט. די אלטע האָט מען אוועקגעפירט אין וואלד און מ'האָט זי אופגעהאנגען.

די צוויי געהיים-אגענטן, וואָס אולענשפיגעל האָט זיי אונטערגעקויפט, זיינען דערווייל געקומען קיין קאָרטרייק און האָבן געמאָלדן די ריכטער:

— אומזיסט קלערט מען, אז אולענשפיגעל און לאמע גודזאק האָבן עס דערהארגעט די פריידיקער. סיי אולענשפיגעל און סיי לאמע גודזאק זיינען דעם הערצאָגס געטרייע דינער. מיר האָבן אליין געזען זייערע דורכלאָז־שיינען. דערהארגעט די פריידיקער האָבן גאָר צוויי געגנטער סאָכרים — איינער א דיקער, דער אנדערער א דארער. אין א קורצער צייט ארום נאָכן מאָרד האָבן די דאָזיקע סאָכרים צעגראָמירט סטעווענינכעס שענק. נאָכדעם זיינען זיי אנטלאָפן קיין פראנקרייך. מיר האָבן זיי געוואָלט כאפּן, נאָר זיבן קאצאָווים, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאר זיי, האָבן אונדז ניט געלאָזן. מע האָט אונדז געכאפּט און אונדז אָפּגעלאָזן ערשט דאן, ווען מיר זיינען שוין געווען אין פראנקרייך. פיר געהיים־אגענטן אָבער גיבן אָפּ זייער אכטונג און ווארטן אָפּ הילף פון אייך, קעדיי צו כאפּן די אויסוואורפן.

די ריכטער האָבן געגעבן די געהיים־אגענטן צו דריי קאראָלוסן און האָבן זיי אָפּגעדאנקט פאר דער געטרייער דינסט.

און אולענשפיגעל און לאמע זיינען אוועק פון פּעטעהעם פריער קיין גענט, דערנאָך קיין בריוגע. פון דאָרטן האָט אולענשפיגעל זיך געקליבן גיין קיין דאמע, ווו די אָרעמע נעלע האָט שוין לאנג־לאנג געווארט אָפּ איר געליבטן.

קאפיטל 17

וועגן דעם, ווי אין דאמע האָט זיך באוויזן א שרעקלעכער וואָלף

איינמאָל באנאכט האָבן עמעצנס הויכע געשרייען אופגעוועקט נעלען. די געשרייען האָבן זיך געטראָגן פון גאס.

נעלע איז אראָפגעלאָפן אראָפ און האָט געעפנט די טיר. אין שטוב איז אָן אן אָטעם ארײַנגעלאָפן קאטלינע.

— ראטעווע מיך! — האָט זי געשריִען. — ראטעווע מיך! דאכט זיך, א וואָלף! א וואָלף!

ווײַט אין פעלד האָט זיך דערהערט א הויכער געוווי. ציטערנדיק פאר שרעק, האָט נעלע אָנגעצונדן אלע ליכט און האָט פעסט ארומגענומען די מוטער.

— וואָס האָט פאסירט? — האָט זי א פרעג געטאָן קאטלינען.

קאטלינע האָט מיט ווילדע אויגן א קוק געטאָן אפן פײַער און געזאָגט:

— אָט זײַנען פארפאלן געוואָרן די שיידים. א וואָלף, א וואָלף וויעט אין פעלד.

— וווהין ביסטו געגאנגען? — האָט נעלע געפרעגט.

— האנס האָט געשריִען ווי אן אָדלער, — האָט קאטלינע געזאָגט, — איך בין ארויס. ער האָט מיר געזאָגט: „טרינק אויס דעם דאָזיקן צויבערגעטראנק". האָב איך אויסגעטרונקען. ער האָט מיך צוגעפירט צום קאנאל און געזאָגט: „קאטלינע, אינגיכן וועל איך דיר ברענגען זיבן הונדערט קאראָלוסן, און דו וועסט זיי אָפגעבן אולענשפיגעלן. נא דיר דערווײַל צוויי קאראָלוסן אפן א קלייד. אינגיכן וועל איך דיר שענקען גאנצע טויזנט קאראָלוסן". „טויזנט! — האָב איך געזאָגט, — איך וועל דעמלט זײַן א רײַכע"! „יאָ — האָט ער געזאָגט, — עפשער ווייסטו פון אנדערע רײַכע פרויען אין דאמע?" „איך ווייס ניט", — האָב איך אים געענטפערט. „איז דערוויס זיך און זאָג מיר דאָס קומענדיקע מאָל", האָט ער געזאָגט.

„עס איז געוואָרן קאלט. איבער די פעלדער האָט זיך גענומען שפרייטן

א נעפל. טרוקענע צווײַגלעכ זײַנעע אראָפּגעפאלנ פונ די ביימער אפנ וועג. די לעוואָנע האָט געשײַנט. אינ דעם וואסער פונעם קאנאל האָבנ געלויכטנ אָנ א שיר פײַערלעכ. „הײַנטיקע נאכט, — האָט האנס געזאָגט, — איז א נאכט פונ וואָלקולאקעס”.[1] אלע זינדיקע נעשאָמעס זײַנענ הײַנט ארויס פונ גענעם. מע דארפ זיכ דרײַ מאָל איבערצײלעמענ מיט דער לינקער האנט אונ זאָגנ: „זאלצ! זאלצ! זאלצ!” דעמלט וועלנ זיי דיר גאָרנישט ניט טאָנ”.

„האנס איז אוועק. איכ בינ געבליבנ שטיינ איינע אליינ, קלינגענדיק מיט מײַנע קאראָלוסנ. פלוצלינג זע איכ: עס קריכט ארויס אפנ ברעג א וואָלפ אונ גייט זיכ איבערנ זאמד-אָנשיט. די מאָרדע איז בא אימ א גרינע, די פעל — א ווײַסע, אונ טרוקענע גרעזעלעכ האָבנ זיכ פארפלאָנ-טערט אינ איר. איכ האָב אויסגעשריענ: „זאלצ! זאלצ!” אונ זיכ דרײַ מאָל איבערגעציילעמט. אָבער דער וואָלפ האָט זיכ ניט דערשראָקנ. איכ האָב אָנגעהויבנ אנטלויפנ. דער וואָלפ — נאָכ מיר. ער האָט שוינ מיכ שיר־שיר ניט דעריאָגט. איכ האָב געהערט, ווי ער האָט געקנאקט מיט די ציינער הינטער מיר, אונ כ'האָב געקלערט: אָט-אָט כאפט ער מיכ אָנ פארנ רוקנ. נאָר איכ בינ געלאָפנ גיכער פונ אימ. אפנ ראָג פונ דער פישכאפער־גאס האָב איכ דערזענ דעמ נאכט־וועכטער מיט א לאמטערנ אינ האנט. „האָב קיינ מוירע ניט, קאטלינע, איכ וועל דיכ באגלייטנ אהיימ”, — האָט ער געזאָגט. „א וואָלפ, א וואָלפ! האָב איכ געמורמלט. דער וועכטער האָט מיכ אָנגענומענ פאר דער האנט אונ האָט מיכ אוועקגעפירט, אונ זײַנ האנט האָט אויכ געציטערט פאר שרעק”.

ביסלעכווײַז האָט קאטלינע זיכ בארויקט אונ איז אײַנגעשלאָפנ. מיט טרערנ אינ די אויגנ האָט נעלע געקוקט אפ איר אומגליקלעכער מוטער. זי האָט פארשטאנענ, פונ וואָס פאר א שרעקלעכער געפאר קאטלינע איז ניצל געוואָרנ.

דער דאָזיקער שרעקלעכער וואָלפ האָט זיכ שוינ לאנג באוויזנ אינ דאמע. דער וועג קיינ בריוגע אונ גענט איז געוואָרנ געפערלעכ. עס איז געווענ גענוג, אז עמעצער זאָל ארויסגיינ פונ שטאָט מיט געלט, — אונ ער האָט זיכ שוינ געקענט געזעגענענ מיטנ לעבנ.

אפ מאָרגנ פלעגט מענ געפינענ אפנ וועג א פארגליווערטנ מעס. דער מעס פלעגט ליגנ א נאקעטער. אונ זײַנ האלדז איז געווענ דורכגעביסנ מיט לאנגע שארפע ציינער.

די דאָקטוירימ אונ די שערער האָבנ געזאָגט, אז דאָס זײַנענ ציינער פונ א גרויסנ וואָלפ.

1 וואָלקולאק — א מענטש, פארוואנדלט אינ א וואָלפ.

— פאַרשטייט זיך, — האָבן זיי געזאָגט, — אַז נאָכן וואָלף קומען צו גיין רויבער און טוען אויס דעם אומגליקלעכן קאָרבן.

א סאך מאָל האָט מען געשיקט מענטשן זוכן דעם וואָלף. מע האָט ארומגעזוכט די גאַנצע געגנט. נאָר אַלץ איז געווען אומזיסט. מע האָט ניט געפונען ניט דעם וואָלף און ניט די רויבער.

אין עטלעכע טעג ארום פלעגט פאַרפאַלן ווערן נאָך עמעצער א רײַכער בירגער, וואָס איז אוועקגעפאָרן פון שטאָט אָן באַגלייטער. קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. נאָר אָט האָט א פּויער פון א שכייּ נעסדיקן דאָרף, ארויספאָרנדיק אין פעלד, פּלוצלינג באמערקט אַף דער ערד שפּורן פון א וואָלף. דער פּויער איז געגאַנגען מיטן שפּור. און דער הונט האָט אים געבראַכט אַף א פאַרדעכטיק אָרט. דער הונט פלעגט זיך נעמען גראָבן אין דער ערד און פלעגט אויסגראָבן א קערפּער פון א דערהארגעטן, וואָס איז געווען צעביסן מיט שרעקלעכע ציינער. און די האלדזביינדלעך זײַנען בא אים אַלעמאָל געווען איבערגעבראָכן.

דער פּויער פלעגט וועגן דעם מעלדן דעם שטאָטישן ריכטער. דער ריכטער, זײַן שרײַבער, דער געמיינדע־עלטסטער און דער רופא זײַנען ארויסגעפאָרן אַפן אָרט פונעם פאַרברעכן. זיי האָבן דערקענט דעם דערהארגעטן און האָבן אפילו ניט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן וועגן אָט דעם שרעקלעכן פאַרברעכן. קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער דאָזיקער וואָלף, וואָס צערײַסט מענטשן פון הונגער, עסט קיינמאָל ניט קיין מענטשן־פלייש.

די אײַנוווינער פון דאמע זײַנען געווען אזוי אָנגעשראָקן, אַז באנאכט פלעגן זיי שוין ניט ארויסגיין פון די הײַזער.

מע האָט געדונגען עטלעכע זעלנער, וואָס זײַנען געווען באוווּסט מיט זייער העלדישקײַט, און מע האָט זיי געשיקט זוכן דעם וואָלף.

איינמאָל אין אָוונט האָבן די זעלנער זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען אַף די יאַם־דיונעס, לעבן הייסט. איינער פון זיי — א קרעפּטיקער, געזונטער יונג — האָט אָנגעלאָדן זײַן ארקעבוז און איז אוועק באקוקן די געגנט. פאר זײַן לעבן איז מען געווען זיכער. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער איז א מענטש א שטאַרקער און א דרייסטער. פאַרשטייט זיך, אַז ער וועט לײַכט בײַקומען דעם וואָלף, אויב ער וועט אים נאָר באגעגענען.

ווי נאָר ער איז אוועק, האָבן די זעלנער צעלייגט א שײַטער און האָבן גענומען טרינקען בראנפן.

— היי! — האָבן זיי געשריִען צו זייער כאווער, — גיב א שפּײַ אַפן וואָלף! ער איז שוין לאַנג אַנטלאָפן, קום טרינקען בראנפן!

נאָר יענער האָט זיי גאָרנישט ניט געענטפערט.

פּלוצלינג האָבן זיי דערהערט א הארצרײַסנדיקן מענטשלעכן געשריי.

— האַלט זיך! — האָבן זיי אים א געשריי געטאָן, און זיי האָבן זיך א לאָז געטאָן אים צו הילף, איבעריאָגנדיק איינער דעם צווייטן.

א לאנגע צײַט אָבער האָבן זיי ניט געקאָנט געפינען זייער כאוועך. איינעם האָט זיך געדוכט, אז דער געשריי האָט זיך געהערט פון טאָל, דעם אנדערן, ווידער, האָט זיך געדוכט, אז דער געשריי האָט זיך געהערט פון די דיונעס.

ענדלעך, אז זיי האָבן ארומגעזוכט מיט לאמטערנס אי דעם טאָל אי די דיונעס, האָבן זיי געפונען דעם קערפּער פונעם דערהארגעטן זעלנער. די פיס זײַנען בא אים געווען צעבראָכן, און דער האלדז — איבערגעביסן מיט שרעקלעכע ציינער.

דער זעלנער איז געלעגן אפן רוקן און זײַן האנט האָט קאָנוולסיוו געדריקט דעם שווערד. דער ארקעבוז האָט זיך געוואַלגערט אפן זאמד. ניט ווײַט פונעם מעס זײַנען געלעגן דרײַ אָפּגעהאקטע פינגער. ווּעמעס פינגער — ווייסט מען ניט. דעם זעלנערס טײַסטער מיטן געלט האָט מען אוועקגע־רויבט.

די זעלנער האָבן אופגעהויבן אפ די פּלייצעס דעם קערפּער פון זייער דערהארגעטן כאוועך, האָבן מיטגענומען זײַן שווערד און זײַן רומ־פּולן ארקעבוז און האָבן שווײַגנדיק זיך געלאָזט גיין אין שטאָט ארײַן. דאָ האָט זיי באגעגנט דער הויפּט־ריכטער מיט דער שטאָטישער וואך.

דער רויפע האָט באטראכט די אָפּגעהאקטע פינגער און האָט אײַנגע־פונען, אז זיי געהערן צו אן אלטן מענטשן, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט פארנומען מיט קיין פיזישער ארבעט. די הויט אפ די פינגער איז געווען א געצערטלטע. די נעגל לאנגע, אזוי ווי בא א ריכטער אָדער בא א גאלעך.

אפ מאָרגן זײַנען דער ריכטער, דער געריכט־שרײַבער, די געמיינדע־עלטסטע און די זעלנער אוועק אין די דיונעס צום אָרט, ווו מע האָט דערהארגעט דעם זעלנער. אין גראָז האָבן זיך נאָך דאָרט געזען טראָפּנס בלוט. אפן זאמד זײַנען געווען קענטיק עמעצנס שפורן, זיי האָבן געפירט צום יאם און זײַנען דאָרט פארשוואונדן. דער שרעקלעכער וואָלף איז אין וואסער ארײַן.

קאפּיטל 18

וועגנ דעמ, ווי אולענשפּיגעל האָט זיכ אומגעקערט קיינ דאמע

עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ הייסע זומערדיקע טעג. דער יאַמ איז געווענ שטיל אונ רויִק. אפ דער מיט פונעמ צעגליטנ הימל האָט געשייַנט די זונ. איבערנ קאנאל האָבנ געזשומעט פליגנ. קארפּנ זייַנענ געשפּרונגענ פונ וואסער, געכאפּט פליגנ אונ זיכ איבערגעקוליעט אינדערלופטנ. פייַל־אויסנ־בויגנ זייַנענ געפלויגנ שוואלבנ מיט זייערע לאנגע פליגלענ. א וואַרעמע גלאנצנדיקע פּארע האָט זיכ אופגעהויבנ איבער די פעלדער.

אָט האָט אפנ קלויסטער־טורעמ זיכ באוויזנ דער גלאָקנ־קלינגער. ער האָט אויסגעקלונגענ צוועלפ אזייגער.

די הייזעריקע קלאנגענ פונעמ אָנגעשפּאָלטענעמ גלאָק זייַנענ אָפּגעשטאָרבנ אינ דער וויַיט. פרויענ אינ רויטע טשיפּעקלעכ זייַנענ ארויס הינטערנ פּארקנ אונ האָבנ גענומענ רופנ די מענער עסנ מיטיק.

אולענשפּיגעל האָט שוינ פונוויַיטנ באמערקט דעמ הויכנ פּירקאנטיקנ טורעמ פונעמ מאדאָנע־קלויסטער.

— מייַנ זונ, — האָט לאמע געזאָגט, — אינ אָט דער שטאָט זייַנענ דייַנע פריידנ אונ דייַנע ליידנ...

אולענשפּיגעל האָט געשוויגנ.

— אינגיכנ וועל איכ דערזענ מייַנ אלט הייַזל, — האָט לאמע געזאָגט, — אונ עפשער וועל איכ דאָ אויכ מייַנ ווייַב געפינענ.

אולענשפּיגעל האָט אימ קיינ וואָרט ניט געענטפערט.

— האָסט א שטיינערנ הארצ, — האָט לאמע געזאָגט, — ביסט א מענטש אָנ געפילנ, אולענשפּיגעל! דאָ, אינ שטאָט, האָסטו דייַנ גאנצע יוגנט פארבראכט. די שאָטנס פונ דייַנע אומגליקלעכע עלטערנ שטייענ דאָ אופ פאר דייַנע אויגנ. אונ דו, ניט דו פרייסט זיכ, ניט דו טרויערסט. וואָס טוט זיכ עס מיט דייַנ הארצ? טו א קוק אפ מיר, בא מיר טרייסלט זיכ אפילע דער בויכ פונ אופרעגונג.

אָבער דאָ האָט לאמע א קוק געטאָנ אפ אולענשפּיגעלנ. ער איז גע־

גאנגען מיט א טיף־אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, בלייך ווי דער טויט. פון די אויגן האָבן בא אים זיך געקײַקלט גרויסע טרערן.

און לאַמע איז אנשוויגן געוואָרן.

שווײַגנדיק, זײַנען זיי אַרײַן אין שטאָט און זיי זײַנען אוועק מיט דער פישכאפּער־גאַס. ארום און ארום איז קיין איין לעבעדיקער נפֿש ניט געווען: אלע האָבן זיך באהאלטן פון דער באַטאָגיקער היץ. בלויז די הינט זײַנען געלעגן לעבן די שוועלן מיט ארויסגעשטעקטע צינגער.

זיי זײַנען צוגעגאנגען צו קלאַאַסעס כאַטקע. אַצינד האָט דאָרט געוווינט אַן אנדער קוילנהענדלער.

— דערקענסט מיך? — האָט אים אולענשפּיגעל געפרעגט. — כ׳וויל אַרײַן צו דיר אין שטוב אַף אַ ווײַלינקע.

— אוודאי דערקען איך דיך, — האָט דער קוילנהענדלער געזאָגט, — דו ביסט אולענשפּיגעל, דעם מארטירערס זון. גיי אַרײַן און פֿיל זיך דאָ, ווי בא זיך אין דער היים.

אולענשפּיגעל איז אַרײַן אין קיך, דערנאָך האָט ער זיך אופגעהויבן אין דער הייך אין צימער פון זײַנע עלטערן און האָט שטיל געוויינט. ווען ער איז אַראָפּ אַף צוריק, האָט דער קוילנהענדלער אים פאָרגעלייגט ביר און קעז. אָבער אולענשפּיגעל האָט אים באוויזן מיט אַ צייכן, אַז ער קאָן ניט ניט עסן, ניט טרינקען, און איז אוועק אינאיינעם מיט לאַמען ווײַטער.

אזוי זײַנען זיי צוגעגאנגען צו קאַטלינעס הײַזל. ס׳איז געווען מיטיק־צײַט. אַפן טיש איז געשטאנען אַ שיסל געקאָכטע אַרבעס, געמישט מיט בעבלעך. קאַטלינע האָט געגעסן. נעלע איז געשטאנען לעבן קאַטלינען און האָט איבערגעגאָסן אין איר שיסל עסיק-סאָוס, וועלכן זי האָט נאָרוואָס אופּ־געקאָכט.

מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר, און אין צימער איז אַרײַן אולענ־שפּיגעל. נעלע האָט אַ געשריי געטאָן און האָט אַרײַנגעשטעלט דאָס טעפּל סאָוס גלײַך צו קאַטלינעס אין שיסל. יענע האָט געקײַט די אַרבעס, זיך געפּאַטשט איבערן שטערן און געטײַנעט:

— פאַרלעשט דאָס פײַער! דער קאָפּ ברענט!

לאַכנדיק און וויינענדיק פאַר גליק, האָט נעלע זיך אַ וואָרף געטאָן צו אולענשפּיגעלן אַפן האַלדז. אולענשפּיגעל האָט זי ארומגענומען און אזוי זײַנען זיי ביידע געשטאנען און געוויינט.

— טיל! טיל! — האָט נעלע געזאָגט אַ פאַרוויינטע, — טײַערער מײַנער! צי דען האָסטו זיך אומגעקערט?

פּלוצלינג האָט זי דערזען לאַמען, וואָס איז שווײַגנדיק געשטאנען בא דער טיר און האָט געוואַרט.

— ווער איז דאָס? — האָט זי אַ פרעג געטאָן טילן. — ווי האָב איך עס געקאָנט זען דעם דאָזיקן פּעמפּיק?

— דאָס איז מײַן פרײַנט לאמע, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — ער האָט פאַרלאָרן זײַן ווײַב און אצינד וואַנדערט ער אום צוזאַמען מיט מיר.

— איך קען דיך, — האָט נעלע געזאָגט צו לאמען, — דו האָסט געוווינט אַף דער פישכאַפּער־גאַס. דײַן ווײַב באַהאַלט זיך אויס אין בריוגע. זי לעבט ווי אַ מאָנאַשקע — ערלעך און פרום. אַנומלט האָב איך זי געפרעגט, פאַרוואָס איז זי פון דיר אוועק. „אַזוי האָט דער אייבערשטער געוואָלט, — האָט זי געענטפערט, — אצינד קען איך זיך שוין צו אים ניט אומקערן".

לאמע האָט זיך אָנגעכמורעט און האָט אומעטיק געקוקט אַפן סאָוס. בלויז קאַטלינע האָט גאָרנישט ניט באַמערקט און האָט געכאַפּט מיטן לעפל די בעבלעך, מורמלענדיק אירע מעשוגענע טײַנעס.

קאַפּיטל 19

וועגנ דעמ, ווי אולענשפּיגעל האָט געכאַפּט דעמ שרעקלעכנ וואָלף

איינמאָל האָט אזוי פּאַסירט, אז א פּופּצניאָריק מיידעלע איז געגאנגענ מיט די דיונעס פונ הייסט קיינ קנאָקע. זי איז אוועקגעגאנגענ באַטאָג אונ קיינער האָט זיכ וועגנ איר ניט באַאומרויִקט, ווײַל דער וואָלף פלעגט אָנפאלנ אַפ די דורכגייער נאָר באַנאַכט. דאָס מיידעלע האָט געטראָגנ אינ איר בײַטעלע פיר גאָלדענע קאַראָלוסנ. איר מוטער, טאָריע פּיטערסענ, איז שולדיק געווענ די דאָזיקע פיר קאַראָלוסנ איר פעטער, יאַנ ראַפּענ, אונ אצינד האָט זי אימ געוואָלט אומקערנ דעמ כויוו. דאָס מיידעלע — מע האָט זי גערופנ בעטקינ — האָט זיכ פאַרפּוצט אינ איר שענסטנ קליידל אונ האָט זיכ פריילעכ געלאָזנ אינ וועג אַרײַנ.

אינ אָוונט האָט זיכ בעטקינ אהיימ ניט אומגעקערט. צוערשט איז די מוטער געוואָרנ אומרויִק, דערנאָכ אָבער האָט זי א קלער געטאָנ, אז דאָס מיידעלע איז מיסטאמ געבליבנ נעכטיקנ בא איר פעטער, אונ זי האָט זיכ באַרויִקט.

אַפ מאָרגנ האָבנ היִגע פישער זיכ אומגעקערט פונ יאמ. זיי האָבנ אַרויסגעשלעפּט אַפנ ברעג זייער שיפל, אָנגעלאָדנ די פיש אַפ פורלעכ אונ אוועקגעפירט זיי קיינ הייסט אַפנ מאַרק. פאָרנדיק איבער די דיונעס, האָבנ זיי באַמערקט אַפנ זאמד א פאַרבלוטיקטנ טויטנ קערפּער פונ א מיידעלע. די פישער זײַנענ צוגעגאנגענ נעענטער אונ האָבנ באַמערקט בא איר אַפנ האלדז שפּורנ פונ לאנגע שאַרפע ציינער. דאָס מיידעלע איז געלעגנ אַפנ רוקנ: די אויגנ אירע זײַנענ געווענ ברייט צעעפנט. אַפ אירע ליפּנ איז ווי פאַרגליווערט געוואָרנ איר האַרצרײַסנדיקער געשריי פאַרנ טויט.

די פישער האָבנ צוגעדעקט דאָס מיידעלע מיט א מאַנטל אונ האָבנ זי געבראַכט צו פירנ אינ שטאָט. דער רויפע האָט באַטראַכט איר קערפּער אונ געמאָלדנ די בירגער, אז דאָס מיידעלע האָט צעביסנ ניט קיינ געוויינלעכער

וואָלף, נאָר א בייזער וואָלקולאַק, א מעכאַשעפֿ, וואָס האָט זיך פֿארשטעלט פֿאר א וואָלף.

— בעט גאָט, ער זאָל באפרײַען דאָס פֿלאַנדרישע לאַנד פֿון דער דאָזיקער אָנשיקעניש, — האָט דער רויפֿע געזאָגט.

פֿון דעם טאָג אָן האָט מען אינעם גאַנצן גראַפֿנטום — איבערהויפּט אין דאַמע, הייסט און קנאָקע — אײַנגעפֿירט באַזונדערע טפֿילעס, אין וועלכע מע האָט געבעטן גאָט, ער זאָל באפרײַען דאָס לאַנד פֿונעם בייזן וואָל-קולאַק.

דעם מיידעלעס קערפּער האָט מען ארויסגעשטעלט אין קלויסטער, און אַלע פֿרויען האָבן געוויינט, קוקנדיק אויף איר צעביסן העלדזל. און בעטקינס מוטער האָט געשריִען ווי א ווילדע:

— איך וועל געפֿינען דעם מערדער און כ'וועל אים צערײַסן מיט די אייגענע ציין!

זי איז אוועק אין די דיונעס צוזאַמען מיט איר מאַן און מיט צוויי בירגער. מע האָט נאָכאַמאָל ארומגעזוכט די גאַנצע געגנט, אָבער דעם וואָלף האָט מען אין ערגעץ ניט געפֿונען.

דער הויפּט־ריכטער פֿון דער שטאָט דאַמע האָט דאַן צונויפֿגעקליבן א פֿארזאַמלונג פֿון די בירגער און האָט איטלעכן געייצעט זיך באַזאָרגן מיט געווער.

— מיר דארפֿן כאַפּן אַלע בעטלערס און שלעפּערס, — האָט דער ריכ־טער דערקלערט, — זיי גייען נאָך נאָך דעם וואָלקולאַק און בארויבן די טויטע. די געזונטע שלעפּערס דארף מען אוועקשיקן אויף די קיניגלעכע גאַ־ליערעס, די אַלטע און קראַנקע — אָפּלאָזן אויף דער פֿרײַ.

מע האָט אָנגעהויבן פֿארהאַלטן די בעטלערס, אָבער קיין פֿארדעכטיקטע זאַכן האָט מען בא זיי ניט געפֿונען.

דעמאָלט איז אולענשפּיגעל געקומען צום הויפּט־ריכטער און האָט גע־זאָגט:

— איך וויל דערהארגענען דעם וואָלקולאַק!

— ביסט אזוי זיכער אין דײַנע קויכעס? — האָט אים דער ריכטער געפֿרעגט.

— קלאַאַסעס אַש ברענט מײַן הארץ, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — דערלויבט מיר צוויי טעג צו ארבעטן אין דער געמיינדע־קוזניע.

— ארבעט, — האָט דער ריכטער געזאָגט.

אולענשפּיגעל איז אוועק אין קוזניע און האָט געהיים, אז קיינער זאָל ניט וויסן, אויסגעשמידט אַן אויסגעצייכנטע אײַזערנע פּאַסטקע. קיין איין מענטש האָט ניט געוווּסט, וואָס ער טוט אין קוזניע.

עס איז אָנגעקומען שאַבעס. אין דעם טאָג פֿלעגט דער וואָלקולאַק אָפּטער

פון אלעמאָל אָנפאלן אף די פארבײַגייער. אולענשפיגעל איז ארויס פון דאמע. אונטערן מאנטל האָט ער געטראָגן די פאסטקע. כוץ דעם האָט ער מיטגענומען א מעסער און א גוטן ארבאלעט.

אין דאמע האָט ער געזאָגט:

— איך גיי אין געיעג אף מעוועס. איך דארף אָנקלײַבן פעדערן פאר דער פרוי פונעם הער הויפט־ריכטער. זי וויל זיך מאכן א נײַ קישעלע.

און אלע זײַנען געווען איבערצײַגט, אז ער איז טאקע געגאנגען כאפן מעוועס.

אפן וועג קיין הייסט איז ער צוגעגאנגען צום יאם. דער יאם האָט געשטורעמט. ריזיקע כוואליעס האָבן זיך געשלאָגן אָן ברעג. די פישער־שיפלעך האָט מען ארויסגעשלעפט אפן זאמד. דער ווינט האָט געפײַפט און געריסן די נעצן.

— אָט האָבן מיר עס צאָרעס פונעם דאָזיקן ווינט,— האָט א באקאנ־טער פישער געזאָגט אולענשפיגעלן,— באנאכט איז נאָך דער יאם געווען רויק, און ווי נאָר עס איז אופגעגאנגען די זון, האָט ער זיך עס צעשטורעמט. וועגן כאפן פיש איז אצינד גאָר ניטאָ וואָס צו קלערן!

אולענשפיגעל האָט זיך דערפרייט: די פישער זײַנען געבליבן אין דער היים. זיי וועלן אים קומען צו הילף, אויב עס וועט זײַן נייטיק.

אין הייסט איז אולענשפיגעל ארײַן צום גאלעך און האָט אים איבער־געגעבן א בריוו פונעם הויפט־ריכטער.

— ביסט א דרייסטער יונג,— האָט אים דער גאלעך געזאָגט, איבער־לייענענדיק דעם בריוו,— זאָלסט אָבער וויסן, אז דער וואָלף פאלט אָן נאָר אף די, וואָס גייען אײנציקווײַז. באלד איז שוין אָוונט, הערסט, ווי ער וויעט אפן בעסאלמען? גיי ניט, מײַן זון, האָב ראכמאָנעס אף דײַנע יונגע יאָרן!

— קלאאסעס אש ברענט מײַן הארץ,— האָט אולענשפיגעל געזאָגט.

— אויב דו האָסט פעסט באשלאָסן,— האָט דער גאלעך געזאָגט,— זאָלסטו אים היטן אף דעם שטעגעלע, וואָס פירט צום בעסאלמען. דאָס שטעגעלע איז פון ביידע זײַטן באזעצט מיט קוסטעס און איז אזוי שמאָל, אז צוויי מענטשן מיטאמאָל קאָנען דאָרטן קוים דורכגיין.

— אהינצו וועל איך טאקע גיין,— האָט אולענשפיגעל געזאָגט,— און איר, הער גאלעך, זאָגט אָן דער פרוי טאָריע פיטערסען, איר מאן און אירע ברידער, זיי זאָלן, גוט באוואָפנטע, זיך צונויפקלײַבן אין קלויסטער. אויב איך וועל א געשריי טאָן ווי א מעווע, הייסט עס, אז איך האָב דערזען דעם וואָלקולאק. איר זאָלט דאן אָנהייבן קלינגען אין גלאָק און זיך לאָזן לויפן מיר צו הילף.

— כ'וועל טאָן אלץ, ווי דו הייסט,— האָט דער גאלעך געזאָגט,— ווילסט עסן צוונטברויט?

— איכ ויל, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

דער גאלעכ האָט אים געגעבנ ביר, ברויט אונ קעז. אולענשפּיגעל האָט אָפּגעגעסנ אָונטערברויט אונ איז ארויס פונ שטוב.

דער יאַמ האָט נאָכ אלצ געשטורעמט. איבערנ הימל האָבנ זיכ האסטיק געטראָגנ שווארצע כמארעס, אינ די דיונעס האָט געפּײַפט דער ווינט.

אולענשפּיגעל האָט זיכ אראָפּגעלאָזנ אינ טאָל אינ, שאָקלענדיק זיכ, האָט ער זיכ אוועקגעשלעפּט מיטנ שטעגעלע, וואָס האָט געפירט צום בעסאלמענ. ער איז געגאנגענ, פאלנדיק פונ די פיס, ווי א שיקער, געוואונענע עפּעס אונטערנ נאָז, הויכ געשלוקערצט, זיכ אָפּגעשטעלט אונ געמאכט דעם אָנשטעל, אז ער ברעכט, ווי א שיקער. אינ דער זעלבער צײַט האָט ער אופמערקזאמ אכטונג געגעבנ אפ אלצ, וואָס ארום אים האָט זיכ געטאָנ.

אונ אָט האָט ער בא דער שײַנ פונ דער לעוואָנע דערזענ א גרויסנ שאָטנ פונ א וואָלפ, וואָס האָט זיכ פאמעלעכ גערוקט אינ דער ריכטונג צום קלויסטער.

אולענשפּיגעל האָט געמאכט דעם אָנשטעל, אז ער איז געפאלנ, אונ האָט אוועקגעשטעלט די פאסטקע אפנ שטעג, ווו דער וואָלפ האָט געדארפט דורכגיינ. דערנאָכ האָט ער אָנגעלאָדנ דעם ארבאלעט אונ איז אוועק ווײַטער, שלוקערצנדיק. אָפּגעגאנגענ צענ טריט, האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט. אינ דער מינוט איז זײַנ בליק געווענ שארפער, אונ זײַנ געהער — פײַנער, ווי בא א רויב־כײַע, וואָס פארפאָלגט איר רויב. ער האָט געזענ, ווי איבערנ הימל טראָגנ זיכ שווארצע כמארעס אונ איבערנ שטעגל באוועגט זיכ די נידעריקע פיגור פונעם וואָלפ. ער האָט געהערט, ווי עס שטורעמט דער יאַמ, ווי טרויעריק עס וויעט דער ווינט אונ ווי עס סקריפּענ די מושלענ אונטער די שווערע טריט פונ דער כײַע.

אולענשפּיגעל האָט זיכ אָנגעכאפּט אָנ א בוימ, געשטאנענ אזוי א ווײַלע, אונ דערנאָכ איז ער שווער אומגעפאלנ אפ דער ערד, אזוי ווי די שיקערע פיס האָבנ אים שוינ מער ניט געקאָנט האלטנ. אינ א מינוט ארום האָט א בריאזגע געטאָנ אײַזנ, עס האָט הילכיק א קלאפּ געטאָנ די פאסטקע, אונ א הארצרײַסנדיקער מענטשלעכער געשריי האָט זיכ דערטראָגנ צו אולענשפּיגעלנ.

„די פאסטקע האָט אים צוגעקוועטשט די פאָדערשטע לאפּעס, — האָט אולענשפּיגעל א קלער געטאָנ. — אָט הייבט ער זיכ אופ אונ וויל זיכ באפרײַענ פונ דער פאסטקע. אומזיסט די טירכע!“

אולענשפּיגעל האָט אויסגעשאָסנ אונ האָט געטראָפנ דעם וואָלפ אינ פוס.

— ער איז פארוואונדעט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט פאר זיכ אונ טייקעפּ האָט ער געהערט שרײַענ ווי א מענטש.

אינ דער זעלבער מינוט האָט זיכ דערהערט קלינגענ פונעם גלאָק. דער אויפּעם האָט זיכ א לאָז געטאָנ צו הילפ אולענשפּיגעלנ.

די ערשטע זײַנענ געקומענ צו לויפנ טאָריע, די מוטער פונ דער דערארנעטער בזטקינ, איר מאנ אונ אירע ברידער.

— צי דענ האָסטו אימ טאקע געכאפט? — האָבנ זיי א פרעג געטאָנ אולענשפיגעלנ.

— טוט א קוק אפנ שטעג, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט.

— גאָט צו דאנקענ, — האָבנ זיי געזאָגט אונ האָבנ זיכ איבערגעציילעמט.

פלוצלינג האָט דער וואָלקולאק אָנגעהויבנ ריידנ מיט אנ אומעטיקער שטימ:

— האָב אפ מיר ראכמאָנעס, אולענשפיגעל.

— ער רעדט מיט א מענטשלעכ לאָשנ, — האָט דער אוילעמ אינ איינ שרעק אָנגעהויבנ שרײַענ. — דאָס איז דער טײַוול אליינ! ער ווייסט אפילע אולענשפיגעלס נאָמענ!

— האָב ראכמאָנעס, — האָט די שטימ פאָרגעזעצט צו ריידנ. — ברענג מיכ ניט אומ, אולענשפיגעל! מײַנע הענט זײַנענ אינ פאצקע, איכ גיי אָפ מיט בלוט. האָב ראכמאָנעס! זאָל שוינ אנשוויגנ ווערנ דער פארשאָלטענער גלאָק!

— איכ דערקענ די דאָזיקע שטימ! — האָט אולענשפיגעל אויסגעשריִענ. — דו ביסט דער פיש־הענדלער, קלאאס מערדער, די בעסטיע, וואָס האָט צעריסנ דאָס מיידעלע. האָט קיינ מוירע ניט, ליבע פרײַנט! דאָס איז דער עלטסטער פונ די פיש־הענדלער! איבער אימ איז עס אומגעקומענ די אומגליקלעכע סאאָטקינ.

אונ אולענשפיגעל האָט ארויסגעכאפט דאָס מעסער אונ האָט אָנגעכאפט דעמ פיש־הענדלער פארנ גאָרגל.

— טשעפע אימ ניט, — האָט טאָריע אויסגעשריִענ, — נעמ אימ א לעבעדיקנ! זאָל ער אונדז באצאָלנ פאר אלע אונדזערע יעסורימ! אפנ שײַטער זאָל ער גיינ! אינ צעגליטע אָפצווענגעס זאָל מענ אימ נעמענ!

אונ זי האָט ווי א ווילדע געריסנ זײַנע האָר אונ געדראפעט מיט די נעגל זײַנ פאָנעמ. דער פיש־הענדלער האָט זיכ געוואָרפנ איבערנ שטעגל מיט דער פאסטקע אפ די הענט אונ האָט געשריִענ פונ ווייטעק אונ שרעק:

— האָט ראכמאָנעס! האָט ראכמאָנעס! נעמט זי צו! זי וועט מיכ הארגעננ!

פלוצלינג האָט טאָריע באמערקט אפנ וועג א גרויסע בראבאנטער וואפליעניצע מיט לאנגע הענטלעכ. טאָריע האָט זי אופגעהויבנ פונ דער ערד, אונ די וואפליעניצע האָט זיכ אופגעעפנט אינ אירע הענט. אינעווייניק אינ דער וואפליעניצע זײַנענ אינ די אײַזערנע ברעטלעכ געווענ ארײַנגעטאָנ לאנגע שארפע ציינער. ווענ די וואפליעניצע פלעגט זיכ עפענענ, איז זי געווענ ענלעכ אפ אנ אײַזערנעמ פיסק פונ א שרעקלעכער כײַע.

טאָריע האָט געכאַפּט די וואפּליעניצע און, קנאַקנדיק מיט איר, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן פיש-הענדלער. יאָמערנדיק, האָט זי געביסן דעם פיש-הענדלערס הענט און פיס און האָט געשריִען:

— אזוי האָסטו געפּייניקט מײַנע בעטקינע, פאַרשאָלטענער! זײַ זיך מוידע, מערדער, אהא, דיר איז זיס? דו זעסט, ווי עס רינט דײַן בלוט? דו פילסט דעם טאַם פון די אײַזערנע ציינער? דאָס איז גאָטס פּסק, מערדער איינער!

און זי האָט געביסן דעם פיש-הענדלער אזוי לאַנג, ביז איינער אַן אַלטער האָט ניט ארויסגעריסן בײַ איר די וואפּליעניצע.

דערווײַל זײַנען געקומען צו לויפן פון הייסט די פישער — מענער און פרויען. אייניקע האָבן געבראַכט צו טראָגן לאַמטערנס און ברענענדיקע פאַקעלן.

— אהא, האָסט זיך געפּאַקט, מערדער! — האָבן זיי געשריִען, — זאָג, ווי האָסטו באַהאַלטן דאָס אָנגערויבטע געלט?

— האָט אויף מיר ראַכמאָנעס! — האָט דער פיש-הענדלער געענטפערט. — איך האָב קיין אײן גראָשן ניט! איך גיי אויף מיט בלוט! דערבאַרעמט זיך!

— באַשמירט זײַנע ווונדן מיט הייל-זאַלב, — האָט טאָריע געשריִען, — אויף אַ לאַנגזאַמען פײַער וועט ער פאַרענדיקן זײַן נידערטרעכטיק לעבן! און די הענט וועט מען אים אָפּרײַסן מיט צעגליטע אָפּצוואַנגעס! ער וועט שוין באַצאָלן פאַר אונדזערע ליידן!

זי האָט זיך ווידער אויף אים ארויפגעוואָרפן און פּלוצלינג איז זי געפאַלן אויף דער ערד אין כאַלאָשעס.

אולענשפּיגעל האָט דערווײַל באַפרײַט דעם פיש-הענדלער פון דער פּאַסטקע. דערבײַ האָט ער באַמערקט, אַז אויף זײַן רעכטער האַנט פעלן דרײַ פינגער. דעם פיש-הענדלער האָט מען געבונדן מיט שטריק, ארײַנגעלייגט אין אַ קאָרב פון פיש, און דער גאַנצער האַמוין איז אוועק קיין דאַמע, באַלײַכטנדיק דעם וועג מיט פאַקעלן און לאַמטערנס.

נאָך די געשרייען און נאָך די קרעכצן האָט איצט געהערשט אַ שווערע שטילקײַט. מע האָט געהערט, ווי טאָריע אָטעמט אָפּט, ווי עס טרעטן שווער די מאַנצבלען און ווי עס רוישט דער שטורעמדיקער יאַם.

אולענשפּיגעל האָט אומעטיק געקוקט, ווי עס טראָגן זיך איבערן הימל די שוואַרצע כמאַרעס און ווי עס לויכטן די רוקנס פון די שטורעמדיקע כוואַליעס. און דער פיש-הענדלער האָט, אַ בלאַסער און אַ צעבלוטיקטער, בייז געקוקט אויף אים, ליגנדיק אין זײַן קאָרב.

אין דאַמע האָט זיי באַגעגנט אַ גרויסער עולם. אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז מע האָט געכאַפּט דעם וואָלקולאַק. און אַלע האָבן געוואָלט אָנקוקן דעם מערדער. אַן אומגעהייער גרויסע פּראָצעסיע האָט מיט געזאַנג זיך געלאָזן איבער די שטאָטישע גאַסן.

— לאנגע יאָר אולענשפיגעלן! — האָט דער האמוין געשריִען. — זאָל לעבן אונדזער העלד אולענשפיגעל!

און די פּראָצעסיע איז געגאנגען ווײַטער.

ווען זיי זײַנען דורכגעגאנגען פארבײַ דעם הויז פונעם הויפּט-ריכטער, איז יענער ארויס אנטקעגן און האָט געזאָגט:

— ביסט א זיגער! קאָווער און רום דעם העלד!

— קלאאסעס אש האָט געברענט מײַן הארץ, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט.

— דו ווערסט באקומען א העלפט פון זײַן פארמעגן, — האָט דער ריכטער געזאָגט.

— צעטיילט עס בעסער די, וועמען ער האָט בארויבט! — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

עס זײַנען אויך געקומען צו לויפן נעלע און לאמע. נעלע האָט פון גרויס סימכע געוויינט, געלאכט און געקושט איר געליבטן. לאמע האָט, ווי א בער, געטאנצט ארום אים, געפּאטשט אים איבערן בויך און געזאָגט:

— אָט דאָס איז א מענטש! אָט דאָס פארשטיי איך! אָט סארא העלד עס איז מײַן פרײַנט אולענשפיגעל! ניטאָ אזא העלד בא אײַך, ליבע הערן!

נאָר די פישער האָבן געלאכט פון אים און אפ אלערליי אופאנים כוזעק געמאכט פון זײַן בײַכל.

קאַפּיטל 20

וועגנ דעמ, ווי מע האָט געמישפּעט דעמ פיש־הענדלער

אפ מאָרגנ האָט דער שטאָט־גלאָק צונויפגערופנ דעמ אוילעמ אפ א גרויסנ געריכט. די ריכטער זײַנענ געזעסנ אפ פיר גראָז־בענק אונטער דעמ געדיכטנ לינדנבוימ, וועלכנ דאָס פאָלק האָט גערופנ „געריכט־בוימ". מע האָט געבראַכט דעמ פיש־הענדלער. ער האָט זיכ אינ גאָרנישט ניט געוואָלט מוידע זײַנ. מע האָט אימ באַוויזנ די דרײַ אָפּגעהאַקטע פינגער. ער האָט זיכ אַלצ ניט געוואָלט מוידע זײַנ.

— איכ בינ אָרעמ אונ אַלט, — האָט ער געטײַנעט, — האָט אפ מיר ראַכמאָנעס!

— ער האָט אונדזערע קינדער געהאַרגעט, — האָט דער אוילעמ געשריִענ. — מישפּעט אימ אָנ שומ ראַכמאָנעס, הערנ ריכטער!

— וואָס קוקסטו אפ אונדז מיט דײַנע אויגאַנעס! — האָבנ די פרויענ געשריִענ צו אימ, — מיר האָבנ פאַר דיר קײנ מוירע ניט! א, כײַע דו אַכזאָריעסדיקע! פאַרוואָס האָסטו אונדזערע קינדער געהאַרגעט!

— איכ בינ אַנ אומגליקלעכער, אָרעמער זאָקנ, — האָט דער פיש־הענדלער געטײַנעט. — לאָזט מיכ אָפּ, הערנ ריכטער!

נאָר אַלע, אפילע די ריכטער, האָבנ געלאַכט פונ זײַנע פאַלשע טרערנ. דעמ פיש־הענדלער האָט מענ צוגעמישפּעט צו פּײַניקונג.

אינ טורמע האָט דער הענקער אפ אימ אָנגעטאָנ שטיוול פונ רויער פעל.

— זײַ זיכ מוידע, וועלכער טײַוול האָט דיכ געשטויסנ אפ די דאָזיקע פאַרברעכנס? — האָט אימ דער ריכטער געפרעגט.

— איכ אַלײנ בינ דער דאָזיקער טײַוול, — האָט דער פיש־הענדלער געענטפערט. — נעמט פונ מיר אַראָפּ די שטיוול, וועל איכ אײַכ אַלצ דערציילנ. קלײנערהײט בינ איכ געווענ א העסלעכ קינד, אַלע האָבנ מיכ געהאַלטנ פאַר א שויטע, אונ קײנער האָט זיכ מיט מיר ניט געוואָלט שפּילנ. איכ בינ געוואַקסנ אײנזאַמ. איכ האָב פײַנט געקראָגנ אַלע מענטשנ. איכ

פלעג מעקאנע זײַנ די, וואָס האָבנ געהאט פרײַנט אונ כאַװײרים. טאקע דערפאר האָב איכ געמאסערט קלאאסנ, װײַל אינ שטאָט האָבנ אימ אלע ליב געהאט. איכ אָבער האָב ליב געהאט נאָר אײנס — געלט. אונ וואָס עלטער איכ בינ געוואָרנ, אלצ מער האָט זיכ מיר געוואָלט נעמענ נעקאָמע פונ מענטשנ פאר מײַנ העסלעכקײַט. אײנמאָל האָב איכ דערזענ אינ בראבאנט א וואפליעניצע. איכ האָב באשלאָסנ, אז פונ איר קאָנ ארויס אנ אויסגעצײכנטער אײַזערנער פיסק. אָ, טיגערס אכזאָריעסדיקע, פארוואָס קאָנ איכ אײַכ ניט צעבײַסנ מיט דעמ פיסק! פארוואָס איזדיעקעוועט איר זיכ איבער מיר?

— ווּ וווינסטו אונ מיט וואָס באשעפטיקסטו זיכ? — האָט אימ דער ריכטער געפרעגט.

— איכ ווינ אינ ראמסקאפעלע, — האָט דער פיש-הענדלער געענטפערט — פונ דאָרטנ גײ איכ קײנ בלאנקענבערג, הײסט אונ אפילע קײנ קנאָקע. אינ אָט דער וואפליעניצע באק איכ אויסגעצײכנט בראבאנטישע װאפליעס אונ פארקויפ זײ אפנ פלאצ. פארוואָס האָט מיכ קײנער ניט דערקענט? ווײַל איכ פלעג אויסשמירנ דאָס פאָנעמ אונ אָפפארבנ די האָר מיט רויטער פארב. פונוואנענ קומט צו מיר די וועלפישע פעל? איכ האָב אײנמאָל דערהארגעט אינ מאלדעגענער וואלד צוויי וועלפ, איכ האָב אָפגעשונדנ די וועלפ אונ צונויפגענײט בײדע פעלנ אזוי, אז איכ זאָל זיכ אינ זײ קאָנענ באהאלטנ ביז די פיאטעס. די פעל איז געלעגנ בא מיר אינ א קעכטל, אינ די הײסטער דיונעס, דאָרט האָב איכ אויכ געהאלטנ דאָס אָנגערויבטע האָב־אונ־גוטס. איכ האָב גערעכנט שפעטער א ביסל פאר־קויפנ עס פאר גוט געלט.

— רוקט אימ צו צומ פײַער, — האָט דער ריכטער געזאָגט, — זאָג, ווּ ליגט באהאלטנ דײַנ גאָלד.

— איכ בינ ניט קײנ קישעפמאכער, פארוואָס פײַניקט איר מיכ! — האָט דער פיש־הענדלער זיכ צעשריִענ, — איכ וועל אײַכ גאָרנישט ניט זאָגנ. אוי, ווי עס טוענ וויי די פיס! איכ וועל אײַכ אלצ דערצײלנ, הערנ ריכ־טער! דאָס גאָלד ליגט בא מיר אינ קעלער, אינ ראמסקאפעלע, אינ א קעסטעלע. רוק מיכ אָפ פונ פײַער, פארשאָלטענער הענקער! אינ דעמ קעס־טעלע איז א צווייענדיקע דעק, דאָרט ליגט דאָס גאָלד, דאָס גאָלד איז איבערגעדעקט מיט וואָל, קעדײ עס זאָל ניט קלינגענ, רוקט מיכ אָפ פונ פײַער, כ'האָב אײַכ שוינ אלצ דערצײלט.

דעמ פיש־הענדלער האָט מענ אָפגערוקט פונ פײַער. ער האָט בײז א שמײכל געטאָנ.

— וואָס שמײכלסטו? — האָט אימ דער ריכטער געפרעגט.

— ס'איז מיר געוואָרנ גרינגער, — האָט דער פיש-הענדלער געענטפערט.

— פונוואַנען האָסטו גענומען די וואַפּליעניצע מיט די ציינער? — האָט אים דער ריכטער געפרעגט.

— דאָס איז אַ געוויינלעכע בראַבאַנטער וואַפּליעניצע, — האָט דער פיש־הענדלער געזאָגט. — איך האָב אין איר בלויז אויסגעבויערט לעכעלעך, מ'זאָל אין זיי קענען אַריינשרויפן ציינער. אַלע אינדערפרי פלעג איך די ציינער אַרויסדרייען. די פויערים האָבן זייער ליב געהאַט מיינע וואַפּליעס. זיי האָבן זיי גערופן „וואַפּליעס מיט פּיפּקעלעך", ווייל אַז די ציינער זײַנען אַרויסגעדרייט, קוועטשן די לעכעלעך אויס אינעם טייג קליינע פּיפּקעלעך.

— דערצייל, וויאַזוי פלעגסטו אָנפאַלן אויף דײַנע אומגליקלעכע קאָרבאָנעס, — האָט דער ריכטער אים געזאָגט.

— איך פלעג זיך אומשלעפן איבער די דיונעס און אויסקוקן אַ קאָרבן, — האָט דער פיש־הענדלער געענטפערט, — אָפטער פון אַלץ פלעג איך אָנפאַלן שאַבעס, ווען אין בריוגע קומט פאָר אַ גרויסער מאַרק. אויב פאַרביי מיר פלעגט דורכגיין אַ פויער אַ שווייגנדיקער און אַן אומעטיקער, פלעג איך אויף אים ניט אָנפאַלן: זײַן טײַסטער איז געווען פּוסט. אָבער ווען פאַרביי מיר פלעגט דורכגיין אַ פויער, וואָס איז געווען פריילעך און פלעגט פייפן, פלעג איך אויף אים אומגעריכט אָנפאַלן פון הינטן, פלעג אים דורכבײַסן דעם האַלדז און אָפּנעמען דאָס געלט.

דעם פיש־הענדלער האָט מען ווידער אָפּגעפירט אונטערן געריכט־בוים, ווו מע האָט אים איבערגעלייענט דעם אורטייל.

ווי אַן אכזאָריעסדיקן מערדער, אַ גאַנעוו און אַ גאָטלעסטערער, האָט מען אים פאַרמישפּעט צו טויט־שטראָף אויפן שײַטער, און פאַר דעם זאָל אים דער הענקער אָפּהאַקן די רעכטע האַנט.

— אָט איז זי — די נעקאָמע! — האָט טאָריע געשריגן. — אויפן שײַטער דעם פאַרשאָלטענעם מערדער!

— לאַנג לעבן זאָלן די הערן ריכטער! — האָט דער האַמוין געשריגן.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט מען דעם פיש־הענדלער אַוועקגעפירט פאַרברענען אויפן פּלאַץ. לעבן שײַטער האָט ער דערזען אולענשפּיגעלן.

— פאַרהאַלט אים! — האָט דער פיש־הענדלער אָנגעהויבן שרײַען. — ער איז אויך אַ מערדער! מיט צען יאָר צוריק האָט ער מיך געוואָלט דערטרינקען דערפאַר, וואָס איך האָב געמאַסערט זײַן טאַטן, נאָר אין יענער צײַט האָב איך געטרײַ געדינט זײַן מאַיעסטעט.

פון טורעם פון דעם מאַדאָנע־קלויסטער האָבן די גלעקער אָנגעהויבן קלינגען ווי צו אַ לעווייע.

— דאָס באַגלייט מען אונדז ביידן! — האָט דער פיש־הענדלער גע־

שרײַען צו אולענשפּיגעלן. — דיך וועט מען דאָך אויך אופהענגען! דו ביסט דאָך אויך א מערדער!

— דער פיש־הענדלער לײַגט! — האָט דער האמינג געשריִען, — דו לײַגסט, פארשאָלטענער מערדער!

— ווען ער וואָלט דיך דאן געווען דערטרונקען אין קאנאל, וואָלסטו מײַן מיידעלע ניט דערהארגעט, בלוטזויגער! — האָט טאָריע געשריִען און האָט געוואָרפן שטיינער אין דעם פיש־הענדלער.

אולענשפּיגעל האָט געשוויגן.

— ער האָט מיך ארײַנגעוואָרפן אין קאנאל, — האָט דער פיש־הענדלער פאָרגעזעצט, — איך בין קוים־קוים ארויסגעקראָכן פון וואסער, אָנכאפּנדיק זיך אָן א שיפל. איך בין דורכגענעצט געוואָרן אף דורך און דורך און האָב זיך קוים דערשלעפּט אהיים. דאָרט בין איך אָפּגעלעגן אין פיבער צוויי וואָכן. קיינער האָט אף מיר ניט אכטונג געגעבן. איך בין שיר ניט געשטאָרבן.

— קיינער האָט עס ניט געזען. — האָט לאמע געזאָגט.

— יאָ, יאָ, קיינער האָט עס ניט געזען! — האָט טאָריע געשריִען, — אפן שײַטער דעם מערדער! פארן טויט וויל ער אומברענגען פון דער וועלט נאָך א מענטשן! שווײַג, אולענשפּיגעל, זײַ זיך ניט מוידע! שווײַג, אויב אפילע דו האָסט אים אפדערעמעסן געוואָלט דערטרינקען, ער האָט ניט קיין איידעס!

— דו האָסט אים טאקע ווירקלעך געוואָלט דערהארגענען? — האָט דער ריכטער געפרעגט אולענשפּיגעלן.

— איך האָב ארײַנגעוואָרפן אין וואסער דעם מערדער פון מײַנע על־טערן, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — קלאאסעס אש האָט געברענט מײַן הארץ.

— אהא, ער איז זיך מוידע! — האָט דער פיש־הענדלער געשריִען, — אצינד וועט ער אויך שטארבן. ווו איז דײַן טליִע? ווו איז דער הענקער? דו הערסט, ווי עס קלינגען נאָך דיר די גלעקער, מערדער איינער?

— צו וואָס האָסטו זיך געדארפט מוידע זײַן? — האָבן די פרויען גע־זאָגט צו אולענשפּיגעלן. — קיינער האָט דאָך עס ניט געזען! אצינד וועסטו אויך שטארבן.

דער פיש־הענדלער האָט געקוואָלן פון נאכעס, איז געשפּרונגען פון גרויס פרייד און האָט געמאכט מיט די הענט, וואָס זײַנען געווען פאר־פלעקט מיט בלוט.

— ער וועט שטארבן, דער אויסוואורף! — האָט ער געזאָגט, — ער האָט עס פארדינט, דער פארשאָלטענער מערדער! כאפּט אים, הערן ריכטער!

— ניין, ער וועט ניט שטארבן. — האָט דער ריכטער געזאָגט, — אין

פלאנדריע איז פאראנ א גזעצ, אז אויב נאכ דעמ מארד איז אדורכ צענ יאר, ווערט דער מערדער ניט באשטראפט, כוצ דעמ איז אולענשפיגעל באגאנגענ דעמ פארברעכנ, ווײל ער האט געוואלט נעקאמע נעמענ פארנ טויט פונ זײנע עלטערנ. דער גזעצ וועט ניט פארפאלגנ אולענשפיגעלנ.

— זאל לעבנ דער גזעצ! — האט דער האמוינ גענומענ שרײענ.

אונ, צונויפדריקנדיק די ציינ, האט דער פיש-הענדלער זיכ צעוויינט פונ מאכטלאזער רעציכע.

דער הענקער האט אים אפגעהאקט די רעכטע האנט אונ האט צעבלאזנ דעמ שײטער.

אונ דער פיש-הענדלער איז געשטארבנ, וויענדיק ווי א וואלף.

קאפיטל 21

וועגן דעם, ווי אולענשפּיגעל און לאַמע זײַנען געוואָרן „יאַמ-געזנן“

אולענשפּיגעל און לאַמע זײַנען געקומען קיין עמדען, וווּ עס זײַנען געשטאַנען דעם פּרינצס שיפן. די עסקאַדרע האָבן זיי שוין ניט געטראָפן: לויט דעם אַדמיראַל טרעלאָנס באַפעל איז זי שוין אַרויס אין יאַם. אין האַפן איז געשטאַנען בלויז איין שיף. זי האָט נאָך ניט געהאַט פאַרענדיקט זיך צו באַוואָפענען.

אַרומגייענדיק איבער דער ברעג-גאַס, האָט אולענשפּיגעל איינמאָל באַגעגנט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן. דאָס איז געווען אַ געהויבענער אַדלמאַן מיט אַ קריגעריש פּאָנעם און מיט נײַגעריקע אויגן. אולענשפּיגעל האָט זיך לעבן אים אָפּגעשטעלט און האָט אַראָפּגענומען דעם הוט.

— ווער ביסטו? — האָט דער אומבאַקאַנטער געזאָגט.

— איך בין טיל אולענשפּיגעל, דער זון פון קלאַאַס, וועלכן מע האָט פאַרברענט פאַרן גלויבן.

אולענשפּיגעל האָט גענומען פּײַפן ווי אַ לאַרך, און דער אומבאַקאַנטער האָט אים געענטפערט מיט אַ האָנען־קריי.

— איך בין דער אַדמיראַל טרעלאָן, — האָט ער געזאָגט, — וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר?

אולענשפּיגעל האָט אים דערציילט וועגן זײַנע פּאַסירונגען און האָט אים איבערגעגעבן פינף הונדערט קאַראָלוסן, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן צווישן די רעפאָרמאַטן אַף קריגס־צוועקן.

— און ווער איז אָט דער דיקער? — האָט טרעלאָן געפרעגט, ווײַזנדיק אַף לאַמען.

— דאָס איז מײַן פרײַנט און כאַווער לאַמע, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — ביידע ווילן מיר זיך שלאָגן אונטער אײַער אָנפירונג פאַר דער באַפרײַונג פון אונדזער פאָטערלאַנד.

— איר זײַט דרייסטע יונגען, — האָט טרעלאָן געזאָגט, — און איך נעם אײַך אַף מײַן שיף.

אין דרײַ וואָכן אַרום, ווען טרעלאָנס שיף האָט פאַרענדיקט זיך צו באוואָפּענען, איז זי אַרויס אין יאַם. עס איז געווען פעווראַל כוידעש. עס האָבן זיך אײַנגעשטעלט פרעסט. די שיף איז אַרײַן אין ווינטער־לאַגער, און אַף צוריק האָט זי שוין ניט געקאָנט אַרויסגיין: דער יאַם איז פאַרפראָרן געוואָרן.

באַלד האָבן זי אַרומגערינגלט לוסטיקע גליטשערס. יוגנטלעכע אין סאַמעטענע רעקלעך, און מיידלעך, אויסגעפּוצטע אין קליידער, וואָס זײַנען געווען מיט גאָלד געשטיקט, האָבן לײַכט זיך געגליטשט איבערן אײַז איינע הינטער די אַנדערע און פאַראויס. אָט פליען זיי אַנטלויפן, אָט פליען זיי קומען צו לויפן צוריק. זיי האָבן געלאַכט, געזונגען, פליען אַרײַנלויפן אין די באַלאַגאַנעס, וואָס זײַנען געווען פאַרפּוצט מיט פאָנען, און האָבן וואָס־ניט־איז צוגעביסן: קאַמבאַלע, אייער, הייסע בלינצעס. דאָס אײַז אַרום שיף האָט געסקריפּעט אונטער די גליטשערס פון די שליטלעך, וואָס זײַנען מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע זעגלען געפלויגן איבערן אײַנגוס.

איינמאָל איז אולענשפּיגעל אַרײַן אין אַ קליין שענקל אַף דער ברעג־גאַס. אין שענק איז צו אים צוגעגאַנגען אַ יונגע, פײַנינקע דינסט און האָט אים געפרעגט:

— זאָג מיר נאָר, ווו איז עס אַהינגעקומען דײַן שיינער, דיקער כאַווער? איך פלעג אים אָפט זען צוזאַמען מיט דיר.

— ווער? לאַמע? — האָט אולענשפּיגעל זי געפרעגט, — ער שלעפּט זיך אום איבער די קרעמלעך, עסט האַרטע אייער, געריכערטע פיש און אַלץ, וואָס מאַכט זיך פון עסנוואַרג, כוץ דעם זוכט ער זײַן פאַרפאַלן ווײַב.

— ווי פילט ער זיך? ער איז פריילעך צי אומעטיק?

— ווען ער איז זאַט — איז ער פריילעך, ווען ער איז הונגעריק — איז ער אומעטיק. דו דאַרפסט אים עפּעס האָבן?

— איך האָב געקענט זײַן ווײַב, — האָט די דינסט געזאָגט, — זי האָט מיט אים כאַסענע געהאַט, דערנאָך האָט מען זי צוגעמישפּעט צו אַ גרויסער טשוווע. ניט לאַנג האָט זי זיך דערוווּסט, אַז איר מאַן איז געוואָרן אַן אַפּיקוירעס. שווער איז געווען פאַר איר קריסטלעכע האַרץ צו איבערטראָגן עס. זאָלסט היטן איר מאַן! באַשיץ אים אין שלאַכט, גיב אַף אים אַכטונג, אויב מע ווערט אים פאַרוווּנדן. זי האָט מיר געהייסן בעטן וועגן דעם.

— לאַמע איז מײַן פרײַנט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— אַך, — האָט זי געזאָגט, — פאַרוואָס קערט ער זיך ניט אום אין שויס פון אונדזער מוטער, דער קאַטוילישער קירך?

— ס'איז אזא מוטער, וואָס פרעסט אופ אירע קינדער, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט און איז אַרויס פון שענקל.

א צווייט מאָל, ווען אולענשפּיגעל איז אַרײַן אין שענקל איבערבײַסן, האָט די פּײַנינקע דינסט זיך שוועך צעזיפצט און האָט א מורמל געטאָן:

— אָרעמער לאמע! אָרעמער אולענשפּיגעל!

— וואָס זיפצסטו אזוי? — האָט אולענשפּיגעל זי געפרעגט.

— עכ, פארוואָס זײַט איר געוואָרן אפּיקאָרסים? — האָט זי געפרעגט, — ווען ניט דאָס, וואָלט איר אפ יענער וועלט געגאנגען גלײַך אין גאניידן, און אפ דער וועלט וואָלט איך אײַך געראטעוועט פון זיכערן טויט.

זי איז צוגעגאנגען צו דער טיר און האָט זיך צוגעהערט.

— וואָס הערסטו זיך צו? — האָט אולענשפּיגעל זי געפרעגט, — ווי דער שניי גייט?

— ניין.

— ווי דער ווינט וויעט?

— ניין, — האָט זי איבערגעכאזוערט.

— עפשער האָבן מאטראָסן געמאכט א טומל אפן גאס?

— ניין, דער טויט רוקט זיך אָן, — האָט זי געזאָגט.

— דער טויט? — האָט אולענשפּיגעל זי געפרעגט. — וואָס ווילסטו זאָגן דערמיט?

— זיי זײַנען שוין גאָר נאָענט, — האָט זי געזאָגט.

— ווער איז נאָענט?

— סימאָנען־באָלס זעלנער. זיי זײַנען יעדע מינוט גרייט אָנצופאלן אפ אײַך. דעריבער טאקע באגייט מען זיך דאָ מיט אײַך אזוי גוט, ווײַל מע וויל אפ אײַך אָנפאלן אומגעריכטערהייט. עכ, פארוואָס האָב איך אזוי שפּעט זיך דערוווסט וועגן דעם.

— ווייז ניט, — האָט איר אולענשפּיגעל געזאָגט. — גיי ניט ארויס פון שענק.

— גיב מיך ניט ארויס! — האָט זי געזאָגט.

אולענשפּיגעל איז באלד אװעקגעלאָפן איבער אלע שענקען און האָט געוואָרנט די מאטראָסן, אז אפ זיי גרייט זיך אן אָנפאל. די מאטראָסן האָבן זיך א לאָז געטאָן צו דער שיפ. אינגיכן איז די שיפ שוין געווען גרייט צום שלאכט.

— דו זעסט די דאָזיקע פרוי אין שווארצן קלייד, אויסגענייט מיט רויט? — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט צו לאמען, — זי שטייט אפ דער ברעג־גאס און באהאלט דאָס פּאָנעם אין די פאלדן פון איר ווײַסן הויב.

— טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, — האָט לאמע געזאָגט, — איך כאלעש שלאָפן!

ער האָט זיך אײַנגעקױטעט אין מאַנטל און האָט זיך אַנידערגעלייגט אפֿן דער שיף־דעק. די פֿרוי איז דערווײַל צוגעלאָפֿן צו דער שיף און האָט דערלאַנגט אוליענשפּיגעלן עפּעס אַ שאַכטעלע.

— נעם עס, — האָט זי געזאָגט, — דאָס איז אַ הייל־זאַלב. עס וועט צוניץ קומען סײַ דיר און סײַ דײַן כאַווער.

דערהערט איר שטים, איז לאַמע אופֿגעשפּרונגען.

— מײַן ווײַב! מײַן ווײַב! — האָט ער געגומען שרײַען און האָט געוואָלט אַראָפּשפּרינגען אפֿן אײַז.

— יאָ, יאָ, דאָס בין איך, דײַן געטרײַ ווײַב, — האָט זי געענטפֿערט און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום ברעג.

עפּעס איינער אַ זעלנער האָט אָנגעכאַפּט לאַמען פֿאַרן מאַנטל און האָט אים אײַנגעהאַלטן אפֿן שיף־דעק. לאַמע האָט זיך געריסן, ער האָט געשריען, געוויינט, אָבער דער זעלנער האָט אים ניט אָפּגעלאָזן.

— מע וועט דיך אופֿהענגען, אויב דו וועסט אַנטלויפֿן, — האָט דער זעלנער געזאָגט.

— מײַן ווײַב! מײַן ווײַב! — האָט לאַמע ניט אופֿגעהערט צו שרײַען, — אויב זי האָט מער ליב גאָט, ווי דעם אייגענעם מאַן, איז וואָס זשע ווײַזט זי זיך מיר פֿאַר די אויגן? אויב, ווידער, זי האָט מיך מער ליב, איז וואָס זשע אַנטלויפֿט זי, אַזאַ אויסוווּרף?

אפֿן ברעג האָבן זיך דערווײַל באַוויזן סימאָנען־באָלס זעלנער. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך האַרמאַטן און גענומען שיסן מיט שווערע סנאַריאַדן.

אָבער טרעלאָן האָט זייער אַטאַקע אָפּגעשלאָגן. דעם סוינעס סנאַריאַדן האָבן צעקלאַפּט דאָס גאַנצע אײַז — און אַצינד איז געווען זייער שווער צוצוקומען צו דער שיף.

אין אָוונט האָט גענומען גיסן אַ וואַרעמער רעגן, און באַנאַכט איז אָנגעפֿלויגן אַ מײַרעווודיקער ווינט. דער יאַם האָט זיך געכוואַליעט אונטערן אײַז. דאָס אײַז האָט זיך געשפּאָלטן און געבראָכן. גרויסע אײַז־קריעס זײַנען אָנגעלאָפֿן איינע אפֿן דער אַנדערער, זיך צונויפֿגעשטויסן און מיט קראַפֿט זיך אָפּגעשלאָגן אָן דער שיף. איבערבלײַבן אפֿן אײַז איז געוואָרן געפֿערלעך. באַגינען האָט טרעלאָן באַפֿוילן אָוועקשטעלן די זעגלען און, ווי נאָר עס איז זיך צעגאַנגען דער נעפּל, איז ער אָוועקגעשווומען אין אָפֿענעם יאַם.

קאפיטל 22

וועגנ דעמ, ווי עס איז דעמאסקירט געוואָרנ יאָס דאמאנ, דער שווארצער טײַוול

עס איז אָנגעקומענ יאנוואר כוידעש. עס האָבנ א קלאפ געטאָנ פרעסט. די ביימער זײַנענ געשטאנענ נאקעט, אומבאוועגלעכ אונ פארשאָטנ מיט שניי. אומעטומ האָבנ זיכ געזענ שפורנ פונ קעצישע לאפעס. דאָס האָבנ קעצ זיכ געיאָגט נאָכ שפערלעכ. איבער די דעכער האָט זיכ אופגעהויבנ א שווארצער רויכ. דאמע איז פארזונקענ געוואָרנ אינ ווינטערדיקער שטילקײַט.

אינ אָט דער שטילקײַט האָט זיכ פלוצלינג דערהערט דאָס שאלנ פונ א טרומייט. פארבײַ די פענצטער איז דורכגעלאָפנ דער שטאָטישער העראָלד מיט גלעקעלעכ אפנ גארטל.

— אָט פאָרט דער העכסטער ריכטער פונ דער שטאָט דאמע! — האָט ער אויסגעשריִענ. נעלע אונ קאטלינע זײַנענ ארויס אפ דער גאס. אינ דער ווײַט איז געפאָרנ אפ א הויכנ פערד א מענטש אינ א שווארצנ סאמעטענעמ מאנטל, באזוימט מיט סויבל. ער האָט געטראָגנ א קאמזויל, אויסגענייט מיט גאָלד, אונ ווייכע שטיוול אפ פוטער. דאָס איז געוועזנ דער העכסטער ריכטער פונ דער שטאָט דאמע.

הינטער אימ איז געפאָרנ זײַנ סוויטע. די הערנ זײַנענ געוועזנ פרעכטיק אָנגעטאָנ. זייערע מאנטלענ זײַנענ געוועזנ באזוימט מיט פוטער — אזוי ווי באמ העכסטנ ריכטער. אפ זייערע היט האָבנ געפלאטערט לאנגע שטרויספעדערנ.

נעענטער פונ אנדערע צומ העכסטנ ריכטער איז געפאָרנ א קאוואלער אינ א גרינעמ קאמזויל, אינ א שווארצנ סאמעטענעמ מאנטל אונ אינ א שווארצנ הוט מיט לאנגע פעדערנ. זײַנ נאָז איז געוועזנ אנ אויסגעבויגענע אזוי ווי בא א שפארבער, דאָס פאָנעמ בלייכ אונ אומצופרידנ. ער האָט געשמועסט מיטנ העכסטנ ריכטער אונ האָט געשײַנט צו זײַנ נאָענטסטער פרײַנט.

ווען די סוויטע איז דורכגעפֿאָרן פֿארבײַ קאטלינעס פֿענצטער, האָט יענע פֿלוצלינג געגעבן א געשריי און זיך א וואָרף געטאָן צו דעם בלייכן קאוואלער. זי האָט אָנגעכאפּט זײַן פֿערד פֿאר דער צוים און אויסגעשריִען:

— האנס! האנס! איך האָב ניט געוווּסט, אז דו וועסט קומען צו פֿאָרן! אָ, ווי פֿײַן דו ביסט עס אינעם סאמעטענעם קאמזויל! פֿארוואָס האָסטו מיר ניט געבראכט די זיבן הונדערט קאראָלוסן? פֿארוואָס שרײַבסטו שוין מער ניט ווי אַן אָדלער?

דער העכסטער ריכטער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס פֿארלאנגט פֿון מיר די דאָזיקע שלעפּערקע? — האָט דער בלייכער קאוואלער געפֿרעגט.

ער האָט א ציִ געטאָן זײַן פֿערד, אָבער קאטלינע האָט שטײַף געהאלטן דאָס פֿערד פֿאר דער צוים.

— אוי, איך בעט דיך, פֿארלאָז מיך ניט! האָט זי געשריִען, — דערמאָן זיך, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט! איך האָב אויף דיר אזוי לאנג געוואַרט, מײַן טײַערער!

— טרעט אָפּ פֿון מיר! — האָט דער קאוואלער געזאָגט.

ער האָט א טרײַב געטאָן מיט די שפּאָרן דאָס פֿערד. קאטלינע האָט ארויסגעלאָזן די צוים און איז אומגעפֿאלן אויף דער ערד. דאָס פֿערד האָט א קלאַפּ געטאָן קאטלינען מיט דער קאָפּיטע און האָט איר צעבלוטיקט דעם קאָפּ.

— מײַן הער, איר קענט די דאָזיקע פֿרוי? — האָט דער העכסטער ריכטער געפֿרעגט.

— ניין, איך קען זי ניט. — האָט דער קאוואלער געענטפֿערט, — דאָס איז, אפֿאָנעם, א משוגענע.

— אויב זי איז משוגע, בין איך אָבער ניט משוגע! — האָט נעלע געזאָגט, ארויסטרעטנדיק פֿאָרויס. — הער העכסטער ריכטער. דער דאָזיקער מענטש האָט קאטלינען געקענט. ער האָט דערהארגעט אונדזער הונט און אוועקגעריבט זיבן הונדערט קאראָלוסן, וואָס האָבן געהערט דעם אומגליקלעכן מארטירער קלאאס.

— האנס, מײַן האר! — האָט די צעבלוטיקטע קאטלינע געוויינט, — פֿארוואָס ביסטו געוואָרן אזא אכזער? דערמאָן זיך אָן יענער צײַט, ווען דו האָסט דערהארגעט אויף דער דאמבע דײַן כאַווער. דעמאָלט ביסטו געווען א סאך בעסער צו מיר.

— ווער איז עס דער דערהארגעטער? — האָט דער העכסטער ריכטער געפֿרעגט.

— איך הייב ניט אָן צו וויסן, — האָט דער קאוואלער געזאָגט. — נאָר וואָס גייט אונדז אָן, וואָס עס פּלאפּלט די דאָזיקע שלעפּערקע! לאָמיר פֿאָרן!

דערווײַל האָט זיכ צונויפגעקליבנ א גרויסער עולם בירגער אונ פויע-
רים. זיי האָבנ ארומגערינגלט קאטלינען.

— גערעכטיקײַט, הער העכסטער ריכטער, גערעכטיקײַט! — האָבנ זיי
געשריִענ.

— דערציילט אלצ, וואָס דו ווייסט. — האָט דער העכסטער ריכטער גע-
זאָגט צו נעלען.

— דער דאָזיקער מענטש, וואָס פאָרט זײַט בא זײַט מיט אײַכ, — האָט
נעלע געזאָגט, — פלעגט א כאכ מאָל קומענ צו קאטלינען. ער פלעגט זיכ
פארשטעלנ פאונ טײַוול — איר האר. ער פלעגט בא איר אויסנארנ געלט
אונ אפ אלערליי אויפאנימ צעפנארנ די אומגליקלעכע. צוזאמענ מיט זײַנעמ
א כאווער האָט ער אוועקגערויבט בא אונדז זיבנ הונדערט קאראָלוסנ. דער-
נאָכ האָט ער זײַנ כאווער דערהארגעט אונ צוגענומענ זיכ דאָס גאנצע
געלט.

— ס'איז א ליגנ! — האָט דער רײַטער געזאָגט.

— אָ, ניינ, — האָט נעלע געענטפערט. — אלע זעענ, אז דו ביסט בלייכ
געוואָרנ פונ שרעק. זאָג נאָר, פארוואָס לײַכט זיכ שוינ מער ניט דײַנ
פאָנעמ? דו שמירסט עס שוינ ניט מער מיט דײַנ צויבער-זאלב? דאָס
האָסטו דערפירט צומ קייווער די אָרעמע סאָאָטקינ! איבער דיר איז גע-
וואָרנ אנ אָרעמאנ איר זונ, אולענשפיגעל! מע וועט דיכ פארברענענ אפנ
שײַטער, פארשאָלטענער קישעפמאכער!

— אָ, האנס, — האָט קאטלינע געזאָגט, — דו האָסט דאָכ מיר צוגעזאָגט
מיכ מיטנעמענ אפנ שיידימ-טאנצ. פארוואָס האָסטו ניט געבראכט דײַנ צוי-
בער-זאלב?

— שווײַג, פארשאָלטענע מאכשייפע! — האָט דער רײַטער געזאָגט. —
איכ הייב ניט אָנ צו וויסנ, וואָס דו פלאפלסט.

— אונ ווער האָט געשריִענ ווי אנ אָדלער? — האָט פאָרגעזעצט נע-
לע, — אונ ווער האָט געבראכט מיט זיכ זײַנ פרײַנט הילבערט? ניט דו?
געדענקסט, ווי איכ האָב אימ דעמלט צעדראפעט דאָס פאָנעמ!

— נעלע איז א בייזע, — האָט קאטלינע גערעדט, — הער זי ניט, האנס,
מײַנ ליבער. דאָס איז עמעס, אז הילבערט איז געווענ א שלעכטער, אָבער
ער איז שוינ לאנג אפ יענער-וועלט. ווערעמ האָבנ אימ שוינ לאנג אופ-
געגעסנ.

— גערעכטיקײַט, הער העכסטער ריכטער, גערעכטיקײַט! — האָט דער
האמוינ געשריִענ.

— מײַנע הערנ, האָט דער העכסטער ריכטער געזאָגט צו די אדל-לײַט, —
אזוי-ווי דער הער יאָס דאמאנ ווערט באשולדיקט אינ באגיינ א מאָרד אונ
דערהויפט אינ קישעפמאכערײַ, בינ איכ געצוווּנגענ אימ ארעסטירנ, ניט

געקוקט אף זײַנע אדל־פּריווילעגיעס. הער יאָס, זײַט אזוי גוט און גיט מיר אהער אײַער שווערד!

— הער העכסטער ריכטער, — האָט יאָס דאמאַנ מיט גײַוועגעמאָלדן, — איר האנדלט קעגן די געזעצן פון פלאנדריע, אָן א געריכט האָט איר ניט דאָס רעכט צו ארעסטירן אן אדלמאַן. מײַנע הערן, איך בעט אײַך זיך אײַנשטעלן פאר מיר.

אייניקע פון די אדל־לײַט האָבן אנטבלויזט זייערע שווערדן.

— מײַנע הערן, — האָט דער העכסטער ריכטער געזאָגט, — אין נאָמען פונעם קיניג באפויל איך אײַך ארײַנלייגן צוריק די שווערדן אין די שייד־לעך. אניט וועט איר געמישפּעט ווערן, ווי בונטאָווששיקעס.

די אדל־לײַט האָבן אים געפאָלגט.

— גערעכטיקײַט, הער העכסטער ריכטער, גערעכטיקײַט! — האָט דער האמוינ געשריִען, — זאָל ער אָפּגעבן דעם שווערד!

דאמאַן האָט געמוזט אראָפּקריכן פון פערד און איבערגעבן דעם ריכטער זײַן שווערד. באלד זײַנען צו אים צוגעגאַנגען צוויי סערזשאַנטן און האָבן אָפּגעפירט דעם פארברעכער אין טורמע.

אף מאָרגן זײַנען דער העכסטער ריכטער און זײַנע געהילפן אוועק אף דער דאמבע זוכן דעם קיווער פונעם דערהארגעטן.

דערוווסט זיך וועגן דעם, האָט נעלע געזאָגט צו קאטלינען:

— האנס האָט באפוילן, דו זאָלסט אים ברענגען הילבערטס א האנט. הײַנט אין אָוונט וועט ער צו אונדז קומען און ברענגען די זיבן הונדערט קאראָלוסן.

קאטלינע האָט גענומען א מעסער און איז אוועק אף דער דאמבע. נעלע, דער ריכטער און זײַנע געהילפן זײַנען אוועק הינטער איר.

ארופגעקראָכן אפן אָנשיט, האָט קאטלינע זיך געשטעלט אף די קני און האָט דרײַ מאָל א געשריי געטאָן, רופנדיק דעם גוטן גײַסט. דערנאָך האָט זי גענומען בא נעלען א גראָבײַזן, אים איבערגעצײלעמט דרײַ מאָל און אויסגעהאקט אינעם שניי קאָנטורן פון א טרונע.

— גיי אוועק, ניט־גוטער, דו באשיצער פון מייסים! — האָט זי הויך געזאָגט און האָט ארומגעפירט דעם קיווער מיט א גרויסן קרײַז.

דערנאָך האָט זי גענומען באשווערן דעם דערהארגעטן:

— טײַערער טײַוול הילבערט! האנס, מײַן האר און מײַן הערשער, האָט מיר באפוילן אָפּצושנײַדן דײַן רעכטע האנט. מוז איך אים פאָלגן. זײַ אף מיר ניט אין קאס דערפאר, וואָס איך שטער דיר ליגן רויק אין קיווער. זײַ מיר מויכל צוליב גאָט און זײַנע הייליקע מארטירער.

דערנאָך האָט קאטלינע צעגראָבן דעם שניי, צעקלאַפּט מיטן גראָבײַזן די פארפרוירענע ערד און האָט אויסגעגראָבן דעם קערפּער פונעם דערהאר־

געטן. ער איז געלעגן אין זאמד און האָט זיך אויסגעצייכנט פארהיט. נאָר דאָס פּנים איז געווען אומנאַטירלעך ווייס, אזוי ווי וואַפּנע. דער דערהארגעטער האָט געטראָגן א גרויען קאַמזויל און א גרויען מאנטל. דער קאַמזויל איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. פונקט אונטערן הארץ האָט באַם דערהארגעטן געסטארטשעט א ברייטער קינזשאַל, וואָס איז געווען אַריינגעשטאָכן ביזן הענטל.

קאַטלינע האָט אָפּגעשניטן באַם דערהארגעטן די רעכטע האנט און האָט זי אַריינגעלייגט אין איר רענצל. דערנאָך האָט דער ריכטער באַפוילן אויסצוטאָן דעם מעס און צונעמען פון קיין דעם קינזשאַל און דעם שווערד.

— דאָס האָט איך האנס באַפוילן? — האָט קאַטלינע געפרעגט.

— יאָ, — האָט דער העכסטער ריכטער געזאָגט.

ווען מע האָט אויסגעטאָן דעם מעס, האָבן אַלע דערזען, אז זיין קערפּער איז ניט צעפוילט, נאָר אויסגעטריקנט און איז געוואָרן אזוי ווי האָלץ. מע האָט אים ווידער פאַרשאָטן מיט זאמד און, מיטנעמענדיק זיינע קליידער, האָט מען זיך געלאָזט גיין צוריק אין שטאָט.

ווען מע איז דורכגעגאנגען פאַרביי דער טורמע, האָט דער העכסטער ריכטער געזאָגט צו קאַטלינען:

— גיי אַריין אהין. האנס וואַרט אף דיר אין אָט דעם הויז.

נעלע האָט געוואָלט איינהאלטן די מעשוגענע מוטער, נאָר יענע האָט גענומען שרייען:

— איך וועל גיין צו האנסן, צו מיין האר!

און זי איז מיט גרויס שׂימחה אַריינגעלאָפן אין דעם טורמע-טויער. דער טויער האָט זיך מיט א ראַש פאַרהאַקט הינטער איר.

קאפיטל 23

וועגן דעם, וויאזוי מע האָט געפּייניקט קאטלינען און איר האר

אף מאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָדליהע — דער שניי איז צעגאנגען, און די לאָנקעס זיינען פארטרונקען געוואָרן. די גראָז־בענק אונטערן געריכט־בוים זיינען אָפּגעגאנגען און זיינען געווען נאס. די געריכט-זיצונג האָט זיך געעפנט אונטער א ספּעציעל היצערן דעכל. א געדיכטער האמוין האָט אים ארומגערינגלט פון אַלע זייטן.

מע האָט געבראכט די באשולדיקטע. יאָס דאמאן איז געווען אָנגעטאָן אין זיינע אדל־קליידער. זיינע הענט זיינען געווען פריי. קאטלינעס הענט אָבער זיינען געווען געבונדן, און אָנגעטאָן איז זי געווען אין טורמע-קליידער.

יאָס דאמאן האָט דערקלערט, אז ער האָט דערהארגעט זיין פריינט הילבערט מיטן שווערד אף א דועל.

— מע האָט אים דערשטאָכן מיט א קינזשאל, — האָבן די ריכטער געזאָגט.

— ער איז געלעגן אף דער ערד א פארוואונדעטער און איז א לאנגע צייט ניט געשטאָרבן, — האָט יאָס דאמאן געזאָגט. — דעמלט האָב איך אף אים ראכמאָנעס געהאט און כ'האָב אים דערשטאָכן מיטן קינזשאל. נאָר דאָס איז געווען מער ווי מיט צען יאָר צוריק. און אין פלאנדריע באַשטראָפט מען ניט פאר אזוינע פארברעכנס, וואָס זיינען פאָרגעקומען מיט צען יאָר צוריק,

— דו ביסט א קישעפמאכער? — האָט אים דער ריכטער געפרעגט.

— ניין, איך בין א געוויינלעכער מענטש, — האָט יאָס דאמאן געזאָגט.

מע האָט גענומען אויספרעגן קאטלינען. יענע האָט אָבער מיט אנציקונג געקוקט אף איר האר און האָט קיין איין וואָרט ניט געענטפערט.

— זי האָט זיך דאָך ניט אין וואָס מוידע צו זיין, הער ריכטער, — האָט נעלע געזאָגט, — זי איז דאָך ניט קיין קישעפמאכערן, נאָר א מעשוגענע.

— ווּעמענ באשולדיקנ מיר אינ קישעפמאכערײַ? — האָט דער ריכטער געזאָגט. — דעמ, וואָס פארנעמט זיכ מיט פארשיידענע טײַוולאָנישע זאכנ. יאָס דאמאנ האָט געבראכט קאטלינענ א צויבער־זאלב אונ האָט איר צוגע־זאָגט זי מיטנעמענ אפנ שיידימ-טאנצ. כוצ דעמ, פלעגט ער מאכנ, אז זײַנ פאָנעמ זאָל זיכ לײַכטנ. קאטלינע ווידער האָט געפּאָלגט אלצ, וואָס ער פלעגט איר הייסנ: זי האָט אימ געהאלטנ פאר איר האר, זי פלעגט אָנ־שמירנ איר פאָנעמ מיט זײַנ צויבער-זאלב, זי פלעגט אימ אָפּגעבנ איר געלט. אפנ סמאכ פונ דעמ געפינ איכ אײַנ, אז ביידע באשולדיקטע דארפ מענ פּײַניקנ.

די געמיינדע־עלטסטע האָבנ געשוויגנ. זיי האָבנ גערעכנט, אז קאט־לינע האָט ניט פארדינט אזא הארבע שטראָפ.

— עמעס, — האָט דער ריכטער געזאָגט, — די דאָזיקע פרוי האָט קיינעמ ניט דערהארגעט אונ קיינעמ קיינ שאָדנ ניט געטאָנ. נאָר זי וואָלט עס אָנ שומ סאָפעק געטאָנ, אויב איר האר וואָלט עס געפאָדערט פונ איר. זי וואָלט געקענט אָנשיקנ אלערליי קרענק אפ די הויז־כײַעס, קאליע מאכנ די פוטער אינ דער פוטערפאס, עסנ מענטשלעכ פלייש, טויטנ אומשולדיקע אייפעלעכ אונ אָפּטאָנ אָנ א שיר אלערליי נידערטרעכטיקע פארברעכנס. איכ פאָדער, דעריבער, אז ביידנ, — סײַ יאָס דאמאנעג סײַ קאטלינענ — זאָל מענ פּײַניקנ.

אונ די ריכטער האָבנ באשלאָסנ פּײַניקנ זיי פרײַטיק, אינ צוויי טעג ארומ.

די באשולדיקטע האָט מענ ווידער אָפּגעפירט אינ טורמע. קעדיי זיי זאָלנ ניט אײַנשלאָפנ, האָט מענ צו יעדערנ פונ זיי צוגעשטעלט צוויי וועכ־טער. אָבער קאטלינענ האָבנ די וועכטער ניט געטשעפעט, זיי האָבנ זי געלאָזנ זיכ אויסשלאָפנ. וואָס איז שײַעכ יאָס דאמאנענ, האָבנ זיי אימ אכזאָריעסדיק געשלאָגנ, ווי נאָר ער פלעגט צומאכנ די אויגנ.

זיי האָבנ אָפּגעהונגערט צוויי טעג — מיטוואָכ אונ דאָנערשטיק. אינ אָוונט האָט מענ זיי געבראכט געזאלצנ פלייש אונ א קריגל געזאלצנ וואַ־סער מיט סעליטרע. פרײַטיק אינדערפרי האָבנ די ארעסטירטע געשריענ פונ דורשט, אונ דעמלט האָט מענ זיי אוועקגעפירט פּײַניקנ.

מע האָט זיי אוועקגעזעצט איינס אנטקעגנ צווייטנ אונ צוגעבונדנ צו די בענק מיט שטריק. יאָס דאמאנ האָט גענומענ אײַנשלאָפנ. די וועכטער האָבנ זיכ ארופגעוואָרפנ אפ אימ אונ האָבנ אימ אכזאָריעסדיק געשלאָגנ.

— שלאָגט אימ ניט, מײַנע הערנ! — האָט קאטלינע געזאָגט, — ער איז דאָכ באגאנגענ בלויז איינ פארברעכנ: ער האָט דערהא־געט הילבערטנ. אָבער דאָס איז דאָכ געווענ מיט צענ יאָר צוריק. איכ כאלעש א טרונק! אונ ער כאלעשט אויכ! גיט אימ אפריער. וואסער! וואסער! א טרונק!

— פייגער, פארשיווע מאכשייפע! — האָט יאָס געזאָגט, — אין פייַער ווארפט זי אריַין, הערנ ריכטער! א טרונק!

— נו, איז ווילסטו זיך אינ גאָרניט ניט מוידע זייַן? — האָבנ די ריכ־טער געפרעגט דאמאנענ.

— איך האָב זיך ניט אינ וואָס מוידע צו זייַן, — האָט יאָס געזאָגט, — איר ווייסט אלצ.

— אונ דו, פרוי?

— אָט איז עס, דאָס בעסאלמענ-פורל, — האָט קאטלינע געזאָגט, — עס פירט מיך צו ריינ קאלט וואסער. זע נאָר, האנס, סארא וואסער. ניינ, ס'איז ניט קיינ וואסער, נאָר פייַער. בינדט מיר אָפּ די שטריק, א טרונק!

— זי איז א מעשוגענע, — האָט איינער פונ די געמיינדע־עלטסטע געזאָגט, — מע דארפ זי אופהערנ פייַניקנ.

— זי איז אזא מעשוגענע, ווי איך, — האָט יאָס דאמאנ געזאָגט, — מעגסט זיך מאכנ מעשוגע, וויפל דו ווילסט, נאָר פונעמ שייַטער וועסטו זיך אלציינס ניט אויסדרייענ, פארשאָלטענע מאכשייפע!

— דו ביסט א קישעפמאכער? — האָבנ אימ די ריכטער נאָכאמאָל גע־פרעגט.

— ניינ, — האָט יאָס געענטפערט.

— וואָס פאר א טונקעלער פלעק איז עס בא דיר אפנ אקסל? דאָס איז דענ ניט קיינ צייכנ פונעמ טייַוול?

— דאָס איז א געבויר־פלעק. קליינערהייט נאָך איז עס בא מיר געווענ.

— מירנ עס באלד זענ, — האָבנ די ריכטער געזאָגט.

דער הענקער האָט געבראכט א לאנגע נאָדל אונ אריַינגעשטאָכנ זי אינ דעמ פלעק. קיינ בלוט איז ניט גערונענ. די ריכטער זייַנענ אלע בלאס געוואָרנ.

— ער איז א טייַוול! — האָבנ זיי געזאָגט, — דאָס איז א זיכערער באווייַז.

— יאָ, ער איז א טייַוול, — האָט קאטלינע געזאָגט, — נאָר א גוטער טייַוול. דער הייליקער יאקאָוו, זייַנ האר, האָט אימ ארויסגעלאָזט פונ גענעמ.

— שווייַג, מאכשייפע, דו מאכסט מיך אומגליקלעך! — האָט יאָס דאמאנ געזאָגט, — הערנ ריכטער, טוט א קוק אפ מיר אופמערקזאמער. בינ איך דענ ענלעך אפ א טייַוול? בא מיר איז פונקט אזא לייַב, ווי בא אייַך, פונקט אזוינע הענט, פונקט אזוינע פיס. הענקער, נעמ פונ מיר אראָפּ די שטיוול.

דער הענקער האָט, א בלאסער פונ שרעק, אראָפּגענומענ פונ אימ די שטיוול.

— גיט א קוק, — האָט יאָס דאמאנ געזאָגט, — בא מיר זײַנען דענ קאָפּיטעס פונ א באָק, ווי בא א טײַוול? ניינ, דאָס זײַנען געוויינלעכע מענטשלעכע פיס! אינ אלצ איז שולדיק אָט די פרוי. זי אליינ האָט עס אוועקגערויבט די זיבנ הונדערט קאראָלוסנ אונ האָט דערהארגעט דעם הונט. אונ אזויווי דאָס געלט האָט געדארפט איבערגיינ צום אימפּעראטאָר, קומט אויס, אז די דאָזיקע פרוי האָט בארויבט דעם אימפּעראטאָר גופא.

— וואָס קאָנסטו זאָגנ אפ צו פארטיידיקנ זיכ? — האָט דער ריכטער געפרעגט בא קאטלינענ.

קאטלינע אָבער האָט ניט אָפּגעריסנ די אויגנ פונ יאָס דאמאנענ אונ האָט שטילערהייט געמורמלט:

— שוינ שפּעט! באלד וועסטו א געשריי טאָנ, ווי אנ אָדלער! בא מיר איז הילבערטס האנט. האנס, מײַנ האר!

— א טרונק! א טרונק! — האָט זי פּלוצלינג גענומענ שרײַענ, — נעמט צו דאָס פײַער — דאָס פײַער נעמט צו!

אונ זי האָט געכאלעשט.

— בינדט זי פאנאנדער, — האָט דער ריכטער געזאָגט. — גיט איר א טרונק.

קאטלינענ האָט מענ דערלאנגט א גלאָז קאלט וואסער. זי האָט דורשטיק אויסגעטרונקענ דאָס גאנצע וואסער ביז א טראָפּנ. מע האָט איר דערלאנגט נאָכ א גלאָז. אונ זי איז אוועקגעלאָפנ מיט איר צו יאָס דאמאנענ. נאָר דער הענקער האָט זי אָנגעכאפּט פאר דער האנט אונ ארויסגעריסנ בא איר די גלאָז. קאטלינע איז געפאלנ אפנ דיל אונ איז אײַנגעשלאָפנ.

— איכ וויל אויכ טרינקענ, — האָט יאָס ווילד אָנגעהויבנ שרײַענ, — פארוואָס גיט איר מיר ניט קיינ טרונק וואסער? איכ וועל אײַכ אלעמענ דערהארגענענ, פארשאָלטענע כאמולעס! איכ בינ אנ אדלמאנ! איר זאָלט ניט וואגנ אָנצורירנ מיכ! כ'וויל א טרונק!

— פירט אים אָפּ אינ טורמע! — האָט דער ריכטער געזאָגט, — גיט אים ניט קיינ עסנ, ניט קיינ טרינקענ, ביזוואנענ ער וועט זיכ ניט מודע זײַנ, אז ער איז א קישעפמאכער.

יאָס דאמאנענ האָט מענ אָפּגעפירט אינ טורמע. א גאנצע נאכט האָט מענ יאָסנ געפּײַניקט. אָבער ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אויסגעשטאנענ די גרויסע יעסורימ, האָט ער זיכ אינ גאָרנישט ניט מודע געווענ.

קאפיטל 24

וועגן דעם, ווי יאָס דאמאנ און קאטלינע זײַנען געשטאָרבן

עס איז אָנגעקומען דער פרילינג. דער „געריכט־בוים" האָט זיך באַדעקט מיט יונגע בלעטעלעך. דער שטאָט־גלאָק האָט ווידער אָנגעהויבן קלינגען, און די ריכטער האָבן זיך צעזעצט אױף די גרינע בענק. ארום דעם בוים האָט זיך צונויפגעקליבן א גרויסער האמוינ. נעלע איז ארויסגערופן געוואָרן אפן געריכט אלס איידעס.

יאָס דאמאנ איז פון שטענדיקער דורשט און שלאָפלאָזיקײט געווען בלייך. קאטלינע האָט פון שוואכקײט ניט געקענט שטיין אפ די פיס. זי האָט באוויזן מיט דער האנט אפ דער זון און האָט נאָכאנאנד געטײַנעט:

— פארלעשט דאָס פײַער! דער קאָפּ ברענט!

דאָ זײַנען אויך געשטאנען די אדל־לײַט, יאָס דאמאנס פרײַנט און כאוויירים. מע האָט זיי ארויסגערופן אלס איידעס.

— דאָס מיידל נעלע, — האָט דער ריכטער געזאָגט, — האָט געפונען אינ א קליינער פארנייטער קעשענע פון איר מאמעס יאָנטעוודיקן קליידל יאָס דאמאנס א צעטעלע. אינ זעקל באם דערהארגעטן הילבערט רייוויש האָב איך געפונען א צווייטן בריוו, אָנגעשריבן אפ פארמעט. איך האָב פאר׳היטביידע בריוו, קעדיי איבערצולייענען זיי אפ דער זיצונג פון געריכט. איך האָפ, אז זיי וועלן אונדז העלפן פרײַשפרעכן אָדער באשולדיקן יאָס דאמאנען, אזוי ווי עס פאָדערט דער געזעץ און די גערעכטיקײַט. אָט איז דאָס פארמעט־בריוול, וואָס מע האָט געפונען באם דערהארגעטן. איך האָב עס נאָך ניט אָנגערירט. און איך ווייס ניט, צי מע קאָן עס איבערלייענען.

דער ריכטער האָט אנידערגעלייגט אפן טיש א צונויפגעוויקלט שטיקל פארמעט, וואָס האָט זיך צונויפגעקלעפט פון לאנג ליגן. די געמיינדעעלסטע האָבן געפרוווט עס פאנאנדערוויקלען. אָבער דער פארמעט האָט זיך ניט פאנאנדערגעוויקלט. דער געריכט איז געווען אינ א פארלעגנהײַט. יאָס דאמאנ האָט גאליק געלאכט.

איינער פון די עלטסטע האָט געזאָגט:

— לאָמיר אַרײַנלייגן דעם פּאַרמעט אין וואַסער, דערנאָך אים אויסטריקענען אַפּן פײַער. דעמלט וועט זיך עס פאַנאַנדערוויקלען.

מע האָט געבראַכט וואַסער, דער הענקער האָט פאַנאַנדערגעלייגט א גרויסן שײַטער. דורך די גרינגע צווײַגן פון דעם געריכט־בוים האָט זיך אויפגעהויבן צום הימל א בלויער רויך.

— נעצט ניט דעם בריוו, — האָט דער צווייטער געמיינדע־עלטסטער געזאָגט, — אויב מע האָט אים אָנגעשריבן מיט שלאָקוואַסער, וועט איר אָפּוואַשן אַלע אויסיעס.

— ניט ריכטיק, — האָט דער רויפע געזאָגט, — די אויסיעס וועלן זיך ניט אָפּוואַשן. דאָס וואַסער וועט בלויז צעווייקן דעם פּאַרמעט.

ווירקלעך. דער פּאַרמעט איז צעווייקט געוואָרן אינעם וואַסער, און מע האָט אים פאַנאַנדערגעוויקלט אָן שום מי.

— אַצינד לאָמיר עס האַלטן א ביסל איבערן פײַער, — האָט דער רויפע געזאָגט.

— דער הער רויפע האָט געגעבן א ריכטיקע אייצע, — האָט נעלע געזאָגט, — איר זעט, ווי דער מערדער איז בלאַס געוואָרן. די פיס ציטערן בא אים פון שרעק.

— שווײַג, דו קליינער שעד! — האָט יאָס דאַמאַן געזאָגט, — דיר ווילט זיך, אַז מע זאָל אָן אַדלמאַן פּאַרמישפּעטן צו טויט־שטראָף, נאָר עס וועט זיך דיר ניט אײַנגעבן. דער פּאַרמעט איז שוין צעפוילט געוואָרן: ער ליגט שוין איבער פופצן יאָר אין דער ערד.

— ניין, דער פּאַרמעט איז ניט צעפוילט געוואָרן, — האָט דער ריכטער געזאָגט, — דאָס זעקל פונעם דערהאַרגעטן איז געווען באַצויגן מיט זײַד, און זײַד, ווי באַוווּסט, פוילט ניט אין דער ערד. די ווערעם האָבן זיך צום פּאַרמעט ניט דערקליבן.

מע האָט גענומען אָנוואַרעמען דעם פּאַרמעט אַפּן פײַער.

— אָט האָבן זיך שוין באַוויזן אויסיעס, — האָט נעלע געזאָגט, — הער ריכטער, באַפוילט, מע זאָל איבערלייענען דעם בריוו.

אין דער מינוט איז יאָס דאַמאַן צוגעשפּרונגען צום רויפע און האָט געוואָלט אַרויסרײַסן בא אים דעם בריוו. אָבער נעלע האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און א געשריי געטאָן:

— דו וועסט זיך ניט צורירן צו דעם דאָזיקן בריוו, מערדער דו! אין דעם דאָזיקן בריוו איז אָנגעשריבן דײַן טויט־אורטייל! דײַנע ליידן האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן. מיר אָבער לײַדן שוין איבער דיר העכער פופצן יאָר, פאַרשאָלטענער! לייענט, הערן ריכטער!

— לייענט, — האָבן די פרויען געשריען, — נעלע איז גערעכט. לייענט, הערן ריכטער.

דער שרײַבער האָט איבערגעלייענט:

„הילבערטן, דעם זון פֿון ווילעם רײוויש, דעם קאַוואַלער, שיקט אַ גרוס יאָס דאמאַן, אַ קאַוואַלער.

„טײַערער פֿרײַנט, פֿאַרשפּיל ניט דײַן געלט אין קאָרטן, ביינדלעך און אַנדערע שפּילן, איך וועל דיך אויסלערנען, ווי צו געווינען אַפֿ זיכער. לאָמיר ווערן שיידים: מיר וועלן אָפּנאַרן ווײַבלעך און מיידלעך און צונעמען בא זיי געלט. אין דײַטשלאַנד האָב איך מיט אָט דער באַשעפּטיקונג פֿאַרדינט פֿינף טויזנט ריקסדאַלער. אַלע ווײַבער זײַנען נאַראָנים: זיי זײַנען גרייט אָפּצוגעבן אונדז דאָס לעצטע, קעדיי צו ווערן ענלעך אַפֿ אַ טײַוול. רײַב אָן דאָס פּאָנעם מיט פֿאָספֿאָר: ווען עס איז נאַס, וועט עס זיך לויכטן. עמעס, דער רייעך פֿון פֿאָספֿאָר איז ניט קיין אָנגענעמער, די פֿרויען וועלן אָבער מיינען, אַז דאָס איז דער רייעך פֿון גענעם. וועגן דעם, אַז דו קלײַבסט זיך צו זיי קומען, גיב זיי צו וויסן מיטן געשריי פֿון אַן אָדלער.

„אינגיכן וועלן מיר ביידע גיין צו קאַטלינען. בא איר איז פֿאַראַן אַ טאָכטער נעלע, אַ שיין מיידל. מעגסט שוין רעכענען, אַז זי איז דײַנע. איר מוטער האָט מיר אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט: דרײַ און צוואַנציק קאַראָלוסן. זי באַהאַלט אָבער דאָס געלט, וואָס איז געבליבן פֿון קלאַאַסן, אַן אַפּיקוירעס, וואָס מע האָט אים פֿאַרברענט אין דאַמע: זיבן הונדערט קאַראָלוסן, וואָס דאַרפֿן לויטן געזעץ קאָנפֿיסקירט ווערן. דער קיניג פֿיליפּ וועט אָבער ניט קאָנען ארופּלייגן זײַן הענט אַפֿ דעם דאָזיקן געלט. זײַ זיכער, עס וועט ליגן בא מיר אין טײַסטער. קאַטלינע וועט מיר באַווײַזן דאָס אָרט, ווו דער אוצער ליגט באַהאַלטן, און מירן זיך צעטיילן צווישן זיך: מיר דרײַ פֿערטל, דיר דאָס איבעריקע.

„נאָך איין אייצע: קיינער טאָר ניט וויסן, אַז מע רופֿט דיך רײוויש. אויב מע וועט די פֿרוי כאַפּן, וועט זי, ניט ווייסנדיק ווער מיר זײַנען, אונדז ניט קאָנען ארויסגעבן. אַלזאָ, צו דער אַרבעט, מײַן פֿרײַנט. יונגעלײַט האָבן מאַזל, ווי דער פֿאַרשטאָרבענער אימפּעראַטאָר קאַרל האָט ליב געהאַט זיך אויסצודריקן".

— דאָס איז דער בריוו, — האָט דער שרײַבער געזאָגט, פֿאַרענדיקנדיק לייענען. — ער איז אונטערגעשריבן: „יאָס דאמאַן, אַ קאַוואַלער".

— אַ טויט דעם מערדער! — האָט אָנגעהויבן שרײַען דער המוין, — אַפּן שײַטער דעם פֿאַרשאָלטענעם קישעפּמאַכער! אַפֿ דער טליִע דעם דאָזיקן גאַנעוו.

— שרײַט ניט! — האָט דער ריכטער געזאָגט. — מיר דאַרפֿן שטרענג און אַלזײַטיק באַהאַנדלען דעם איניען פֿון דעם דאָזיקן מענטשן. הערט

בלינדע

פיטער ברייגעל (דער עלטערער)

ווילהעלמ דער אָראנער

בילד פונעמ קינסטלער אדריאנ טאָמאס קיי

אויס, געמיינדע־עלטסטע, איך וועל איבערליינען דעם צווייטן בריוו, וואָס מע האָט געפֿונען בא קאַטלינען אינעם יאַנטעוודיקן קליידל.

„טייַערע מאַכשייפֿעלע! אָט איז דער רעצעפּט פֿון א זאַלב, וועלכן איך האָב ניט לאַנג באַקומען גלייַך פֿון ליוציפֿערס ווייַב. מיט דער הילף פֿון דער דאָזיקער זאַלב קענסטו אַוועקפֿליִען אַף דער זון, אַף דער לעוואָנע און אַף די שטערן אין הימל, קענסט ריידן מיט גייַסטער און פֿליִען איינדערלופֿטן — איבער שטעט און דערפֿער. נעם גלייַכע דאָזעס פֿון גיפֿט־קרויט, אָפּיום, קאַנאָפּליע־זאַפֿט, בעלאַדאָנע און שטעכ־עפּל — און די זאַלב וועט זייַן פֿאַרטיק.

„אויב דו ווילסט, קאָן איך דיך מיטנעמען אַפֿן שיידים־טאַנץ, אָבער זייַ ניט אַזא קאַרגע, ווי דו ביסט געווען נעכטן. פֿאַרוואָס האָסטו געזאָגט, אַז דו האָסט ניט קיין צען פֿלאָרין? איך ווייס, אַז דו האָסט זיי. כוץ דעם ווייס איך, אַז דו באַהאַלטסט אַן אוצער און דו זאָגסט מיר וועגן דעם קיין איין וואָרט ניט. דייַן טייַוול האַנס".

— א טויט דעם קישעפֿמאַכער! — האָט דער האַמוין געשריִען.

— פֿאַרגלייַכט, צי דיביידע בריוו זייַנען געשריבן געוואָרן מיט איין האַנטשריפֿט, — האָט דער ריכטער געזאָגט.

מע האָט פֿאַרגליכן די בריוו. ביידע זייַנען געווען געשריבן מיט איין האַנטשריפֿט.

דעמלט האָט דער ריכטער זיך געווענדט צו די אַדל־לייַט און האָט בא זיי געפֿרעגט:

— צי אָנערקענט איר, אַז דער דאָזיקער מענטש איז יאָס דאַמאַן, אַן אַדלמאַן פֿון דער שטאָט גענט?

— יאָ! — האָבן זיי געענטפֿערט.

— צי האָט איר געקענט דעם הער הילבערט, דעם זון פֿון ווילעם רייוויש, אַן אַדלמאַן?

פֿון האַמוין איז אַרויסגעטראָטן א גענטער אַדלמאַן, וואָס זייַן נאָמען איז געווען וואַן-דער-זיקעלען.

— איך קען דעם אַדלמאַן ווילעם רייוויש, — האָט ער געמאָלדן. — מיט א יאָר פֿופֿצן צוריק איז בא אים פֿאַרשוווּנדן א זון, וואָס איז געווען אַלט דרייַ און צוואַנציק יאָר. ער איז געווען א גרויסער נישט און א קאָרטן־שפּילער. נאָר צוליב זייַן יונגקייַט פֿלעגט מען אים אַלץ מויכל זייַן. פֿון דעמלט אָן האָט מען פֿון אים ניט געהאַט קיין שום ידיִעס. באַווייַזט מיר דעם שווערד, דעם קינזשאַל און דאָס זעקל פֿונעם דערהאַרגעטן.

באַטראַכט די דאָזיקע זאַכן, האָט דער אָיידעס געמאָלדן:

— אַף די הענטלעך פֿונעם שווערד און פֿונעם קינזשאַל זע איך דעם הערב פֿון די רייווישעס: דרייַ זילבערנע פֿיש אַפֿן פּאָן פֿון העל־בלויען

ועלד. דער זעלבער הערב איז אויסגעגייט אף דעם דערהארגעטנס זעקל.
און וואָס איז דאָס פאַר א קינזשאַל?

— דער קינזשאַל האָט געשטעקט באַם דערהארגעטנ אינ קערפּער, — האָט דער ריכטער געזאָגט.

— אף דעם קינזשאַל איז אויסגעקריצט דער הערב פונ די דאַמאַנס, — האָט דער איידעס געזאָגט, — א שפּיציקער טורעם אף א זילבערנעם פעלד.

— ער זאָגט ריכטיק, — האָבנ די איבעריקע איידעס געזאָגט, — דאָס זיינענ די הערבנ פונ די רייוווישעס אונ פונ די דאַמאַנס.

— אזויארום, — האָט דער ריכטער געזאָגט, — איז פעסטגעשטעלט, אז דאָס דאַמאַנ איז א קישעפמאַכער, א מערדער אונ א בארויבער פונעם קיניגלעכנ אייגנטום.

— איר האָט ניט דאָס רעכט אָנצורופנ מיכ קישעפמאַכער! — האָט יאָס דאַמאַנ אויסגעשריִענ. — איר האָט ניט קיינ שום באַוויַיזנ! איכ האָב זיכ געשעט פאַרשטעלט פאַר א טייוול אונ אינ דעם באַשטייט מיַינ גאַנצע שולד. דאָס פאָנעם האָב איכ געשמירט מיט געוויינלעכנ פאָספאָר, אונ די זאַלב, וואָס איכ האָב געגעבנ דער דאַזיקער פרוי, איז גאָר ניט קיינ צוי־בער־זאַלב, נאָר א זאַלב, וואָס שלעפערט איַינ אונ פאַרטשאַדעט. ווענ די דאָזיקע פרוי פלעגט זיכ אויסשמירנ מיט אָט דער זאַלב, פלעגט זי טייקעף איַינשלאָפנ אונ זי פלעגט זענ אינ כאַלעם אַלערליי שיידים אונ רוכעס. די דאָזיקע פרוי איז די עמעסע מאַכשייפע. זי איז געווענ זיכער, אז איכ בינ א טיַיוול, אונ פונדעסטוועגנ פלעגט זי אויספילנ אַלע מיַינע פאָדערונגענ. אפנ שיַיטער נעמט זי, הערנ ריכטער!

— הערנ ריכטער, הערט ניט דעם דאָזיקנ רעציייעכ! — האָט נעלע גע־זאָגט, ארומנעמענדיק איר מוטער, — אימ ווילט זיכ אַצינד נאָר איינס — אומברענגענ פונ דער וועלט קאַטלינענ. ער סטאַרעט זיכ איַיכ צו פאַרזי־כערנ, אז זי איז א קישעפמאַכערנ. נאָר דער אייבערשטער האָט בא איר אָפּגענומענ דעם סייכל, אונ אינ דעם באַשטייט איר גאַנצער אומגליק. שוינ העכער פופצנ יאָר, ווי זי ליַידט פיזיש אונ גיַיסטלעכ. ברענגט זי ניט אום פונ דער וועלט, הערנ ריכטער!

— נעלע איז א בייזע, — האָט קאַטלינע געזאָגט, — ניט הער זי, האַנס, מיַינ האַר.

— באַגנעדיקט קאַטלינענ! — האָט דער האַמוינ געשריִענ.

דער געריכט האָט באַשלאָסנ: אויסשליסנ יאָס דאַמאַנענ פונ אדלטום אונ פאַרברענענ אים אף א לאַנגזאַמענ פיַיער. די שטראָף איז פאָרגעקו־מענ אף מאָרגנ, אפנ פּלאַץ, וואָס אנטקעגנ דער ראַטושע. יאָס דאַמאַנ איז געשטאָרבנ, פאַרשילטנדיק קאַטלינענ, די ריכטער אונ דעם אייבערשטנ.

קאַטלינענ האָט מענ באַשלאָסנ אויספּרוווּנ מיט וואַסער אינעם ברייטער

קאנאל. מע וועט זי ארײַנוואַרפֿן אין וואַסער: אויב זי וועט ניט דער־טרונקען ווערן, איז א סימען, אז זי איז א קישעפֿמאַכערן און מע וועט זי פֿאַרברענען; אויב אָבער זי וועט דערטרונקען ווערן, איז א סימען, אז זי איז אן ערלעכער מענטש, מע וועט זי פֿרײַשפּרעכן און באַגראָבן אינעם קלויסטער־גאָרטן

אַף מאָרגן האָט מען קאַטלינען אָנגעטאָן אין א שוואַרץ לײַוונטן העמד, מע האָט איר געגעבן אין האַנט א וואַקסענע ליכט און מע האָט זי אוועק־געפֿירט אויספּרוּוון. פֿאַר איר זײַנען געגאַנגען, זינגענדיק לעווײַע־טפֿילעס, דער קאַנאָניק פֿונעם מאַדאָנע־קלויסטער, זײַנע וויקאַריעס און דער קלויס־טער־דינער מיט א גרויסן צײלעם אין די הענט. הינטער איר זײַנען גע־גאַנגען: דער ריכטער פֿון דער שטאָט דאַמע, די געמיינדע-עלטסטע, די שרײַבער, די זעלנער דער פּראָפּאָס און דער הענקער מיט זײַנע צוויי געהילפֿן.

קאַטלינע איז געווען געהאָרכזאַם, ווי א שעפּעלע. זי האָט גאָרניט ניט כּוישעד געווען. זי איז געגאַנגען פֿאָרויס און האָט געמורמלט:

— פֿאַרלעשט דאָס פֿײַער! דער קאָפּ ברענט!

— וואַרפֿט מיך ארײַן אינײנעם מיט איר! — האָט נעלע געשריִען. אָבער די פּרויען האָבן זי געהאַלטן פֿעסט און האָבן זי ניט צוגעלאָזן צו דער מוטער.

אַפֿן ברעג קאַנאַל האָט זיך צונויפֿגעקליבן א גרויסער האַמוין מענטשן. פֿון יאַם האָט געבלאָזן א שנײַדנדיקער ווינט. עס האָט געשאָטן א דריב־נער האָגל. האַרט באַם סאַמע ברעג איז געשטאַנען א גרויסע באַרקע. קאַט־לינען האָט מען געצוווּנגען אַרופֿצוגיין אַף דער באַרקע. דער הענקער און זײַנע געהילפֿן זײַנען אוועק נאָך איר. די פּרויען האָבן געוויינט און זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער. די מענער האָבן אומצופֿרידן געמורמלט.

אָט האָט דער פּראָפּאָס א מאַך געטאָן מיטן „הערב־שטעקן פֿון גע־רעכטיקײַט". דער הענקער האָט אופֿגעהויבן קאַטלינען און האָט זי ארײַנ־געוואָרפֿן אין וואַסער.

— האַנס! האַנס! קום צו הילף! — האָט זי בלויז באַוויזן אויסצושרײַען און איז באַלד אַראָפּ צום גרונט.

— זי איז ניט קיין מאַכשייפֿע! — האָט דער האַמוין אָנגעהויבן שרײַען.

עטלעכע מענטשן האָבן באַלד זיך ארײַנגעוואָרפֿן אין וואַסער און אַרויס־געשלעפּט קאַטלינען. זי איז געלעגן א געכאַלעשטע. מע האָט זי אוועקגע־טראָגן אין שענק און אוועקגעלייגט לעבן פֿײַער. דאָרט איז קאַטלינע גע־קומען צו זיך און, קלאַפּנדיק מיט די ציינער פֿון קעלט, האָט זי א זאָג געטאָן:

— האַנס, גיב מיר דײַן וואָלענעם מאַנטל!

און זי האָט ווידער געכאַלעשט. אַפֿן דריטן טאָג איז זי געשטאָרבן פֿון בראַנד. מע האָט זי באַגראָבן אינעם קלויסטער־גאָרטן.

קאפיטל 25

די ערשטע זיגן

ענדלעך, האָט די געזונ אָנגעהויבן גליקן אין דער מלחמה. זיי האָבן איינגענומען בריל, דערנאָך כאָרקים און, ענדלעך, מאָנס.

די שיפן פון די געזן האָבן זיך געטראָגן איבערן יאַם און האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די שפאניער. דאָס איז געווען אַן אומגעווײנלעכער פּלאַט. אויף די מאַסטבײמער פון די שיפן האָבן געפלאַטערט קאַטוילישע קלויסטער־פאָנען, אויסגענײטע מיט זייד און זילבער. די זעלנער זײַנען געגאַנגען אין מיטרעס, אין זײַדענע ריאַסעס און מיט קלויסטער־שטעקנס אין די הענט. דאָס זײַנען געווען שטרענגע קריגסלײַט, צוגעווינטע צו מאַרשן און שלאַכטן. און ס'איז מאָדנע געווען צו זען, ווי זיי טראָגן די דאָזיקע פאַנטאַסטישע קלויסטער־קליידער.

אין די מאָנאַסטירן פלעגן די געזן צונעמען אַלץ, וואָס ס'האָט זיי געקאָנט צוניץ קומען פאַר דער מלחמה: געלט, קליידער, עסנוואַרג. דאָס געלט האָבן זיי פאַרטאָן אויף די קריג־הויצאָעס. די קליידער און עסנוואַרג האָבן זיי איבערגעטראָגן אויף זייערע שיפן.

לאַמע גודזאַק פלעגט זיך פאַרקלײַבן אין די ספּיזשאַרניעס פון די מאָנאַסטירן און אָנשטאָפּן גאַנצע זעק מיט וווּרשטן, כאַזער־ליטקעס און פלעשלעך ווײַן. אויף דער שיף פלעגט ער זיך אומקערן אַרומגעהאַנגען מיט געונדז, אינדעטשקעס, אינדיקעס און הינדלעך. כוץ דעם פלעגט ער פירן הינטער זיך אויף אַ שטריק עטלעכע מאָנאַסטירישע קעלבער און כאַזײרים.

— אַזוי פירט זיך בעשאַס מלחמה! — פלעגט ער פריילעך מעלדן.

אולענשפּיגעל האָט געדינט אַלס קאַנאָניר. ער האָט אויסגעצייכנט דערלערנט זײַן אַרבעט. ס'איז קעדײַ געווען צו זען, ווי ער פלעגט אָנשטעלן זײַן האַרמאַט אויף אַ שפּאַנישער שיף, ווי ער פלעגט זיך אָנצילן, ווי ער פלעגט צעקלאַפּן די באָרטן פונעם סוינעס שיף און אַראָפּוואַרפן די מאַסטבײמער.

אויף דעם הוט האָט ער געטראָגן אַ זילבערנע האַלבע לעוואָנע מיט דער

אופשריפט: „בעסער דינען דעם טערק, איידער דעם פויפסט". קײנער האָט אים קײנמאָל ניט געזען אומעטיק אָדער ניט צופרידן. ער האָט געהאַלטן אין אײן זינגען לידער און דערציילן וויצן.

איינמאָל, אין דעם טאָג, ווען מע האָט געגומען כאַרקום, ווען די שיף איז געשטאַנען באַם ברעג, האָט זיך אפן שיפדעק אופגעהויבן עפּעס א מיידל און א וואָרפ געטאָן זיך אולענשפּיגעלן אפן האַלדז.

— טיל, — האָט זי געזאָגט מיט א געוויין, — טרײַב מיך ניט אוועק פון זיך, מײַן טײַערער! זיי האָבן דערהארגעט קאַטלינען. נאָר דו אַליין ביסט בא מיר אַצינד געבליבן.

און נעלע האָט דערציילט אולענשפּיגעלן, וויאַזוי קאַטלינע איז גע־שטאָרבן. זיי האָבן געקוקט אײנס אפן צווייטן און, שווײַגנדיק, געוויינט, דערמאָנענדיק די אומגליקלעכע מאַרטירערן.

די געזן האָבן זיי אַרומגערינגלט.

— ווער ביסטו, מיידל? — האָבן זיי געפרעגט נעלען.

— איך בין נעלע, אולענשפּיגעלס קאַלע. איך בין צו אים געקומען צו פאָרן פון פלאַנדריע.

— האָסט כאַסענע, אולענשפּיגעל? — האָבן די געזן אים געפרעגט.

— יאָ, איך האָב כאַסענע, — האָט זיי אולענשפּיגעל געענטפערט.

צו זיי איז צוגעגאַנגען דער אדמיראַל טרעלאָן.

— דו האָסט כאַסענע, קליינינקער פלאַמאַנדער? — האָט ער א פרעג גע־טאָן אולענשפּיגעלן. — הייסט עס, דו וועסט אונדז פאַרלאָזן, ריכטיק?

— ניין, מײַן הער, — האָט אים אולענשפּיגעל געענטפערט. — איך בלײַב אפ דער שיף.

— און וואָס וועסטו טאָן אָן דעם מאַן, מיידל?

— אויב איר וועט מיר דערלויבן, מײַן הער, וועל איך זײַן א טרומיי־טערן בא אײַך אפ דער שיף, — האָט נעלע געזאָגט.

— מיט פאַרגעניגן! — האָט טרעלאָן געזאָגט. — דו ביסט א העלד א מיידל! נא דיר צוויי פלאָרין אפ דער כאַסענע.

לאַמע האָט געקוואַלן פון פרייד און געזאָגט:

— איך האָב נאָך דרײַ פלאָרין. קום אין שענק דאָס „גאָלדענע קעמעלע". מירן דאָרטן פראַוועס די כאַסענע. איך צאָל פאַר אַלעמען. לעבן זאָלן די געזן!

עס איז געקומען דער גאַלעך און האָט כאַסענע געמאַכט אולענשפּי־געלן און נעלען. אין אָוונט איז אין „גאָלדענעם קעמעלע" פאָרגעקומען א גרויסע סימכע. לאַמע האָט געגעסן פאַר פינפען און האָט זיך מעסאַמייעך געווען. די געזן האָבן געבראַכט א מאַטאָנע דער קאַלע — א מיליטערישע פײַפל און נײַע סאָלדאַטישע קליידער.

אין עטלעכע טעג ארום זײַנען די שיפֿן פֿון די געזנ ארויס אין אָפֿענעם יאם. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א געיעג נאָך די שפּאַנישע שיפֿן. נאָר די שפּאַניער זײַנען געוואָרן פֿאָרזיכטיקער: רויב פֿלעגט זיך שוין די געזן מאכן אלץ ווייניקער און ווייניקער. לאנגזאם און לאנג־ווײַליק האָבן זיך געצויגן די טעג.

איינמאָל, — דאָס איז געווען אין אווגוסט כוידעש, — זײַנען אולענשפּי־געל און נעלע געזעסן אפֿן שיפֿדעק און זיך געוואָרעמט אפֿ דער זון. אין דער הייך, אפֿן מארס, איז געזעסן דער וואכטע־מאטראָס און געפּײַפֿט, קוקנ־דיק אין אלע זײַטן.

— מע זעט גאָרנישט? — האָט אים טרעלאָנ געפֿרעגט.

— גאָרנישט, — האָט יענער געענטפֿערט.

לאמע איז אנ אומעטיקער געזעסן אָנ א זײַט און האָט געזיפֿצט.

— וואָס ביסטו אזא אומעטיקער, לאמע, — האָט אים נעלע געפֿרעגט.

— דו ווערסט וואָס א טאָג אלץ דארער און דארער! — האָט אים אולענשפּיגעל געזאָגט.

— ריכטיק, אי איך ווער דארער אי ס׳איז מיר אומעטיק, — האָט לאמע געענטפֿערט, — אײַך איז גוט, איר האָט איינע די אנדערע געפֿונען. אָבער וואָס זאָל איך טאָן? מײַן ווײַב לאכט, מיסטאמע, פֿון מיר. אָבער איך קאָנ אָנ איר ניט לעבן. נאָר זי אליינ קאָנ מיך טרייסטן.

— זי, אָדער א שטיקל געבראָטן פֿלייש, עמעס? — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— עמעס, — האָט לאמע געזאָגט, — נאָר אָך און וויי. פֿון פֿלייש איז שוין לאנג קיינ זייכער ניטאָ אפֿ אונדזער שיף. אפֿ די קיניגלעכע שיפֿן גיט מען פֿיר טאָג אין וואָך פֿלייש און דרײַ טאָג פֿיש. זיי האָבן אלץ: אי ביר, אי ברויט, אי סופּ, אי פּוטער, אי קעז, אי זענעפֿט, אי באָב, אי ארבעס, אי גרויפּן, אי שמאלץ, אי האָלץ, אי קוילן. און וואָס האָבן מיר? בלויז הערינג און זויערן ביר. אָ, ווו זײַט איר עס, אונדזערע אָרעמע פֿריידן?

— באלד וועל איך דיר זאָגן, ווו עס זײַנען אונדזערע אָרעמע פֿריידן — האָט אים אולענשפּיגעל געענטפֿערט. — אין פּאריז האָבן די קאטאָ־ליקער אויסגעשאָכטן אין דער נאכט פֿונעם הייליקן ווארפֿאָלאָמיי צען טויזנט רעפֿאָרמאטן. דער קיניג גופֿע האָט געשאָסן אין זײַן פֿאָלק. שטיי אוף, פֿלא־מאנדער, נעם זיך צו דער האק: אָט ווו עס זײַנען דײַנע פֿריידן! שלאָג די שפּאניער, שלאָג די קאטאָליקער! פֿארגעס א ווײַלע וועגן דער קישקע! זיי פֿלעגן ארופֿלייגן אפֿ א פֿורל לעבעדיקע און טויטע, צופֿירן זיי צום טײַך און ארײַנוואַרפֿן אין וואסער, לעבעדיקע און טויטע — אפֿ איינ אויפֿן, דו הערסט, לאמע, צי ניט? נײַן טעג איז דער טײַך סענע געווען רויט,

ניין טעג האָבן זיך ראָבן, ווי כמארעס, געטראָגן איבער דער שטאָט. טויזנ־
טער קאָרבאָנעס רופן צו נעקאָמע. דו הערסט, לאמע?

— איך קלאָג זיך ניט, מיין זון, — האָט לאמע געזאָגט, אופשטייענדיק, —
פאר פריע הערצער איז א הערינג — א געבראָטן טייבעלע, און ש׳טערער
ביר — דער בעסטער מאלוואזיע־וויין.

אין אָוונט איז דער יאם געוואָרן טונקל. שווערע כמארעס האָבן ארומ־
געלייגט דעם הימל, עס איז אָנגעקומען די נאכט — א שווארצע, א טרויע־
ריקע. ערגעץ אין דער ווייט האָט מען געהערט, ווי עס קנאַלט דער דונער.

אין אָט דער פינצטערניש האָבן זיך פלוצלינג גאָר נאָענט באוויזן קליינע
רויטע פייערלעך. דאָס זיינען געווען לאמטערנס פון דריי און צוואנציק
שפאנישע שיפן.

אולענשפיגעל האָט גענומען קלינגען אין גלאָק.

— שפאניער! שפאניער! — האָט ער אויסגעשריען. — זיי גייען קיין פלי־
סינגען!

זיין סיגנאל האָט מען טייקעף איבערגעכאזערט אף די איבעריקע
שיפן.

— אין נאָמען פונעם אָראנער פרינץ, פאָרויס! — האָט דערלאנגט א
קאָמאנדע דער אדמיראל דע־ליומע.

— אין נאָמען פונעם פרינץ און פונעם הער אדמיראל, פאָרויס! — האָט
א געשריי געטאָן דער וויצע־אדמיראל עוואָן פיטערסאָן וואָרט.

— אין נאָמען פונעם אָראנער פרינץ און פונעם אדמיראל, פאָרויס! —
האָבן איבערגעכאזערט די קאפיטאנען אף אלע שיפן.

עס האָבן גענומען קלאפן די פויקן, רעווען די טרומייטן, און אלע
שיפן — „בריל״, „יאָהאנע״, „שוואנ״, „געז״, „ווילהעלם דער אָראנער״ און אלע
איבעריקע — האָבן זיך א לאָז געטאָן דעריאָגן די שפאנישע שיפן.

עס איז אָנגעקומען דער פרימאָרגן — א נעפלדיקער, א קאלטער. אפן
האָריזאָנט האָבן א שיין געטאָן די ערשטע זון־שטראלן.

טרעלאָנס קאָרוועט „בריל״ צוזאמען מיט די שיפן „יאָהאנע״, „שוואנ״
און „געז״ האָבן פארכאפט פיר שפאנישע שיפן. די שפאניער האָט מען
אָן שום ראכמאָנעס אריינגעוואָרפן אין יאם. די ווערטפולע זאכן האָבן די
געזן איבערגעטראָגן אף זייערע שיפן. בא די שפאנישע שיפן האָט מען
אָפגעהאקט די מאסטביימער, אראָפגעריסן די זעגלען און איבערגעלאָזן די
דאָזיקע צעקאליעטשעטע שיפן אין יאם — אף העפקער. מע האָט זיך געמוזט
איילן, קעדיי צו דעריאָגן די איבעריקע שיפן.

דער ווינט האָט געבלאָזן פון דער זייט פון אנטווערפען. די זעגלען
האָבן זיך אָנגעבלאָזן, אזוי ווי פעטע באקן פון מאָנאכן. איינבייגנדיק זיך
צום וואסער מיט די באָרטן, זיינען די שיפן אפגיך געפלויגן פאָרויס.

די שיפֿן האָט מען געיאָגט ביז מידעלבורג. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן
; שלאכט. מיט העק אין די הענט האָבן די געזן זיך א וואָרף געטאָן
ופֿ דעם סוינעס שיפֿן און צונויפֿגעשטויסן זיך מיטן סוינע אין א האנט־געפֿעכט.
י שיפֿדעקן זייַנען געווען פֿארוואלגערט מיט געהארגעטע. טונקעלע שטראָ־
מען בלוט זייַנען געראָנען אין וואסער. די ברעג־פּאַרטן האָבן גענומען שיסן
ון הארמאטן אפֿ די שיפֿן פֿון די געזן, אָבער די געזן האָבן באוויזן
גריבערצושלעפּן צו זיך דעם פּולווער, די הארמאטן, די קוילן, די זעק מעל
ון די פֿייַנטלעכע שיפֿן און אונטערצינדן זיי. פֿארענדיקט די שלאכט, האָבן
י געזן פֿארקערעוועט אפֿ צוריק קיין פֿליסינגען.

און דער פֿלאם פֿון א ריזיקער סרייפֿע האָט זיך נאָך לאנג געוויגט
זינטער זיי.

קאפיטל 26

די באלאגערונג פון האארלעם

ווינטער איז דאָן פרעדעריק, דעם הערצאָג אלבאס בלוטיקער יורעש, צוגעגאנגען צו האארלעם, דער שטאָט פון פרייַהייַט. ער האָט געבראכט מיט זיך פינף און צוואנציק אָטריאדן שפאניער, צוויי און צוואנציק אָטריאדן וואלאָנער, אכצן אָטריאדן דייַטשן, אכט הונדערט רייַטער און אָן א שיר הארמאטן. אולענשפיגעל, לאמע און הונדערט יאם־געזן זייַנען געזעסן אין די ווענט פון האארלעם. זייערע שיפן האָבן קרייסירט איבער דער האארלעמער אָזערע.

האארלעם איז געווען שלעכט באפעסטיקט. די פעסטונג האָט געטויגט אפן פייַער. אירע ווענט זייַנען שוין אלט געוואָרן פון צייַט. די גראָבנס זייַנען באוואקסן געוואָרן מיט גראָז. די שטאָט האָט אָבער באשלאָסן זיך פארטיידיקן ביזן סאָף. מענער, פרויען און קינדער, — אלע האָבן זיך גענומען צו דער ארבעט. אייניקע האָבן געגראָבן גראָבנס, אנדערע האָבן געטראָגן שטיינער, די דריטע האָבן פאריכט די טורעמס און די פאָרטן. די שטאָט האָט זיך ווי־ניט־איז צוגעגרייט צו דער פארטיידיקונג.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די באלאגערונג. די שפאנישע הארמאטן האָבן טאָג־אייַן טאָג־אויס כאָרעוו געמאכט די שטאָט. אין עטלעכע טעג ארום איז אין דער וואנט געוואָרן א ברייטע לאָך. די שפאניער האָבן זיך געלאָזן אין אטאקע. זיי האָבן אויסגעמיטן די גראָבנס און זייַנען שוין קימאט צוגעגאנגען צו דער וואנט, אָבער דאָ האָבן זיי זיך באגעגנט מיט די הארמאטן פון די באלאגערטע. סנאריאדן, ברענענדיקע רייפן מ׳ט פעך, שטיינער, בערוועגעס, זודיקער פעך — דאָס אלץ האָט אין איינ אויגנבליק זיך גענומען שיטן אף די שפאניער. ניט אויסהאלטנדיק עס, זייַנען די שפאניער אָפגעטראָטן. אָנדערהאלבן טויזנט געהארגעטע האָבן אָנגעפילט דעם גראָבן. די האארלעמער גלעקער האָבן צו ויסן געגעבן די אייַנוווינער פון שטאָט, אז דער ערשטער שטורעם איז אָפגעשלאָגן געוואָרן.

אפ א צווייטן שטורעם האָבן די שפאניער זיך ניט געקאָנט אנטשליסן.

זיי האָבנ באשלאָסנ זיכ אונטערגראָבנ אונטער דער פעסטונג. די האארלעמער האָבנ זיכ אָבער וועגנ דעמ באצייטנס דערוווּסט, אונ זיי האָבנ גענומענ גראָבנ פונ דער פעסטונג אנ אנטקעגנדיקנ אונטערערדישנ קאנאל, עטוואָס טיפער פונעמ שפאנישנ. אינ עטלעכע טעג ארומ האָבנ די האארלעמער דערהערט איבערנ קאָפ דאָס קלאפּנ פונ רידלענ אונ מענטשלעכע שטימענ. מע האָט פארלייגט א מינע אונ אונטערגעצונדנ דעמ קנויט. פיר הונדערט שפאניער זײַנענ ארופגעפלויגנ אינדערלופטנ. דער שפאנישער אונטערערדישער קאנאל איז רויִנירט געוואָרנ. לעקאָוועד דעמ נײַעמ ניצחונ האָבנ די האארלעמער גלעקער ווידער געקלונגענ.

אלע טאָג פלעגט מענ אינ שטאָט ארײַנפירנ אָבאָזנ מיט ברויט אונ פולווער.

דער אָראנער פרינצ האָט געהאָלפנ די באלאגערטע מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. ער פלעגט עס מאכנ אזוי קונציק, אז א לאנגע צײַט האָבנ די שפאניער פונ גאָרנישט ניט געוווּסט. די שטאָט האָט זיכ ביסלעכווײַז באפעסטיקט. אָנשטאָט איינ פעסטונג־וואנט איז געוואָרנ צוויי. די פרויענ האָבנ אָרגאניזירט א באזונדערנ אָטריאד. אינ דער שפיצ פונ דעמ אָטריאד האָט זיכ געשטעלט קענאו האסעלער, וועלכע איז אלט געווענ ארומ פופציק יאָר. דער פרויענ־אָטריאד האָט זיכ געשלאָגנ העלדיש, ניט ערגער פונ די מאנצבלענ.

אָבער האארלעמ האָט קיינ מאזל ניט געהאט. די שיפנ פונ די געזנ זײַנענ צעקלאפט געוואָרנ אפ דער האארלעמער אָזערע. דאָס מיליטער, וואָס דער אָראנער האָט ארויסגעשיקט צו הילפ די באלאגערער, האָט אויכ געליטנ א מאפּאָלע. אונ די צײַט איז געגאנגענ. שוינ א האלב יאָר, ווי עס דויערט די באלאגערונג; טויזנט האארלעמער האָבנ זיכ נאָכ אלצ געהאלטנ קעגנ דער צענטויזנטקעפּיקער שפאנישער ארמיי.

זומער האָט אינ שטאָט זיכ אָנגעהויבנ אנ עמעסער הונגער. די באלאגערטע זײַנענ ארײַנגעפאלנ אינ פארצווייפלונג. אונ זיי האָבנ באשלאָסנ ארויסטרעטנ פונ שטאָט: פאָרויס — די ארקעבוזירנ, קעדיי דורכצורײַסנ זיכ דורכ דער פײַנטלעכער קייט, הינטער זיי — די פרויענ, קינדער אונ שטאָטישע באאמטע אונטער דער שוצ פונ אינפאנטעריע. פלוצלינג איז אָנגעקומענ א בריוו פונ די שפאניער. דאָנ פרעדעריק האָט פאָרגעלייגט אונטערגעבנ זיכ. ער האָט צוגעזאָגט פארהיטנ דאָס לעבנ פונ די פארטיידיקער פונ האארלעמ. וואָס זאָל עס באטײַטנ — אנ עמעס אָדער א ליגנ? אָבער טראכטנ איז געווענ שפעט, אונ האארלעמ האָט זיכ אונטערגעגעבנ.

אולענשפיגל, לאמע אונ נעלע האָבנ זיכ איבערגעטאָנ פאר דײַטשישע זעלנער אונ האָבנ זיכ באהאלטנ אינײינעמ מיט אנדערע האארלעמער אינעמ אווגוסטינער מאָנאסטיר. צוזאמענ זײַנענ זיי געווענ א מאנ זעקס הונדערט

— הײַנט װעלן מיר שטאַרבן, — האָט אולענשפּיגל א שעפּטשע געטאָן צו לאַמען.

— אוי װיי, מײַן װײַב! — האָט לאַמע געזאָגט. — צי דען װעל איך דיך שױן מער ניט זען? צי דען װעט אונדז די אוניפאָרם פון די דײַטשישע זעלנער ניט ראַטעװען?

אולענשפּיגל האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט ניט געגלײבט אין קיין רעטונג.

— איך הער עפּעס ניט קיין טומל, ניט קיין געשרייען, — האָט לאַמע געזאָגט.

— די שטאָט האָט זיך אָפּגעקױפט פאַר צװיי הונדערט פערציק טויזנט פלאָרין פון רויבירונג, — האָט אולענשפּיגל געזאָגט. — אין מעשעכ פון דרײַ טעג דאַרפן די בירגער אײַנצאָלן הונדערט טויזנט פלאָרין מעזומאָנים, און אין דרײַ כאָדאָשים ארום — די איבעריקע. נאָר מאָרדן װעלן, פאַרשטייט זיך, זײַן. דו הערסט, װי מע קלאַפּט צונויף טליִעס?

— אוי, טיל, װי איך בין הונגעריק! — האָט נעלע געזאָגט.

— הונגעריקע איז לײַכטער בײַצוקומען, — האָט אולענשפּיגל א שעפּטשע געטאָן צו לאַמען. — אזוי זאָגן די שפּאַניער.

— אוי, װי איך בין הונגעריק! — האָט נעלע איבערגעכאַזערט.

דער מאָנאַסטיר איז ארומגערינגלט געװאָרן פון די שפּאַניער. אין אָװנט זײַנען געקומען שפּאַנישע זעלנער און האָבן צעטיילט אף איטלעכע זעקס מאַן א לעבל ברויט.

— דרײַ הונדערט װאַלאָנישע זעלנער האָט מען שוין אופגעהאַנגען אפן מאַרק, — האָבן זיי געזאָגט. — אינגיכן װעט אויך דערגיין צו אײַך די ריי.

אף מאָרגן אין אָװנט האָבן זיי װידער געבראַכט א לעבל ברויט אף זעקס מאַן.

— מע האָט אָפּגעהאַקט די קעפּ פון פיר כאָשעװע האַרלעמער בירגער, — האָבן זיי געזאָגט, — צװיי הונדערט נײַן און פערציק זעלנער האָט מען געבונדן פאַרװײַז און אַרײַנגעװאָרפן אין יאַם אַרײַן. פעטע קראַבן װעלן האָבן זײַן!

עס איז אדורך נאָך א װאָך. אײנמאָל האָט נעלע געפרעגט אולענשפּיגלען:

— מײַנע פיס זײַנען נאַס געװאָרן, װאָס זאָל עס באַטײַטן?

— ס'איז פון בלוט, — האָט אולענשפּיגל געזאָגט.

אין אָװנט זײַנען װידער געקומען די סאָלדאַטן און האָבן געבראַכט א לעבל ברויט אף זעקס מאַן. זיי האָבן דערציילט:

— דרײַ הונדערט זעלנער און זיבן און צװאַנציק בירגער האָבן גע-

מאכט א פרווו צו אנטלויפן פון טורמע. מע האָט זיי אַלעמען געכאַפּט און אָפּגעהאַקט די קעפּ. דאָרט, ווו עס פעלן אויס שטריק, באַנוצט מען די האַק.

אַף מאָרגן האָט ווידער אַרײַנגערונען בלוט אין מאָנאַסטיר. עס זײַנען געקומען די סאָלדאַטן, נאָר שוין אָן ברויט. זיי האָבן שווײַגנדיק געקוקט אַף די געזן און האָבן געשמועסט צווישן זיך:

— יענע פינף הונדערט זעלנער, וואָס מע האָט נעכטן אָפּגעהאַקט די קעפּ, האָבן אויסגעזען א סאך בעסער, ווי די. נאָר, צוריק גערעדט, זײַ־נען דאָך עס געזן שלעפּער. זיי איז שוין אַזוי באַשערט — שטאַרבן פון הונגער.

ווירקלעך, די געזן האָבן זיך אַזוי אויסגעהונגערט, אַז זיי זײַנען גי־כער געווען ענלעך אַף שאָטנס, איידער אַף לעבעדיקע מענטשן.

פינף אזייגער אין אָוונט זײַנען געקומען די זעלנער און האָבן גע־בראַכט פאַר די ערעסטירטע ברויט, קעז און ביר.

— דאָס איז א מאָלצײַט פאַרן טויט, — האָט לאַמע געזאָגט.

צען אזייגער אין אָוונט האָבן זיך געעפנט די טויערן פון מאָנאַסטיר. אַפן פּלאַץ, וואָס לעבן מאָנאַסטיר, זײַנען געשטאַנען פיר אָטריאַדן שפּאַ־ניער. די געפאַנגענע האָט מען אויסגעשטעלט צו פיר מאַן אין א ריי און אוועקגעפירט אַפן פעלד פון די טליִעס.

די גאַסן זײַנען געווען נאַס פון בלוט. אַף די ווענט פון די הײַזער האָבן זיך געטונקלט גרויסע בלוט־פלעקן. ראָבן האָבן זיך געטראָגן כמאַרעסווײַז. עס האָט געגומען פאַרגיין די זון, אַפן ליכטיקן הימל האָבן זיך אָנגעצונדן די ערשטע שטערן.

פּלוצלינג האָבן זיך ערגעץ פונדערווײַטן דערהערט טרויעריקע קרעכצן.

— דאָס זײַנען געזן, — האָבן די שפּאַניער געזאָגט. — זיי האָבן זיך פאַרשפּאַרט אינעם פאָרט פּייק. אַצינד שטאַרבן זיי דאָרט פון הונגער.

— מיר וועלן אויך באַלד שטאַרבן, — האָט נעלע געזאָגט און זיך צע־וויינט.

— קלאַאַסעס אַש ברענט מײַן האַרץ, — האָט אולענשפּיגל געזאָגט.

די געפאַנגענע האָט מען אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט.

— אַך, — האָט לאַמע געזאָגט אַף פלאַמאַנדיש, — גיט מיר קויעך! קויעך גיט מיר! איך וועל כאַפּן דעם בלוטיקן הערצאָג און וועל אים צווינגען אײַנשלינגען אָט די אַלע טליִעס, קלעצער און עשאַפאָטן, ביזוואַנען ער וועט ניט פּלאַצן! איך וועל אים צווינגען אויסטרינקען דאָס גאַנצע בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסן אין אונדזער שטאָט! און אַז ער וועט פּייגערן, וועט דער טײַוול אים שפּײַזן מיט מייסים, און אַזוי שוין אַף אייביק.

— אָמיין, — האָט אולענשפּיגל געזאָגט.

— טיל, דו הערסט גאָרנישט? — האָט אימ נעלע געפרעגט.

זיי האָבנ זיכ אײַנגעהערט. אינ דער זײַט פונ וועג, אינ דעמ הויכנ קאָרנ, האָט א קלונג געטאָנ געווער. אינעמ נעפל האָבנ א שײַנ געטאָנ פאקעלנ. עס האָט א קנאל געטאָנ א פארטויבנדיקער זאלפ.

— לעבנ זאָלנ די געזנ! — האָט זיכ דערהערט א געשריי.

אונ אָט האָבנ זיי זיכ באוויזנ פונ אלע זײַטנ. אייניקע פונ זיי זײַנענ מיט די שפיזנ אינ די הענט געלאָפנ איבער דער סטעזשקע, אנדערע זײַנענ געלאָפנ בארג־אראָפ מיט העק אינ די הענט.

— לעבנ זאָלנ די געזנ — האָבנ אויסגעשריִענ לאמע אונ אולענשפיגעל.

— זיי טראָגנ אונדז געווער, — האָט נעלע געזאָגט, — נעמ, לאמע, נעמ, מײַנ טײַערער! לעבנ זאָלנ די געזנ!

— לעבנ זאָלנ די געזנ! — האָבנ די געפאנגענע אויסגעשריִענ, אונ מיט געווער אינ די הענט האָבנ זיי זיכ א וואָרפ געטאָנ אפ די שפאניער.

די ארקעבוזנ האָבנ געשאָסנ אונ אלעמאָל געטראָפנ אינ ציל. באלויכטנ מיט פאקעלנ, זײַנענ די שפאניער געפאלנ איינע נאָכ די אנדערע.

— לעבנ זאָלנ די געזנ! — האָט געשריִענ דער אָטריאד, וואָס האָט געראטעוועט די געפאנגענע.

— לעבנ זאָלנ די געזנ! — האָט אולענשפיגעל געשריִענ, — די שפאניער זײַנענ ארומגערינגלט! שלאָגט זיי, שלאָגט זיי אָנ ראכמאָנעס! אנ עק, א סאָפ! קיינ איינער פונ זיי איז ניט געבליבנ לעבנ. קלײַבט צונויפ די זאכנ אונ מארש קיינ ענקהייזענ! אלע זײַנענ גרייט?

— אלע, — האָבנ אויסגעשריִענ די געפאנגענע, — לעבנ זאָלנ די געזנ!

באמ ברעג יאמ האָבנ די געזנ פארכאפט עטלעכע שיפנ אונ זײַנענ אנטלאָפנ קיינ ענקהייזנ. פונ דאָרטנ האָבנ אולענשפיגעל, לאמע אונ נעלע זיכ אומגעקערט אפ זייערע שיפנ אונ זײַנענ ווידער ארויס אינ אָפענעמ יאמ.

קאפיטל 27

וועגן דעם, ווי לאמע גודזאק איז געוואָרן א קאָק אפ דער רומפּולער שיף „ברילל״

איבערן אָקעאַן, נאָענט צו דער לעפּצונג פון שעלדע, אין א זוניקן טאָג און אין א רעגן־טאָג, זומער און ווינטער, האָבן זיך געטראָגן, אזוי ווי גרויסע פרייע פויגלען, די שיפן פון די געזן. פליבאָטן, בוערס און שקו־געס זיינען מיט פאנאנדערגעלאָזענע זעגלען געפלויגן פאָרויס. אפן פאָדער־טייל פון די שיפן האָבן געסטארטשעט לאנגע קולעווערינעס, וואָס האָבן געדראָעט די שפּאַניער מיט זייער צעשמעטערנדיקן פייער.

לאמע איז געוואָרן פריילעכער. ער פלעגט אָפט צונויפקלייבן א קאָמ־פּאַניע באלאָנים און גיין מיט זיי אפן ברעג נאָך עסנווארג. עס איז געווען פריילעך צו קוקן, ווי זיי קערן זיך אום פון זייער געיעג. רינדער פלעגן זיי פירן אפ שטריק און אמאָל פּאָשעט פאר די הערנער. שעפּסן פלעגן זיי טרייבן גאנצע סטאדעס. גענדז פלעגן זיי אונטערטרייבן מיט ריטער. הינער, הינדלעך און אינדיקעס פלעגן זיי שלעפּן אין זעק און דערנאָך אופהייבן פון די שיפלעך מיט האקנס.

אפ די שיפן פלעגט זיך אָנהייבן א סודע.

— ס׳ארא זעלטענער סאָוס, — האָט לאמע געזאָגט, — ס׳ארא געטלע־כער רייעך! ער הייבט זיך אוף צום הימל, און די הערן מאלאָכים שמעקן אים אָן אופהער.

איינמאָל איז אפ די געזן אָנגעפלויגן א גאנצער האנדל־פלאָט פון ליסאבאָן. דער קאָמאנדיר פונעם פלאָט האָט ניט געוווּסט, אז די געזן האָבן שוין איינגענומען פליסינגען; ער איז, דעריבער, געגאנגען, ניט אָנעמענדיק קיין שום פּאָרזיכטיקייט־מיטלען.

דעם פלאָט האָט מען טייקעף ארומגערינגלט. מע האָט באפוילן די האנדל־שיפן זיך פאראנקערן. די פויקן און פייפלעך האָבן דערלאנגט א סיגנאל: „אפ אבאָרדאזש״. די סאָכרים האָבן געגומען שיסן. זיי האָבן באַ־שלאָסן פארטיידיקן זייער האָב־און־גוטס מיט געווער אין די הענט.

דעמאָלט האָבן די געזן געענטפערט מיט א שיסערײַ. זייערע ארקעבו־זירן האָבן זיך באהאַלטן לעבן דעם גראָט־מאסטבוים הינטער גרויסע הילצערנע שילדן און טרעפלעך געשאָסן. די סאָכרים זײַנען געפאַלן, ווי די פליגן.

— פּאָרויס! — האָט אולענשפּיגעל אויסגעשריִען. — מיר וועלן דאָ אָפּ־לעקן א ביינדל. אָט האָט איר איידלשטיינער, אָט האָט איר צוקער, מוס־קאַט, נעגעלעך, אינגבער, רעאַלן, דוקאַטן — טײַערע נײַינקע רענדלעך. מיר האָבן געדעקט אונדזערע הויצאָעס. אַפּ אבאָרדאזש! פּאָרויס!

די געזן האָבן זיך א וואָרף געטאָן אַפּ די שפּאַניער. אולענשפּיגעל און לאמע האָבן, ווי לייבן, זיך געטראָגן איבער די שיפן. נעלע האָט גע־פּײַפט אַפּ איר פײַפל און זיך אויסבאהאַלטן הינטער די הילצערנע שילדן. אינגיכן האָבן די געזן פארכאַפּט דעם גאנצן פלאָט.

מע האָט גענומען איבערציילן די פארלוסטן. שפּאַניער זײַנען דערהאר־געט געוואָרן טויזנט מאַן, געזן — דרײַ הונדערט. צווישן די דרײַ הונדערט איז אויך געווען דער קוכער פון דער שיף „בריל".

— הער קאַפּיטאַן, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט צו טרעלאָנען, — דערלויבט מיר א שמועס טאָן מיט די מאטראָסן.

— שמועס, — האָט טרעלאָן געזאָגט.

אולענשפּיגעל איז ארויסגעטראָטן פאָרויס און געזאָגט:

— הער קאַפּיטאַן, פרײַנט און כאַווײַרים! הײַנט האָבן מיר אָפּגענומען בא די שפּאַניער א שיינע ביסל געשמאַק עסנוואַרג און אַלערלײַ געווירצן. אָט שטייט פאַר אײַך מײַן פרײַנט לאמע. ער האַלט, אַז אײַער פארשטאָר־בענער קוכער — זאָל ער האָבן א ליכטיקן גאַניידן — איז געווען ניט גאָט וייסט וואָס פאַר א מײַסטער אַפּ געבראָטנס. איז לאָמיר באשטימען אַפּ זײַן אָרט לאמען. ער וועט אונדז צוגרייטן אזא געבראָטנס, וואָס נאָר אין גאַניידן קריגט מען עס.

— מאסקים, — האָבן די מאטראָסן געזאָגט — זאָל לאמע בלײַבן דער שיפּ־קאָך. גיט אים א הילצערנעם מישלעפל, מיטן דאָזיקן לעפל וועט ער אָנגיסן סופּ און אויך מילכאָמע האַלטן מיט די יונגעס, ווען זיי וועלן זיך פארקלײַבן אַפּ דער טעריטאָריע פון זײַן קיך.

— הער קאַפּיטאַן, פרײַנט און כאַווײַרים, — האָט לאמע געזאָגט. — איר זעט, איך וויין פאַר גרויס פרייד, ווײַל איך שווער אײַך, אַז כ'האָב לאַכ־לוטן ניט פארדינט אזא גרויסן קאָוועד. נאָר אויב אזא איז אײַער באַשלוס, נעם איך אַפּ זיך דעם בעקאָוועדיקן טיטל קיך־פּראָפעסאָר אַפּ דער העל־דישער שיפּ „בריל". איך בעט אײַך אָבער, איר זאָלט מיר שענקען די ברייטסטע קיך־רעכט. איך וועל שטרענג אכטונג געבן, אַז איטלעכער זאָל עסן זײַן פּאָרציע און ניט טשעפּען זײַן כאַווערס פּאָרציע. און אויב אַזוינס

וועט פּאסירן, וועל איך אַרויסווײַזן אַ ווידערשטאַנד דעם דאָזיקן נידער־טרעכטיקן טאַט מיט מײַן גאַנצער קראַפט, לויט דעם רעכט און לויטן געזעץ.

— לעבן זאָל לאַמע! — האָבן אויסגעשריִען די מאַטראָסן. — אויף דײַן זײַט וועלן זײַן אי די קראַפט, אי דאָס רעכט, אי דער געזעץ!

— און נאָך אַ ביטע האָב איך צו אײַך, — האָט לאַמע פאָרגעזעצט, — איר זעט, אַז איך בין אַ מענטש אַ פעטער, אַ הויכער, אַ מעגושעמדיקער. מײַן בויך איז גרויס. מײַן מאָגן פאָדערט נאָכאַנאַנד עסן, מײַן אָרעם ווײַב — דער אייבערשטער זאָל מיר זי אומקערן — פלעגט מיר אַלעמאָל געבן צוויי פּאָרציעס אָנשטאָט איינער. זײַט זשע אַזוי גוט און טוט מיר אויך דעם דאָזיקן גנאָד.

— בראַוואָ, לאַמע, — האָבן אויסגעשריִען טרעלאָן, אולענשפּיגעל און די איבעריקע מאַטראָסן, — וועסט באַקומען צו צוויי פּאָרציעס!

דאָ איז אויף לאַמען אָנגעפאַלן אַ בענקעניש און ער האָט געזאָגט:

— מײַן אָרעם ווײַב! טײַערע שיינהײַט מײַנע! וואָס קאָן מיך טרייסטן, ווען דו ביסט מיט מיר ניטאָ! סײַדן די זיכרוינעס וועגן דײַן געטלעכער קיך, וועגן דײַנע וווּנדערלעכע קעקסן און טאָרטן.

— מע דאַרף געבן אַ שוווּע, מײַן זון, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — גיט אָקאָרשט אָהער דעם גרויסן מישלעפל און דעם קופּערנעם קעסל.

ווען מע האָט געבראַכט די דאָזיקע קיילים, האָט לאַמע גענומען אין דער רעכטער האַנט דעם מישלעפל, אַוועקגעלייגט די לינקע האַנט אויפן קעסל און געהאַלטן פאָלגנדיקע רעדע:

— איך שווער בײַ גאָט, וועמעס נאָמען איך דערמאָן אַלע שאָ. איך שווער זײַן געטרײַ דעם הער אָראַנער פּרינץ, וואָס מע רופט אים דער שווײַ־גער, אונדזער רומפולן מאַרשאַל!

„איך שווער זײַן געטרײַ דעם הער דע־ליומע, דעם אַדמיראַל, דעם קאָמאַנדיר פון אונדזער כאָשעוון פלאָט, ווי אויך דעם הער טרעלאָן, דעם וויצע־אַדמיראַל און קאַפּיטאַן פון דער שיף „בריל".

„איך שווער אָפּצוהיטן אַלע קלאָלים און מינהאָגים פון די פּאַרציײַטיקע קוכערס, וואָס האָבן אונדז איבערגעלאָזן וועגן דער גרויסער קיך־מײַסטער־שאַפט זעלטענע ביכער, איליוסטרירט מיט אויסגעצייכנטע גראַווירן און בילדער.

„איך שווער אָפּהיטן די אַלע קלאָלים און צוגרייטן פלייש, אויפעס און אַלערליי אַנדערע מײַכאָלים, וואָס דער מאַזל וועט אונדז צושיקן, און שפּײַזן מיט זיי דעם אויבנדערמאָנטן הער טרעלאָן, דעם קאַפּיטאַן, זײַנע געהילפן, מײַן פרײַנט אולענשפּיגעל, ווי אויך אײַך אַלעמען, שיפלײַט, באָצמאַנעס, לאָצמאַנעס, זעלנער, קאַנאָנירן, האַרמאַטן־אָנצינדער, דעם

לאַמע גודזאַק

פֿון זשאָזעפּ דיוּוועס אָפּאָוט

דער מאָנאַך קאָרנעלִיס

פון אדאָלף דילענס אָפּאָרט

קאַפּיטאַנס פּאַזש, דעם דאָקטער, דעם טרומייטער, די מאַטראָסן און אַלע איבעריקע יאַמלײַט.

„און אויב דאָס פלייש וועט זײַן רוילעך און די אויפּעס וועלן זיך שלעכט אײַנבראָטן, אויב דער סוף וועט זײַן ניט קיין פּעטער און דער סאָוס — ניט קיין געשמאַקער, אויב מײַן מיטיק וועט אײַך ניט אָנזעטיקן און ניט פריילעך מאַכן אײַערע הערצער, — דעמלט וועל איך זיך אָפּזאָגן פון מײַן בעקאָוועדיקער שטעלע און וועל מיטן אייגענעם ווילן פאַרלאָזן מײַן קיך־טראָן.

„זאָל מיר גאָט דער האַר העלפן אי אַף דער וועלט, אי אַף יענער־וועלט!“

— לעבן זאָל אונדזער קאָך! — האָבן אויסגעשריִען די מאַטראָסן — לעבן זאָל דער קיניג פון דער קיך, דער אימפּעראַטאָר פון די געבראָטענע פּופּיקעס! אַלע זונטיק וועט ער באַקומען ניט צוויי פּאָרציעס, נאָר גאַנצע דרײַ.

אַזוי־אַרום איז לאַמע געוואָרן דער קאָך אַף דער שיף „בריל“. און אין דער צײַט, ווען זײַנע סופּן האָבן זיך געקאָכט אין די פּאַנען, איז ער שטאָלץ געשטאַנען לעבן טיר פון קיך און האָט געהאַלטן אין האַנט, אַזוי ווי אַ סצעפּטער, זײַן ריזיקן הילצערנעם מישלעפל.

און אַלע זונטיק פלעגט ער באַקומען דרײַ מיטיקן.

ווען עס פלעגט זיך אָנהייבן אַ שלאַכט, פלעגט ער האַלטן פאַר נייטיק צו איבערבלײַבן אין דער לאַבאָראַטאָריע פון זײַנע סאָוסן. פון צײַט צו צײַט נאָר פלעגט ער זיך אופהייבן אַפן שיף־דעק, אויסשיסן עטלעכע מאָל און ווידער אַוועקלויפן אונטן — אַכטונג געבן אַף זײַנע סאָוסן. די מאַטראָסן האָבן אינגיכן ליב געקראָגן לאַמען. קיינער האָט אָבער ניט געהאַט קיין רעכט אַרײַנצוגיין צו אים אין קיך, ווײַל ער פלעגט דעמלט ווערן אַ צעקאָכטער און פלעגט זיך נעמען שלאָגן מיט זײַן הילצערנעם מישלעפל.

און דערפאַר האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן לאַמע דער לייב.

קאַפּיטל 28

וועגנ דעמ, ווי עס האָט געלעבט פיליפּ, דער שפּאַנישער קיניג

און אינ שפּאַניע, אינ עסקוריאַל, האָט געלעבט דער קיניג פיליפּ, און דער אייביקער אומעט האָט אימ ניט אָפּגעהערט צו פּײַניקנ.

ער פלעגט טפילע טאָנ צו גאָט, אז ער זאָל אימ העלפנ באַזיגנ די גאַנצע וועלט: ער האָט געוואָלט באַזיגנ ענגלאַנד, אײַנעמענ פראַנקרײַכ, באַפעסטיקנ זײַנ מאַכט אינ נידערלאַנד, פאַרכאַפּנ מילאַנ, גענוע און ווענע־ציע, ווערנ א האַר איבער אַלע יאַמענ און הערשנ אינ גאָר דער וועלט.

און אַלעמאָל איז אימ געווענ קאַלט, קיינ זאַכ האָט אימ ניט געקאָנט אָנוואַרעמענ. עס האָט אימ ניט געהאָלפנ ניט קיינ ווײַנ און ניט קיינ פּײַער, וואָס האָט אייביק געברענט אינ קאַמינ. דער קיניג האָט אַלצ גע־טראַכט וועגנ זײַנ זונ, דאָנ קאַרלאָס, וואָס האָט געוואָלט פאָרנ קיינ נידער־לאַנד צו פאַרבײַטנ דעמ הערצאָג אַלבאַ.

„ער וויל אַלייַנ קיניגנ אינ נידערלאַנד“, האָט דער קיניג געטראַכט, און דער האַס צומ זונ איז בא אימ געוואַקסנ פונ יאָר צו יאָר. נאָר ער האָט וועגנ דעמ מיט קיינעמ ניט גערעדט.

די הויפלײַט האָבנ ניט געוווּסט, פאַר וועמענ זאָלנ זיי מער מוירע האָבנ — פאַרנ קיניג פיליפּ אָדער פאַר זײַנ זונ, דאָנ קאַרלאָס. דאָנ קאַר־לאָס פלעגט אַליינ זיכ אַרופוואַרפנ אַפ די דינער און צעדראַפּענ זיי די פּנימער ביז בלוט. דער קיניג אָבער פלעגט מיט די אייגענע הענט קיינעמ ניט באַשטראָפנ: ער האָט געהאַלטנ פאַר קליגער צו טאָנ עס דורכ א דריטער פּערזאָנ, אַליינ פלעגט ער, ווי א היענע, זיכ שפּײַזנ מיט מייסימ.

די דינער האָבנ זיכ געשראָקנ, זעענדיק מיט וואָס פאַר א האַס דער קיניג און דער פּרינצ קוקנ איינער אַפנ צווייטנ. מע האָט גענומענ שמועסנ, אז אינ עסקוריאַל וועט אינגיכנ זײַנ א מעס.

ווירקלעכ, דאָנ קאַרלאָסנ האָט מענ באַשולדיקט אינ פאַראַט און אימ אַרײַנגעזעצט אינ טורמע. ער האָט געפּרוווט אַנטלויפנ דורכנ פענצטער, נאָר ער

האָט בלויז פארווונדעט דאָס פּאָנעמ מיט די אײַזערנע גראַטעס. אַפּ מיטיק האָט אים דער טורמע־אופזעער דערלאַנגט פּײַנגנ. דאָנ קאַרלאָס האָט זיי אופגעגעסנ, אונ אינ אָוונט איז ער געשטאָרבנ אינ שרעקלעכע יעסורימ.

דער קיניג פּיליפּ האָט אײַנגעאָרדנט א פּײַערלעכע מעסע אונ געהייסנ באַגראָבנ דעמ זונ אינ דער פּאַלאַץ־קאַפּעלע; געזעגנענדיק זיכ מיטנ אינפאַנט, איז דער קיניג געווענ, ווי אַלעמאָל, פארצאָרנט, אָבער וויינענ האָט ער ניט געוויינט.

ווידער האָבנ אינ עסקוריאַל זיכ גענומענ ציִענ כמורנע, אומעטיקע טעג.

פּיליפּ פלעגט אָפט שפּילנ אַפּ זײַנ לעבעדיקנ קלאַוועסינ. אינ אימ זײַנענ געווענ פארשפּאַרט קעצ, זייערע קעפּ פלעגנ זײַנ ארויסגערוקט פונ קײַלעכדיקע לעכלעכ, וואָס מע האָט אויסגעבויערט איבער די קלאַווישנ. ווענ דער קיניג פלעגט א קלאַפּ טאָנ איבער א קלאַוויש, פלעגט א לאַנגער שפּיצ זיכ ארײַנשנײַדנ דער קאַצ אינ קערפּער, אונ די קאַצ פלעגט נעמענ שרײַענ פונ ווייטעק. פּיליפּ האָט אָבער ניט געלאַכט.

מער פונ אַלצ האָט זיכ אימ געוואָלט פארענדיקנ מיט דער ענגלישער קיניגנ עליזאַבעט אונ אוועקזעצנ אַפּ איר טראָנ מאַריע סטיוּאַרט, א געטרײַע טאָכטער פונ דער קאַטוילישער קירכ. ער האָט וועגנ דעמ געשריבנ דעמ פּויפּסט, אונ דער פּויפּסט האָט צוגעזאָגט מיט אַלערליי אויפאַנימ העלפנ אימ, פּיליפּנ. ליידער אָבער איז דער פּויפּסט געווענ אָרעמ, ווי א קלויסטער־פּאַצוק, אונ זײַנע צוזאָגנ זײַנענ געבליבנ אַפּנ פּאַפּיר.

דעמאָלט האָט פּיליפּ געשיקט קיינ ענגלאַנד פּיר מערדער: צוערשט צוויי איטאַליענער, דערנאָכ צוויי שאָטלענדער. זיי האָבנ געדאַרפט דערשטעכנ די קיניגנ עליזאַבעט. די מערדער האָט מענ אָבער געכאַפּט, אונ זיי האָבנ פארענדיקט זייער לעבנ אַפּ דער טליִע.

זעענדיק, אַז זײַנע פּלענער גיבנ זיכ ניט אײַנ, איז פּיליפּ געוואָרנ נאָכ מער אופגערעגט.

מע האָט אימ געבראַכט א גרויסנ אײַזערנעמ קאַסטנ מיט הויכע ווענטלעכ. אינ קאַסטנ האָט מענ ארײַנגעזעצט מײַז אונ פּאַצוקעס, דער קיניג פלעגט אוועקשטעלנ דעמ קאַסטנ אַפּנ פּײַער אונ קלײַבנ נאַכעס, זעענדיק ווי עס מאַטערנ זיכ די אומגליקלעכע כײַעלעכ. די פּאַצוקעס האָבנ זיכ געוואָרפנ איבערנ קעסטל, געפּישטשעט אונ, ענדלעכ, געפּײַערט אינ שרעקלעכע ליידנ. אונ דער קיניג האָט אַפּ זיי זשעדנע געקוקט, ניט אָפּרײַסנדיק פונ זיי די אויגנ.

ווענ פּיליפּ האָט זיכ דערוווּסט וועגנ די ניִצכוינעס פונ די געזנ, איז ער שוינ געווענ א שוואַכער העסלעכער זאָקנ. זײַנ גופּ האָט שוינ געהרייזעט דער טויט. אונטער דער הויט בא אימ זײַנענ שוינ געווענ נעסטנ

ווערעם. א קראנקער און אן אכזער, פלעגט ער זיך אומשלעפן איבערן שלאָס, און אין ערגעץ ניט געפינען קיין רו. אפילו ווען עס פלעגט זיך אָנהייבן דער באגינען, ווען די זון פלעגט פארגיסן זיין שלאָס מיט איר זעלטענער שיין, — אפילו דעמלט איז דער קיניג געווען פארצאָרנט, כּוי־שעכדיק און קיין שום פרייד האָט ער ניט געפילט אין זיין הארצן.

אזוי האָט דער מאזל זיך אויסגעלאכט פונעם דאָזיקן אָנראכמאָנעסדיקן הענקער, דעם אונטערדריקער פון פרייע פעלקער.

קאפיטל 29

װעגן דעם, װי עס איז באשטראָפט געװאָרן דער פארעטער דיריק סלאָסע

אין די הענט פון די געזן איז שױן געװען דער גאנצער ברעג יאם, — אָנהײבנדיק פון ניופּאָר און װײַטער דורך אָסטענדע, בלאנקענבערגע, דורך די זעלאנדישע אינדזלען און דורך די לעפצונגען פון שעלדע, מאאס און רײַן אזש ביז העלדערן. די אינדזלען מעסעל, פלילאנד, טערסהעלינג, אמערלאנד, ראָטום און באָרקום זײַנען באפרײַט געװאָרן פון דער שפּאנישער הערשאפט. די געזן האָבן פארכאפּט דעלפט, דאָרדרעכט, ראָטערדאם, קאמ־פען, סװאָלע און דאָס זיטפענער גראפנטום. בלױז אמסטערדאם, סכאָאָנטאָ-װען און מידעלבורג זײַנען נאָך געװען אין די הענט פונעם סױנע.

אזױארום איז אין די הענט פון די געזן געװען קימאט דאָס גאנצע צאָפנדיקע און דאָרעמדיקע האָלאנד און גאנצ זעלאנד. און אָט איז דאָס לאנד געקומען אין באװעגונג: עס האָט זיך א רודער געטאָן אין פלאנ-דריע, עס האָט זיך גענומען קאָכן אין בראבאנט. דער שניט איז צײַטיק גע-װאָרן פארן סערפּ. לעבן זאָלן די געזן!

אין דעקאבער כּוידעש האָבן די שיפן פון די געזן קרײסירט אין זױדערזעע.

אײנמאָל האָט דער אדמיראל אײַנגעלאדן זײַנע קאפּיטאנען צו זיך אפן שיף און האָט געזאָגט אולענשפּיגעלן:

— אלס צײכן פון דאנקבארקײַט פאר דײַן געטרײַער דינסט און פאר דײַנע פארדינסטן פארן פאָטערלאנד באשטימט דיך דער פּרינץ פאר קאפּי־טאן פון דער שיף „בריל". אָט האָסטו א פארמען װעגן דײַן באשטימונג.

— איך דאנק אײַך, הער אדמיראל, — האָט אולענשפּיגעל געענטפערט, — איך װעל קאפּיטאנעװען לױט מײַנע קױכעס נאָך, און װעל זיך סטארען ארױסטרײַבן פון נידערלאנד אלע שפּאנישע קאפּיטאנען, קעדײ אונדזער פאָטערלאנד זאָל װערן פרײַ און אומאָפּהענגיק.

— אױסגעצײכנט! — האָט דער אדמיראל געזאָגט.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו די קאָמאַנדירן און געזאָגט:

— די הערן אַמסטערדאַמער קלייַבן זיך באַלאַגערן ענקהייזען. מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז זייער פּלאַן זאָל פאַרווירקלעכט ווערן. זייערע שיפן זייַנען נאָך ניט אַרויס פון איער קאַנאַל. דעריבער זאָלן אונדזערע שיפן קרייסירן באַם ברעג און פאַרצאַמען זיי דעם וועג. אויב כאָטש איין פייַנטלעכע שיף וועט אַרויסשטעקן די נאָז אין זויִדערזעע, איז צעקלאַפּט זי אָן ראַכמאָנעס.

— אָן ראַכמאָנעס! — האָבן די קאָמאַנדירן געענטפערט. — לעבן זאָלן די געזן!

אומגעקערט זיך אַף דער שיף, האָט אולענשפּיגל צונויפגעקליבן אַפן שיף־דעק אַלע זעגלער און מאַטראָסן און האָט זיי געמאָלדן דעם אַדמיראַלס באַשלוס.

— אונדזערע פליגלען — זייַנען שיף־זעגלען, — האָבן די מאַטראָסן געזאָגט, — אונדזערע הענט — אַבאָרדאַזש־האַקנס. לעבן זאָלן די געזן!

דער פלאָט איז אַרויס אין יאַם און גענומען קרייסירן אַ מייַל פון אַמסטערדאַם. אָן דער דערלויבעניש פון די געזן האָט קיינער ניט געקאָנט ניט אַרויס פון שטאָט און ניט צוקומען צו איר פון יאַם.

פינף טעג האָט געגאָסן אַ רעגן. אַפן זעקסטן טאָג האָט דער הימל זיך אויסגעלייַטערט. עס האָט געבלאָזן אַ שאַרפער קאַלטער ווינט. די אַמסטערדאַמער האָבן געשוויגן.

— דו ווייסט, מייַן זון, — האָט אולענשפּיגל געזאָגט צו לאַמען, — די אַמסטערדאַמער שווייַגן ניט אומזיסט. זיי האָבן עפּעס פאַרטראַכט.

— איך האָב שוין אַ קלער געטאָן וועגן דעם, — האָט לאַמע געזאָגט, — ניט אומזיסט איז באַ מיר דאָס וואַסער פאַרפרוירן געוואָרן אין די פעסער. די ווורשטן האָבן זיך באַדעקט מיט פריר־טוי, און די פּוטער איז געוואָרן האַרט ווי שטיין.

— ווען דער יאַם וועט פאַרפרוירן ווערן, — האָט אולענשפּיגל געזאָגט, — וועלן זיי צופירן מיטן אייַז זייער אַרטילעריע און מאַכן פון אונדזערע שיפן אַ טעל.

ער איז אַוועקגעפאָרן אַף דעם אַדמיראַלס שיף און האָט אַרויסגעזאָגט דעם אַדמיראַל זייַן חשש.

— דער ווינט בלאָזט פון ענגלאַנד, — האָט דער אַדמיראַל געזאָגט, — עס וועט אויספאַלן אַ שניי. קיין פראָסט וועט ניט זייַן.

אולענשפּיגל האָט זיך אומגעקערט אַף צוריק.

באַנאַכט איז טאַקע אויסגעפאַלן אַ שטאַרקער שניי. שפּעטער אָבער איז פון דער זייַט פון נאָרוועגיע אָנגעפלויגן אַ פראָסטיקער ווינט, און דער יאַם איז שנעל פאַרפרוירן געוואָרן. אַצינד האָבן די אַמסטערדאַמער געקאָנט צו-

גיין צו די שיפֿן פֿון די גענז מיטן אײַז און אונטערצינדן זיי. דער אַד־מיראַל האָט באַפֿוילן די זעלנער צוגרייטן גליטשערס — אַף דעם פֿאַל, ווען ס'וועט אויסקומען צו פֿירן אַ שלאַכט אַרום די שיפֿן. די קאַנאָנירן האָט מען באַפֿוילן צוקייקלען סנאַריאַדן צו די לאַפֿעטן, אָנלאָדן די האַרמאַטן און האַלטן גרייט די קנויטן פֿון די האַרמאַטן.

אָבער עס איז אַדורך זיבן טעג, און די אַמסטערדאַמער זײַנען ניט געקומען.

אויפֿן אַכטן טאָג האָט אולענשפּיגעל באַפֿוילן אַרויסגעבן די זעלנער אַ דרײַענדיקע פּאָרציע ווײַן, קעדיי זיי זאָלן זיך גוט אָנוואַרעמען פֿאַר דער שלאַכט.

— צום באַדויערן, — האָט לאַמע געזאָגט, — האָבן מיר גאָרנישט אויסער סוכאַרעס און זויערן ביר.

— לעבן זאָלן די גענז! — האָבן גענומען שרײַען די זעלנער, — אַ פֿיסנער טרונק וועט אויך גוט זײַן פֿאַר דער שלאַכט.

— די שלאַכט וועט נאָך ניט זײַן אַזוי גיך, — האָט לאַמע געזאָגט, — די אַמסטערדאַמער וועלן זיך צוערשט צונויפֿקלײַבן אַרום אַ וואַרעמען קאַמין, וועלן אויסטרינקען עטלעכע קיפֿל ווײַן, געקאָכט מיט מאַדערער צוקער, — דער אייבערשטער זאָל עס אונדז אויך צושיקן, — דערנאָך וועלן זיי אָנהייבן איבערקלערן, און אַרום האַלבער נאַכט וועלן זיי באַשליסן, אַז ס'וואָלט געווען אַ גאַנץ גלײַכע זאַך צונויפֿצוקלײַבן זיך אַף מאָרגן און באַהאַנדלען די פֿראַגע — אָנפֿאַלן אַף אונדז אָדער ניט אָנפֿאַלן אַף אונדז די וואָך. אַף מאָרגן וועלן זיי זיך ווידעראַמאָל צונויפֿקלײַבן, ווידער אויסטרינקען ווײַן מיט מאַדעריער צוקער, — דער אייבערשטער זאָל עס אונדז אויך צושיקן, — און זיי וועלן באַשליסן, אַז אפֿריער דאַרף מען פֿעסטשטעלן — צי דאָס אײַז וועט אויסהאַלטן אָדער ניט אויסהאַלטן, אויב מע זאָל שיקן צו די שיפֿן אַן אַרטילעריע־אָטריאַד. זייערע געלערנטע וועלן אויסמעסטן די גרעב פֿונעם אײַז און צונויפֿשטעלן אַף פּאַרמעט אַ לאַנגן אויספֿיר. איבערלייענענדיק אים, וועלן די אַמסטערדאַמער זיך דערוויסן, אַז דאָס אײַז האַלט שוין אַ האַלבן אייל די גרעב און עס איז, הייסט עס, געניג פֿעסט אַף אויסצו־האַלטן די שווערקייט פֿון אַן אָטריאַד מיט האַרמאַטן און מיט פֿעלד־אַרטי־לעריע. דעמלט וועלן זיי זיך ווידעראַמאָל צונויפֿקלײַבן אַף אַ באַראַטונג, און דאָ וועלן זיי רויִק, געדולדיק, טרינקענדיק אָן אַ שיר קריגלעך גע־קאָכטן ווײַן, קומען צום באַשלוס, אַז ס'וואָלט געווען ניט קיין נאַרישקייט, ווען עס גיט זיך אײַן צו פֿאַרכאַפּן אונדזערע שיפֿן און אָפּנעמען בײַ אונדז די אויצרעס, וואָס מיר האָבן אָפּגעשלאָגן בײַ די ליסאַבאָנער...

— רעדסט גאַנץ גלאַט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — נאָר טו אַ קוק אַף דער שטאָט, וואָס זײַנען עס פֿאַר' אַ מענטשן, וואָס לויפֿן דאָרט אום פּאָכנדיק מיט די לאַמטערנס?

— זיי איז קאַלט, לויפֿן זיי אום, — האָט לאַמע געזאָגט. נאָכדעם האָט ער צוגעגעבן מיט אַ טרויעריקן זיפֿץ: — מע האָט אַלץ אויפֿגעגעסן, ניטאָ מער קיין פֿלייש, קיין אויפֿעס, קיין ווײַן, פֿאַראַן בלויז סוכאַרעס און זויערער ביר. דער, וואָס האָט מיך ליב, זאָל גיין נאָך מיר!

— וווּהין ווילסטו עס גיין? — האָט אולענשפּיגעל אַף אים גענומען שרײַען. — קיינער האָט ניט דאָס רעכט אַוועקצוגיין פֿון שיף! אַף צוריק!

— מײַן זון, — האָט לאַמע אים געזאָגט — אַזינד ביסטו אונדזער קאַפּיטאַן, און איך בין מעכויעוו צו פֿאָלגן אַלץ, וואָס דו הייסט, באַרעכן זיך אָבער: אייערנעכטן האָבן מיר אויפֿגעגעסן דאָס לעצטע שטיקל וווּרשט. אין דרויסן איז אַ פֿראָסט. אונדזערע געטרײַע כאַוויירים נייטיקן זיך אין געקאָכט עסן, אַקוראַט ווי זיי נייטיקן זיך אין דער זון. וואָס קאָן אונדז פֿרייִלעך מאַכן, אויב דער איווון שטייט אַ קאַלטער, אַ פֿאַרוואָרלאָזטער? מײַן זון, טו אַ קוק אַף די פֿײַערלעך, וואָס פֿינקלען אַפֿן ברעג אין דער שכייניעסדיקער פֿערמע. דו ווייסט, ווער דאָרט וווינט? אַ פֿריסלענדער שיפֿאייגנטימער, וואָס זײַן נאָמען איז דיריק סלאָסע. ווען ענקהייזען איז נאָך געווען אין די הענט פֿון די שפּאַניער, האָט ער אַרײַנגעשלעפּט אַהין דעם הער דאַנדלאָ און נאָך אַן אַכצן רעפֿאָרמאַטן און האָט זיי איבערגעגעבן צו דעם הערצאָג אַלבאַ. די רעפֿאָרמאַטן האָט מען געקעפּט אין בריסעל, אַפֿן פֿערדמאַרק. דיריק סלאָסע האָט דערפֿאַר באַקומען פֿונעם הערצאָג צוויי טויזנט פֿלאָרין. פֿאַר דעם דאָזיקן געלט האָט ער זיך געקויפֿט אַ פֿערמע, אַ פֿעלד און אָן אַ שיר רינדער.

— קלאַאַסעס אַש ברענט מײַן האַרץ! — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

— גיב מיר אַ פּאָר צענדליק זעלנער, — האָט לאַמע געזאָגט, — איך וועל פֿאַרכאַפּן דעם פֿאַרעטער.

— איך וועל אַליין זײַן אײַער קאָמאַנדיר, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — נאָך מיר, פֿרײַנט!

די זעלנער זײַנען אַלע ווי איינער אַוועק מיט אולענשפּיגעלן.

— ניט אַלע, ניט אַלע, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — ס׳איז גענוג אַ מאַן צוואַנציק. די איבעריקע זאָלן בלײַבן היטן די שיף. וואַרפֿט גורל — ווער פֿון אײַך זאָל גיין, און ווער עס זאָל בלײַבן אַף דער שיף.

מע האָט געוואָרפֿן גורל, און צוואַנציק דרייסטע יונגע האָבן אָנגעטאָן די גליטשערס. דער ווינט האָט געפֿײַפֿט און געטריבן איבערן אײַז שנייוויכערס. די געזן זײַנען געלאָפֿן שטיל. בלויז די גליטשערס האָבן געסקריפּעט אונטער די פֿיס.

אַפֿן ברעג איז געווען טויט-שטיל. פֿאַרטײַענדיק דעם אָטעם, האָבן די געזן אַרומגערינגלט די פֿערמע. אולענשפּיגעל האָט באַפֿוילן זיך באַהאַלטן

אין א שפּײַכלער. די זעלנער האָבן זיך באַהאַלטן. מע האָט ניט געהערט קיין איין קלאַנג.

אולענשפּיגעל איז צוגעגאַנגען צו דיריקס הויז און האָט הויך אָנגע־קלאַפּט אין טיר. עס האָבן געגומען בילן די הינט. אולענשפּיגעל האָט נאָכ־אַמאָל אָנגעקלאַפּט. דער באַלעבאָס האָט א קוק געטאָן פון פענצטער.

— ווער איז דאָרט?

— דער הער דע־בוסיו האָט דיר באַפוילן טייקעף זיך מעלדן קיין אַמסטערדאַם! — האָט אים אולענשפּיגעל געזאָגט.

— באַווײַז דעם דורכלאָז־שײַן! — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט, עפענענ־דיק די טיר.

— אָט איז דער דורכלאָז־שײַן! — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט און ער האָט זיך איינגענעמט מיט די געזן אַרײַנגעריסן צום פֿאַרעטער אין הויז.

— דו ביסט — סלאָסע, וואָס האָט אויסגעגעבן דעם הער דאַנדלאָ און אַכצן רעפאָרמאַטן, — האָט ער געזאָגט צום באַלעבאָס, — ווו איז דאָס געלט, וואָס דו האָסט באַקומען פֿאַרן פֿאַראַט?

— איך האָב קיין גראָשן ניט, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט. — האָט אַפ מיר ראַכמאָנעס, הערנ געזן!

— ווו ליגט בא דיר ליכט? — האָט אים לאַמע געפֿרעגט.

— דאָרטן אפּן וואַנט הענגען זיי, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט.

מע האָט אָנגעצונדן א ליכט.

— ס'איז קאַלט, — האָט איינער פון די געזן געזאָגט, — לאָמיר אײַנ־הייצן דעם קאַמין. אָט איז א גוטע זאַך אַפ אײַנהייצן.

און ער האָט באַוויזן אַפ א פּאָליצע, אַפ וועלכער עס זײַנען געשטאַ־נען טעפּלעך מיט פֿאַרטריקנטע בלומען. דער סאָלדאַט האָט אַרויסגעריסן פון טעפּל א בלום. דאָס טעפּל איז אַראָפּגעפאַלן, און אַפּן דיל האָבן זיך אויסגעשאָטן גלאַנציקע גאָלדענע פֿלאָרינען.

— אָט ווו דײַן געלט איז! — האָבן אים די געזן געזאָגט.

זיי האָבן אויסגעטרייסלט פון אַלע טעפּלעך די ערד און האָבן געפונען אין זיי צען טויזנט פֿלאָרינ.

דער באַלעבאָס האָט געוויינט און געגומען רופן צו הילף. עס זײַנען געקומען צו לויפן זײַנע אַרבעטער. זיי האָבן געוואָלט העלפן דעם באַלע־באָס, אָבער די געזן האָבן פלינק זיי אַלעמען געבונדן.

— ווו זײַנען די שליסלען פון דער קי־שטאַל און פון שעפסן־שטאַל? — האָט לאַמע געפֿרעגט.

— מע וועט אײַך אויפהענגען, פֿאַרשאָלטענע רויבער, — האָט דער באַ־לעבאָס געזאָגט.

— עס האָט געשלאָגן די שאָ פון אָפּרעכענען זיך, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — דערלאַנגט אהער די שליסלען!

— גאָט וועט נעקאָמע נעמען פאַר מיר! — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט, אָפּגעבנדיק די שליסלען.

אויסגעטרייסלט די פּערמע, זײַנען די געזן אוועק אַפּ צוריק. פאָרויס האָבן זיי געטריבן אַ ריזיקע סטאַדע בעהיימעס, כאַזײרים און שעפּסן. די פּעסלעך ביר און ווײַן האָט מען געפירט אַפּ קלײנע שליטעלעך. אין קערב און אין זעק האָט מען געשלעפּט אַלערליי אויפּעס — לעבעדיקע און געקוילעטע. די רינדער האָבן געמרוקעט, די הינער האָבן געקוואַטשקעט, דאָס אײַז האָט פרייליך געסקריפּעט אונטער די גליטשערס.

— איך בין דער שיפּ־קאָק, — האָט לאַמע געזאָגט, — נאָך מיר, קינדער! מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ רונפולן ניצאָכן, לאָזט זיך ניט צעלויפן די אָקסן! שלעפּט זיי פאַר די הערנער! אָט זײַנען מיר שוין בא זיך אין דער היים! לאָזט אראָפּ די בלאָקן, פרײַנט! בינדט צו די אָקסן פאַרן בויך! הייבט אויף! אָט האָבן מיר עס געקראָגן פלייש! די געגנדו ווארפט אַרײַן גלײַך אין טריום! פון דאָרטן וועלן זיי זיך ניט צעלויפן. און ווער וועט זיי די קעפּ אראָפּדרייען? איך, דער שיפּ־קאָק. לעבן זאָלן די געזן!

דיריק סלאָסען און זײַנע ארבעטער האָט מען געבראַכט אַפּ דער אַדמיראַלישער שיפּ. אַפּ די געפאַנגענע האָט מאַמעש געציטערט די הויט, זיי האָבן געבעטן, מע זאָל אַפּ זיי ראַכמאָנעס האָבן.

אַפּן טומל איז ארויס דער אַדמיראַל וואָרסט.

— וואָס זײַנען עס פאַרא מענטשן? — האָט ער געפרעגט. — וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר, אולענשפּיגעל?

— אָט דאָס איז דיריק סלאָסע, אַ פּאַרעטער, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — ער האָט ארויסגעגעבן צו די שפּאַניער אַכצן כאַווײרים אונדזערע. הײַנט באַנאַכט האָבן מיר אָפּגערייניקט זײַן פּערמע. די דאָזיקע רענדלעך זײַנען בא אים געוואַקסן אין בלוטיק־טעפּלעך, דאָ איז צען טויזנט שטיק.

— איר האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַרלאָזן די שיפּ. — האָט דער אַדמיראַל וואָרסט געזאָגט, — נאָר אַזוי ווי איר האָט געהאַט אַ דערפאָלג, בין איך אײַך מויכל. דאָס זעקל געלט וועט אונדז שטאַרק צוניץ קומען. איר וועט, ווי עס איז דער מינהעג אַפּן יאַם, באַקומען אַ דריטל פונעם געלט. נאָך אַ דריטל וועט מען איבערגעבן דעם פלאָט און אַ דריטל — זײַן הויכקײַט דעם אָראַנער פּרינץ. דעם פּאַרעטער הענגט אויף!

דעם אַדמיראַלס באַפעל האָט מען אויסגעפילט. דערנאָך האָבן די געזן אויסגעהאַקט אינעם אײַז אַ פעלקע און אַרײַנגעוואָרפן אַהין דעם פּאַרעטערס קערפּער.

— וואָס איז עס, — צי איז ניט אויסגעוואַקסן קיין גראָז ארום די

שיפנ? — האָט דער אדמיראל וואָרסט געזאָגט. — איכ הער, ווי עס מרוקענ בעהיימעס, ווי עס מעקענ שעפסנ אונ עס קוואָטשקענ הינער.

— דאָס דאָבנ מיר צוגענומענ באַמ פארעטער פאר אונדזער קיכ, — האָט אולענשפיגעל געזאָגט. — איר, הער אדמיראל, וועט קריגנ די געשמאקסטע שטיקלעכ.

דערנאָכ האָט אולענשפיגעל זיכ געווענדט צו דיריק סלאָסעס ארבעטער אונ געזאָגט:

— איר, כעוורע, אויב איר ווילט פונדאנענ אוועקגיינ, איז באצאָלט פאר זיכ אויסקויפ־געלט. אויב אָבער איר ווילט בלײַבנ מיט אונדז אונ ווערנ געטרײַע געזנ, איז בלײַבט. מיר דארפנ האָבנ דרייסטע כאוויירים.

אונ דיריקס ארבעטער זײַנענ געבליבנ אפ אולענשפיגעלס שיפ.

אינ דעמ טאָג, ווי אויכ אינ די קומענדיקע טעג, האָט מענ אפ דער שיפ געהאלטנ אינ איינ הוליענ.

— לעבנ זאָלנ די געזנ! — האָט אולענשפיגעל געזאָגט, — אינ אונדזער הארצ ברענט ליבע צו דער פרײַהײַט, אונדזער מאָגנ לעכצט נאָכ דעמ סוינעס געבראָטנ פלייש. עסט וויפל אינ אײַכ וועט ארײַנקריכנ! טרינקט דעמ סוינעס ווײַנ! לעבנ זאָלנ די געזנ!

נעלע האָט אויכ געטרונקענ פונ א גאָלדענעמ בעכער אונ, אז זי איז רויט געוואָרנ פונ ווינט, האָט זי געשפילט אפ איר פײַפל ניט געקוקט אפ דער קעלט, האָבנ די געזנ גאנצע טעג געהוליעט, זיצנדיק אפנ שיפ־דעק.

איינמאָל אינ אָוונט האָבנ די געזנ באמערקט אפנ ברעג עפעס א באוועגונג. עס האָבנ געגומענ בלישטשענ פאקעלנ אונ קלינגענ געווער. דערנאָכ האָבנ די פאקעלנ זיכ אויסגעלאָשנ, אונ עס איז געוואָרנ שטאָקפינצטער.

דער אדמיראל האָט באפוילנ זײַנ גרייט. די פײַערנ אפ די שיפנ האָט מענ אויסגעלאָשנ. די זעלנער אונ די מאטראָסנ האָבנ זיכ געלייגט אפנ שיפ־דעק אונ צוגעגרייט זייערע העק. די קאנאָנירנ מיט די קנויטנ אינ די הענט האָבנ זיכ געשטעלט באַ די הארמאטנ. די הארמאטנ זײַנענ געווענ אָנגעלאָדנ, אָבער שיסנ אָנ דעמ אדמיראלס קאָמאנדע האָט קיינער ניט געוואגט. דער אדמיראל האָט געוואָלט צולאָזנ דעמ סוינע אפ הונדערט טריט פונ די שיפנ. נאָכ דעמ, ווי מע וועט דערלאנגענ די קאָמאנדע, האָבנ די שיפנ גערארפט עפענענ א צעשמעטערנדיקע שיסערײַ פונ אלע הארמאטנ אונ פארניכטנ דעמ סוינע אפ א נאָענטער שטרעקע.

אפ די שיפנ האָט געהערשט א טויטע שטילקײַט.

— א טויט די, וואָס וועלנ אויסריידנ כאָטש איינ וואָרט! — האָט דער אדמיראל וואָרסט געוואָרנט אלעמענ.

— א טויט די, וואָס וועלן אויסריידן כאָטש איין וואָרט, — האָבן איבערגעכאַזערט די קאַפּיטאַנען.

ס'איז געוואָרן ווידער שטיל.

— דו הערסט, ווי די אַמסטערדאַמער ריידן צווישן זיך? — האָט אולענשפּיגעל אַ זאָג געטאָן שטילערהייט לאַמען אין אויער אַרײַן. — דו הערסט, ווי עס סקריפּעט דאָס אײַז? זיי לויפן גיך אַף ווייערע גליטשערס, זיי רעכענען, אַפּאָנעם, אַז מיר שלאָפן. אָט צינדן זיך אָן די פאַקעלן. זיי שלעפן לייטערס און האַקנס. זיי זײַנען אַ מאַן טויזנט, אויב ניט מער.

— הונדערט טריט! — האָט דערלאַנגט אַ קאָמאַנדע דער אַדמיראַל וואָרסט.

— הונדערט טריט! — האָבן איבערגעכאַזערט די קאַפּיטאַנען.

מע האָט דערלאַנגט אַ דונערנדיקן זאַלפּ פון אַלע האַרמאַטן. אַפן אײַז האָבן זיך דערהערט יאָמערנדיקע געשרייען:

— זיי אַנטלויפן! — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט. — קוקט, קוקט, די פאַקעלן דערווײַטערן זיך.

— נאָך זיי! — האָט דער אַדמיראַל באַפוילן.

— נאָך זיי! — האָבן איבערגעכאַזערט די קאַפּיטאַנען.

דעריאָגן זיי האָט מען אָבער ניט געקאָנט; די סאָנים זײַנען געלאָפן גיכער פון האָזן.

אַף מאָרגן אינדערפרי איז לאַמע אַרויסגעלאָפן אַפן שיף־דעק און האָט געזאָגט צו אולענשפּיגעלן:

— ווו איז ער דאָס, אָט דער אַדמיראַל, וואָס האָט ניט געוואָלט הערן דײַנע פּראָוויסאָנגעגען? פיר מיך צו אים!

— גיי אַליין, אויב דו ווילסט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט.

לאַמע האָט פאַרשלאָסן די קיך און איז אוועק אַף דעם אַדמיראַלס שיף.

— הער אַדמיראַל, — האָט לאַמע געזאָגט, דערנעענטערנדיק זיך צו וואָרסטן, — עפּשער וועט איר דערלויבן אַ באַשיידענעם שיף־קאָך אַרויסצוזאָגן זײַן מיינונג?

— רייד, מײַן זון, — האָט דער אַדמיראַל געזאָגט.

— אײַער דורכלויכט, — האָט לאַמע געזאָגט, — אין די פעסלעך צעגייט דאָס וואַסער, די אויפּעס זײַנען געוואָרן צאַרטער, פון די וווּרשטן איז אַראָפּ דער פּריר־טוי, די פּוטער איז געוואָרן ווייך, דאָס זאַלץ איז געוואָרן פײַכט, באַלד וועט גיין אַ רעגן, מיר זײַנען געראַטעוועט, אײַער דורכלויכט.

— ווער ביסטו? — האָט אים דער אַדמיראַל וואָרסט געפרעגט.

— איך בין לאַמע גודזאַק, דער קאָך פון „בריל“, — האָט לאַמע געענטפערט. — ווען די באַרימטע אַסטראָנאָמען וואָלטן געקענט אַזוי גוט לייע-

נענ לויט די שטערנ, ווי איכ לויט מײַנע סאָוסנ, וואָלטנ זיי אײַכ געזאָגט, אז הײַנט באַנאכט וועט עס זײַנ אנ אָדליהע, מיט א שטורעם אונ א רעגנ. די אָדליהע וועט אָבער קיינ סאכ ניט געדויערנ.

לאמע האָט זיכ אומגעקערט אפ זײַנ שיפ אונ האָט ארום האלבנ טאָג געזאָגט צו אולענשפיגעלנ:

— איכ האָב זיכ ארויסגעוויזנ פאר א נאָווי! האָסט געזענ, ווי דער הימל איז פינצטער געוואָרנ, דער ווינט פײַפט, עס גיסט א ווארעמער רעגנ, איבערנ אײַז איז מער ווי אפ א פוס וואסער!

אינ אָוונט, בייסנ צופלוס, האָט אינ זיוידערזועע געפלאצט דאָס אײַז, ריזיקע אײַז־קריַעס האָבנ זיכ געטראָגנ איבער די כוואליעס אונ האָבנ זיכ אָפגעקלאפט אָנ דער שיפ. דער אדמיראל האָט באפוילנ אָפגיינ פונ אמסטערדאם. די שיפנ פונ די געזנ האָבנ פארלאָזנ זייער אָרט אונ זײַנענ אוועק קיינ ענקהייזענ.

קאפיטל 30

וועגן דעם, ווי לאמע האָט געהאָדעוועט דעם אנטווערפּענער קאנאָניק

איינגיכן האָבן די שיפן באקומען א באפעל: אופהייבן זיך מיטן טייַך שעלדע קיין אנטווערפּען און פארכאפּן דאָרט די פייַנטלעכע שיפן. דער באַפעל איז אויסגעפילט געוואָרן גלענצנדיק: עס זייַנען פארכאפּט געוואָרן אלע שיפן, אפילו די, וואָס זייַנען געשטאנען אין פּאָרט. אינמיטן העלן טאָג זייַנען די געזן אַרייַן אין שטאָט, באפרייַט דאָרט אלע געפאנגענע און פארכאפּט א סאך אָנגעזעענע בירגער, קעדיי צו באקומען פון זיי דערנאָך א גוטן אויסקויף.

— דעם אדמיראלס זון איז אין מאָנאסטיר, — האָט אולענשפּיגל געזאָגט צו לאמען, — קום, לאָמיר אים א זוך טאָן.

זיי האָבן געפונען דעם באָכער אין דער געזעלשאפט פון א בייַכיקן מאָנאך, וואָס האָט געשריִען און זיך געזידלט, באמיִענדיק זיך אומצוקערן דעם באָכער צוריק צו דער הייליקער קאטוילישער קירכע. לאמע האָט אָנגענומען דעם מאָנאך פארן קאפּיושאָן און האָט אים אוועקגעטריבן איבער די שטאָטישע גאסן.

— דו וועסט באצאָלן פאר זיך הונדערט פלאָרין אויסקויף־געלט, — האָט לאמע אויסגעשריִען. — גיי א ביסל גיכער, גראָבער פּעמפּיק! בא דיר איז בלייַ אין די פיס, צי וואָס? נו, גיי שוין א ביסל גיכער, דו גראָבער בויך, גאָר גיכער, פּעטער טרעלבויך.

— איך גיי, הער געז, איך גיי. — האָט פארסאָפּעט געזאָגט דער מאָנאך. — אָבער ניט געקוקט אף דעם גאנצן אָפּשייַ, וואָס איך פיל צו אייַער ארקעבוז, דארף איך אייַך זאָגן, אז אייַער בייַכל טרייסלט זיך אויך פון שמאלץ.

— ווי וואגסטו עס, פארשיווער מאָנאך, צו פארגלייַכן דייַן מאָנאסטיר־שמאלץ מיט מייַן ערלעכן האָרעפּאשנעם פלאמאנדישן שמאלץ! — האָט לאמע אָנגעהויבן שרייַען, שטופנדיק דעם מאָנאך, — לויף גיכער, אניט וועל איך דיך צעמאזיקן ווי א הונט.

דער מאָנאַכ האָט אָבער ניט געקאָנט לויפּנ: ער פֿלעגט קוימ אָפּכאַפּנ דעמ אָטעמ, אונ לאַמע, דעמ עמעס געזאָגט, איז אויכ קוימ מיט צאָרעס אימ נאָכגעלאָפֿנ. אַזוי זײַנען זיי דערגאַנגענ צו דער שיפֿ.

אינ א פּאָר טעג ארומ האָט מיט לאַמענ געטראָפֿנ א: אומגליק. אינ שלאַכט בא אַלקמאַר האָט מענ אימ פֿאַרווּנדעט מיט א האַק אינ ליטקע. לאַמע האָט זיכ קוימ מיט צאָרעס דערשלעפּט צו דער שיפֿ אונ האָט זיכ אוועקגעלייגט בא זיכ אינ קיכ. ניט זעענדיק עטלעכע טעג זײַנ האַר, האָט דער מאָנאַכ גענומענ פֿאַרײַסנ די נאָז אפֿ דער שיפֿ.

— איר זײַט פֿאַרשיווע, קרעציקע הינט, — האָט ער געזאָגט צו די געזנ, שפּאַצירנדיק איבערנ שיפֿ־דעק, — איר האָט פֿאַרלאָזנ דעמ שויס פֿונ אונדזער מוטער דער הייליקער קאַטוילישער קירכ, אונ אַצינד האָט איר זיכ פֿאַר־פֿלאָנטערט אינ זינד אונ אינ רויבערײַ. זײַט זשע וויסנ, אז ווענ איכ בינ ניטאָ אפֿ דער דאָזיקער פֿאַרשאָלטענער קאָרעטע, — וואָלט דער יאַמ אײַכ שוינ לאַנג־לאַנג אײַנגעשלונגענ, אײַנײַנעמ מיט אײַערע האַרמאַטנ אונ מיט אײַער קאַפּיטאַנ. גאָט ווייסט, וואָס ער טוט! ער וועט אײַכ ניט אַרײַנוואַרפֿנ אינ דעמ גענעמ־פֿײַער, נאָר ער וועט אײַכ צווינגענ פֿאַרפֿרוירנ ווערנ אפֿנ יאַמ־גרונט. אונ איכ וועל זענ פֿונעמ הימל אײַערע פֿאַרפֿרוירענע קערפּערס, בלויע ווי בורעקעס אונ ווײַסע ווי רעטעכ — פֿונ דער אומדערטרעגלעכער קעלט. אַזוי וועט עס זײַנ! עס וועט זײַנ!

די מאַטראָסנ האָבנ כויזעק געמאַכט פֿונ אימ אונ געוואָרפֿנ אינ אימ טרוקענע אַרבעס. אָבער זעענדיק, אז מע קלײַבט זיב אימ ניט אופֿהערנ, האָט דער מאָנאַכ ניט אופֿגעהערט צו זידלענ זיכ:

— ווייניק האָבנ אײַכ די הייליקע אינקוויזיטאָרנ פֿאַרברענט אפֿ די שײַטערס! — האָט ער געשריגנ, — ווייניק האָט מענ אײַכ פֿאַרברענט, ווערעמ פֿאַר־שאָלטענע! פֿריִער פֿלעגנ די שיפֿנ פֿונ זײַנ מאַיעסטעט שטיינ נײַינקע, ריי־נינקע, אַצינד אָבער האָט איר זיי פֿאַרשמוצט, איר איפּעשדיקע ווערעמ! נאָר וואַרט א ווײַלע! דער קיניג וועט מאַכנ א גענעראַלע רייניקונג אונ וועט אויסראָטנ ביזנ סאָפֿ אײַער שטינקענדיקע פּעסט. איכ שפּײַ אפֿ אײַכ, אָט וואָס!

— מירנ נאָכ לאַנג דולדנ דעמ דאָזיקנ ליידיקגייער? — האָבנ גענומענ ריידנ די געזנ. — וועמענ איז עס אָנגענעמ צו הערנ זײַנע זידלערײַענ! לאָמיר אימ אופֿהענגענ, אונ א סאָפֿ, אנ עק.

מע האָט געבראַכט א שטריק. צומ מאַסטבויט האָט מענ צוגעשטעלט א לייטער. דעמלט ערשט האָט דער מאָנאַכ פֿאַרשטאַנענ, אז ס'האַלט מיט אימ שמאָל.

— האָט אפֿ מיר ראַכמאָנעס, הערנ געזנ! — האָט ער זיכ גענומענ בעטנ. — ניט איכ, אײַער אומגליקלעכער געפֿאַנגענער האָט עס גערעדט, נאָר

דער טײַוול אין מיר האָט עס גערעדט. האָט אַף מיר ראַכמאָנעס! אויב איר ווילט, איז פאַרשטאָפּט מיר דאָס מויל מיט א שמאַטקע, ס'איז אַפּילע זייער ניט קיין אָנגענעמע זאַך פאַר מיר, נאָר א שטריק אַפן האַלדז איז נאָך ערגער.

דעם מאָנאַך האָט מען אוועקגעשלעפּט צום מאַסטבוים, ער האָט זיך געבריקעט און האַרצרײַסנדיק געקוויטשעט.

אולענשפּיגעל איז אין דער צײַט געזעסן אין קיך און האָט איבערגעבונדן לאַמען זײַן וווּנד.

— מײַן זון, — האָט לאַמע געזאָגט צו אים, — די פּוסטעפּאַסניקעס האָבן אַרויסגעשלעפּט פון שטאָל א כאַזער און קלײַבן זיך אים קוילן אָן מײַן דערלויבעניש. דו הערסט, ווי ער קוויטשעט? אוי, ווען איך קאָן עס זיך אַצינד אופהייבן פון בעט!

אולענשפּיגעל איז אַרויס אַפן שיף־דעק, דער מאָנאַך האָט זיך א לאָז געטאָן צו אים און איז געפאַלן פאַר אים אַף די קני.

— הער קאַפּיטאַן, — האָט ער געשריִען, — ראַטעוועט מיך פון דער טליִע, איך בעט אײַך! דער ניטגוטער האָט מיך געשטופּט, און איך האָב אָנגערעדט אַזוינע זאַכן, וואָס איך האָב גאָר קיינמאָל אַפּילע ניט געקלערט צו ריידן. האָט אַף מיר ראַכמאָנעס, הער געז!

אַפן שיף־דעק איז אַרויס אין איינע אונטערוועש לאַמע.

— עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז ניט קיין כאַזער האָט עס געקוויטשעט, נאָר דער מאָנאַך, — האָט ער געזאָגט, — אולענשפּיגעל, זון מײַנער, אויך איר פרײַנט, לאָזט אָפּ דעם דאָזיקן מענטשן, איך דאַרף אים האָבן אַף זייער א וויכטיקן איניען. מיר וועלן פאַר אים אויסבויען אַפן שיף־דעק א שטײַג, וואָס אין איר זאָל מען קאָנען בלויז זיצן און שלאָפן, אַזאַ שטײַג, ווי מע מאַכט פאַר אינדיקעס. איך אַליין וועל אים האָדעווען, און אויב ער וועט ניט אופעסן אַזויפיל, וויפל איך וועל אים ברענגען, — דעמלט וועט מען אים אופהענגען!

— דעמלט וועט מען אים אופהענגען! — האָבן אולענשפּיגעל און די געזן געזאָגט.

— וואָס ווילסטו מיט מיר טאָן, גראָבאַטש? — האָט דער מאָנאַך געפרעגט בא לאַמען.

— דו וועסט שוין זען פאַרטיקערהייט, — האָט אים לאַמע געענטפערט.

דעם מאָנאַך האָט מען אַרײַנגעזעצט אין א שטײַג, און לאַמע איז ווידער אוועק צו זיך אין קיך.

— דו ווייסט א נײַס? — האָט אים נעלע געזאָגט, — צו אונדזער פלאָט האָט זיך פאַרייניקט א נײַע שיף. אַף דער דאָזיקער שיף שפּילט עמעצער אַלע טאָג אַף א וויִאָלע.

— כ'האָב ניט געהערט, — האָט לאמע געזאָגט, — וואָס לאכסטו עפּעס, מײַן זון?

— מע האָט דאָרט געזונגען א פלאמאנדישע ליד, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — די שטים האָט זיך מיר אויסגעוויזן זייער צארט און אומע-טיק.

— עך, — האָט לאמע געזאָגט, אופהייבנדיק זיך פון בעט. — זי האָט אויך געזונגען און געשפּילט אף א ווי‌אָלע.

— ליג רויק, — האָט אים נעלע געזאָגט, — אויב דו וועסט אלע ווײַלע זיך אופהייבן פון בעט, וועט זיך עפענען דײַן וווּנד, און דו וועסט שטארבן.

— נו, מיילע, וועל איך שטארבן, — האָט לאמע געענטפערט, — מיר איז שוין אלצייגס נימעס געוואָרן דאָס לעבן אָן דעם ווײַב, און איר שטערט נאָך מיר, דעם שיפּ-קאָק, אופצוהייבן זיך פון בעט צו זאָרגן וועגן מײַן קיך.

— לאמע, — האָט נעלע געזאָגט, — פאָלג אלץ, וואָס מ'יר הייסן דיר, און מירן דיך אויסהיילן.

— גוט, — האָט לאמע געזאָגט, — נאָר איך וועל ניט דערלאָזן, אז עפּעס א שמוציקער סמארקאטער ליידיקגייער זאָל באלעבאטעווען אין אָט דער קיך און קריכן מיט זײַנע אומריינע פינגער אין מײַנע סאָוסן. איך וועל אים דערהארגענען מיט מײַן הילצערנעם מישלעפל!

— אָבער דו דארפסט דאָך האָבן א געהילף, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — דו ביסט דאָך קראנק.

— א געהילף! — האָט לאמע אויסגעשריִען. — מיר — א געהילף! און דו זאָגסט עס מיר, דו, וועמען איך האָב אזוי לאנג און געשמאק געהאָדע-וועט! ס'ארא אומדאנקבארקײַט! יאָ, אצינד וועט זיך טאקע עפענען מײַן וווּנד, ווער זשע וועט אײַך גרייטן מיטיק? ווער זשע וועט אײַך בראָטן די מאָנאסטיר-הינער?

— מירן אויסקומען אָן דיר אף דער קיך, — האָט אולענשפּיגעל גע-זאָגט.

— אף דער קיך! — האָט לאמע אויסגעשריִען. — דו קאָנסט בלויז עסן און טרינקען, אָבער ארבעטן אף דער קיך — ניין, ברודער, דערצו ביסטו ניט פייִק. לאָז מיך איבער, מײַן זון, פארן שיפּ-קאָק, אניט וועל איך שטארבן אף מײַן גלעגער פון אומעט.

— נו, מיילע, זאָל זײַן ווי דו ווילסט, — האָט אולענשפּיגעל געזאָגט, — אויב אָבער דו וועסט ניט געזונט ווערן, וועל איך פארשליסן די קיך, און מיר וועלן עסן איינע סוכארעס.

— עך, מײַן זון, — האָט לאמע געזאָגט, וויינענדיק פון גרויס סימכע, — דו ביסט גוט, ווי די מאדאָנע!

פון דעם טאָג אָן האָט לאַמע ביסלעכווײַז זיך אָנגעהויבן פאַריכטן אין געזונט.

אַלע שאַבעס פֿלעגט ער מיט א לאַנגן רימען אויסמעסטן דעם מאָ־נאַכס טאַליע. דעם ערשטן שאַבעס האָט ער געזאָגט:

— פֿיר פֿוס.

דערנאָך האָט ער אויסגעמאָסטן זײַן אייגענע טאַליע און צוגעגעבן או־מעטיק:

— פֿיר א האַלב פֿוס.

אפֿן אכטן שאַבעס האָט שוין דער מאָנאַך געהאַלטן אין דער גרעב פֿיר מיט דרײַ פֿערטל פֿוס. לאַמע האָט געקוואָלן פֿון פֿאַרגעניגן.

— וואָס ווילסטו פֿון מיר, גראָבער? — האָט אים בייז געפֿרעגט דער מאָנאַך.

לאַמע האָט אים אויסגעשטעלט א צונג און גאָרנישט ניט געענטפֿערט.

ער פֿלעגט געבן דעם מאָנאַך עסן ניט ווייניקער פֿון זיבן מאָל א טאָג.

— אָט איז פֿעטע בעבלעך אפֿ פֿלאַנדרישער פּוטער, — האָט ער גע־זאָגט, דערלאַנגענדיק דעם מאָנאַך א שיסל בעבלעך, — בא זיך אין מאָנאַס־טיר האָסטו אזא מײַכל ניט געגעסן. עס און פֿאַריכט זיך.

— אָט זײַנען בריסלער בלינצעס, — האָט ער אים געזאָגט, דערלאַנגענ־דיק אים א צווייט מאָל עסן, — זיי האָבן זיך גוט אײַנגעפּרעגלט. די פּו־טער רינט פֿון זיי אזש.

— איך וויל ניט עסן, — האָט דער מאָנאַך געזאָגט.

— ניין, דו דאַרפֿסט זיי אופֿעסן! — האָט לאַמע געענטפֿערט, — די בלינ־צעס זײַנען דאָך ניט פֿון גריקע, נאָר ווייצענע. אָט האָסטו שוין פֿיר גאָמ־בעס, פֿאָטערל, באַלד וועט בא דיר שוין ווערן א פּינפֿטע. עס!

— לאָז מיך צורו, גראָבאַטש, — האָט דער מאָנאַך געזאָגט.

— אין אפֿ דער טליע ווילסטו? — האָט לאַמע אָנגעהויבן שרײַען. — עס און רייד זיך ניט אָן! באַלד וועל איך דיר נאָך ברענגען א פּיורע פֿון אַרבעסלעך מיט אויסגעצייכנטע אָפּגעפּרישטע סוכאַרעס.

לאַמע האָט אים געבראַכט א טעלער אַרבעס און געזאָגט:

— איך האָב צוגעגעבן אין די אַרבעס א ביסל טייגלעך. עמעס, פֿאַרן מאָגן זײַנען זיי א ביסל שווערלעך, דערפֿאַר אָבער ווערט מען פֿון זיי דיק. עס צוזאַט. וואָס מער דו וועסט אופֿעסן, אַלץ מער פֿאַרגעניגן וועס־טו מיר פֿאַרשאַפֿן. קער ניט אָפּ דעם קאָפּ. זײַ אזוי גוט, און קוק ניט אפֿן דאָזיקן עסן מיט אזא פֿאַראַכטונג. בעסער עסן, איידער וויגן זיך אפֿ דער טליע. באַווײַז, אָקאָרשט, אהער דײַן ליטקע! אָהאָ, ווי גראָב זי איז גע־וואָרן! אַרום און אַרום — צוויי פֿוס און זיבן צאָל! גרעבער פֿאַר דער גרעסטער באַזער־ליטקע.

אינ א שאָ ארום האָט ער זיכ ווידער אומגעקערט צום מאָנאכ.

— נא דיר נײַנ טײַבעלעכ, — האָט לאמע אים געזאָגט, — איכ האָב אינ זיי ארײַנגעלייגט א שטיק פוטער, א ביסל צעריבענעם מוסקאט אונ נעגעלעכ. גיב א פרווו, וועסט זיכ מאמעש באלעקנ.

דאָס פינפטע מאָל האָט ער אים געבראכט פיש.

— עס אופ דאָס שטיקל פיש, — האָט לאמע אים געזאָגט. — בא דיר וואקסט שוינ די פינפטע גאָמבע. פונ לינקס איז זי קענטיקער, ווי פונ רעכטס. מע דארפ, אז די רעכטע זײַט זאָל זיכ אונטערהאָדעווענ. דאָס זעקסטע מאָל וועל איכ דיר ברענגענ געבראָטענע מאָליוסקעס מיט סעלדעריי, מוסקאט אונ נעגעלעכ. זעסט, ווי איכ זאָרג וועגנ דיר! דו דארפסט מיכ ליב האָבנ אונ מיכ אכטנ, מאמעש ווי א טאטנ א לײַבלעכנ. וואָס האָסטו אפ מיר אויסגעשטעלט דײַנע אייגעלעכ? ביסט פונ זינענ אראָפ, צי וואָס? באלד וועל איכ דיר נאָכ ברענגענ א שיסעלע ביר־סופ. מע מאכט אים פונ מעל, צוקער אונ צימרינג. דאָס איז, קדיי דײַנ שמאלצ זאָל ווערנ נאָכ צארטער אונ זאָל נאָכ מער זיכ כיוא־יענ אונטער דער הויט. נאָר עס איז שוינ נאכט! שלאָפ געזונטערהייט! זײַ זיכער, אז מאָרגנ וועלנ אפ דירווארטנ זעלטענע מײַכאָלים אונ דײַנ פרײַנט לאמע, וואָס פארגעסט ניט צו דערלאנגענ דיר דאָס עסנ צו דער צײַט.

— גיי אוועק אונ לאָז מיכ טפילע טאָנ צו גאָט! — — האָט דער מאָנאכ געזאָגט.

— טו זיכ טפילע, וויפל דײַנ הארצ גלוסט, — האָט אים לאמע געענטפערט. — וואָס מער דו וועסט שלאָפנ — אלצ דיקער וועסטו ווערנ.

אינ מײַ כוידעש האָט לאמעס ווונד זיכ געעפנט. ער האָט באקומענ היצ אונ האָט ניט געקאָנט אראָפ פונ בעט. ער האָט זיכ אײַנגעבעטנ בא אולענשפיגעלנ, אז ער זאָל אים ארויסטראָגנ אפנ שיפ־דעק אונ אוועקלייגנ לעבנ דעם מאָנאכס שטײַג. אולענשפיגעל האָט עס געטאָנ, נאָר ער האָט באפוילנ צובינדנ לאמענ צו דעם בעט. ער האָט מוירע געהאט, אז לאמע זאָל בײם א פיבער־אָנגריפ ניט ארײַנפאלנ אינ יאם ארײַנ.

עס האָט געבלאָזנ אווארעמ ווינטעלע. די זונ האָט העל געלויכטנ. לאמע איז געלעגנ אינ היצ. ער האָט זיכ אײַנגעהערט צום פליעסקענ פונ די כוואליעס אונ האָט געטײַנעט:

— דער סופ זידט, מײַנ זונ! דער סופ זידט! פארגעסט ניט ארײַנטאָנ אינ סופ א ביסל געווירצנ.

ווענ עס פלעגט זיכ אומקערנ צו אים דער באוווסטזײַנ, פלעגט ער קוקנ אפנ מאָנאכ אונ אויסשטעלנ אים די צונג.

— דו באליידיקסט מיכ, גראָבער, — האָט דער מאָנאכ געזאָגט.

— ניין, — האָט לאמע געענטפערט, — איך האָדעווע דיך אויס. עך, ווי איך בין עס צופרידן, וואָס דו ווערסט וואָס א טאָג דיקער!

אין עטלעכע טעג ארום האָט לאמע געבעטן, מע זאָל אוועקשטעלן אפן שיפ-דעק א גרויסע וואָג. אולענשפּיגעל האָט אופגעהויבן לאמען און אים אוועקגעזעצט אפ איין וואָג-שאָל. אפ דער אנדערער וואָג-שאָל האָט מען אוועקגעזעצט דעם מאָנאך. ווי נאָר דער מאָנאך האָט זיך אוועקגעזעצט אפ זיין שאָל, האָט זיך לאמע א הייב געטאָן אינדערלופטן און האָט אויסגעשריען פריילעך:

— אַהאָ, איר זעט! איך בין א פעדערל אין פארגלייך מיט אים! איך האָב א פלי געטאָן אינדערלופטן, ווי א קליין פייגעלע. נעמט אים אָקאָרשט אראָפּ פון דער וואָג, קעדיי איך זאָל קאָנען אראָפּגיין. אצינד זעצט אים ווידער אוועק אפ דער וואָג-שאָל און לייגט אוועק אפ דער אנדער שאָל געוויכטן. וויפל וועגט ער? דריי הונדערט פערציק פונט. אצינד וועגט מיך אָפּ. וויפל? צוויי הונדערט צוואנציק? נו, אלטער פעמפּיק, ווער פון אונדז איז דער גראָבער?

קאַפּיטל 31

וועגן דעמ, ווי די שײנע קאַלעקענ האָט זיכ אומגעקערט צו איר מאַנ

איינמאָל באַגינענ האָט אולענשפּיגעל זיכ אופגעכאַפּט פונ א הויכנ געשריי.

— העלפט! — האָט לאַמע געשריִענ, — העלפט! האַלט זי! די שטריק מײַנע צעשנײַדט!

אולענשפּיגעל איז אַרויסגעשפּרונגענ אַפנ שיפ־דעק.

— וואָס שרײַסטו? — האָט ער לאַמענ געפרעגט, — איכ זע גאָרנישט ניט.

— דאָס איז זי! — האָט לאַמע געשריִענ, — דו זעסט דאָס שיפל. וואָס שווימט צו אונדזער נײַער שיפ? מײַנ ווײַב זיצט דאָרט! שטעל זי אָפּ, אולענשפּיגעל.

נעלע האָט זיכ אופגעהויבנ אַפנ שיפ־דעק.

— נעלע, צעשנײַד מײַנ שטריק, — האָט לאַמע איר געזאָגט, — דו זעסט, ווי מײַנ וווּנד איז איבערגעבונדנ? דאָס האָט זי, מײַנ ווײַב, זי איבערגעבונדנ, אָט שטייט זי אינ שיפל. אָ, פאַרוואָס איז זי עס פונ מיר ווידעראַמאָל אַוועק!

נעלע האָט אימ אַרופגעלייגט די האַנט אַפנ שטערנ.

— ער פיבערט, — האָט זי געזאָגט.

— ניינ, איכ בינ שוינ געזונט געוואָרנ, — האָט לאַמע געזאָגט, — גיט מיר א שיפל. צעשנײַדט די שטריק.

אולענשפּיגעל האָט איבערגעשניטנ די שטריק. לאַמע האָט זיכ א לאָז געטאָנ צומ שיפל און אינ איינ אויגנבליק אַראָפּגעלאָזנ עס. אינ שיפל האָבנ זיכ אַרײַנגעזעצט — אולענשפּיגעל, נעלע, לאַמע און נאָכ איינ רודערער. עס האָבנ א קלאַפּ געטאָנ די וועסלעס, און דאָס שיפל האָט זיכ געלאָזט שווימענ צו דער נײַער שיפ, וואָס איז געשטאַנענ אינ האַפנ, ווײַט פונ זיי.

— וויאַזוי האָסטו עס זי דערזענ? — האָט אולענשפּיגעל געפרעגט לאַמענ.

— איכ בינ געשלאָפנ, — האָט לאַמע גענומענ דערציילנ. — פּלוצלינג

הער איך: עפּעס א שיפל האָט, דאַכט זיך, א קלאַפּ געטאָן אין באָרט פון דער שיף. „ווער איז דאָרט?" האָט א פרעג געטאָן דער מאַטראָס. „פריינט", האָט געענטפערט איר מילדע צערודערטע שטים. „דער קאָמאַנדיר פונעם פליבאָט „יאָהאַנע" וויל א שמועס טאָן מיט לאַמע גודזאַק", האָט צוגעגעבן א צווייטע שטים, א מענערשע, א גראָבע. דער מאַטראָס האָט זיי אַראָפּגעוואָרפן א לייטער. און אָט זע איך, ווי זי גייט צו צו מיר, אָנגעטאָן אין מאַנצבלשע קליידער, קושט מיך, וויינט און זאָגט דערביי: „אָרעמער מיין מיינער, זיי ניט אין קאַס אויף מיר. איך האָב געגעבן א ניידער, אַז איך וועל צו דיר קיינמאָל נאָענט ניט צוגיין, אָבער איך קען דעם ניידער ניט אויספילן. איך בין שוין עטלעכע מאָל געקומען צו פאָרן אהער, בייס דו ביסט געלעגן אָן באַוווסטזיין, איך האָב דיר איבערגעבונדן די וווּנד. איך האָב דאָך דיך אויסגעהיילט, עמעס, מיין טייערער? דיר איז גרינגער? איז לאָז מיך אָפּ, איך מוז פאָרן. ער קאָן מיך נאָך דערזען. איך האָב פאַר אים מוירע, זיי ניט אין קאַס, זיי געזונט". און זי איז אוועק, ניט געקוקט אויף מיינע טרערן און אויף מיינע זיפצן. פאַרוואָס בין איך עס געווען געבונדן מיט די דאָזיקע פאַרשאָלטענע שטריק!

לאַמע אין דער רודערער האָבן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געאַרבעט מיט די וועסלעס. פאָרויס האָבן אויפן ליוטערן האָריזאָנט זיך געזען די שלאַנקע מאַסטביימער פונעם נייעם פליבאָט.

— דו זעסט, זי שטייט אויפן שיף־דעק און שפּילט אויף דער ווי־אָלע! — האָט לאַמע געזאָגט.

דערזען דאָס שיפל, האָט דער קאַפּיטאַן פונעם פליבאָט באַפוילן אַראָפּוואַרפן פון שיף־דעק א לייטער. לאַמע האָט, ווי א קאַץ, געגעבן א שפּרונג אויפן לייטער. ער איז שיר־שיר ניט אַריינגעפאַלן אין יאַם, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן און איז געשווינד אַרופגעקראָכן אויפן שיף־דעק.

— גיי צו מיר ניט צו, לאַמע! — האָט זיין פרוי אויסגעשריען. — איך האָב געגעבן א ניידער, לאַמע!

— דאָס איז קאַלעקע העברייכטס! — האָט נעלע אויסגעשריען, — די שיינע קאַלעקען!

— וואָס האָסטו עס אָפּגעטאָן? — האָט לאַמע געזאָגט, אַרומנעמענדיק דאָס ווייב. — וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט? פאַרוואָס ווילסטו מיך ווידער־אַמאָל פאַרלאָזן?

— הער אויס, — האָט זי אים געזאָגט, — איך האָב געגעבן א ניידער צו גאָט. עס האָט מיך צוגערעדט דערצו דער מאָנאַך, דער פריידיקער, קאָרנעליס אַדריאַנסען.

— וואָס? — האָט לאַמע אויסגעשריען, — אָט דער פעטער טאַראַקאַן, וואָס שעלט אייביק די רעפאָרמאַטן? אָט דער פאַרשיווער הונט, וואָס האַלט

אין איין לויבן די אינקוויזיציע און די פויפסטלעכע געזעצן? אָט וואָס פאר א העכט דאָס איז — אָט דער אויסוווּרף!

— באליידיק ניט א הייליקן מענטשן! — האָט קאלעקען געזאָגט.

— א הייליקן מענטשן! — האָט לאמע געזאָגט. — איך קען זיי, די דאָזיקע הייליקע מענטשן! דאָס איז א שמוציקע, פרעכע כײַע. אָ, מײַנע שיינע קאלעקען. פארוואָס ביסטו עס ארײַנגעפאלן צו אים אין די לאפעס! גיי צו מיר ניט צו, איך וועל דיך אין יאם ארײַנוואָרפן!

— הער אויס, איך וועל דיר דערציילן, ווי דאָס האָט פאסירט, — האָט קאלעקען געזאָגט. — דער ברודער אדריאנסען איז, ווי דו ווייסט אליין, אונדזער בעסטער פריידיקער. בין איך אים איינמאָל אוועק הערן. ער האָט געזאָגט, אז דאָס גײַסטיקע לעבן און דאָס ניט-כאסענע האָבן שטייט העכער פון אלץ אין דער וועלט. זיי זיכערן אונדז אפ יענער־וועלט אן אָרט אין גאניידן. דער מאָנאך האָט אזוי שיין גערעדט, אז מיר אלע — ווײַבלעך, מיידלעך און אלמאָנעס — האָבן אים אָנגעהויבן גלייבן. און מיר, ווײַבלעך, האָבן געגעבן א ניידער איועקצוגיין פון אונדזערע מענער; אין די מיידלעך און אלמאָנעס האָבן באשלאָסן קיינמאָל ניט כאסענע האָבן. דער ברודער אדריאנסען האָט בא אונדז גענומען א שוווּע, אז מיר וועלן זיך מיסוואדע זײַן נאָר בא אים; איך האָב עס אים צוגעזאָגט. אין בריוגע, לעבן מאָנאסטיר פון די מינאָריטן, האָט געוווינט א פרוי, מיטן נאָמען קאלע דענאזשאוזש. פאר א קאראָלוס א כוידעש פלעגט זי געבן די פיליגרימקעס עסן און נאכטלעגער. האָב איך זיך ארײַנגעקליבן צו איר און אָנגעהויבן אלע טאָג גיין אין מאָנאסטיר, קעדיי צו פארפעסטיקן זיך אין אונדזער הייליקער רעליגיע.

— ווײ איז מיר, — האָט לאמע געוויינט, — און דער דאָזיקער שמוציקער כאזער פלעגט עס אויסהערן דײַנע אומשולדיקע ווידע?

— נאָר איך האָב דיך אלעמאָל ליב געהאט, — האָט קאלעקען פאָרגעזעצט, — געדענקסט בריוגע? איך האָב דערזען דורכן פענצטער, ווי דו ביסט דורכגעפאָרן אפ א פורל איניינעם מיט אולענשפיגעלן, בין איך אײַך נאָכגעלאָפן. איר האָט פארקויפט דאָס פורל און געהוליעט. אין קאָרידאָר בין איך צו דיר צוגעלאָפן און האָב דיך שטארק א קוש געטאָן. דו ביסט געווען שיקער און האָסט גאָרנישט ניט באמערקט. געדענקסט?

— ווו איז ער עס אצינד, דער דאָזיקער מאָנאך? — האָט לאמע געפרעגט מיט קאס.

— בייזע מענטשן האָבן אים באשולדיקט אין אלערליי פארברעכנס. דעמלט האָט דער ברודער אדריאנסען פארלאָזן בריוגע און האָט זיך אריבערגעקליבן קיין אנטווערפען. מע האָט מיר געזאָגט, אז דו האָסט אים גענומען אין געפענקעניש.

— וואָס? — האָט לאמע אויסגעשריגן. — דער מאָנאַך, וואָס איך האָדעווע אים, ווי א כאזער!..

— ער איז עס! — האָט קאַלעקעג געזאָגט און האָט פארשטעלט מיט די הענט דאָס פּאָנעם.

— א האַק! א האַק גיט מיר אהער! — האָט לאמע זיך צערעוועט. — איך וועל אים אפּ שטיקלעך צעהאַקן, דעם דאָזיקן כאזער! דאָס שיפל גיט מיר אהער! ווו איז דאָס שיפל?

— איך וועל דיר ניט דערלויבן שלעכטס טאָן דעם געפאנגענעם! — האָט נעלע געזאָגט.

אלע האָבן זיך ווידער אריינגעזעצט אין שיפל און זיינען אוועקגעשווומען אפּ צוריק.

— דו וועסט מיך אצינד ניט אוועקווארפן? — האָט לאמע א פרעג געטאָן זיין ווייב.

— ניין, — האָט זי געענטפערט.

לאמע איז פריילעך געוואָרן.

— גוט, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל אים בלויז ארויסלאָזן פון שטייג.

געקומען אפּ דער שיף, האָט לאמע געעפנט די שטייג און האָט געוואָלט ארויסשלעפּן דעם מאָנאַך אפן שיף־דעק. אָבער דער מאָנאַך האָט ניט געקאָנט דורכגיין דורך דעם טיר. לאמע האָט אים געוואָלט דורכשטופּן מיט א זייט. אָבער דאָס האָט זיך אים אויך ניט איינגעגעבן.

— מע וועט מוזן צעברעכן די שטייג, — האָט לאמע געזאָגט. — דער אינדיק האָט זיך אפּגעפרעסן.

מע האָט צעבראָכן די שטייג. פינטלענדיק מיט די פארגאָסענע אויי־געלעך, איז דער מאָנאַך ארויס אפן שיף־דעק. אין דער מינוט האָט א כוואליע זיך דורכגעקייקלט אונטער דער שיף, און דער מאָנאַך האָט געגעבן א פאַל אפן שיף־דעק.

— וואָס, שרייער? — האָט אים לאמע געפרעגט, — אצינד זידלסטו שוין ניט די אָרעמע געזן? אויב מע זאָל דיך נאָך אפּ א יאָר איבערלאָזן אין שטייג, וועסטו שוין, דאכט זיך, אינגאנצן ניט קאָנען ארויסגיין אין דרויסן. די באקן דיינע טרייסלען זיך, ווי כאזערשע פּעטשע; דו שרייסט שוין ניט מער, דו כריפּעסט און כאפּסט קוים דעם אָטעם.

— שוויַיג, דו גראָבער! — האָט דער מאָנאַך געזאָגט.

— גראָבער! — האָט לאמע זיך צערעוועט, — איך בין לאמע גודזאַק, דאָס הייסט א זאַק מיט גוטס, אָבער דו, מענוול, — דו ביסט א זאַק שמוץ, א זאַק פרעסעריי און א זאַק פרעכקייט. די אויגן דיינע זיינען פארשווומען געוואָרן, שמאַלץ אונטער דער הויט איז בא דיר ניט ווייניקער ווי אפּ פיר פינגער. דאָס האָב איך דיך אויסגעהאָדעוועט, סטראשידלע! מע זאָגט, אז

דער שלאק קומט מיט דער זיבעטער גאָמבע. איז ריכט זיך אפ אים, מענוּוול דו האָסט שוין פינפ מיט א האלבע גאָמבע.

— הערט, געזן, — האָט ער פאָרגעזעצט, ווענדנדיק זיך צו די כאוויירים, — הער, אולענשפּיגעל, הער, נעלע, מײַן קינד, איך גיי פון אײַך אוועק. איך וועל זיך באזעצן מיט דעם ווײַב אין פליסינגען. איך האָב דאָרט א קליינעם פארמעגן. אנומלט האָט איר מיר געשוואָרן טאָן אלץ, וואָס איך וועל בא אײַך בעטן.

— דאָס וואָרט פון געזן איז א וואָרט, — האָבן די כאוויירים געזאָגט.

— אויב אזוי, — האָט לאמע געזאָגט, — איז גיט א קוק אפן דאָזיקן זשוליק. דאָס איז דער ברודער אדריאַנסען פון בריוגע. ער פארנעמט זיך דערמיט, וואָס ער שלאָגט אָפּ ווײַבער פון זייערע געזעצלעכע מענער. איך האָב געשוואָרן, אז ער וועט דאָ שטארבן פון פעטקײַט. בעט איך אײַך דעריבער: בויט א׳ם אויס א גרויסע שטײַג און גיט אים צוועלפ מאָל א טאָג עסן. גיט א׳ם פעטע און זיסע שפּײַז. ער איז שוין געוואָרן ווי אן אָקס, אינגיכן אָבער וועט ער ווערן ווי א העלפאנד און וועט מיט זײַן גופ אָנפילן די גאנצע שטײַג.

— מיר וועלן אים שוין אויסהאָדעװען, — האָבן די געזן געזאָגט.

— און אצינד, — האָט לאמע געזאָגט צו דעם מאָנאך, — געזעגן איך זיך מיט דיר, דו ליידיקגייער. ווער פעט און ריכט זיך אפן שלאק. אָט נעם איך צו מײַן ווײַב און גיי אוועק. וואָס מרוקעסטו פון רעציכע, סטראַשידלע איינע?

— ווי! האָט דער מאָנאך אויסגעשריען, — דו קערסט זיך אום צו דײַן מאן? דו קערסט זיך צו אים אום, און דו האָסט גאָר ניט קיין ראכמאָנעס אפ מיר, דעם אָרעמען מארטירער, וואָס האָט דיך געלערנט דעם קריסטלעכן גלויבן! זײַ זשע פארשאָלטן! די ערד זאָל דיר די פיס פארברענען, צוקער זאָל זיך דיר אויסווײַזן פאר זאלץ, ברויט זאָל בא דיר אין מויל האָבן אן ערגערן טאם איידער אויוון־אש. זײַ דרײַ מאָל פארשאָלטן פון דעם הייליקן דרײַלינג און זיבן מאָל — פונעם הייליקן אָרן. דײַן ווידע זאָל פאר דיר זײַן א קלאָלע, און דאָס הייליקע ברויט — א טויט-סאם. איטלעכער שטיין אין קלויסטער זאָל זיך אופהייבן און דיר זאָגן: „א בראָך צו דיר! דו ביסט פארשאָלטן און פארורטיילט אפ אייביקע יעסורים!“

לאמע האָט געלאכט, הערנדיק דעם פריידיקער. קאלעקען אָבער איז געפאלן אפ די קני און האָט געשריען:

— אָ, נעם אראָפּ פון מיר די קלאָלע! איך בעט דיך, נעם אראָפּ די קלאָלע.

— נעם אראָפּ די קלאָלע! — האָט אים לאמע געזאָגט.

— איך וועל ניט אראָפּנעמען, גראָבער, — האָט דער מאָנאך געזאָגט.

— א שטריק גיט אהער! — האָט לאמע אויסגעשריִען. — נעם אראָפּ די קלאָלע, אניט וועט מען דיך די מינוט אופהענגען.

— מע וועט דיך אופהענגען! — האָבן די גענז געזאָגט.

— נו, גיי שוין, טויגעניכץ, — האָט דער מאָנאך געזאָגט, — גיי שוין מיטן דאָזיקן גראָבן! די קלאָלע נעם איך פון דיר אראָפּ, אָבער וויסן זאָלסטו, אז גאָט און זיינע הייליקע וועלן אפּ דיר גוט אכטונג געבן.

— ער וועט דערשטיקט, — האָט לאמע געזאָגט, — א שלאַק וועט אים באלד כאפּן. זייט געזונט, כאוויירים, שטייט פעסט פאר דער זאך פון פרייהייט!

ער האָט זיך מיט אלעמען צעקושט און זיך אריינגעזעצט אין שיפל צוזאמען מיט קאלעקען.

— זייַ געזונט, פריינט! — האָבן אים געשריִען די זעלנער און די מאטראָסן, פאָכנדיק מיט די היט. — זייַ געזונט, לאמע.

זיי האָבן ערלעך אויסגעפּילט זייער צוזאָג און האָבן אָן אָפּרו גע־האָדעוועט דעם מאָנאך. ווען מע האָט אים אויסגעקויפט פון געפענקעניש, האָט ער געוועגן דריי הונדערט זיבעצן פונט און פינף אונציעס פלאנדרישע וואָג.

דאָס איז געווען דער סאמע דיקער אבאט אין אלע פלאנדרישע מאָנאסטירן.

קאפיטל 32

שלוס

דער בלוטיקער הערצאָג אלבא האָט פארלאָזן נידערלאנד. אין עטלעכע יאָר ארום נאָכ זײַנ אָפּפאָרנ האָבנ אינ דער שפּיצ פונעמ לאנד זיכ געשטעלט די געגנער אלע שטאטנ.

די אדל־לײַט קאטאָליקער אונ די אדל־לײַט רעפאָרמאטנ האָבנ געשלאָסנ צווישנ זיכ א פארשטענדיקונג וועגנ העלפנ איינע די אנדערע אינ קאמפּ קעגנ די שפּאניער. אָבער די דאָזיקע פארשטענדיקונג איז געווענ נאָר אפּ פּאפּיר. דאָס לאנד איז צעריסנ געוואָרנ אפּ שטיקער פונ די רײַסערײַענ אינ אינערלעכע אומאָרדענונגענ. דאָס געלט, וואָס איז געווענ באשטימט אפּ אויסהאלטנ די ארמיי, איז פארשווונדנ געוואָרנ, אונ קיינער האָט ניט געוווּסט וווּהינ. פופצנ טויזנט בירגער, וואָס האָבנ געליטנ פונעמ שפּאנישנ געריכט, האָבנ געדארפט באקומענ אפּ צוריק זייער האָב־אונ־גוטס, וואָס מע האָט בא זיי קאָנפיסקירט. אָבער די צײַט איז געגאנגענ, אונ זיי האָבנ גאָרנישט ניט באקומענ. בעלגיע איז געווענ רויִנירט פונ די וואלאָנער, אונ זי האָט געשמאכט אונטערנ שפּאנישנ יאָכ. דאָס פאָלק איז געווענ ניט צופרידנ אונ האָט געשאָלטנ די פארעטער.

ענדלעכ האָבנ זיכ אינ האאג צונויפגעקליבנ די גענעראלע שטאטנ, כדי צו מישפּעטנ דעמ קיניג פיליפּ.

— איטלעכנ איז באוווּסט, — האָט דער פּאָרזיצער פונ דער פארזאמלונג געזאָגט, — אז א קייסער פונ א לאנד דארפּ זײַנע אונטערטאנענ ליב האָבנ אונ פארטיידיקנ פונ אלערליי אונטערדריקונג. אויב ער טוט עס ניט, דארפּ מענ אימ רעכענענ ניט פאר קיינ קייסער, נאָר פאר א טיראנ. דער קיניג פיליפּ האָט אָנגעשיקט אפּ אונדז פיר ארמייענ אונ האָט צעריסנ אונדזער לאנד אפּ שטיקער. איז וואָס פאר א שטראָפּ קומט אימ לויט אונדזערע געזעצנ?

— זאָל ער אראָפּגעוואָרפנ ווערנ! — האָבנ די פארזאמלטע געזאָגט.

— פיליפּ האָט ניט אויסגעפילט זײַנע שוווּעס. ער האָט פארגעסנ די

טויוועס, וואָס מיר האָבן אים געטאָן. ער האָט פארגעסן די ניצחונעס, וואָס מיר האָבן אים געהאָלפן אָפּהאַלטן. ער האָט צעריבט אונדזער פאַר־מעגן. ער האָט איינגעפירט אין אונדזער לאַנד די שפּאַנישע אינקוויזיציע.

— זאָל ער אראָפּגעוואָרפן ווערן, ווי א הענקער און א רויבער, — האָבן די פארזאמלטע געזאָגט.

— מיר ווילן פארהיטן אלע אונדזערע פריווילעגיעס, — האָט דער פאָרזיצער פאָרגעזעצט. — מיר זיינען פאר א פעסטן שאָלעם און פאר פריי־הייט פון גלויבן. פון פיליפן אָבער האָבן מיר גאָרנישט ניט געזען, כוץ רויבעריי, קאָנפיסקאציע און מאָרדן.

— זאָל ער אראָפּגעוואָרפן ווערן, ווי א מערדער, וואָס האָט פאַר־קלערט אומצוברענגען אונדזער לאַנד! — האָבן די פארזאמלטע געזאָגט.

מע האָט צעבראָכן די קיניגלעכע שטעמפּלען, און נידערלאַנד איז דערקלערט געוואָרן פאר א פריי לאַנד, וואָס איז אומאָפּהענגיק פון שפּאניע. נאָר איין בעלגיע איז געבליבן אונטער פיליפס הערשאפט.

אולענשפּיגעל האָט אין דער צייט געלעבט ניט ווייט פון יאם אין אן וואַכ־טורעם נעער. ער האָט אכטונג געגעבן, אז די שפּאניער זאָלן זיך ווידער ניט אריינרייסן אין נידערלאַנד. זיינע אָדלערשע אויגן האָבן געזען ווייט ארום, און איטלעכע מינוט איז ער געווען גרייט אופהייבן אן אליארם.

דער מאגיסטראט האָט אים געצאָלט א פלאָרין א טאָג. כוץ דעם פלעגט מען אים ארויסגעבן אלע וואָך צוויי קריגלעך ביר, א זעקל בעב־לעך, א זעקל סוכארעס און דריי פונט פלייש.

אזוי האָט ער געלעבט צוזאמען מיט נעלען. אין דער ווייט זיינען געלעגן די פריע זעלאנדישע אינדזלען, און אונטן — האָבן זיך געטונקלט וועלדער און עס האָבן זיך געזען שלעסער און פעסטונגען. און אפן יאם זיינען, פאזע די ברעגן, געשווומען די שיפן פון די געזן, וואָס האָבן באשיצט דאָס ברעגלאַנד.

אָפט פלעגן אולענשפּיגעל און נעלע זיך אופהייבן באנאכט אפן שפּיץ טורעם. זיי זיינען דאָרט געזעסן און דערמאָנט די פארגאנגענע שלאכטן. דער יאם פלעגט אמאָל צופליסן צום ברעג, אמאָל אָפּפליסן, און זיינע כוואליעס האָבן זיך געלויכטן מיט א פאָספאָר־שיין. אונטן, אפ די לאַנ־קעס, ווו אמאָל האָבן געדונערט די שלאכטן, האָבן אצינד שעמערירט זומפּ־פייערלעך, בלאסע און אָפּשטארבנדיקע.

— דאָס בלאָנקען אום איבער דער ערד די נעשאָמעס פון די דער־הארגעטע, — האָט נעלע געזאָגט מיט שרעק.

איינמאָל, נאָך א שלאָפלאָזער נאכט, איז אולענשפּיגעל, דערוואַרעמט פון די זון־שטראלן, איינגעשלאָפן באַם צופוסן פונעם טורעם.

נעלע איז אים געקומענ וועקנ. נאָר ער איז געלעגנ אָנ באוועגונג, אזוי ווי א מעס. א גרויל האָט אָנגענומענ נעלענ. עס זײַנענ אדורכ צוויי נעכט אונ נאָכ א טאָג, אונ אולענשפּיגעל האָט זיכ אלצ ניט אופּגעכאפּט. דערשלאָגנ פונ צאר, איז נעלע געזעסנ לעבנ אולענשפּיגעלנ אונ האָט אים געקוקט אינ פּאָנעם, ניט אָפּרײַסנדיק פונ אים די אויגנ.

אפנ דריטנ טאָג אינדערפרי האָט ערגעצ אינ דער נאָענט זיכ דערהערט דאָס קלינגענ פונ א גלעקעלע. אפנ וועג האָט זיכ באוויזנ א פּויער מיט א רידל אפנ אקסל, הינטער אים זײַנענ געגאנגענ דער בורגמײַסטער, צוויי געמיינדע־עלטסטע אונ, ענדלעכ, דער גאלעכ מיט די הייליקע איקאָנעס אינ די הענט. דער קלויסטער־דינער האָט געהאלטנ איבער זײַנ קאָפּ א גרויסנ שירעמ.

זיי זײַנענ געגאנגענ מ׳סוואדע זײַנ דעמ העלדישנ יאקאָבסענ, וועלכער איז אמאָל געווענ א געז, אונ אצינד, פּארנ טויט, האָט ער זיכ צוריק אומגעקערט אינ שויס פונ דער הייליקער קאטוילישער קירכ.

דער בורגמײַסטער האָט זיכ אָפּגעשטעלט אונ געפרעגט בא נעלענ:

— מיידל, וואָס טוסטו לעבנ דעמ דאָזיקנ מעס?

— איכ טו טפילע פאר מײַנ פרײַנט, — האָט נעלע געענטפערט, — ער איז געשטאָרבנ אומגעריכט, אזוי ווי א בליצ וואָלט אים דערהארגעט. איכ וויל אויכ שטארבנ אינאיינעמ מיט אימ.

— דער געז אולענשפּיגעל איז געשטאָרבנ! — האָט דער גאלעכ געזאָגט מיט פרייד, — היי, פּויער, גראָב גיכער אויס א קייווער! מיר וועלנ אים באגראָבנ אונטער אָט דעמ טורעמ.

— גוט, — האָט נעלע געזאָגט מיט טרערנ אינ די אויגנ — דאָ איז זאמד, אונ מײַנ פרײַנטס קערפּער וועט זיכ פארהיטנ.

א דערשלאָגענע איז נעלע געפאלנ אפ דער ערד אונ, יאָמערנדיק, געקושט איר אולענשפּיגעלנ.

— גאָט צו דאנקענ! — האָט דער גאלעכ פריילעכ איבערגעכאזערט. — דער גרויסער געז איז שוינ מער ניטאָ!

דער בורגמײַסטער אונ די געמיינדע־עלטסטע האָבנ טרויעריק געקוקט אפ אולענשפּיגעלנ.

דער פּויער האָט אויסגעגראָבנ דעמ קייווער, אראָפּגעלאָזנ אינ אימ אולענשפּיגעלנ אונ פארשאָטנ די גרוב מיט זאמד.

אלע האָבנ זיכ געשטעלט אפ די קני. דער גאלעכ האָט גענומענ לייענענ די טפילע, וואָס מע זאָגט נאָכ א מעס.

פּלוצלינג האָט זיכ א וויג געטאָנ דאָס זאמד, אונ פונ קייווער האָט זיכ באוויזנ אולענשפּיגעלס קאָפּ. ניסנדיק, איז אולענשפּיגל ארויסגעשפּרונגענ פונ גרוב אונ האָט אָנגעכאפּט דעמ גאלעכ פארנ גאָרגל:

— אינקוויזיטאָר! — האָט ער אפּ אים געגומען שרײַען. — דו באַגראָבסט מיך לעבעדיקערהייט — ווּ איז עס נעלע? ווער ביסטו?

— דער גרויסער געז האָט ווידער אופגעלעבט! — האָט, דערשראָקן אפּ טויט, אָנגעהויבן שרײַען דער גאַלעך, און גלײַך האָט ער זיך געלאָזט לויפן, פאַרשײַסנדיק די ריאַסע.

נעלע האָט זיך א וואָרף געטאָן צו אולענשפּיגלען:

— טו מיך א קוש, מײַן טײַערע — האָט ער איר געזאָגט.

דער פייער איז געלאָפן הינטערן גאַלעך, דער קלויסטער־דינער האָט א וואָרף געטאָן דעם רידל און דעם שירעם און האָט זיך געלאָזט לויפן הינטערן פייער. די בורגמײַסטערס און די געמיינדע־עלטסטע האָבן זיך באַהאַלטן אינעם גראָז. זיי זײַנען געלעגן און געקרעכצט, פאַרשטעקנדיק די אויערן פון גרויס שרעק.

אולענשפּיגעל איז צו זיי צוגעגאַנגען, א טרייסל געטאָן זיי און אוועקגעשטעלט אפּ די פיס.

— אולענשפּיגעל, דער גײַסט פון אונדזער רומפולן פאָטערלאַנד, קאָן דען שטאַרבן? — האָט ער געזאָגט. — קאָן מען דען באַגראָבן נעלען — דאָס האַרץ פון אונדזער מוטער פלאַנדריע? ניין! אנשלאָפן ווערן קאָנען זיי, אָבער שטאַרבן — קיינמאָל ניט! קום, נעלע!

און זיי זײַנען אוועק, זינגענדיק א פריילעכע ליד. און קיינער ווייסט ניט, ווען זיי האָבן די דאָזיקע ליד געזונגען צום לעצטן מאָל.

אינהאלט

ערשטער טייל

זײַט

קאפיטל 1. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל איז געבוירנ געוואָרנ 5

קאפיטל 2. וועגנ דעמ קליינעמ אולענשפיגעלס שפיצלעכ 9

קאפיטל 3. וועגנ דעמ, ווי עס איז געבוירנ געוואָרנ פיליפ, דער קיניג פונ שפאניע . 15

קאפיטל 4. וועגנ דעמ, וואָסערע צאָרעס עס זײַנענ אויסגעפאלנ אפ דער אומגליק-לעכער פלאנדריע 20

קאפיטל 5. וועגנ דעמ, ווי מע האָט אולענשפיגעלנ באשולדיקט אינ אפיקאָרסעס אונ אוועקגעשיקט קיינ רוימ — בעטנ דעמ פויפסט, ער זאָל אימ פארגעבנ די זינד 24

קאפיטל 6. וועגנ דעמ, וואָס אולענשפיגעל האָט געזענ אפנ וועג קיינ רוימ . . . 29

קאפיטל 7. וועגנ דעמ, וויאזוי קאטלינע איז מעשוגע געוואָרנ 32

קאפיטל 8. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל איז געפלויגנ אינדערלופטנ 36

קאפיטל 9. וועגנ דעמ, וויאזוי אולענשפיגעל האָט געדינט אלס שטאָטישער טרומייטער . 42

קאפיטל 10. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל איז געוועזנ א דינער בא לאמע גודזאקנ . . . 49

קאפיטל 11. וועגנ דעמ, וואָס דער שווארצער רײַטער האָט געבראכט צו פירנ קלאאסנ . 53

קאפיטל 12. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל איז געוועזנ באמ פויפסט 57

קאפיטל 13. וועגנ דעמ, ווי קלאאס האָט זיכ געקויפט אנ אינדולגענציע 60

קאפיטל 14. וועגנ דעמ, ווי פיליפ איז ארופגעטראָטנ אפנ שפאנישנ טראָנ 64

קאפיטל 15. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל איז געוואָרנ א מאָלער 70

קאפיטל 16. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל האָט אָפּגענארט רײַזנדע פלאמאנדער . . . 77

קאפיטל 17. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל האָט אויסגעהיילט אלע קראנקע אינ ביורענבערגער שפיטאָל 80

קאפיטל 18. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל האָט לעבעדיק געמאכט א טויטנ הונט . 82

קאפיטל 19. וועגנ דעמ, ווי דער שווארצער רײַטער איז א צווייט מאָל געקומענ צו קלאאסנ 87

קאפיטל 20. וועגנ דעמ, ווי קלאאס איז ארײַנגעפאלנ אינ די הענט פונ דער אינקוויזיציע 90

קאפיטל 21. וועגנ דעמ, ווי מע האָט געמישפעט קלאאסנ 94

קאפיטל 22. וועגנ דעמ, ווי מע האָט קלאאסנ פארברענט 100

קאפיטל 23. וועגנ דעמ, ווי מע האָט געפּײַניקט אולענשפיגעלנ אונ סאָאָטקינענ . 106

קאפיטל 24. וועגנ דעמ, ווי צו קאטלינענ האָבנ אָנגעהויבנ קומענ צו גאסט שיידימ . 111

קאפיטל 25. וועגנ דעמ, וויאזוי סאָאָטקינ איז געשטאָרבנ 116

קאפיטל 26. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל האָט פארקלערט ראטעווענ דאָס פלאנ-דרישע לאנד 119

צווייטער טייל

קאפיטל 1. וועגנ דעמ, ווי טיל אולענשפיגעל אונ לאמע גודזאק האָבנ זיכ אוועקגעלאָזנ אינ א ווײַטער רײַזע 125

קאפיטל 2. וועגנ דעמ, ווי אינ נידערלאנד האָבנ זיכ צומ ערשטנ מאָל באוויזנ געזנ . . . 128

זײַט

קאפיטל 3. וועגנ דעמ, ווי די אנטווערפענער בירגער האָבנ כאָרעוו געמאכט דעמ קאטעדראל פונ גאָטס מוטער 131
קאפיטל 4. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל האָט געראטעוועט פונ רויִנירונג צוויי נידערלענדישע שטעט 138
קאפיטל 5. וועגנ דעמ, וואָס אולענשפיגעל האָט זיכ דערוווּסט, זיצנדיק אינ א קוימענ 143
קאפיטל 6. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל האָט געדינט אלס וועכטער אינ מאָ־נאסטיר פונעמ הייליקנ מארטינ 147
קאפיטל 7. וועגנ דעמ, ווי אילענשפיגעל איז געוואָרנ א האָרבאטער אונ האָט זיכ אויסגעהיילט פונ זײַנ קרענק 157
קאפיטל 8. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל האָט געראטעוועט דעמ אָראנער פרינצ . . 164
קאפיטל 9. וועגנ דעמ, ווי עס איז באשטראָפט געוואָרנ ריזענקראפט, א ליב־האָבער פונ דועלנ 169
קאפיטל 10. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל האָט באפרײַט געפאנגענע פונ די שפאניער 174
קאפיטל 11. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל אונ לאמע האָבנ אָפגעשטעלט דעמ „שטאָלענעמ ווינט” 178
קאפיטל 12. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל האָט אָפגענארט דעמ הערצאָג אלבא . . . 185
קאפיטל 13. וועגנ דעמ, ווי לאמע גודזאק האָט אינ אנ ערנ־שלאכט באזיגט דעמ בארימטנ סטערקע פיר 190
קאפיטל 14. וועגנ דעמ, ווי א מעס האָט גענומענ נעקאָמע פונ דעמ פראָפאָס ספעלע . 199
קאפיטל 15. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל האָט זיכ באגעגנט מיט די „וואלד־ברידער” . 205
קאפיטל 16. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל איז ארײַנגעפאלנ אינ א פאסטקע, אונ מיט וואָס דאָס האָט זיכ אויסגעלאָזנ 210
קאפיטל 17. וועגנ דעמ, ווי אינ דאמע האָט זיכ באוויזנ א שרעקלעכער וואָלפ . . . 222
קאפיטל 18. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל האָט זיכ אומגעקערט קיינ דאמע . . . 226
קאפיטל 19. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל האָט געכאפט דעמ שרעקלעכנ וואָלפ . 229
קאפיטל 20. וועגנ דעמ, ווי מע האָט געמישפעט דעמ פיש־הענדלער 236
קאפיטל 21. וועגנ דעמ, ווי אולענשפיגעל אונ לאמע זײַנענ געוואָרנ „יאמ־געזנ” . 241
קאפיטל 22. וועגנ דעמ, ווי עס איז דעמאסקירט געוואָרנ יאָס דאמאנ, דער שווארצער טײַוול 245
קאפיטל 23. וועגנ דעמ, ווי מע האָט געפײַניקט קאטלינענ אונ איר האר 250
קאפיטל 24. וועגנ דעמ, ווי יאָס דאמאנ אונ קאטלינע זײַנענ געשטאָרבנ 254
קאפיטל 25. די ערשטע זיגנ 260
קאפיטל 26. די באלאגערונג פונ האארלעמ 265
קאפיטל 27. וועגנ דעמ, ווי לאמע גודזאק איז געוואָרנ א קאָך אפ דער רומפולער שיפ „בריל” 270
קאפיטל 28. וועגנ דעמ, ווי עס האָט געלעבט פיליפ, דער שפאנישער קיניג . . . 274
קאפיטל 29. וועגנ דעמ, ווי עס איז באשטראָפט געוואָרנ דער פארעטער דיריק סלאָסע . 277
קאפיטל 30. וועגנ דעמ, ווי לאמע האָט געהאָדעוועט דעמ אנטווערפענער קאנאָניק . . . 286
קאפיטל 31. וועגנ דעמ, ווי די שיינע קאלעקענ האָט זיכ אומגעקערט צו איר מאנ . . 293
קאפיטל 32. שלוס 299